STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10228

VALD IN FLAMEN

Josef Reich

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יוסף רייף

וואַלד
און
פֿלאַמען

אַרײַנפֿיר־וואָרט : מרדכי בערנשטיין

פֿאַרלאַג ״יידבוך״

ביי דער

״געזעלשאַפֿט פֿאַר יידיש-וועלטלעכע שולן אין אַרגענטינע״

בוענאָס-איירעס

1954



יוסף רײַך

... ESTE LIBRO
... fines
... y ...

יוסף רײַך / וועלט אין פֿלאַמען

יוסף רייך

(ביאָגראַפֿישע נאָטיצן)

יוסף רייך איז געבוירן געוואָרן בײַ פֿרומע עלטערן אין דעם קליינעם טעקסטיל־אינדוסטריע־שטעטל בעלכאַטאָוו אין יאָר 1896. ביז 13 יאָר האָט ער געלערנט אין חדר און שפּעטער איז ער אָפּגעגעבן געוואָרן אין דער „לער" צו אַ שנײַדער. צוויי יאָר אַרבעט ער אַלס לערנייִנגל און נאָכן פֿאַרענדיקן די לערן־צײַט, פֿאָרט ער אַוועק קיין לאָדז ווי ער געפֿינט באַשעפֿטיקונג אַלס שנײַדער־געזעלן, אַרויסווײַזנדיק גרויסע פֿעיִקייטן אינעם פֿאַך.

אין לאָדזש, ווערט ער דורך זײַנעם אַ חבר, אַ לאַנדסמאַן, אַרײַנגעפֿירט אין דער בונדישער באַוועגונג, ווי ער ווערט אַ זייער טעטיקער מיטגליד און פּראַקטישער טוער. עס ברעכט אויס די ערשטע וועלט־מלחמה. יוסף רייך ווערט אַרבעטסלאָז און פֿאָרט צוריק אין זײַן געבורט־שטעטל בעלכאַטאָוו. אויך דאָרט באַהעפֿט ער זיך גלײַך צו דער בונדישער באַוועגונג און פֿאַרנעמט אַן אָנפֿירנדיקע ראָל.

אין יאָר 1920 ווערט יוסף רייך געשיקט אַלס דעלעגאַט פֿון דער בעלכאַטאָווער בונדישער אָרגאַניזאַציע צו דעם קראָקעווער צוזאַמענפֿאָר פֿון „בונד". אויפֿן דאָזיקן צוזאַמענפֿאָר געפֿינט ער זיך אין דער לינקסטער פֿראַקציע, וואָס איז שפּעטער אַרויסגעטרעטן פֿון דער פּאַרטיי און האָט געשאַפֿן דעם „קאָמבונד".

יוסף רייך טרעט נישט אַרײַן אין „קאָמבונד" אָבער גלײַכצײַטיק דערווײַטערט ער זיך איבערהויפּט פֿון דער פּאָליטישער טע־

טיקייט. ער באַזעצט זיך ווידער אין לאָדזש ווו ער אַרבעט אַלס שנײַדער. אין יאָר 1926 טראָגט ער זיך איבער קיין וואַרשע. זײַענדיק אַ זייער קוואַליפיצירטער בעל־מלאכה מאַכט ער אַדורך אַ טעאָרעטישן קורס פון צושנײַדערײַ. ער ווערט שפּעטער אַן אינסטרוקטאָר פון צושנײַד־קורסן בײַ דער געזעלשאַפט „אָרט" אין וואַרשע. ער גיט אַרויס האַנט־ביכער פאַר צושנײַדערײַ, וואָס זײַנען געווען זייער פּאָפּולער צווישן די ייִדישע און נישט־ייִדישע שנײַדער אין פאַרמלחמהדיקן פּוילן.

ווען עס ברעכט אויס די צווייטע וועלט־מלחמה, פאַרלאָזט יוסף רייך וואַרשע און נאָך אַ לאַנגן וואַנדער־וועג דערשלאָגט ער זיך קיין באַראַנאָוויטש און לסוף קיין סטויבץ.

וואָס יוסף רײַך האָט אַדורכגעמאַכט אין פאַרלויף פון די יאָרן 1939 ־ 1945 ווערט טאַקע דערציילט אין דעם דאָזיקן בוך. זײַן דערציילונג אָטעמט מיט פּשטות און דעקט אויף אַ נײַ טרויעריק קאַפּיטל פון דער געשיכטע פון אונדזער אומגליקלעך פאָלק.

נאָכן אָפּזײַן צוויי יאָר אין נאָכמלחמהדיקן פּוילן, געפינט יוסף רייך אַ צײַטווײַליקן מקום־מנוחה אין אויסטראַליע, אָבער לויט די ידיעות וואָס זײַנען צו אונדז דערגאַנגען טראָגט ער זיך בקרוב אַריבער קיין נאָרד־אַמעריקע.

ב. פ.

מרדכי בערנשטיין

די יידישע פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג

דאָס לעבן און דער קאַמף פון די ייִדן אין די וועלדער, פעלדער און זומפּן איז אַ קאַפּיטל פון דער תקופה פון יידישן חורבן אין מזרח־אייראָפּע וואָס איז פאַרהעלטניסמעסיק ביז היינט ווייניק באַאַרבעט געוואָרן.

מיר האָבן אַן אומגעהויער־רייכע, ממש קאָלאָסאַלע, יסורים־ליטעראַטור וועגן אונדזערע פּיינען אין די געטאָס. אין די כל־המינים לאַגערן און אויף דער „אַרישער" זייט. מיר פאַרמאָגן אַ גאָר היבשע ליטעראַטור וועגן די ווידערשטאַנדן אין געטאָס (ראשית־כל וואַרשע און ביאַליסטאָק) און לאַגערן.

די אומקום־שילדערונגען זיינען איבערגעגעבן געוואָרן גענוי, ביז די קלענסטע פּרטים. מיר ווייסן אַלע ערטער, דאַטעס, ציפערן, מעטאָדן און אופנים פון דער פּלאַנמעסיקער און גריינטלעכער פאַר־טיליקונג פון הונדערטער און הונדערטער שטעט און שטעטלעך. דאָס גיבן איבער סיי דאָקומענטן וואָס שטאַמען פון די רוצחים גופא, סיי די געריכט־אַקטן ווי די רוצחים זיינען געמשפּט געוואָרן. עס דערגאַנצן דאָס, בעיקר, די פאַרשידנאַרטיקע מעמואַרן־ליטעראַטור פון די ניצול־געוואָרענע — סיי די טאָגביכער וואָס זיינען געשריבן געוואָרן „אויף דער הייסער מינוט", סיי די שפּעטערדיקע זכרונות־ביכער.

הונדערטער ביכער, טויזנטער אַרבעטן אין פּנקסים און צייט־

שריפטן פאַרמאָגט שוין דער דאָזיקער בלוטיקער קאַפּיטל אין דער געשיכטע פון אונדזער הײַנטיקן דור.

איין געביט איז, אין פאַרגלײַך מיט די אַנדערע, שטאַרק הינטערשטעליק — דאָס איז די ייִדישע פּאַרטיזאַנקע, די באַוועגונג פון די ייִדישע פּאַרטיזאַנער.

גראָד דער דאָזיקער העראָישער קאַפּיטל איז שטאַרק באַוועלט געוואָרן. עס זײַנען פאַראַן אַ סך סיבות וואָס האָבן גורם געווען אַז וועגן דער ייִדישער פּאַרטיזאַנקע, וואָס האָט אַרומגענומען צענדליקער טויזנטער מאַן איז ווייניק געשריבן געוואָרן. איך וויל דאָ נאָר פעסטשטעלן דעם פאַקט, אַז צווישן דעם ים פון חורבן־ אומקום־ און ווידערשטאַנד־ליטעראַטור, צווישן די פיל הונדערטער ביבליאָגראַפישע פּאָזיציעס פון דעם מין אויסגאַבעס, פאַרנעמט די ייִדישע פּאַרטיזאַנקע די באַשיידענע צאָל פון אַ פּאָר צענדליק איינסן — אַ צאָל, וואָס איז צו ווייניק לגבי דעם פאַרנעם פון דער דאָזיקער באַוועגונג.

בײַם אונטערשטרײַכן ייִדישע פּאַרטיזאַנקע איז טאַקע געמיינט געוואָרן די ייִדישע פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג, וואָס האָט אין איינציקע ערטער (בעיקר אין ווײַסרוסלאַנד און טיילווײַז אויפן גרענעץ פון פּאָלעסיע און וואָלין) אָנגענומען ממש אַ פאָלקס־באַוועגונג. מיר ריידן דאָ נישט וועגן סתם ייִדן־פּאַרטיזאַנער, נישט וועגן ייִדן אין דער פּאַרטיזאַנקע נאָר טאַקע וועגן אַ מין אייגענע ייִדישע באַוועגונג וואָס איז אין די וועלדער, אין די פעלדער און זומפּן געווען אַנדערש פון די אַנדערע, געהאַט אייגענע ספּעציפישע פּראָבלעמען.

זייער ווייניק ווייסן וועגן דעם ווי גרויס עס איז געווען די ייִדישע פּאַרטיזאַנקע; וועגן דער ריזיקער טעריטאָריע ווי זי האָט אָפּערירט; וועגן די באַזונדערע פּראָבלעמען פון די ייִדישע פּאַרטיזאַנער־גרופּן, אָדער ייִדן פּאַרטיזאַנער אין אַנדערע גרופּן; וועגן זייערע אומגלויבלעכע, ממש־העראָישע, קאַמפּן — קאַמפּן אויף פאַרשיידענע פראָנטן אינעם וואַלד גופא.

וועגן ייִדן פּאַרטיזאַנער איז מער ווייניקער באַקאַנט. די כמעט ערשטע פּובליקאַציע וועגן דער דאָזיקער דערשײַנונג איז די אַר־

בעט פֿון משה קאַגאַנאָוויטש (דערשינען אין רוים — איטאַליע אין יאָר 1948) און זי הייסט טאַקע „דער ייִדישער אַנטייל אין דער פּאַרטיזאַנער באַוועגונג אין סאָוועט־רוסלאַנד”. די דאָזיקע אַרבעט, העכער 400 זײַטן, איז אָנגעשריבן געוואָרן אויפֿן סמך פֿון גבֿית־עדותן פֿון הונדערטער ייִדישע פּאַרטיזאַנער וועלכע האָבן געקעמפֿט אין צענדליקער פּאַרטיזאַנער אָפּטיילונגען. שוין דער נאָמען פֿון בוך סוגערירט, אַז מיר האָבן צו טאָן מיט ייִדן באַטייליקטע אין אַ פֿרעמדער פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג.

געווען אַ סך פּסיכאָלאָגישע און אויך „אידעאָלאָגישע” מאָטיוון אַזוי פֿאַרצושטעלן דער פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג. עס איז דאָך אויספֿאַלנד וואָס גראָד אין פּוילן, ווו עס איז פֿאַראַן דער איינציקער „ייִדישער היסטאָרישער אינסטיטוט” אין די לענדער וואָס געפֿינען זיך אונטער דער ווירקונג פֿון די „פֿאָלקס־דעמאָקראַטיעס” איז ווייניק דערציילט געוואָרן וועגן דער פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג. מן הסתם איז דאָך פֿאַראַן אַן „עפּעס” פֿאַרוואָס דער דאָזיקער אינסטיטוט וואָס איז אַזוי שטאַרק אַקטיוו און ווײַזט אַרויס אויסערגעוויינלעכע איניציאַטיוו בײַם פּובליקירן מאַטעריאַלן וועגן חורבן און ווידערשטאַנד האָט נישט דעריזען דער פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג. „שולדיק” אין דעם איז טאַקע וואָס צווירנדיק זיך צו דער טעמע רוקט זיך אַרויס אין דער ערשטער ריי דער ייִדישער מאָמענט. ער שווימט אַרויס אין צוויי אַספּעקטן: 1) די צאָל פֿון די ייִדן אין די וועלדער און 2) די פּראָבלעמען פֿון זייער לעבן און קאַמף אין די וועלדער.

דער דערמאָנטער בוך פֿון קאַגאַנאָוויטשן, וואָס איז אגבֿ לעצטנס דערשינען אין העברעיִש אין ישׂראל, באַרירט אַ ריי פּראָבלעמען פֿון ייִדישן „וואַלדמענטש”. עס ווערט אָבער געמאַכט אגבֿ־אורחאדיק. עס רעדט זיך וועגן ייִדן וואָס האָבן אמת „אייגענע ענינים”, אָבער זיי זײַנען אַ צולאָג צו דער אַלגעמיינער פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג.

נאָך קאַגאַנאָוויטשעס אַרבעט זײַנען דערשינען ביז אַ צוויי צענדליק פּובליקאַציעס אין ייִדיש און העברעיִש. מיט קליינע אויסנאַמען ווערן אין די דאָזיקע אַרבעטן אַרויסגעהויבן צוויי מאָמענטן

וואָס פֿאַרנעפּלען דער פֿאָרשטעלונג וועגן דער ייִדישער פּאַרטיזאַנקע:

1) די אידעאַליזאַציע פֿון דער פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג אַלס גאַנצע, בײַ אַ געוויסער אַפּאָלאָגעטיק פֿון ראַטנפֿאַרבאַנד, לויבגעזאַנגען פֿאַר די סאָוועטישע קאָמאַנדירן פֿון דער פּאַרטיזאַנקע;

2) אידעאַליזירונג פֿון דעם יחיד־פּאַרטיזאַן. יעדער איז געווען אַ העלד, אַ דרייסטער קעמפֿער, אַן העראָישע געשטאַלט.

אַלץ דאָרטן האָט זיך געדרייט אַרום די „אַקציעס", אַרום די „אָפּעראַציעס", די „זאַסאַדעס" (לויערונגען); אַרונטערגעלאָזטע עשאַלאָנען, אויפֿגעריסענע בריקן, טראָפֿעען און פֿאַרשטייט זיך קרבנות. פֿון דעם דאָזיקן „וואַלד" האָט מען נישט אַרויסגעזען די איינצלנע „ביימער"...

אַנדערש, גאָר אַנדערש האָט עס אויסגעזען אין די וועלדער און זומפּן. גאָר אַן אַנדער פּנים באַקומט די דאָזיקע „וואַלד־אידיליע" ווען עס הייבט אָן אַ פּאַרטיזאַנער זיך אַראָפּצורײדן פֿון האַרצן. גאָר, גאָר באַזונדער האָט עס אַ שייכות ווען עס האַנדלט זיך וועגן די ייִדישע פּאַרטיזאַנער.

די וועלט בכלל, ראשית־כּל אונדזער אייגן ייִדיש וועלטל, האָט אַ גאָר בלאַסע אַנונג פֿון דעם דאָזיקן קאַפּיטל וואָס הייסט ייִדישער „וואַלדמענטש" וואָס איז אויסער מיט העלדישקייט אויך אָנגעפֿילט מיט אַ ים פֿון פּײַן; ווי בײַ דער זײַט פֿון דער וווּנדערבאַרער העראָיִק האָט זיך אָפּגעשפּילט די טראַגישסטע עפּאָכע פֿון אומקום פֿון טויזנטער.

איך וועל ריזיקירן צו זאָגן, אַז גאָר געציילטע פֿון די יעניקע וואָס פֿאַרנעמען זיך מיט פֿאָרשן דעם קאַפּיטל „ייִדן אין מזרח־אייראָפּע אין די יאָרן 1939—1945" ווייסן, אַז ייִדן האָבן געגעבן, ווײַט מער ווי זייער פּראָפּאָרץ, דעם גרעסטן צושטײַער צו דער מחנה „וואַלדמענטשן". און נאָך ווייניקער ווייסן אפֿשר, אַז אַ גאָר גרויסע צאָל געפֿאַלענע ייִדישע פּאַרטיזאַנער זײַנען אומגעקומען נישט אין דעם דירעקטן קאַמף מיט די דײַטשן, נאָר פֿון פֿאַרעטערישע מערדער־הענט אין וואַלד גופֿא.

גאָר ווייניק גיבן זיך אָפּ אַ חשבון פֿון דער ריזיקער טעריטאָ-

ריע אויף וועלכער עס האָט אָפּעריִרט די יידישע פּאַרטיזאַנער. עס איז נישט בולט און קלאָר אַרויסגעבראַכט געוואָרן די פּראָבלעמאַטיק פון דער יידישער פּאַרטיזאַנקע. עס איז אַן ענין פאַר אַ ספּעציעלער אַרבעט. דאָ דאַרף מען נאָר, ראשי פּרקימדיק, אַרויסהייבן אַ פּאָר וויכטיקע מאָמענטן.

די אַנדערשקייט פון די יידישע פּאַרטיזאַנער

די נישט־יידישע פּאַרטיזאַנער זײַנען על פּי־רוב באַשטאַנען פון רויט־אַרמייער וועמען עס איז געלונגען זיך אַרויסצודרייען פון דײַטשער אַרומרינגלונג און געפאַנגענשאַפט. עס זײַנען אויך צוגעקומען יחידים אַנטלאָפענע פון דער געפאַנגענשאַפט. דאָס איז געווען אַן עלעמענט אַ פּאַרהאַרטעוועטער, אַ הפקרדיקער, אַ מיליטעריש־צוגעגרייטער.

אַ ווײַטערער, נישט־יידישער עלעמענט איז געווען דער אָרטיקער געוועזענער סאָוועטישער באַאַמטער, וועלכער איז געלאָפן אין וואַלד צוליב דער מורא פון רעפּרעסיעס מצד די דײַטשן.

בײַ די ערשטע בײַ די צווייטע זײַנען געווען אליין אָן משפּחות, פאַר קיינעם נישט פאַראַנטוואָרטלעך. יחידים פון זיי פלעגן, פון צײַט צו צײַט, זיך אַרײַנכאַפּן צו „אייגענע" אין די דערפער. זיי פלעגן זיך אויך קענען פרײַער באַוועגן אויף די וועגן.

די יידן זײַנען געקומען אין וואַלד פון אויסגעשאָכטענע שטעטלעך. אָפט פלעגט ערב אַ שחיטה אין וואַלד אַוועק דאָס גאַנצע שטעטל (עס זײַנען געווען זייער אַ סך פאַלן, ווען דאָס שטעטל האָט געוווסט, אַז „עס גרייט זיך"...) אָדער דאָס רעשט אין מורא פון דער „צווייטער שחיטה"... גאַנצע משפּחות פלעגן זיך אַרײַנגנבענען אין וואַלד. מען איז געקומען מיט אַלטע, מיט קראַנקע, מיט עלטערן, מיט פרויען, מיט פּיצעלעך קינדער. וויפל יידישע קינדערלעך זײַנען געבוירן געוואָרן אין וואַלד...

מיר ווייסן פון שטעטלעך אין ווײַסרוסלאַנד, ליטע, פּאָלעסיע,

וואַלין ווי גרויסע טיילן פון דער ערדה זיינען „אַוועק אין וואַלד", הונדערטער נפשות פון קהילות (דערעטשין, זשעטל, מיר, ביטען קאָסעווע, סטאָלפּצע, וויסאָצק, קראַסנע ביי וואָלאָזשין א"אַ).

דער יידישע פּאַרטיזאַן האָט געהאַט אַ פילפאַכיקע אחריות:

א. אחריות פאַר זיין פּאַרטיזאַנער־אָפּטיילונג;

ב. אחריות פאַר זיין משפחה, וואָס ער האָט אין וואַלד;

ג. אחריות פאַרן יידישן ציבור, וואָס האָט זיך געשאַפן אין וואַלד — די אַזוי גערופענע „בירגער־לאַגערן" (גראַזשדאַנסקע), ווו עס האָבן זיך געפונען די נישט־באַוואָפנטע משפחה־מיטגלידער, די קראַנקע, די פרויען און קינדער.

אויב דער נישט־יידישער פּאַרטיזאַן האָט געהאַט איין פראָנט, איין פראָנט־ליניע — דעם דייטש, האָט דער יידישער פּאַרטיזאַנער געמוזט קעמפן אויף אָן אַ שיעור פראָנטן:

1) קעגן דעם אַלגעמיינעם שונא פון וואַלד — די נאַצישע אַרמיי און אירע פאַרבינדעטע די ווייסרוסישע „סאַמאָכאָוואַ", די אוקראַיינישע און ליטווישע ס"ס־פאָרמאַציעס;

2) קעגן די אייגענע פּאַרטיזאַנער, די נישט־יידן, וואָס האָבן אויף די יידן געקוקט מיט נישט קיין צופיל סימפּאַטיע — אויסגעזוכט אויסריידן, כדי, אין בעסטן פאַל, זיי צו דערגיין די יאָרן;

3) קעגן די פאַרשיידענע „נאַציאָנאַלע פּאַרטיזאַנער" — די אוקראַינער „באַנדעראָווצעס", „בולבאָווצעס"; רוסישע „וולאַסאָווצעס"; „ראַדזשאַנאָווצעס"; די פּוילישע „ניעפּאָדלעגלאָסציאָווצעס"; די ליטווישע „טאַוטעניקעס". די דאָזיקע „נאַציאָנאַלע" פּאַרטיזאַנער וואָס האָבן געקעמפט סיי קעגן די דייטשן, סיי קעגן די רוסן האָבן ראשית־כל אַרויסגעוויזן זייער העלדישקייט קעגן די יידן אין וואַלד.

דאָס טאַקע איז אייגנטלעך געווען די סיבה וואָס גאָר פון אָנהייב האָבן זיך די יידישע פּאַרטיזאַנער אָרגאַניזירט אין אייגענע

יידישע אָפּטיילונגען. אין אַ סך ערטער זענען בכלל די יידן געווען די ערשטע אין וואַלד און ערשט שפּעטער זײַנען געקומען די אַנדערע. אַ לאַנגע צײַט האָט טאַקע אָנגעהאַלטן אַזאַ מצב ביז עס איז געקומען פון „אויבן" דער באַפעל צו ליקווידירן, אויפצולייזן די „נאַציאָנאַלע" אָפּטיילן און מען האָט די יידן אײַנגעשלאָסן אין די אַלגעמיינע אָפּטיילונגען.

דאָ האָט זיך אָנגעהויבן אַ ווייטערדיקע קייט פון טראַגישע „פּראָבלעמען" פאַר די יידן אין וואַלד. אײַנגעשלאָסן האָט מען נאָר די „קאָמפּעטיקע" — די מענער און נאָר די יעניקע וואָס האָבן געהאַט וואָפן. די „בירגער־לאַגערן" זײַנען געבליבן אויף הפקר. נישט געווען ווער עס זאָל זיי באַשיצן, באַזאָרגן מיט שפּײַז...

שוין נאָך דעם ווי מען האָט דעם רוב יידן אײַנגעשלאָסן אין די אַלגעמיינע פּאַרטיזאַנער־אָפּטיילן זענען געבליבן יידישע גרופּן, מיט יידישע נעמען. און אויך אין די אַלגעמיינע אָפּטיילונגען זײַנען געווען געגנטן, ווו דער באַשטאַנד פון די גרופּן זײַנען אין זייער רוב געווען יידן. אין געוויסע פּאַרטיזאַנער־זאָנעס זײַנען די יידישע גרופּן, אָדער די גרופּן מיט יידישע מערהייטן געווען צאָלמעסיק די גרעסטע, ענערגישסטע.

אויך אין דער קאַמף־סטראַטעגיע איז דער יידישער „וואַלד־מענטש" געווען אַנדערש. עס האָט זיך דאָ אַרויסגעוויזן די לעבער־לעבקייט פון דעם ווילן אײַנצושמועסן, אַז די יידן זײַנען פּחדנים, אַנטלויפן פון קאַמף, פאַרקערט, דאָ אין וואַלד, פלעגן אַרויסשווימען חילוקי־דעות צווישן דער סטראַטעגיע פון יידישן פּאַרטיזאַן און דעם נישט יידישן. בײַ די נישט יידישע איז על־פּי רוב געלייגט געוואָרן דער טראָפּ אויף איבערוואַרטן — אויסהאַלטן ביז עס וועט זיך „אַ דיר טאָן"; ווען עס וועט זיך אָנהייבן די גרויסע אָפענסיווע פון דער „מוטערלאַנד", וועלן מיר אין דעם „הינטערלאַנד" דעם שונא דערגיין די יאָרן. עס איז געגאַנגען „נישט צו פּראָוואָצירן" דעם דײַטש, אַז אין וואַלד זײַנען דאָ פּאַרטיזאַנער.

די יידן האָבן זיך געריסן צום קאַמף, צו נקמה, פלעגן לויערן אויף די וועגן, פלעגן זיך אַרײַנרײַסן אין דערפער זיך נוקם זײַן אַן די וואָס האָבן געהאָלפן אין די שחיטות. הגם על־פּי־שכל וואָלטן

זיך דאָך די ייִדן געדאַרפֿט פֿאַרהאַלטן „רויִק", זען שאַנעווען דעם וואַלד, ווו עס געפֿינען זיך זייערע נאָענטע...

דאַן איז געווען נאָך אַ טענה צו די ייִדישע פּאַרטיזאַנער — „די דײַטשע אַבלאַווּעס, פֿלעגן זיי טענהן צו די ייִדן, קומען פֿאַר צוליב אײַך: די דײַטשן זוכן די ייִדן, אונדז וואָלטן זיי געדולדעט". עס ווייס די ייִדישע פּאַרטיזאַנקע פֿון אָן אַ שיעור „גירושים" פֿון וואַלד פֿון איבעריאָגן זיי פֿון איין זאָנע אין אַ צווייטער, פֿון אַרויסטרײַבן זיי פֿון דער פּושטשע אין אַן אַנדערער.

דאָס פֿאַרענטפֿערט אין אַ געוויסן זין די צוויי פֿראַגעס: פֿאַרוואָס עס ווערט ווייניק אין פּוילן באַהאַנדלט די פֿראַגע פּאַרטיזאַנקע און די צווייטע, גאָר וויכטיקע פֿראַגע, פֿאַרוואָס דער רוב פֿון די געוועזענע פּאַרטיזאַנער, געראַטעוועטע, איז נאָך דער באַפֿרײַאונג אַוועק פֿון ווײַסרוסלאַנד, פֿון ליטע, פֿון וואָלין, פֿון פּוילן — זיך גענומען פֿרײַוויליק דעם גורל פֿון נע־ונד און נישט געבליבן אויפֿן אָרט. זייער צאָל איז אויך אַ סך, אַ סך טויזנטער.

דער פֿלאַצדאַרם, דער אָפּעראַציע־פֿראָנט פֿון דער ייִדישער פּאַרטיזאַנקע האָט זיך געצויגן זייער לאַנג. פֿון די וועלדער הינטער וואַרשע (פּירי, פּלודי), דורך די וועלדער בײַ לובלין (זוויעזשיניעץ) ביז העט־ווײַט אין די פּינסקער בלאָטעס. עס זײַנען דורך זיי פֿאַרנומען געוואָרן צענדליקער וועלדער און פּושטשעס. פֿון טאַרנאָפּאָלער געגנט אין גאַליציע ביז הינטער מינסק אין ווײַסרוסלאַנד.

מיר וועלן נאָר אויסרעכענען די רשימה פֿון די וועלדער און פּושטשעס ווו עס האָבן אָפּערירט די ייִדישע פּאַרטיזאַנער (לויטן אַלף־בית):

וועלדער: אָרליקער, בריאַנסקער, דיווינער, האָרקער, וואָראָנעטשער, וואָלטשי־נאָרער, ווילעשינער, ליבאַרער, מאַרינער, מיכאַלינער, נאַראָטשער, סטאַראָסעלסקער, סלוצקער, פּערעסלאַווער, צומאַנער, קאַפּולער, קוידענאָווער, קוראָווער, רודאַ־דובראָווטשינער, ראָכאַטשער;

פּושטשעס: ביעלאָוויעזשער, ליפּטשאַנער, נאַליבאָקער, נאַטשער, רודניצקער, שאַצקער. די „גרענעצן" פֿון דעם דאָזיקן פֿראָנט

האָבן זיך געצויגן פֿון דעם זברוטש, פּרוט, סאַן ביז דעם ניעמאַן, דעם פּריפּעטש, דער פּינע; פֿאַרבײַ דער װײַסל, דעם בוג, דעם מוכאַװיעץ, דער יאַסאָלדע, דער שטשאַרע, דעם סטיר און סטאָכאָד; דורכגעשניטן דעם אָגינסקי־קאַנאַל דערגאַנגען אין געװיסע ערטער צו די באַרימטע אױגוסטאָװער אָזיערעס, און זיך אָנגעשפּאַרט אָן די װײַסרוסישע אָזיערעס דעם סװיטעזש און נאַראָטש.

ייִדן זײַנען געװאָרן די באַהערשער פֿון די אומענדלעכע שטחים פֿון די זאַמױסקיס, פֿון די פּאָטאָצקיס, פֿון די ראַדזיװילס, פֿון די סאַפּיעהאַס, פֿון די מיקולסקיס, פֿון די יונדזילס, פֿון די אָסראָזשסקיס און אַגאַרקאָװס.

ייִדן זײַנען געװען די „פּראָװאָדניקעס" — די פֿירער פֿון די װעלדער. ייִדישע בראַקאַרעס, װאָס האָבן געאַרבעט אין װאַלד און געװוּסט אַלע װעגן און שטעגן, אַלע „טריבעס" און „פּאָליאַנעס" — זײ זײַנען עס געװאָרן די בעסטע „ראַזװיעדטשיקעס" — די אױסקוקערס; די ייִדישע װאָזאַקעס (האָלץ־פֿירער) פֿון װײַסרוסישע שטעטלעך האָבן געקענט דעם װאַלד, געװוּסט װי אַזױ בעסער דעם געהילץ „אַרױפֿדרעלעװען" און זײ האָבן געװוּסט װי אַזױ קירצער, זיכערער, אַרױסצופֿירן פֿון דער סכנה װען דער שונא װעט אָנפֿאַלן; ייִדישע פֿליטניקעס פֿון פּאָלעסיע, װאָס פֿלעגן בינדן דאָס געהילץ, כּדי עס פֿירן אין די מרחקים — זײ האָבן געװוּסט פֿון אַלע פֿאַרבאָרגענע װינקעלעך אין די בלאָטעס און געקענט אַדורכפֿירן דורך די קאַנאַלן די גרופּן, כּדי אַרומצוזװינגלען דעם שונא.

צענדליקער ייִדישע פּאַרטיזאַנער־גרופּן מיט ייִדישע נעמען האָבן אָפּערירט אױפֿן ריזיקן שטח װאָס האָט זיך געצױגן פֿון מערב ביז מזרח אױף העכער 500 קילאָמעטער און אַזאַ צאָל קילאָמעטערס פֿון דרום ביז צפֿון — צענדליקער טױזנטער קװאַדראַט־קילאָמעטערס האָבן זײ באַהערשט. טײל האָבן געצײלט צו אַ פּאָר צענדליק פּערזאָן, געװען אָבער אױך ריזיקע, װי למשל דער „קאַלינין"־אָטריאַד, װאָס מען האָט גערופֿן בעלסקים אָטריאַד אױפֿן נאָמען פֿון זײַן אָרגאַניזאַטאָר און אָנפֿירער טביה בעלסקי, אַ ייִד פֿון נאָװאָגרודעק, װאָס האָט געצײלט העכער 1200 פּערזאָן.

צענדליקער פּאַרטיזאַנער־אָפּטײלונגען האָבן נישט געהאַט קײן

יידישע נעמען, אָבער זייער באַשטאַנד איז געווען אַ דורכאויס יידישער, ווי למשל די יעניקע מיט די רוסישע נעמען: „איסקראַ" (פונק); „איסטרעביטעל" (פאַרניכטער); „מסטיטעל" (נקמה־נעמער); „סמערט פאַשיזמו" (אַ טויט דעם פאַשיזם); „פּאָבּיעדאַ" (נצחון); אָדער די וואָס האָבן געטראָגן די נעמען פון באַרימטע פּאַרטיזאַנער פון דעם בירגער־קריג בעת דער רוסישער רעוואָלוציע ווי „טשאַפּאַיעוו", „קאָטאָווסקי", „שטשאָרס" וכדומה.

אין הונדערטער פאַלן האָבן יידן אויסבאַהאַלטן זייער אָפּשטאַם. זיינען אָנגעגאַנגען פאַר נישט־יידן. לרוב זיינען עס געווען די יעניקע וואָס האָבן אָנגעפירט מיט דער פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג.

ווי געזאָגט וואַרט נאָך די יידישע פּאַרטיזאַנקע אויף איר געשיכטע־שרייבער. ביז דאַן מוזן אָבער געקליבן ווערן אַלץ מער און מער מקורים. מען דאַרף אַרויסברענגען אויף דער אויבערפלאַך אַלץ מער און מער פּרטים אויסגעשיילטע פון דער אָפּאָלאָגעטיקשאָלעכץ; פאַקטן באַפרייטע פון דער העראָיק־אידעאַליזאַציע.

יוסף רייכס נאָטיצן פון וואַלד, זיין טאָגבוך פון וואַלדלעבן, איז איינער פון די וויכטיקסטע אָנהייבן אין דער דאָזיקער ריכטונג.

יוסף רייך האָט זיין מאַרשרוט אָנגעהויבן אין דעם אויסגעקוילעטן געטאָ אין סטאָלפּצע און דורכגעגאַנגען דעם וואַלד־פלאַקער פון ראַדזיווילס וועלדער ביז העט צו די קאָפּוליער געדיכטענישן; פון דאָרטן זיך גענומען צו די פּאָליעסיער בלאָטעס, דערגאַנגען ביז טשוטשעוויצע, די „רעזידענץ" פון די וואַלד־ עקספּלאָטאַרן „אַגאָהעל" (ראשי־תיבות אַגאַרקאָוו־העלער). פון דאָרטן איז ער געקומען צוריק אין די קלעצקער און ניעסוויעזשער וועלדער, פאַרביי סוויאַטאַפּאָל־מירסקים פּאַלאַץ. פון ניעמאַן ביז דער פינע צוריק צו דער שטשאַרע. אָנגעהויבן זיין וואַלדלעבן אין דעם איינציקן כוטאָר הינטער פּרוזשענאַווע און פאַרענדיקט זיין מאַרש אין ביטען, ווו זיין אָטריאַד, זיין אָפּטיילונג, איז נאָך דער באַפרייאונג אויפגעלייזט געוואָרן.

יוסף רייך האָט דעם דאָזיקן גאַנג דורך די וואַלדפלאַמען טרייַ געשילדערט. ער האָט עס איבערגעגעבן, ווי ער שרייבט „אָן באַפּוצונג". און אין דעם באַשטייט טאַקע די גרויסע היסטאָרישע וויכ־

טיקייט פון דעם דאָזיקן בוך. עס איז אָן באַפּוצונג, אָן אַפּאָלאָגעטיק און אידעאַליזאַציע — ווער עס דאַרף לאָרבער־בלעטער דער האָט עס טאַקע פאַרדינט, אָבער הינטער דעם זעט מען דעם יחיד — דעם מענטש אין דעם פּאַרטיזאַן — מיט זײַנע שוואַכקייטן און אָפּטמאָל פאַרלוירנקייט. יוסף רייך שאַנעוועט נישט אַפילו זיך.

אויף צוויי מאָמענטן פון דאָזיקן בוך וויל איך זיך דאָ אָפּשטעלן.

א) הערשל פּאָסעסאָרסקי

אין אַ רייִ פּובליקאַציעס וועגן דער פּאַרטיזאַנקע ווערט, אגבֿ־אורחאדיק, דערמאָנט אַ העלדן־געשיכטע פון הערשל פּאָסעסאָרסקי. אין די פאַרשיידנסטע וואַריאַנטן ווערט דערציילט די ממש לעגענדאַרע עפּאָפּעע, ווי אַזוי ער האָט אַרויסגעפירט אין וואַלד אַרײַן הונדערטער ייִדן פון אַ נאַצישן לאַגער. איך האָב וועגן דעם דאָזיקן, פּשוט אומגלויבלעכן, פאַל אין משך פון יאָרן געקליבן פאַקטן און דאַטן. הערש פּאָסעסאָרסקי, אַ וואַרשעווער צוקונפיסט האָט געהערט צו אַ קרײַז פון דער „צוקונפט" וואָס איך האָב אים בשעתו געפירט. אין יאָר 1946 האָב איך צום ערשטן מאָל באַקומען אַ גרעסערע אינפאָרמאַציע וועגן דעם בײַ דער חברטע גוטאַ קריש־טאל, אַ קאַמף־חברטע פון דעם פּאַרטיזאַנער־אָטריאַד, ווו הערשל איז געווען טעטיק. עס האָבן נאָך אָבער אַלץ געפעלט רינגעלעך אין דער דאָזיקער וווּנדערבאַרער קאַמפּסקייט פון דעם דאָזיקן טרײַען צוקונפיסט. יוסף רייך דערגאַנצט דאָס בילד פון הערשלען. נישט קיין וווּנדער, ווײַל צוזאַמען פון סטאָלפּצער געטאָ, דורך פעלד און וואַלד, ביז זײַן טראַגישן אומקום (דורך אַ פּאַרעטערישע מערדער־קויל) זײַנען זיי געגאַנגען דורך דעם פלאַקערדיקן וואַלד.

ב) שמואל רופאייזן

עס איז אַ מאָדנע געשיכטע. אַ געוועזענער חלוץ, אַ מיטגליד פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע „עקיבא", שמואל רופאײַזן פון זשיווייעץ איז מגולגל געוואָרן אין שטעטעלע מיר און איז גאָר דער..

נאַצישער פּאָליציי־קאָמענדאַנט וואָס איז באַקאַנט מיטן נאָמען יוזעף אַסוואַלד. אַט דער אַ „נאַצי", וועלכער געפינט אין מיר זײַנע חברים, מיט וועלכע ער איז געווען אין הכשרה־קיבוץ, ווערט דער יעניקער וואָס העלפט די ייִדן זיך צו באַזאָרגן מיט געווער; ער וואָרנט זיי ערב דער „שחיטה" און הונדערטער ייִדן זענען אַוועק אין וואַלד אַרײַן.

וועגן דאָזיקן רופֿאײַזן־אַסוואַלד איז שוין פֿאַראַן אַ גאַנצע ליטעראַטור מיט די משונהדיקסטע לעגענדעס. די דאָזיקע זאַך האָט אויסגעזען אַזוי אויסטערליש, אַז מען האָט אָנגעהויבן צו צווייפֿלען צי די דאָזיקע געשיכטע איז טאַקע געשען.

מיך האָט די דאָזיקע געשיכטע אינטערעסירט צוליב דעם וואָס אין דער געשיכטע מיט דעם מירער קאָמענדאַנט זײַנען פֿאַרבונדן אַ ריי נעמען גאָר נאָענטע, אייגענע. אָט איז דער „פֿאַרבינדלער" צווישן דעם „נאַצישן" פּאָליציי־קאָמענדאַנט און דעם אונטערערדישן געטאָ־קעמערל געווען הערשל פּיערניקאָוו, דער סעקרעטאַר פֿון מירער אָרגאַניזאַציע פֿון יוגנט־בונד „צוקונפֿט". איינער פֿון די איבערגעבנסטע חברים, וואָס האָט אויך בעת דער סאָוויעטישער אָקופּאַציע אָנגעהאַלטן די פֿאַרבינדונג מיט דער בונדישער גרופּע אין ווילנע (דורך זײַן שוועסטער פֿון השומר־הצעיר). דער צווייטער איז געווען נחום־אליה קאַגאַן. ער איז געווען דער פּיאָנער פֿון דער „צוקונפֿט" אין מיר און אין דעם אַרום. אַ זעלטענער טיפּ — אַליין אַ סופֿר פֿון מזוזות איז ער געווען דער פֿירער פֿון „בונד" אין שטעטל און איינער פֿון די בעסטע טוער אין דער געגנט (אַ געוויסע צײַט געאַרבעט אין וואַרשע). נחום־אליה האָט געהערט צו די אָנפֿירער פֿון דעם אונטערערדישן קאַמף־אָטריאַד, וואָס איז אַרויס אין וואַלד. אויך ער איז אין וואַלד אומגעקומען (פּונקט ווי הערשל פּאָסעסאָרסקי) פֿון אַ פֿאַרעטערישער קויל. ביידע — פּערניקאָוו און קאַגאַן — זײַנען געווען מײַנע תלמידים־חברים. נחום־אליה קאַגאַן האָט אַגב אין די 20קער יאָרן געאַרבעט ווי אַ געהילף־בוכהאַלטער אין דער פֿירמע „אַגאַהעל" אין טשוטשעוויטש. דאָרטן האָבן מיר זיך דאַן באַקענט און דאָרטן אין די פֿאַרפֿלאָנטערטע טריבעס צווישן טשוטשעוויטשע - לושטשע - נאָוואָסיאָלקי פֿלעגן

מיר גײן און לערנען װעגן װעלט־יושר. דאָ איז ער שפּעטער געװען דער פֿירער דורך די פֿאַרבאָרגענע שטעגן. דאָ האָט אַ פֿינצטערע „פּאַרטיזאַנישע" מערדער־האַנט געמאַכט אַ סוף צו זײַן ברױזנד־קעמפֿערישער נאַטור.

די מעשה רופֿאַײַזן, מיט אירע נוסחאות און װאַריאַנטן, װערט אױך דערצײלט בײַ יוסף רײכן און דאָ װערן אױפֿגעקלערט אַ רײ פּרטים און די השערות װעגן דעם װי אַזױ מען האָט אים דערמאָרדעט.

* * *

יוסף רײך האָט אין זײַנע װאַלד־נאָטיצן אַרײַנגענומען נישט נאָר דעם אַלגעמײנעם װאַלדלעבן נאָר אױך אַ סך פֿון אַזעלכע פּרטים, װאָס באַלײַכטן און קלערן אױף אַ סך „װאַלד־געהײמנישן".

הכלל, נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל — אין י. רײכס אַרבעט באַקומען מיר אַ װיכטיקן צושטײַער צו דער פֿאָרשונג פֿון אײנעם פֿון די טראַגישסטע און אײנצײַטיק העלדישסטע קאַפּיטלען פֿון דעם באַנד געשיכטע װעגן דעם בלוטיקן אומקום און העלדישן װידערשטאַנד פֿון די ייִדן אין מזרח־אײראָפּע.

די אַרבעט איז געשריבן געוואָרן אויפֿן סמך פֿון נאָטיצן, פֿאַרצייכנט דורך מיר אין די יאָרן 1941—1944.

די דאָזיקע נאָטיצן האָבן מיט מיר אַדורכגעמאַכט טויזנטער קילאָ־מעטער איבער ווײַסרוסישע וועלדער און פּאַליעסער זומפּן. געווען צײַטן, ווען מ׳האָט געוואָרפֿן פֿון זיך, אַלץ, אַפֿילו די אויבער־מלבושים, נאָר מײַנע שמוציקע, פֿאַרשריבענע שטיקלעך פּאַפּיר האָב איך געהיטן, ווי אַן אויג אין קאָפּ.

דאָס האָב איך געטאָן דערפֿאַר, ווײַל צו יענער צײַט האָט מען נישט געוווּסט, ווער עס וועט בלײַבן לעבן און וואָס ס׳וועט באַשערט זײַן איבערצולעבן די היטלע־רישע מגיפֿה און זײַן עדות פֿאַר קומענדיקע דורות.

נאָך דער מלחמה, ווען פֿון דער שארית הפּליטה האָט זיך צוריק געשאַפֿן אַ ייִדיש לעבן, מיט צײַטונגען, ביכער, ליטעראַטן און היסטאָרישע קאָמיסיעס האָב איך געהאַלטן מײַן דילעטאַנטישע אַרבעט פֿאַר נישט נייטיק מער.

איך האָב געוואָרט אַז מענטשן געאיבטע און באַהאַוונטע אין דער שרײַבערישער קונסט, זאָלן בעסער פֿאַר מיר אויסדרוקן דאָס, וואָס איך וויל דערציילן.

ערשט אין יאָר 1948, ווען איך האָב זיך איבערצײַגט, אַז געוויסע פֿאַקטן זײַנען נאָך פֿאַרהוילן פֿאַר דער עפֿנטלעכקייט, און דער עיקר דאָס, וואָס וועגן לעבן און אומקום פֿון דער מערבֿ־ווײַסרוסישער ייִדישער באַ־פֿעלקערונג איז נאָך אַזוי ווייניק דערציילט געוואָרן — בין איך צוגע־טרעטן צו באַאַרבעטן מײַנע נאָטיצן. איך גיב זיי דאָ איבער אָן באַפּוצונג.

אין חודש נאָוועמבער 1939 האָב איך פֿאַרלאָזט וואַרשע און זיך געלאָזט צו דער סאָוויעטישער זײַט. די פֿרוי מײַנע האָט מיך באַגלייט ביז צום טײַך בוג און געוואַרט דאָרט אַזוי לאַנג, ביז זי האָט באַקומען פֿון מיר די ידיעה, אַז כ׳בין אַריבער בשלום די גרענעץ. דעמאָלט איז זי ערשט צוריק אַוועק קיין וואַרשע צו אירע עלטערן.

דאַן איז מען נאָך געווען נאַיִוו און געמיינט, אַז די דײַטשן וועלן זיך באַגנוגענען דערמיט, וואָס זיי וועלן באַרויבן די ייִדישע באַפֿעלקערונג, וועלן אויספּרעסן זייער שווייס דורך אַרבעט און דערנידעריקן זיי דורך שענדלעכע אויסנאַמס־געזעצן. די הויפּטזאָרג בײַ אַלעמען איז דעמאָלט געווען וועגן די מענער, ווײַל מען האָט גערעכנט אַז בלויז זיי, דראָט אַ דירעקטע געפֿאַר אין ערגעץ פֿאַרשלעפּט צו ווערן דורך די היטלעריסטישע באַנדעס אויף אַרבעט. אָבער פֿרויען און אַלטע לײַט, האָט מען געמיינט, וועלן אַפֿילו דײַטשן נישט טשעפּען. די מאָרדן און גוואַלטאַטן איבער איינצלנע ייִדן, האָט מען אויסגעטײַטשט, ווי פֿאַראיינצלטע אויסברוכן פֿון צעיושעטע מיליטער־לײַט אין דער צײַט פֿון מלחמה־כאַאָס, מיט דער צײַט, האָט מען אָבער געגלויבט, וועט זיך דאָס אײַנשטעלן. האָבנדיק די זעלבע פֿאַלשע אײַנשטעלונג, ווי אַנדערע האָב איך זיך געלאָזט איבערצײַגן פֿון מײַן פֿרוי און אירע עלטערן, אַז איך זאָל דערווײַל אַליין אַוועק און שפּעטער, אַז איך וועל שוין זײַן אַביסל אײַנגעאָרדנט, וועלן זיי אויך דאָרט קומען. אָט מיט אַזעלכע קאַטעגאָריעס האָבן נאָך דעמאָלט געטראַכט די גרעסטע צאָל ייִדן און צוליב דעם בין איך אויף אייביק צעשיידט געוואָרן מיט מײַן פֿאַמיליע.

אויף דער סאָוויעטישער זײַט האָב איך געאַרבעט אין ביאַליסטאָק, שפּעטער אין באַראַנאָוויטש. דער גורל האָט מיך צופֿעליק פֿאַרוואָרפֿן אין

שטעטל סטאָלפּצע (אָדער ווי די אָרטיקע יידן רופן סטויבץ) און מיר איז באַשערט געווען, צוזאַמען מיט די דאָרטיקע יידן, אַדורכצוגיין אַלע אָפּ־טיילונגען פון דעם דײַטשן גהינום און שוין אויף אייביק באַהאַפטן צו בלײַבן אין מײַן געדעכעניש מיט דעם דאָזיקן שטעטל.

סטאָלפּצע איז אין פאַר־מלחמהדיקן פּוילן געווען מער באַוווּסט ווי אַנדערע ענלעכע שטעטלעך צוליב דעם, וואָס סטאָלפּצע איז געווען דאָס נאָענטסטע פּוילישע שטעטל בײַ דער סאָוויעטישער גרענעץ און האָט זיך אויסגעצייכנט מיט אַ שיין און ציכטיק־געהאַלטענעם וואָקזאַל. דער רײַכער מיט אַלדאָס גוט פאַרזעענער סטאָלפּצער באַן־בופעט איז געווען באַרימט אפילו איבער די גרענעצן פון פּוילן. די מלוכה־אָרגאַנען האָבן דערפאַר געזאָרגט, כדי צו אימפּאָנירן דעם אויסלענדער, וואָס איז נאָר וואָס גע־קומען פון ראַטנפאַרבאַנד מיט דער שפע און זאַטקייט פונם לאַנד און קאָקעטירן מיט דער מערב־אייראָפּעיִשער קולטורישקייט.

די סטאָלפּצער יידן האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט אַרבעטזאַמקייט און מיטן האַלטן אין אָרדנונג זייער באַלעבאַטישקייט. דאָס זײַנען געווען געזונטע טיפּן אַרײַנגעוואַקסן און צוזאַמענגעוואַקסן מיטן אַרום. נאָר וועגן דעם וועט אויסקומען שפּעטער דערציילן. דערווײַל וועל איך דער־ציילן, ווי אַזוי איך קום אין סטאָלפּצע:

דעם 18טן יוני 1941 האָב איך באַקומען אורלויב פון דער באַראַ־נאָוויטשער מלוכהשער נײַ־פאַבריק, וווּ כ'האָב געאַרבעט ווי אַ צושנײַדער. איך האָב דאָס אויסגענוצט כדי זיך זען מיט מײַנעם אַ שוואָגער, אַ פּליט פון וואַרשע, וועלכער האָט געוווינט אין סטאָלפּצע צוזאַמען מיט זײַן פאַמיליע. דאָרט האָט מיך פאַרכאַפּט דער דײַטש־סאָוויעטישער מלחמה־אויסברוך. שוין האָבנדיק הינטער זיך די וואַרשעווער דערפאַרונג האָב איך זיך שנעל אָריענטירט ווו מיר האַלטן אין דער וועלט און האָב באַשלאָסן וואָס שנעלער צו לויפן אויף מזרח. ווײַט — בין איך לײדער נישט פאַרלאָפן, ווײַל אויפן וועג פון סטאָלפּצע און מינסק איז געווען די גרענעץ וואָס האָט אָפּגעטיילט מערב־ווײַסרוסלאַנד פון מזרח־ווײַס־רוסלאַנד. דורך דער דאָזיקער גרענעץ האָט מען נישט אַדורכגעלאָזט קיין „מערבדיקע". די צאָל פאַרהאַלטענע „מערבדיקע" נעבן דער גרענעץ־וואַך האָט זיך כסדר פאַרגרעסערט און מיר האָבן געקוקט מיט קנאה אויף די

„מזרחדיקע", וואָס קומען אָן צו דער גרענעץ, צופוס און אויף מאַשינען, ווײַזן זייערע דאָקומענטן און די וואַך לאָזט זיי אַדורך. אַ גרויסער טייל צווישן זיי זײַנען געווען פאַרהושכדיקטע, באָרוועסע, אָפּגעריסענע מיט עטלעכע קליינע קינדער. מיר האָבן זיי אָבער, פונדעסטוועגן מקנא געווען. גליקלעכע מענטשן! זיי האָבן כאָטש ווו צו לויפן אין אַן עת־צרה.

מיר האָבן זיך געבעטן בײַ דער וואַך, געוויזן אונדזערע דאָקומענטן און געפּרוווט איבערצײַגן, אַז מיר זײַנען דאָך אייגנטלעך אויך סאָוויע־טישע בירגער. אויף אַלע אונדזערע רייד האָבן מיר באַקומען איין ענטפער: „זאַפּאַדניקאַם ניעלזאַ" (מערבדיקע איז נישט דערלויבט). אַז מיר האָבן שוין געגנוג דערעסן דער גרענעץ־וואַך מיט אונדזערע טענות און געבעטן, האָבן זיי ערשט אָנגעשטעלט אויף אונדז די לופעס פון זייער מאַשין־געווער און געדראָט מיט שיסן, אויב מיר וועלן נישט אָפּטרעטן. נישט האָבנדיק קיין ברירה בין איך, אַ רעזיגנירטער, צוזאַמען מיט די איבע־ריקע אַוועק, שוין דאָס צווייטע מאָל (נאָך וואַרשע) דערוואַרטן די דײַטשן.

דערוויַיל איז נאָך דער וועג געווען אַ פרײַער, די דײַטשן זײַנען נאָך געווען ווײַט, נאָר בײַ מיר אין מוח, האָבן שוין געהאַמערט זייערע שווערע און זעלבסט־זיכערע טריט און כ'האָב שוין געפילט אויף זיך זייערע טעמפּע, ציניש בליקן. אין מײַן זכרון האָבן ווידער אויפגעלעבט די גרויליקע בילדער פון די אַדורכגעלעבטע וואָכן צוזאַמען מיט די דײַטשן אין וואַרשע און אין מײַן געמיט האָט ווײַטער געפּרעסט יענער ווייטיק, יענער אומעט.

דער טאָג איז געווען אַ זוניקער, אַ הייסער. מיר זײַנען געגאַנגען דורך אַ הערלעכן וואַלד און אין רעיון בײַ מיר זײַנען אָן אויפהער גע־קראָכן בילדער, מחשבות און פאַרגלײַכונגען ווי ספּעציעל זיך צו רייצן מיט מיר און צו פּײַניקן — בילדער, ווי כ'בין געלאָפן פון די דײַטשן אויף מזרח, ווי כ'בין אַריבער אויף דער סאָוויעטישער ערד און האָב זיך געקוויקט מיטן שטח, וואָס איז געווען פרײַ פון דײַטשן. כ'האָב זיך דעמאָלט פאַרגעשטעלט, אַז קיין גרעסערער גליק איז גאָר אויף דער וועלט נישט פאַראַן, ווי גיין איבער וועגן, איבער פעלדער און וועלדער, איבער בערג און טאָלן און נישט באַגעגענען דאָרט קיין דײַטשן.

איצט גיי איך צוריק אויף מערב, די דײַטשן אַנטקעגן!...

איך האָב שוין אינערלעך איבערגעלעבט זייער קומען, געפּילט זייער עקלדיקע נישט־דערטרעגלעכע נאָענטקייט. די איבערגעלעבטע צייט אָן די דייטשן, האָט זיך מיר איצט אויסגעוויזן ווייט, איז געוואָרן אויסגע־וועבט פון מיין זכרון, איז אויסגערונען פון מיין מהות און איז פאַרשווונדן ווי אַ זייפן־בלאָז, ווי נישט־געווען. ס'האָט אין מיר צוריק אויפגעלעבט וואַרשע, מיט אַן אויסערגעוויינטלעכע בילדערישקייט און אַ ווייטיקלעכע נאָענטקייט. כ'האָב געזען מיין פרוי, מיינע פריינט, מיינע ברידער אין דער שרעקלעכער נעץ פונעם שונא אַרומגערינגלט מיט תליונים און כ'האָב זיך פאַרשעמט פאַר מיין צו שטאַרקן מיטפילן מיט זיך און צופיל אַי־בערנעמען זיך מיטן אייגענעם גורל. מיט וואָס — האָב איך זיך געזאָגט — ביסטו בעסער פון דיין פרוי, פון דיינע פריינט, פון מיליאָנען אַנדערע יידן, וואָס לעבן שוין העכער אַנדערטהאַלבן יאָר אונטער דער דייטשער חערשאַפט? מיט וואָס ביסטו מער יחסן פון זיי? און כ'האָב דערפילט אַ ביטערע הנאה און פאַרלייכטערונג, וואָס כ'וועל אויך לעבן אונטער דעם זעלבן רעזשים און וועל אויך טרינקען דעם זעלבן סם, וואָס מיינע נאָענטע.

דעם 27טן יוני האָב די דייטשן פאַרנומען סטאָלפּצע. זייער ערשטע אַרבעט איז געווען: אונטערוואַרעמען דעם המון אויף צו ראַבירן די מלוכהשע מאַגאַזינען און באַזעס. דער המון איז געווען צופרידן, ס'האָט זיך געמאַכט אַ געלעגנהייט צו באַרייכערן זיך און זיי האָבן צעיאַכמערטע און צעווילדעוועטע פון גיריקייט — געשלעפּט זעק צוקער, רייז, קאָס־טענעס פּאַפּיראָסן, באַלן שניט־סחורה און פאַרטיקע בגדים.

די דייטשן האָבן זיך צוגעקוקט מיט הנאה צו דער וואַקכאַנאַליע און האָבן געשמייכלט פאַרפירעריש. אָט האָבן זיי מיט איין קלאַפּ, פאַר אַ ביליקן פּרייז דערקאַבערט פאַר זיך פאַרבינדעטע. ס'האָבן זיך אַפילו גע־פונען איינצלנע יידן, וואָס האָב נישט געקאָנט בייַשטיין דעם נסיון אַדורכ־צולאָזן אַזאַ גלענצנדע קאָניוקטור... אָט צום ביישפּיל; ביים שוואָגער האָט זיך פאַרהאַלטן דאָס יונגע פאַרפאָלק כאַיטאָוויטש פון וואַרשע, אַן אינזשיניער פון בעמיע, מיט זיין פרוי. זיי האָבן לעצטנס געווױנט אין באַראַנאָוויטש און האָבן אויך געוואָלט לויפן אויף מזרח, נאָר נישט קאָנענדיק אַדורך די גרענעץ זיינען זיי געבליבן שטעקן אין סטאָלפּצע.

ער האָט געהאַט אַ טיפּיש ייִדישן אויסזען און איז געזעסן אַ פאַרמרה־שחורהדיקער פאַרטיפט איבער אַ בוך און איז נישט אַרוים פון שטוב. זי, וועלכע האָט געציטערט פאַרן מאַן און געזאָרגט זיך פאַר אים, ווי פאַר אַ קינד, האָט געהאַט אַן „אַרישן" אויסזען און האָט אַלץ דערליידיקט אין גאַס און געבראַכט נײַעסן. אַלע וואָלע איז זי געקומען אין שטוב מיט אַן אַנדער מציאה, אַ מאָל האָט זי געבראַכט צוקער, אַ מאָל קאָנסערוון און איין מאָל איז זי געקומען אַ צעפּלאָמטע, מיט אַ ריזיקן שווייצער־קעז און אַנדערע פּראָדוקטן און דערציילט, אַז אַ דײַטש האָט זי צוגעפירט אויף זײַן מאָטאָציקל. מיך האָט שאָקירט די קעלבערנע התפעלות פון דער „אינטעליגענטקע" און כ'האָב איר אויפגעקלערט, אַז דאָס טײלן גע־רויבטע פּראָדוקטן צווישן דער באַפעלקערונג דורך די ערשטע גרופּן מי־ליטער פון עס־עס איז נישט קיין אויסדרוק פון זייערע פּערזענלעכע נייגונגען און ווערט נישט געטאָן מחמת גוטסקייט, נאָר איז אַ טריק פון דער היטלעריסטישער פּראָפּאַגאַנדע און ווערט געטאָן לויט אַ באַפעל פון אויבן. איך האָב איר געעצהט נישט צופיל צו עקספּלואַטירן דעם „אַרישן" אויסזען אירן.

די ערשטע צוויי טעג האָבן די דײַטשן נישט געטשעפּעט די ייִדן און טייל פון די סטאָלפּצער האָבן שוין חושד געווען די „ביעזשענצעס" (פּליטים), אַז זיי האָבן אָפּגענאַרט און אויסגעטראַכט בלבולים אויף די דײַטשן, וועלכע „זײַנען דאָך גאָרנישט אַזוי שרעקלעך". מײַנע אַ שכנה, אַ פאַרמאַצעווטקע האָט צו מיר געזאָגט מיט טריומף פון אַן אויסדער־וויילטער, אַז די דײַטשן פאַרפאָלגן נאָר די רײַכע ייִדן, די בורזשויען און שפּעקולאַנטן פון פּוילן. אין סטאָלפּצע אָבער זײַנען דאָך פאַראַן בלויז אַרבעטס־מענטשן. זי האָט זיך געטרייסט, אַז זיי וועט נישט געשען קיין שלעכטס.

צוליב דעם, וואָס בײַ מײַן שוואָגער איז געבליבן וווינען דאָס וואַר־שעווער פאַרפאָלק, די כאַיטאָוויטשעס, האָב איך זיך אײַנגעאָרדנט בײַ מײַנעם אַ באַקאַנטן שנײַדער, פּיאַסעטשנער, וועלכער האָט געוווינט אויף דער זעלבער גאַס. דאָס הויז האָט זיך געפונען אין סאַמע ראָג, וווּ עס האָבן זיך געקרייצט צוויי וועגן און איך האָב געהאַט די מעגלעכקייט פון דאָרטן צו אָבסערווירן דאָס אַדורכמאַרשירנדיקע דײַטשע מיליטער,

וועלכע האָט געאײַלט מיט אַ געוואַלדיקער שנעלקייט צו מזרח. כ'בין געשטאַנען בײַם פענצטער און זיך אײַנגעקוקט אין די מוסטערהאַפט־מעכאַניזירטע אָפּטיילונגען, וועלכע האָבן „געראַללט" פאָרויס מיט אַ זעלטענער פּרעציזקייט. דער ריזיקער מעכאַניזם האָט געאַרבעט אָן דעפעקטן, אַלץ איז געווען גוט פּלאַנירט, מענטש און מאַשין גוט צוזאַמענגעשפּילט און האָט זיך באַוועגט אָן איבעררײַס מיט אַ מאַטעמאַטישער פּינקטלעכקייט, פאָרויס. די שאָפערן זײַנען געזעסן רויִק, באַהערשטע, ווי צוזאַמענגעוואַקסן מיט די מאַשינען און האָבן אַרויסגעפילט יעדע באַדערפעניש פון מאָטאָר, ווי אַ גוטער רײַטער דעם ווילן פונעם פערד.

אָט די פולקאָמענהייט פון דער מערדערישער און פאַרברעכערישער דײַטשער אָרגאַניזאַציע האָט געדריקט אויף מײַן נשמה און האָט דערשלאָגן אין מיר די איינציקע טרייסט — די האָפענונג אויף זייער שנעלער מפּלה. בײַנאַכט האָב איך נישט געקאָנט שלאָפן און זיך אײַנגעהערט מיט ווייטיק אינם ריטמישן גאַנג פון די זיך באַוועגנדיקע מאַשינען. מײַן אויער האָט געלעכצט אויפצוכאַפּן עפּעס אַ גרילץ, אַ דיסאָנאַנס אין דעם האַרמאָנישן כאָר פון די וואָרטשענדיקע מאָטאָרן. נאָר לײדער — אַלץ האָט געאַרבעט, ווי אַ גוט אײַנגעשפּילטער אָרקעסטער.

דעם 29טן יוני 1941. באַלד אינדערפרי זײַנען מיר געוואָרן איבעראַשט און פאַרוווּנדערט דורך אַ שטאַרקער שיסערײַ, וואָס האָט זיך געהערט האַרט נעבן אונדז. דורך די פענצטער האָבן זיך דערזען די פלאַמען פון די שכנותדיקע ברענענדיקע הײַזער און דער ערשטער געדאַנק, וואָס איז מיר געקומען אויפן רעיון, איז געווען אַ דערפרייענדיקער — דאָס זײַנען מן־הסתם „אונדזערע" צוריקגעקומען און קעמפן מיט די דײַטשן. אַרויסקומענדיק אין דרויסן האָב איך זיך אָבער ביטער אַנטוישט. אומעטום איז געווען פול מיט דײַטשן, וועמענס אויסזען און האַלטונג האָט נישט געזאָגט עדות, אַז ס'זאָל זיך דאָ נאָענט געפינען עמיצער וואָס קאָן זיי באַאומרויִקן. די אויסגעשטרעקטע אויטאָמאַטן גרייט צום שיסן, אין זייערע הענט, זײַנען געווען אָנגעשטעלט אויף שוצלאָזע און צום טויט־דערשראָקענע מענער, וועלכע זיי האָבן געבראַכט צו פירן פון אַלע זײַטן און די דײַטשן, מיט זייער טעמפּן און רויִקן אויסזען, האָבן גיכער געמאַכט אַן אײַנדרוק פון בהימות־אונטערטרײַבער ווי פון קריגס־לײַט אין

שלאכט. די פלאַמען פון די ברענענדיקע הײַזער, די פּאַניק און קאָנוווּל־סיווע שרעק פון די שוצלאָזע מענטשן, האָבן נאָך בולטער געמאַכט דעם קאָנטראַסט און אויסגעטיילט פונעם טראַגישן אַרום, די פּרעמדע, הויכע, געזונטע און זאַטע מענער, וועלכע האָבן מאַניפּולירט מיטן געווער, מיט דער זעלבער רויִקייט ווי אַרבעטער מיט זייער אַרבעטס־געצײַג. די גע־בראַכטע זײַנען געוואָרן פאַרייניקט צו דער מחנה מענער, וואָס האָט זיך שוין געפונען פריִער אויף אַ פּלאַץ רעכטס פון מיר, אַרומגערינגלט דורך עס־עס־לײַט מיט אָנגעצילטע אין זיי לופעס. איך האָב זיך געוואָלט צו־ריקציִען אין שטוב אַרײַן און כ'האָב זיך אינסטינקטיוו געשאַרט אויף לינקס, טוליענדיק זיך האַרט צו דער וואַנט פון שטאַל. נאָר ס'איז שוין געווען צו שפּעט. באַלד זײַנען לעבן מיר אויסגעוואַקסן צוויי דײַטשן און אונטערשטופּנדיק מיך מיט די לופעס פון אויטאָמאַטן, האָבן זיי מיך איבערגעגעבן אַן אַנדערן דײַטש, וועלכער האָט מיך אָוועקגעפירט אויף לינקס צו אַ גרופּע מענער וואָס איז געשטאַנען אין אַ זײַט אָפּגערוקט פון גאַס און נענטער צום פעלד. אונדזער גרופּקעלע איז געווען אַ קלע־נערע ווי די, וועלכע האָט זיך געפונען אויף רעכטס און די באַציִונג פון די דײַטשן צו אונדז איז געווען נישט אַזאַ שטרענגע ווי צו זיי. עס האָט נישט לאַנג געדויערט, מ'האָט אונדז אָוועקגעפירט הינטערן שטאָט, אויף אַ פעלד און דאָרטן געהאַלטן אונטער אַ וואַך. פון שטעטל האָט זיך כסדר געהערט אַ שיסערײַ און אונדז האָט געמאַטערט די פראַגע — וואָס קומט דאָרט פאָר? ... מיר האָבן זיך באַמיט עפּעס געוואָר צו ווערן בײַ די דײַטשן, וואָס האָבן אונדז געהיט. נאָך זייערע רייד נאָך איז אויסגעקומען, אַז דורך אַ פענצטער פון דער לענין־גאַס זאָל מען האָבן אויסגעשאָסן צום מאַרשירנדיקן מיליטער און אַלס שטראָף דערפאַר, ווערט פאַרניכטעט די דאָזיקע גאַס. נאָכן אָפּהאַלטן אייניקע שעה, האָט מען אונדז באַפרײַט און איך בין מיט אַלע כוחות, אין איין אָטעם, גע־לאָפן אין שטאָט.

קומענדיק אויף דער לענין־גאַס בין איך דערשיטערט געוואָרן פון דעם חורבן, וואָס די דײַטשן האָבן דאָרט אָנגעמאַכט דורך דער קורצער צײַט. די דאָזיקע שענסטע און באַלעבטסטע גאַס פונעם שטעטל איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ בית־הקברות, וואָס איז געווען פול מיט נישט־באַגראָבענע

מתים. עס האָט זיך דאָרט נישט געפונען קיין לעבעדיק נפש, ביי וועמען עפּעס צו פרעגן, ביי וועמען עפּעס געוואָר צו ווערן. די איינצלנע שטובן, וואָס זיינען נישט געוואָרן אונטערגעצונדן דורך די דייטשן, זיינען געווען אויסגעליידיקט פון מענטשן, אַלץ איז דאָרט געלעגן אויף הפקר און קיין דייטשן האָבן זיך אויך נישט געזען אין ערגעץ. אַרום איז געווען שטיל און רויק, פון ערגעץ האָט זיך נישט געהערט קיין קלאַנג און סימן פון לעבן, אַלץ איז געווען פאַרגליווערט, אָפּגעשטאָרבן. בלויז די גופים פון די טויטע מענער, וועלכע האָבן זיך געוואַלגערט אומעטום, די סקעלעטן פון די איבערגעבליבענע הייזער, וועלכע האָבן נאָך געברענט, ווי ליכט פאַר די נשמות פון די אומגעקומענע, האָבן דערציילט וועגן פאַרברעכן, וואָס איז דאָ באַגאַנגען געוואָרן. מיט אַ ציטערדיק האַרץ האָב איך זיך דערנענטערט צום אָרט, ווו עס האָט געוווינט מיין שוואָגער. אויף דער טיר איז געהאָנגען אַ שלאָס און איך האָב לייכטער אָפּגעאָטעמט, מסתמא זיינען זיי אין ערגעץ אוועק — האָב איך געטראַכט — און זיינען אפשר ניצול געוואָרן פון טויט. כ'בין אַרום אין גאַס און אָפּגייענדיק אַ שטיקל וועג, האָב איך זיך, אַזוי ווי אויף עמעצנס אַ באַפעל, אומגעקערט און בין צוריק אַריין אין הויף. כ'האָב נאָכאַמאָל באַטאַפּט דעם שלאָס, צי ס'איז גוט פאַרמאַכט, כ'האָב אַריינגעקוקט דורכן פענצטער אין שטוב, כ'האָב זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זייטן און גאָרנישט באַמערקט קיין באַזונדערס. נאָר גייענדיק טיפער אין הויף האָב איך באַמערקט אין אַ ווינקל ביים שטאַל זיינען געלעגן דריי מתים: אויף די אָנגעוואָרפענע קלעצער, אָנגעשפּאַרט מיטן קאָפּ אָן דער וואַנט פון שטאַל, מיטן רוקזאַק אויף די אַקסלען און מיט אַ קליינעם בלוט־סימן אויף דער לינקער שלייף, איז געלעגן מיין שוואָגער נח פיש. זיין טויט האָט געמוזט קומען אַזוי אומגעריכט און פּלוצים, אַז ער איז געוואָרן פאַרגליווערט און פאַרשטיינערט אין דער זעלבער פּאָזע און מיטן זעלבן אויסדרוק ווי ביים לעבן, ער האָט נישט אויסגעזען ווי אַ מת נאָר ווי אַ וואַקסענע פיגור. לעבן אים, מיט די פּנימער צו דער ערד זיינען געלעגן, זיין שווער יצחק בלאָך און זיין שוואָגער, סטאַשעק בלאָך. אָפּגערוקט אַ פּאָר מעטער פון דעם דריילינג, אַרומגענומען און פאַרפלאָכטן צווישן זיך מיט די הענט, זיינען געלעגן, דער טויטער קערפּער פון אינזשיניער כאַיטאָוויטש און זיין פרוי. דאָס

איז געווען די איינציקע פּרוי, וואָס האָט זיך געפונען צווישן דער גרוי־סער צאָל דערשאָסענע און דעם ערשטן אַרויסטריט פון די דײַטשן אין דעם שטעטל סטאָלפּצע. דעמלט זײַנען נאָך די דײַטשן געווען „ריטערלעך" און האָבן געשוינט פרויען. זי האָט מסתמא נישט געוואָלט אָפּטרעטן פון איר געליבטן מאַן. לעבן זיי איז געשטאַנען אַ קיישל אין וועלכן ס׳האָבן זיך געפונען די פּראָדוקטן ערשט מיט צוויי טעג צוריק באַקומענע פון זייערע הײַנטיקע מערדער. דער קעז, דער צוקער, דאָס ברויט און קאָנ־סערוון, זײַנען געלעגן צופוסנס פון די טויטע. ערשט נישט לאַנג זײַנען זיי געטראָגן געוואָרן דורך זיי מיט וואַרעמע און ציטערדיקע הענט, כדי דערמיט אונטערצוהאַלטן ס׳לעבן. איצט האָבן זיי זיך מיר אויסגעוויזן נישט ווי טויטע קעגנשטאַנדן, נאָר אויך ווי באַשטראָפטע מיט באַוווסט־זײַן און נשמה, וואָס באַגרייפן און זײַנען עדות פון דעם פונאַנדערגע־וויגטן דורך די דײַטשן קאַשמאַרנעם פּלאַנטער פון בלוט און גיריקייט. לעבן טויטן קערפּער פון אינזשיניער כאַיטאָוויטש זײַנען געלעגן זײַנע ברילן מיט צעבראָכענע שײַבלעך און אויף דער האַנט האָט ער געהאַט דאָס זייגערל, וואָס ער פלעגט אַזוי אָפט לויבן אַלס זעלטענעם יקר־המציאות. אין ערשטן אויגנבליק בין איך אינסטינקטיוו באַהערשט געוואָרן פון חשק צו באַזיצן דעם דאָזיקן טײַערן אַנטיק, איך האָב זיך אײַנגעבויגן איבערן טויטן כדי אויפצושנאַלן ס׳פּאַסיקל פונעם זייגערל. באַרירנדיק אָבער דעם טויטן קערפּער און דערפילנדיק די קלעפּיקע וואַרעמקייט פון דעם נאָך נישט אָפּגעקילטן בלוט, האָב איך זיך שנעל צוריקגעצויגן. מיט עקל האָב איך באַטראַכט די רויטע בלוט־פלעקן אויף מײַנע הענט, דאָס בלוט האָט מיך געבריט אַזוי ווי יאַד אויף אַן אָפענער ווונד. אין איין רגע האָט אויפגעבליצט אין מײַן באַוווסטזײַן דאָס בילד פונעם גאַנצן גרויליקן אַרום און כ׳האָב זיך געזען אין שפּיגל אויף דעם טראַגישן פּאָן: אַן אײַנגעבויגענעם פאַרענדיק זיך בײַם צורויבן אַ זייגערל פון אַ מת. איך בין געוואָרן אויפגעטרייסלט ביזן גרונט פון ווידערווילן און בושה צו זיך אַליין און בין שנעל אַוועק ווײַטער.

אין ערגעץ האָב איך נישט באַמערקט קיין לעבעדיקן נפש. אַלע זײַנען פון שרעק אַוועק אין די באַהעלטענישן און איך האָב זיך אַרומגע־דרייט איינער אַליין, צווישן חורבן און טויט און אײַנגעזאַפּט אין זיך

טיף, ביזן דעק פון דער נשמה די גרויליקע רעזולטאטן פון די דײַטשע פארברעכנס. די ערשטע, וואס זײַנען ארויס פון די באהעלטענישן און האבן זיך באוויזן אין גאס זײַנען געווען די מענטשן־שאקאלן וואס האבן געזוכט רויב. בעת כ'בין צוריקגעקומען צום ארט, ווו ס'איז געלעגן דאס מתים־פארל כאיטאוויטש, איז שוין לעבן זיי נישט געווען נישט דאס קיישל מיט פראדוקטן, נישט דאס זייגערל, אפילו די צעבראכענע ברילן זײַנען פארשוווּנדן געווארן.

ענדלעך האט זיך אויך באוויזן א יידישע פרוי, וועלכע האט מיך אוועקגעפירט צו זיך אין שטוב, ווו ס'האט זיך געפונען מײַן שוועגערין בעניע. אירע געשרייען, געוויינען און פארצווייפלונג איז געווען אין לשער. צו יענער צײַט איז נאך אזא ארט אומגליק געווען א נײַעס און אן אויסנאם אפילו בײַ יידן און די שוועגערין האט זיך געקלאגט, פאר־וואס גאט האט זי אזוי שווער געשטראפט און צוגענומען בײַ איר מיט איין קלאפ דעם מאן, דעם פאטער און דעם איינציקן ברודער.

איך בין געזעסן לעבן איר א גאנצע נאכט. איך בין איצט געווען דער איינציקער נאענטער מענטש, פאר וועמען זי האט געקאנט באקלאגן איר בראך, אויסגיסן איר ווייטיק. אויף צומארגנס פרי, האב איך זי אוועקגעפירט אין איר פארוויסט געווארענע שטוב. דא ווו אלץ האט דער־מאנט אין די אומגעקומענע האט זי דערפילט נאך טיפער, נאך שטארקער די גרויס פון דער אבידה און צום וויינען, שלוכצן און ספאזמירן האט נישט געקומען קיין סוף. איך בין געווען אומבאהאלפן און נישט געפו־נען קיין טרייסטווארט פאר איר. וואס האב איך דען געקאנט זאגן דער 24 יאריקער פרוי, וואס איז געווארן אפגעריסן פון איר סביבה, ארויסגעריסן פון איר היים און איצט איז זי געבליבן איינע אליין אין דער פרעמד און די דרײַ טויטע קערפערס פון אירע נאענטסטע און ליבסטע זײַנען נאך נישט געקומען צו קבורה און וואלגערן זיך אויפן הויף. איך אליין בין שוין געווען אזוי איבערפולט מיט ווייטיק און מײַנע נערוון זײַנען געווען אזוי אנגעשטרענגט, אז בעת ס'זײַנען ארײַנגעקומען אין צימער צוויי דײַטשן און מיט אנגעצילטע איר מיר געוועד ארויסגעפירט אויפן גאס האב איך, מיינענדיק, אז דאס איז שוין דער סוף — דערפילט א דערלײַכטערונג. נאר ס'האט זיך געענדיקט דערמיט, וואס זיי האבן

מיך באטאפט פון אלע זייטן, צי כ׳האב נישט קיין געווער און אוועקגע־פירט אויף א צווייטער גאס. דארטן האבן זיי מיך איבערגעגעבן א יונ־גיטשקן עס־עס־מאן, וועלכער האט מיך געזאלט אוועקפירן אויף דער זאמל־שטעלע פון געפאנגענע און פון דארט האב איך געדארפט ווערן אפגעשיקט אין לאגער. דער עס־עס־מאן האט צוזאמען מיט מיר געפירט נאך א יידן און ער האט אונדז אויסגעפרעגט פון וואנען מיר זיינען. פלוצים האט ער זיך געוואנדן צו מיר: „וואלסט דו נאך ווארשאו?" — איך האב עס אנגענומען פאר א ציניש שפאס פון א צעלאזענעם היטלער־יונג. ער האט מיר אבער ווייטער זאכלעך דערקלערט, אז בעת מיר וועלן צוקומען צו דער עק־גאס לאזט ער מיך פריי און ער האט מיר געעצהט, אז כ׳זאל גיין מיטן טראקט, ווו ס׳באוועגט זיך דאס מיליטער וועל איך לאנגזאם דערגיין ביז ווארשע. „אבער זיי דאך פארנונפטיג און טראג ביי זיך קיין געווער" — האט ער צוגעגעבן. דער ראג־גאס, ווו ער האט מיך געזאלט פריי לאזן, איז געווען באלאגערט פון עס־עס־מענער, וואס האבן אונדז אבסערווירט און ער האט אונדז געמוזט פירן ווייטער. אז מיר זיינען צוגעקומען צו א שטיל געסל, ווו עס זיינען נישט געווען קיין דייטשן, האט ער מיר געגעבן א שטומען צייכן און צוגעגעבן: „אבער מאך עס גאנץ נעט". איך בין אוועק און דעם צווייטן ייד האט ער מיט־גענומען מיט זיך. איך האב נישט געקאנט פארשטיין וואס עס האט באוויגן דעם יונגיטשקן עס־עס־מאן אויסהיטנדיק זיך פאר זיינע קאלעגן, מיך צו באפרייען אין דער צייט, ווען כ׳האב אים אפילו נישט געבעטן וועגן דעם.

די שוועגערין האט זיך דערפרייט מיט מיר און האט זיך א ביסל בארויקט. זי איז איצט געווען צופרידן, וואס זי האט כאטש מיך נישט פארלוירן. די טראגישע צייט האט געהיילט די קראנקע נשמות מיט אן אייגנארטיקער פסיכאטעראפיע. די צרות זיינען געווען אזעלכע געדיכטע, האבן געיאגט מיט אזא אימפעט און זיינען געקומען אזוי ראש און אומ־געריכט, אז ס׳איז נישט געבליבן קיין צייט אויף אפצוגעבן זיך דעם ווייטיק און צו טרויערן נאך די, וואס זיינען אומגעקומען.

מיט דער דערלויבעניש פון דער דייטשער מאכט האט די חסד־של־אמת צוזאמענגעקליבן די מתים און באגראבן אויפן יידישן בית־עולם אין

א געמיינזאַמען קבר. זייער צאָל איז געווען 53 מענער און איין פרוי. דאָס איז געווען די ערשטע בלוט־ראַטע, אַן אַדערוויף פון די דײַטשן פאַר די ייִדן אין סטאָלפּצע.

די סטאָלפּצער ייִדן האָבן אין פאַרגלײַך מיט די ייִדן פון אַנדערע שכנותדיקע שטעטלעך, וועלכע זײַנען געלעגן אין אַ זײַט פון מיליטערישן טראַקט, שוין באַלד אין אָנהייב פון דײַטשן אַרײַנמאַרש, מער געליטן ווי די אַנדערע צוליב פאָלגנדיקער סיבה: אין די קליינע שטעטלעך, דורך וועלכע ס'האָט נישט אַדורכמאַרשירט קיין מיליטער, האָט זיך דער גהינום פאַר די ייִדן אָנגעהויבן ערשט דעמלט, ווען ס'זײַנען דאָרט אָנגעקומען היטלערס פּייניקונגס־באַאַמטע און דאָס האָט געדויערט אַ געוויסע צײַט. די סטאָלפּצער ייִדן האָבן פונעם ערשטן מאָמענט אָן, פון באַווײַזן זיך פון די „האַקנקרעציקע" נישט געוווּסט וואָס עס הייסט מנוחה און האָבן נישט געהאַט קיין אָטעם־פּויזע אין זייערע צרות. דורך סטאָלפּצע האָבן אָן אויפהער, אָן איבעררײַס אַדורכגעצויגן היטלערס מחנות און כדי צו שטאַרקן זייער גלויבן אויפן וועג צום פראָנט, אין דער דײַטשער מעכטיקייט, אין דער דײַטשער אומבאַזיגבאַרקייט האָבן געדינט די שוצלאָזע ייִדן און זייער האָב און גוטס. טויזנטער האָבן זיי זיך אַרומגע־שלעפּט טאָג־טעגלעך איבער ייִדישע שטובן, האָבן גערויבט, געשלאָגן, געפּײַניקט און אָנגעוואָרפן אַ פּחד. ס'שטעטל איז פּשוט געווען צו קליין כדי זיך ערגעץ צו שיצן פון זייער אָנוועזנקייט און ייִדן זײַנען געווען צו ווייניק אויף צו זעטיקן אַזויפיל רויבער, אויף צו שטילן אַזויפיל בלוט־גיריקייט. מ'האָט זיך געשטיקט מיט דעם פאַרסמטן אָטעם פון דעם שונא. יעדן אינדערפרי האָט זיך אָנגעהויבן אַ ווילד געיעג נאָך דער ייִדישער באַפעלקערונג, וואָס מען האָט געטריבן אויף אַר־בעט. געטריבן האָט מען אַלעמען, נישט אויסגעשלאָסן אַלטע לײַט, פרויען און יוגנטלעכע. דאָס גיין צו דער אַרבעט איז געווען פאַרבונדן מיט סכנות־נפשות און מען פלעגט מיט ציטער־דיקע הערצער בעטן גאָט, אַז מ'זאָל כאָטש אַנטרעפן אויף „גוטע" דײַטשן. ס'האָט אָפט פּאַסירט, אַז אַ טייל זײַנען פון דער אַרבעט געקומען מיט אונטערגעהאַקטע אויגן, צעשפּאָלטענע קעפּ און צעבראָכענע אברים און אַ טייל — מיט אַ שטיקל ברויט און אפילו מיט אַ שאַכטל קאָנסערוון.

וואַלד אין פלאַמען

מיטן יולי 1941. די מיליטערישע אָפּטיילונגען, וואָס זיינען איצט פאַרביי געגאַנגען דורך סטאָלפּצע, זיינען שוין נישט געווען אַזעלכע מוסטערהאַפטע און האָבן שוין נישט געמאַכט אַזאַ אימפּאָנירנ־דיקן אייַנדרוק, ווי די ערשטע מאָטאָריזירטע שטורם־אָפּטיילונגען. דער מענטשן־מאַטעריאַל איז געווען אָן אַנדערער און די אויסשטאַטונג. אויך אַ גאַנץ אַנדערע ווי אין די ערשטע טעג. דאָס זייַנען שוין נישט געווען די געקליבענע יונגע, הויכע, געזונטע און פאַריסענע יונגען, אָנגעטאָן אין נייַע מונדירן מיט בלישטשענדיקע דיסטינקציעס. איצט האָט מען שוין צווישן די מיליטערישע פאָרמאַציעס געזען מיטל־יעריקע מענער, אָנ־געטאָענע אין אָפּגעבלאַקעוועטע מלבושים, מידע, פאַרשוויצטע, וואָס האָבן זיך נישט אויסגעצייכנט מיט קערפּערלעכער שיינקייט און האָבן זיך באַוועגט אָן חשק, נאָכשלעפּנדיק די פיס אָנגעטוענע אין אומגעלומ־פּערטע שטיוואַלעס. דאָס איז געווען פאַר מיר אַ טרייסט און האָט געוועקט גוטע האָפענונגען... אַ סך פון אָט די דייַטשן האָבן ליב געהאַט זיך ארויסצוזאָגן פאַר אונדז וועגן דעם גורל, וואָס עס דערוואַרט די ייִדן. איך וויל דאָ פאַרצייכענען אַ באַלערנדיקן פּרט, וועלכער וועט העלפן באַ־לייַכטן די פראַגע, צי זייַנען דעם דייַטשן פאָלק געווען באַקאַנט די פּלע־נער וועגן דער פאַרניכטונג פון ייִדן. פון פאַרשיידענע דייַטשן, וועלכע האָבן געשטאַמט פון באַזונדערע געגנטן און שטעט און פון פאַרשיידענע געזעלשאַפטלעכע ספערן האָב איך געהערט איינעם און דעם זעלבן פּזמון. דער גרעסטער טייל האָט עס אַרויסגעזאָגט מיט ברוטאַלער פרייד. אַ קליינער טייל — גלייַכגילטיק און מאַנכע אַפילו מיט באַדויערן, נאָר אַלע האָבן זיי איבערגעחזרט דאָס זעלבע: „וויר זייַנען די ערשטער, מיט אונס איסט עס נאָך ניכט זאָ שלים, נאָך אונס קומען די צווייטען, דאַן ווערט ער פיל שלימער פיר אויך יודען, נאַכער קומען די דריטען, די לעצטען דאַן זייַט איר גאַנץ קאַפּוט". טייל פלעגן דאָס וואָרט „קאַפּוט" נאָך אי־לוסטרירן מיט דער געהעריקער זשעסטיקולאַציע, וועלכע האָט פאָרגע־שטעלט בילדלעך ווי אַזוי מיר ווערן „קאַפּוט". איך האָב דאָס וואָרט „קאַפּוט" דעמאָלט פאַרשטאַנען מער סימבאָליש, קאַפּוט מיט אייַער מאַכט, מיט אייַער הערשאַפט, אָבער נישט פיזישע אויסראָטונג. נאָר ווי די טראַגישע פּראַקטיק האָט שפּעטער באַוויזן האָבן זיי געוווּסט, וואָס זיי

רײדן און זײַנען געװען גוט אינפארמירט, נישט בלויז װעגן פּלאַן פון פאַרניכטן די ייִדן נאָר אפילו, װעגן דעם, אין װאָס פאַרא צײַט דאָס דאַרף פאָרקומען. דאָס קאָן דינען װי אַ באַװײַז, אַז פאַרן דורכשניטלעכן דײַטש איז שוין דעמלט (יולי 1941 !) נישט געװען קײן סוד היטלערס פאַרברע־כערישער פּלאַן אויסצוראָטן די ייִדן.

סוף יולי 1941. דאָס פּײַניקן און בארויבן די ייִדישע באַ־פעלקערונג האָט אָנגענומען אַ מער אָרגאַניזירטן כאַראַקטער. ס׳זײַנען אַרויס פאַרשיידענע פאַראָרדענונגען אונטערגעשריבן דורך דער געקומע־נער „אָרטס־קאָמענדאַנטור״, װאָס האָבן זיך מיט גאָרנישט אונטערגעשיידט פון די פאַראָרדענונגען אַרויסגעגעבענע דורך דער דײַטשער מאַכט אין אַנדערע שטעט און שטעטלעך. אַ שטייגער: װעגן אַרבעטספּליכט פאַר מענער פון 14 ביז 60 יאָר און פאַר פרויען פון 16 ביז 50 יאָר; װעגן טראָגן אָרעמבענדער מיט מגן דודס; װעגן פאַרבאָט צו קויפן בײַ אַריער א״אַ. אייגנאַרטיק איז נאָר געװען דער אופן װי אַזוי עס איז געװען אָר־גאַניזירט דאָס פונאַנדערשיקן די ייִדן אויף אַרבעט. דאָס האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אַזאַ בילד: אינעם צענטער פונעם שטעטל איז געװען אַ גרויסער פּלאַץ אויף װעלכן עס פלעגן, פאַר די פּוילישע צײַטן, פאָר־קומען פערד־מערק. דער פּלאַץ האָט זיך געפונען אויף אַ העכערער פלאַך פון גאַנצן אַרום, װאָס האָט געמאַכט אַן אײַנדרוק פון אַ ספּעציעל אויס־געבויטער עסטראַדע. אויף דעם דאָזיקן פּלאַץ האָבן זיך געמוזט צוזאַמענ־קלײַבן יעדן טאָג, 5 אַ זייגער אין דער פרי, די ייִדן פון סטאָלפּצע. איבער דער גאַנצער לענג פונעם פּלאַץ זײַנען געװען אויסגעשטעלט סלופּעס, אַזוי װי װעגװײַזער מיט אויפשריפטן פון 1 ביז 100 פון 100 ביז 200 אאַז״װ ביז אייניקע טױזנט. לעבן יעדן אַזאַ סלופּ זײַנען געשטאַנען אויס־געשטעלט אין גלײַכע רייען אין צװײ שורות 100 מענטשן; מענער אין באַזונדערע קאָלומנעס, פרויען אין באַזונדערע און יוגנטלעכע אין באַ־זונדערע. אַרום דעם פּלאַץ האָט זיך געפונען װי צושויער די אָרטיקע אַרישע באַפעלקערונג. צװישן זײ האָבן זיך געפונען סתם נײַגעריקע, װאָס זײַנען געקומען זיך קװיקן מיט דעם גרויסאַרטיקן בילד און אויך אַזעלכע, װאָס זײַנען געקומען „געשעפטלעך״, װעלכע האָבן געװאַרט, אַז מען זאָל

זיי צוטיילן יידישע שקלאפן צו דער ארבעט. דערווייל זיינען נאך די דייטשן נישט געווען אויפן פלאץ און די יידישע ארדנער אליין האבן געמאכט ארדענונג. אויסגעשטעלט יעדן אויף זיין ארט און אלע איבער־געציילט. מיטאמאל איז דורכן גאנצן פלאץ אדורך א שטילער מורמל: „זיי גייען!" און אלע האבן זיך אויסגעגלייכט שטייף און אראפגעכאפט די היטלען פון די קעפ. ס'האט נישט לאנג געדויערט און עס האט זיך באוויזן דער ארטס־קאמענדאנט מיט זיין געהילף, דער „זאנדער־פירער" פאר יידישע ענינים. דער קאמענדאנט איז געווען א יחסן, און האט געהאט א לאנג אויסגעצויגן פנים מיט א שראמע, וואס האט אויסגעדריקט רשעות און גאווה. די דיניטשקע, ווי ביי א פרוי, ליפעלעך זיינען געווען צוזאמענגעקוועטשט אין א שלעכטער גרימאסע און אין גאנצן האט ער געמאכט אן איינדרוק ווי א לעבעדיקע קאפיע פון א קאריקאטור אויף א דייטשן יונקער ארויסגענומען פון א הומאריסטישער אויסגאבע. ער איז געשטאנען פון דער ווייטנס א שווייגנדיקער מיט א שפיצרוט אין איין האנט, מיט די האנטשן אין דער צווייטער און האט א שטאלצער, זיך צוגעקוקט ווי א פעלדמארשאל אויף זיין ארמיי, צו די גלייך אויסגע־שטעלטע קאלומנעס. אין זיין מיליטערישער קאריערע האט ער נישט געמוזט האבן קיין גרויס מזל, ווייל ער איז שוין געווען גענוג אלט און צוגעקוקט ווי א פעלדמארשאל אויף זיין ארמיי, צו די גלייך אויסגע־גענוצט זיין מיליטערישן טאלאנט אויף צו קאמאנדעווען מיט יידן. קוים האט ער באמערקט עפעס א פגם אין דער ארדענונג פון די אויסגע־שטעלטע קאלומנעס פון די אומגליקלעכע מענטשן האט ער גלייך אויפ־מערקזאם געמאכט דערויף דעם זאנדער־פירער. (ער אליין האט זיך נישט מטמא געווען מיט קיין יידן). ער האט זיך קיינמאל נישט געוואנדן די־רעקט צו די יידן, אז ער האט געוואלט עפעס זאגן די יודנראט־מיטגלידער. ווען ער האט זיי געלאזט רופן צו זיך, האט ער גערעדט צום אדיוטאנט זיינעם און יענער האט ערשט איבערגעחזרט זיינע רייד צו די יידן אין זיין אנוועזנהייט. דער זאנדער־פירער — א פאלקסדייטש פון לעטלאנד, וועלכער האט גערעדט גוט רוסיש איז ארום אויפן פלאץ, ווי א ווילדע חיה, וואס איז ערשט ארויסגעלאזט געווארן פון שטייג. ער איז ארומ־געלאפן א צעיושעטער צווישן די אויסגעשטעלטע מענטשן־רייען מיט

געשרייען, געוואַלדן, זידלערייען און האָט אויף אַלעמען אַנגעוואָרפן אַ פּחד. פאַרן מינדסטן חטא און אויך אָן וועלכער סיבה, האָט ער געטיילט פּעטש. זיינע פּעטש זיינען געווען הילכיקע און האָבן אָפּגעקלונגען איבערן גאַנצן פּלאַץ און דערפאַר האָבן מיר אים געגעבן אַ צונאָמען „דער פּאַטשער". נאָך דעם האָט זיך אָנגעהויבן דאָס צעשיקן אויף אַרבעט. ראשית זיינען געוואָרן דערליידיקט די דייטשע פאָדערונגען אויף יידישע אַרבעטער, וועלכע זיינען געוואָרן באַנוצט אויף צו לייגן באַן־רעלסן, אויף צו בויען וועגן, אויף צו לאָדענען וואַגאָנען און אויף צו באַדינען די אַדורכפאָרנדיקע מיליטערישע טראַנספּאָרטן. די פרויען האָבן זיי אַמ־מייניסטן באַנוצט אויף צו רוימען און וואַשן וועש. טייל דייטשן פּלעגן אַליין קומען זיך אויסקלייבן אַרבעטער און זיי גלייך מיט זיך מיטנעמען. דעמלט האָט מען זיך באַמיט דורך פאַרשיידענע אופנים אַריינצופאַלן צו „גוטע" דייטשן. דערביי זיינען אָפט פאָרגעקומען פאַטאַלע טעותים, ווייל די שלעכטע דייטשן האָבן זיך אַ סך מאָל אַרויסגעוויזן פאַר גוטע און די „גוטע" דייטשן פאַר שלעכטע. אָפּגעפאַרטיקט מיט די דייטשע פאָדע־רונגען אויף יידישע אַרבעטער האָט מען זיך גענומען דערליידיקן די ווייסרוסישע פאָדערונגען, וועלכע זיינען געווען צוויייערליי, פון פריוואַטע פערזאָנען און פון דער שטאָט־פאַרוואַלטונג. די פריוואַטע פערזאָנען (נאָר ווייסרוסן האָבן גענאָסן פון דער פריווילעגיע, פאָלאַקן נישט) האָבן באַקו־מען יידישע אַרבעטער אויף צו בויען פאַר זיך הייזער, שייערן און אויף צוצוהעלפן אין דער באַלעבאַטישקייט און אין זייערע פריוואַטע אונ־טערנעמונגען. די שטאָט־פאַרוואַלטונג האָט באַקומען יידישע אַרבעטער אויף אויסצופירן אַלע שווערע און שמוציקע אַרבעטן, וואָס זיינען געווען נייטיק פאַרן שטעטל. אַ ספּעציעלע בריגאַדע פון יידישע פרויען איז געווען באַשטימט אויף צו קערן די גאַסן. ביזן קומען פון די דייטשן האָט זיך געפירט אין סטאָלפּצע, וואָס איז אגב געווען זייער אַ ריין שטעטל, אַז יעדער באַלעבאָס האָט געהאַלטן ריין דאָס שטיקל שטח ווו ער האָט געוווינט. איצט האָבן די יידישע פרויען געמוזט קערן פאַר אַלעמען און דער גרעסטער טייל פון די סטאָלפּצער אַריער, זייענדיק פריי פון אַרבעט, האָבן דערווייל געלעבט ווי פּאַטריציער און האָבן גענאָסן אומגעשטערט אין פולער מאָס פון דעם, דורך זיי אָנגערויבטן, יידישן האָב און גוטס.

25 יולי 1941. הײַנט זײַנען די ייִדן פֿון סטאָלפּצע, װעלכע האָבן זיך געשטיקט און געמאַטערט אין דעם גהינום, װאָס ס׳האָבן געשאַפֿן פֿאַר זײ די שױן הײמיש־געװאָרענע דײַטשע פּײַניקער, געװאָרן אױפֿגעטרײסלט פֿון אַ פֿריש אומגליק, װאָס האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אױף זײערע קעפּ. ס׳זײַנען אַראָפּגעקומען אין שטעטל אױף אַ „גאַסטראָל״ די מחבלים פֿון דער געשטאַפּאָ און האָבן פֿאַרצוקט פֿרישע 90 ייִדישע לעבנס. די זאַך איז פֿאָרגעקומען אױף אַזאַ אופֿן: שױן אײניקע טעג װי כ׳האָב געאַרבעט צוזאַמען מיט נאָך אײניקע הונדערט ייִדן, 8 קילאָמעטער הינטערן שטאָט, בײַם בױען אַ נײַעם װעג. די אַרבעט איז געװען זײער אַ שװערע, דער טעמפּאָ אַ מערדערישער, דער װעג האָט געדאַרפֿט דינען פֿאַר דעם אַדורכמאַרש פֿון דײַטשן מיליטער און האָט געמוזט פֿאַרטיק װערן אין געצײלטע טעג. פֿון אָנגעשטרענגטקײט און מידקײט זײַנען מיר געפֿאַלן פֿון די פֿיס, װײַל אַחוץ די 12 שעה פֿון קאַטאָרגע־אַרבעט האָבן מיר נאָך געמוזט גײן יעדן טאָג 16 קילאָמעטער צו דער אַרבעט און צוריק אין דער „סימפּאַטישער״ געזעלשאַפֿט פֿון די דײַטשע אונטעריאָגער. פֿונדעסטװעגן זײַנען מיר געװען צופֿרידן, װײַל צוליב דעם, װאָס מיר האָבן געמוזט באַלד פֿאַרטאָג אַװעק צו דער אַרבעט האָבן מיר אױסגעמיטן די בזיונדיקע פּראָצעדור פֿון שטײן אױפֿן שקלאַפֿן־פּלאַץ, פֿונעם אָנקוקן דעם קאָמענדאַנט מיטן „פּאַטשער״ און דער עיקר, זיך אײַנצושפּאָרן דעם װײטיק צו זײַן אױסגעשטעלט אױף חוזק פֿאַר דעם נחת־שעפּנדיקן װײַסרוסישן פּובליקום. אָנגעפֿירט מיט דער אַרבעט האָט די „אָרגאַניזאַציאָן־טאָדט״ צװישן װעלכער ס׳האָבן נישט געפֿעלט קײן דײַטשע מנוולים און תליונים. דער אָנפֿירער פֿון דער גרופּע, אַן עלטערער דײַטשער אינזשיניער איז גראָד געװען אַן אָרנטלעכער מענטש און אַדאַנק דעם איז די באַציִונג צו אונדז געװען אַ דערטרעגלעכע. מיר האָבן אמת געאַרבעט זײער שװער, איבער די כּוחות. אָבער קײן ספּעציעלע באַלײדיקונגען, שיקאַנעס און פּײַניקונגען האָבן מיר נישט געהאַט אױסצושטײן. איך האָב אײן מאָל אַלײן אונטערגעהערט, װי דער אינזשיניער האָט געזאָגט צו מײַן מײַסטער, אַז ער זאָל זיך אָנשטענדיק באַגײן מיט די „לױטע״ „זי קאָנען פֿאָדערן דאָס זײ פֿלײסיק אַרבײטן — האָט ער געזאָגט — אָבער אַנשטענדיק, דאָס זײַנען דאָך מענטשן״. הײַנט נאָך דער אַרבעט, זײַנען

מיר געווען נאָך מער פאַרמאַטערט ווי געוויינלעך, ווײַל כדי מיר זאָלן באַפרײַט זײַן אויפן מאָרגנדיקן זונטיק, האָבן מיר הײַנט געאַרבעט פון 3 אזייגער פאַרטאָג ביז בײַנאַכט. דערנאָך זײַנען מיר געוואָרן אהיימגעפירט דורך די דײַטשן. מיר זײַנען געגאַנגען שמוציקע, הונגעריקע, דורשטיקע, שלעפנדיק מיד נאָך זיך די צעקאַליעטשעטע פיס. כאָטש מיר זײַנען געווען אַזוי שרעקלעך דערשעפּט און פאַרמאַטערט זײַנען מיר פונדעסטוועגן הײַנט געגאַנגען מער צופרידענע ווי אין אַנדערע טעג, ווײַל מיר האָבן זיך געקוויקט מיט דער אָנגענעמער דערוואַרטונג פון מאָרגנדיקן רוטאָג. יעדער פון אונדז האָט זיך געהאַט זײַנע פּלענער און באַגערן פאַרן מאָרגנדיקן טאָג און יעדער פון אונדז האָט זיך פאַרגעשטעלט און איבערגעלעבט דעם נחת פון דעם אָפּרו אויף אַן אַנדערן אופן. אַזוי גייענדיק זײַנען מיר דערגאַנגען ביז צום שטעטל, נאָר דאָ האָט אונדז דערוואַרט אַ טרויעריקע איבערראַשונג. וואָס האָט אונדז געמאַכט פאַרגעסן פון הונגער און מידקייט און אַרויסגעשלאָגן פון די קעפּ אין איין אויגנבליק אַלע זיסע פאַנטאַזיעס וועגן פאַרדינטן אָפּרו און רו. אויפן מיטן וועג האָבן שוין פון פריִער אונדז אָפּגעוואַרט עס־דעניקעס *), וועלכע האָבן אונדז פאַרהאַלטן און באַגעגנט מיט אַ האַגל פון קלעפּ. זיי האָבן צוריקגעשיקט די דײַטשן, וועלכע האָבן אונדז באַגלייט און זיי האָבן אונדז איבערגענומען אין זייער רשות. אונטערן אַקאָמפּאַנימענט פון קלעפּ און זידלערײַען האָבן זיי אונדז אויסגעשטעלט אין רייען און דערנאָך איז אָנגעקומען אַן עלעגאַנטער אויטאָ פון וועלכן עס זײַנען אויסגעשטיגן געשטאַפּאָווצעס און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ סעלעקציע. זיי האָבן אַלעמען אויפמערקזאַם באַטראַכט, יעדן געקוקט אין די אויגן אַרײַן און זיך נאָכגעפרעגט אויף זײַן באַרוף. יעדן, וועלכן זיי האָבן חושד געווען, אַז ער איז אַן אינטעליגענט האָבן זיי אַרויסגענומען פון דער ריי און מיטגענומען מיט זיך. און חושד געווען האָבן זיי יעדן, בײַ וועמען זיי האָבן באַמערקט אַ לעבעדיקן אויסדרוק אויפן פּנים, אַ גרימאַסע פון פּראָטעסט אָדער פון מענטשלעכער ווירדע. פאַרדעכטיק איז פאַר זיי געווען יעדע גלײַכע, גוטגעהאַלטענע פיגור און שטאָלצער אויסזען. כ׳האָב געהערט

---

*) די נאַצישע פאַרמאַציע „זאָנדער דינסט״.

ווי איין געשטאַפּאָוויעץ האָט געזאָגט צום צווייטן, אַנוואַיזנדיק אויף אַ הויכן שלאַנקן בחור, וועלכער איז געשטאַנען לעבן מיר, „אָט דער לאַנגער האָט זעלבע אומרויִקע אויגן" גו, און מען האָט אים אַרויסגענומען פון דער ריי. דער ערשטער, וועמען די געשטאַפּאָוועס האָבן אויסגעקליבן פאַרן קרבן און אַרויסגענומען אים פון דער ריי, איז געווען דער סטאָלפּצער שוחט. דאָס איז געווען אַ זעלטענער טיפּ פון אַ שוחט און אַ זעלטענער טיפּ פון אַ מאַנספּאַרשוין, וועלכער האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן און האָט זיך אויסגעטיילט מיט זײַן אויסזען צווישן צענדליקער טויזנטער. אַ הויכער, אַ ברייטער, מיט אַ שיינער שוואַרצער באָרד און אַ פּאָר שוואַרצע ברענענדיקע אויגן. שטייענדיק אין דער ריי איז ער אפילו דעם העכסטן פון צווישן אונדז איבערגעוואַקסן מיט אַ קאָפּ און האָט געמאַכט אַן אײַנדרוק ווי אַ פעסטער דעמב צווישן גישט־אַנטוויקלטע ביימער. נאָך דעם, ווי ס'האָט זיך געענדיקט דאָס אַרויסקלײַבן די בעסטע, די געראַ־טנסטע פון אונדז האָט מען די איבעריקע געשלאָגן מיט שטעקנס איבער די קעפּ און געיאָגט ווײַטער. נאָכן אָפּגיין אַ שטיקל וועג האָט זיך אָנגע־הויבן די זעלבע פּראָצעדור פון סעלעקציאָנירן אויף דאָס נײַ, וואָס איז אַדורכגעפירט געוואָרן פון אַנדערע געשטאַפּאָוועס. דאָס האָט זיך אַזוי איבערגעחזרט דרײַ מאָל און יעדעס מאָל זײַנען אונדזערע רייען קלענער געוואָרן מיט אייניקע פּערזאָן און צווישן די געבליבענע איז געוואַקסן די צאָל צעשלאָגענע און צעקאַליעטשעטע. דאָס זעלבע האָט זיך אין דעם טאָג איבערגעחזרט אויך בײַ אַנדערע גרופּן יידישע אַרבעטער. אחוץ דעם האָט מען נאָך אַרויסגענומען פאַרשיידענע פּערזאָנען לויט אַ ליסטע, פון זייערע הײַזער. די אַלע מענטשן זײַנען אויף אייביק פאַרשוווּנדן אָן אַ שפּור, דאָס אָרט און דער אופן פון זייער אומקום איז געבליבן דער סוד פון די דײַטשע תלינים.

אָנהייב אויגוסט 1941. עס איז געקומען אין סטאָלפּצע אַ פרישע אָרטס־קאָמענדאַנטור, וואָס האָט באַקומען דעם נאָמען „די ווי־נער", ווײַל דער קאָמענדאַנט און דער גרעסטער טייל פון דער מאַנשאַפט האָבן געשטאַמט פון ווין. דערווײַל האָבן זיי נאָך נישט אַמטירט. דער „פאַטשער" האָט פאַרענדיקט זײַנע לעצטע טעג פון געוועלטיקן איבער

יידן און האָט זיך געגרייט אין וועג אַרײַן. די יידן זײַנען געווען צופרידן פון דעם טויש, ווײַל די „ווינער" האָבן אַלע געלויבט אַלס גוטע מענטשן און מען האָט זיך געפרייט, וואָס מען ווערט ענדלעך פּטור פון דעם פאַר־האַסטן און ווילדן „פּאַטשער". דער ווילדער „פּאַטשער", וועלכער האָט זיך מיט דער צײַט, געלאָזט אַ ביסל אײַננעמען און פאַר ביזשוטעריע און געלד האָט ער באַפרײַט אייניקע רײַכע יידן פון צו קומען אויפן פּלאַץ און צו גיין אויף אַרבעט, האָט זיך געקלאָגט פאַר מײַנעם אַ באַקאַנטן שנײַדער בײַ וועמען ער האָט זיך גענייט מלבושים, אויף דעם, וואָס ער איז אַזוי פאַרהאַסט בײַ די יידן און האָט זיך אַראָפּגערעדט פון האַרץ: „כ׳וויים וועגן דעם — האָט ער געזאָגט — אַז די יידן האָבן מיך פײַנט, רופן מיך „פּאַטשער" און זײַנען צופרידן דערפון, וואָס כ׳גיי אַוועק פון דאַנען, נאָר ס׳קאָן זײַן, אַז די סטאָלפּצער יידן וועלן מיך נאָך דערמאָנען צום גוטן און וועלן זיך איבערצײַגן, אַז איך בין נישט געווען דער ערגסטער דײַטש. טראַכט וועגן דעם און נעמט זיך דאָס גוט אין זינען אַרײַן, אַז דורך דער גאַנצער צײַט פון מײַן זײַן בײַ אײַך איז קיין איין ייד נישט דערשאָסן געוואָרן". איך וויים נישט צי דאָס איז געווען זײַן פּערזענלעכער פאַר־דינסט. אַמוואַרשיינלעכסטן איז, אַז דאָס האָט איינפאַך נישט געהער צו זײַנע פונקציעס (ער האָט געהערט צו די „ערשטע"). ווי ס׳זאָל נישט זײַן איז אַ פאַקט, אַז נאָך דעם ווי מיר האָבן געהאַט דאָס אומגליק צו באַקענען „נעענטער" אַ גאַנצע גאַלעריע טיפּן פון דײַטשע רוצחים און מנוולים האָבן מיר זיך איבערצײַגט, אַז דער „פּאַטשער" איז נישט געווען דער ערגסטער צווישן זיי.

דאָס איבערנעמען די מאַכט דורך די „ווינער" האָט זיך אָנגעהויבן גרויסאַרטיק און האָט געוועקט גוטע האָפענונגען בײַ די יידן פון סטאָלפּצע. נאָכן איבערנעמען זײַן אַמט האָט דער נײַער קאָמענדאַנט, אַ ווינער פּראָ־פעסאָר אין ראַנג פון אַן אָבער־לויטנאַנט, געלאָזט רופן צו זיך די יודנראַט־מיטגלידער, געבעטן זיצן און גערעדט מיט זיי פרײַנדלעך און מיטפילנד. ער האָט זיך אויפגערעגט אויף דעם „באַרבאַריזם", וואָס יידן מוזן טראָגן ספּעציעלע צייכנס און האָט צוגעזאָגט צו באַמיִען זיך, אַז ס׳זאָל אָפּגעשאַפט ווערן די „שענדלעכע" (זײַן באַצייכענונג) פאַראָרדענונג. דערווײַל האָט ער געמאַכט דעם ערשטן זשעסט און אַרײַנגעטראָגן פאַר־

לײַכטערונגען אין דער פאראָרדענונג וועגן ארבעטס־פליכט פאר ייִדן וואס ס'האט ארויסגעגעבן די פריִערדיקע קאמענדאנטור, אין דעם זין, אז מענער זײַנען פארפליכטעט צו ארבעטן נאר פון 16 ביז 50 יאר און פרויען פון 18 ביז 40. די יודנראט־מיטגלידער זײַנען צוריקגעקומען פון דער קאמענדאנטור אין א געהויבענער שטימונג און זײַנען געווען גערירט פון דער איידעלער און מענטשלעכער באציִונג מצד דעם קאמענדאנט. אלע האבן פרײַער אפגעטעמט און האבן געמיינט, אז דאס ערגסטע איז שוין פארבײַ, אז עס גייט צום בעסערן. אין די טעג פון גוטער האפענונג האב איך געארבעט אין דער קאמענדאנטור אלס שנײַדער. געארבעט האב איך אין דעם צימער פון נײַעם זאנדער־פירער פאר ייִדישע ענינים, קאך, און האב געהאט די מעגלעכקייט זיך צוצוקוקן פון דער נאענט צום שפעטערדיקן תליון פון צענדליקער טויזנטער ייִדן פון דער גאנצער ארומיקער געגנט. נאר דערווײַל זײַענדיק אונטער דער סוגעסטיע ווי אלע אנדערע ייִדן פון סטאלפצע, וועגן די „גוטע ווינער" און שטיצנדיק זיך אויף דעם אויסערלעכן אויסזען און האלטונג פון קאכן האב איך זיך געהאלטן גענוג פרײַ און היימיש אין זײַן געזעלשאפט. דאס איז געווען א פארשוין פון א יאר עטלעכע צוואנציק, א הויכער, א שלאנקער און שיינעם מאנספארשוין, מיט פײַנע מאניערן, עלעגאנטע האלטונג און זייער אן אנגענעמע שטים. צו מיר האט ער זיך באצויגן פרײַנדלעך און גוט. צו יענער צײַט איז ער נאך געווען ווייניק פארנומען; (זײַן תליונישע טעטיקייט האט ער ערשט אנגעהויבן שפעטער) האט געהאט א סך פרײַע צײַט און פלעגט זיצן שעהען גאנצע מיט מיר אין צימער, ווו כ'האב געארבעט און פרײַנדלעך שמועסן. מײַן ארבעט איז באשטאנען אין פאריכטן מיליטערישע מלבושים און אויפנייען ציכלעך פון פויערישע לײַוונט, וועלכע, נאכן אנפילן מיט היי, האבן זיי געדינט פאר קישנס. מיט קיין פארמעגן זײַנען די ווינער נישט געקומען קיין סטאלפצע און איך פלעג זיך פילן נישט באקוועם און זשענירט דערפון, וואס קאך פלעגט מיר כסדר פארלייגן, אז כ'זאל זיך באמיִען בײַ די ארטיקע ייִדן צו באקומען פאר אים און פארן אבער־לויטנאנט שטאף אויף א ציווילן אנצוג. ער האט צוגעזאגט צו צאלן מיט מעל און בראנפן און מיר וועט ער זיך אויך אפדינען און דאנקבאר זײַן פאר מײַן פארמיטלונג. נאר אט די ארט פארמיטלונג איז מיר געווען דערווידער און

קעגן מײַנע פּרינציפּן און ער איז וואָס אַמאָל מער צוגעשטאַנען צו מיר, אַזוי אַז בײַ דער ערשטער געלעגנהייט, וואָס עס האָט זיך געמאַכט האָב איך זיך געלאָזט צונעמען דעם גוטן „אַרבעטספּלאַץ" אויף וועלכן ס'האָבן זיך געפונען געגנוג בעלנים און בין ווײַטער געגאַנגען צו שווערער אַרבעט.

מיטן אָנהייבן אַמטירן פון דער נײַער קאָמענדאַנטור, דאַטירט זיך דאָס אַרויסגיין אויף דער סצענע און דער אָנהייב פון דער טראַגישער טעטיקייט פון דעם סטאָלפּצער יודנראַט. כאָטש נאָמינעל האָט ער שוין עקזיסטירט פון פריִער, אָבער פאַקטיש האָט ער אין דער צײַט פון דער פריִערדיקער קאָמענדאַנטור נישט אויסגעפילט זײַנע פונקציעס, ווײַל דער „פּאַטשער" האָט זיך אַליין מיט אַלץ אַן עצה געגעבן. ער האָט אַלץ אַליין אָרגאַניזירט און דער יודנראַט האָט נישט געשפּילט קיין שום ראָל אין יידישן לעבן און קיינער האָט זיך נישט גערעכנט מיט אים. איצט איז ערשט דער יודנראַט צוגעטרעטן אויסצופירן זײַן אייגנטלעכע ראָל, צו זײַן אַ הילפס־ און אויספירונגס־אָרגאַן פון דער דײַטשער מאַכט לגבי דער יידישער באַפעלקערונג. דער יודנראַט, וואָס איז באַשטאַנען אין גרעסטן טייל פון פּליטים, האָט איצט איבערגענומען דאָס אָרגאַניזירן און פונאַנ־דערטיילן די יידישע אַרבעטער פאַר דײַטשן און אַריער. דער יודנראַט איז איצט געוואָרן אַ מאַכט אין יידישן לעבן מיט וועלכער מען האָט זיך געמוזט רעכענען און פון וועלכער מען האָט געקאָנט האָבן אַ טובה. פון די פּערזענלעכע באַציִונגען פון די יודנראַט־מיטגלידער איז געווען אָפּ־העגגיק דאָס באַקומען אַ בעסערן אָדער ערגערן אַרבעטספּלאַץ צי גאָר אין גאַנצן צו זײַן באַפרײַט פון אַרבעט. אין צוזאַמענהאַנג דערמיט האָבן זיך די סטאָלפּצער תושבים געבונטעוועט, וואָס די „ביעזשענצעס" האָבן פאַרכאַפּט די גאַנצע מאַכט אין יודנראַט. נאָר מ'איז צווישן זיך אָדורכ־געקומען און דער יודנראַט איז געוואָרן רעאָרגאַניזירט אין דעם זין, אַז צום „ביעזשעניעץ", דעם פּרעזעס פון יודנראַט האָט מען צוגעטיילט אַ פאַרטרעטער אַ סטאָלפּצער תושב. דער פּרעזעס פון יודנראַט איז געווען אַ געוויסער וויטנבערג, אַ פּליט פון לאָדזש. דאָס איז געווען אַ בחור פון אַ יאָר דרײַסיק, אַן אָרנטלעכער מענטש מיט אַ גוטן כאַראַקטער, נאָר אויף צו זײַן אַ געזעלשאַפטלעכער מנהיג האָט ער נישט געהאַט קיין שום קוואַליפיקאַציעס. זײַן נאָמינאַציע פון די דײַטשן אויף דעם דאָזיקן אַמט

האט ער באקומען אדאנק זײַן רעפּרעזענטאטיוון אויסזען און אויך אדאנק דעם, וואס ער האט געקענט גוט ריידן דײַטש. דאס איז געווען א בחור פון דער „גאלדענער יוגנט", וואס האט גיכער געקאנט פּרעטענדירן צו ווערן אויסגעצייכנט פאר עלעגאנטער האלטונג און מענלעכער שיינקייט ווי צו פארנעמען זיך מיט געזעלשאפטלעכער טעטיקייט. ס'איז געווען א פארגעניגן און סאטיספאקציע צו זען אים לעבן די דײַטשע הערשער, שטענדיק א זויבערער, האט ער אפילו אין די ערגסטע צײַטן נישט פארלוירן זײַן מענערלעכן גלאנץ און ריייץ און אין זײַן קעגנווארט האבן די דײַטשן מיט זייער ראסן־טעאריע אויסגעקוקט ווי חוזק. דער צופאל האט דעם דאזיקן עלעגאנטן בחור אוועקגעשטעלט אויף אזא אמט, צו וועלכן ער איז נישט געווען פעיִק. מ'קאן נישט האבן צו אים קיין טענות דערפאר. מען מוז אבער האבן טענות צו מאנכע פּראפעסיאנעלע מנהיגים פון ייִדישן געזעלשאפטלעכן לעבן פאר זייער צעקראכנקייט, פארלוירנקייט און געפאלנקייט אין דער צײַט פון חורבן. ס'איז אויך שווער מוחל צו זײַן די יעניקע ייִדן, וועלכע האבן נישט געשטעלט אין דינסט זייערע גרויסע פעיִקייטן, אינטעליגענץ און ענערגיע אויף צו פארטיידיקן דעם כבוד און אפשר אויך דאס לעבן פון זייערע ברידער, נאר האבן זיך געלאזט אויסנוצן אלס נעבעכדיקע קרעאטורן דורך די דײַטשן, צום שאדן פון זייער אייגן פאלק. צו דער דאזיקער קאטעגאריע מענטשן האט געהערט דער פארטרעטער פון וויטנבערגן, פּראס. דאס איז געווען א זעלטן קלוגער, פעיִקער און ענערגישער מענטש, א גוטער סוחר מיט א נייגונג צו גרויסע ריזיקאלישע געשעפטן. סטאלפּצע מיט אירע ייִדן איז געווען צו ווייניק אויף אײַנצושלינגען זײַן גאנצע ענערגיע און איז געווען א צו קליינער אביעקט פאר זײַן פארנעם. ער איז, פארשטייט זיך, אין קורצן געווארן דער פאקטישער באלעבאס פון יודנראט, אלע איבעריקע זײַנען געווען בלויז שטומע עדות לעבן אים. די סטאלפּצער האבן געלייגט גרויס האפענונג אויף פּראסן.. זיי האבן געגלויבט, אז ער, וואס האט געפירט פאר דער מלחמה אזעלכע גרויסע געשעפטן און האט „געדרייט מיט א וועלט" וועט זיך אויך מיט די דײַטשן אן עצה געבן. נאר וואס האט געקאנט העלפן דער שארפסטער מוח, דער פײַנסטער אינערלעכער מעכאניזם, דער בעסטער קאפ, אז יעטוועדער דײַטש, דער נארישסטער, דער

טעמפּסטער האָט אים געקאָנט צו יעדער צײַט, צו יעדער סעקונדע צע־שמעטערן. ס׳קאָן זײַן, אַז די חכמה פון אַן אַלט און דערפאַרן פאָלק, די פעיקייט צו אַנאַליזירן צופיל, דאָס וועגן און מעסטן מיטן געדאַנק אַלע מעגלעכקייטן, איז געווען אַן אומגליק פאַר די ייִדן. אין דער הפקרדיקער, היטלעריסטישער צײַט האָט מען געדאַרפט האַנדלען לויטן אינסטינקט, אַזוי ווי אַ חיה, ווײַל דאָס זײַן אַ רואה את הנולד האָט געבונדן דעם ווילן און געהאַמעוועט יעדע טעטיקייט פון אָפּווער, פון נקמה.

דער יודנראַט האָט רעאָרגאַניזירט די אַרבעטס־פּאַרמיטלונג אין דעם זין, אַז יעדנס אַרבעטספּלאַץ זאָל זײַן, אויף וויפל דאָס איז מעגלעך, אַ סטאַבילער; דאָס שיקן אויף אַרבעט זאָל נישט פּאַרקומען כאַאָטיש און צופעליק ווי ביז איצט; יעדער אַרבעטער זאָל קאָנען זיך צושטעלן צו דער באַשטימטער פּאַר אים אַרבעט דירעקט און זאָל נישט זײַן געצוווּנגען, ווי ביז איצט, צו קומען יעדן פאַרטאָג אויף דער אַרבעטס־בירזשע. דאָס איז געווען אַ גוטער אויפטו און אַ גרויסע פאַרלײַכטערונג פאַר די אַר־בעטנדיקע. דאָס האָט אָבער אויך געהאַט שאָטנזײַטן, וואָס זײַנען באַ־שטאַנען אין דעם, וואָס די באַדינגונגען און די געפאַר בײַ די שקלאַפן־אַרבעט (די אַרבעטער זײַנען מיט גאַרנישט געוואָרן באַלוינט) זײַנען נישט אומעטום געווען קיין גלײַכע, נאָר ווי כ׳האָב שוין דערמאָנט, געהאַט פאַר־שיידענע גראַדואַציעס: פון באַקומען עפּעס אָפּצועסן בײַ פאַרהעלטניסמע־סיק לײַכטער אַרבעט ביז די שטענדיקע געפאַר דערשאָסן צו ווערן בײַ קאַטאָרגע־אַרבעט. דאָס האָט געגעבן דעם יודנראַט אַ מעגלעכקייט צו פּריווילעגירן מאַנכע און באַוואָלען אַנדערע. דער לאָקאַל פון יודנראַט איז שטענדיק געווען פול סײַ פון אַזעלכע, וואָס זײַנען דאָרט געקומען אויס־נוצן פּראָטעקציע, סײַ פון באַוואָלטע, וואָס זײַנען געקומען זיך קלאָגן. טייל פון די באַוואָלטע און פאַרביטערטע האָבן פאַרלוירן די הערשאַפט איבער זיך און האָבן זיך פאַרהאַלטן מיט צו ווייניק רעספּעקט פאַר די יודנראַטניקעס. אין צוזאַמענהאַנג דערמיט איז געשען אַ באַדויערונגס־ווערטער און שענדלעכער פאַקט: אַ געוויסער סטאָלפּצער ייִד מיטן נאָ־מען טריבוך, אַ פּשוטער מענטש, אַ פורמאַן, האָט באַליידיקט אַ יודנראַט־מיטגליד. דער יודנראַט האָט געהאַט געגוּג מיטלען אין זײַן רשות אויף

צו באַשטראָפן דעם דאָזיקן ייִד. אנשטאָט דעם האָט דער יודנראַט גע־מאָלדן וועגן דעם די דײַטשן וועלכע האָבן טריבוכן דערשאָסן.

דעם 10 אויגוסט 1941. די טעג פון גוטער האָפענונג פאר ייִדן אין סטאָלפּצע האָבן זיך געענדיקט. די אילוזיעס וועגן דער „גוטער" קאָמענדאַנטור זײַנען צערונען געוואָרן. ס׳איז געשען אַזעלכעס אויף וואָס קיינער האָט זיך נישט געריכט, אַזעלכעס וואָס האָט מער דערשטוינט און דערשיטערט די סטאָלפּצער ייִדן, ווי דער מלחמה־אויסברוך, אַזוינס, וואָס איז נישט געווען משיג צו זײַן מיטן שכל. די „גוטע ווינער" זײַנען איבער נאַכט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין די שרעקלעכסטע אין די בלוטיקסטע מערדער. אין דעם טאָג האָבן זיי אָן אַ פאַרוואָס געשאָסן צוויי ייִדן; אַ גרויסע צאָל ייִדן האָבן זיי מערדערלעך צעשלאָגן בײַ דער אַרבעט, אויף דער גאַס און אין די שטובן. אַלטע לײַט און קינדער האָבן געמוזט ווײַטער גיין צו דער אַרבעט. ייִדן איז פאַרווערט געוואָרן צו גיין אויפן טראָטואַר, אויפן אָרט פון קאָמענדאַנטס צוזאָגן אָפּצושאַפן דעם מוז צו טראָגן אָרעמבענדער מיט מגן־דודס, איז געקומען די פליכט צו טראָגן געלע לאַטעס אויף דער פּלייצע און ברוסט און נאָך אַנדערע גזירות.

דער גרעסטער קלאַפּ, וואָס האָט אַממיינסטן דערדריקט איז געווען דאָס אַרעסטירן די יודנראַט־מיטגלידער, וועמען ס׳האָט געדראָט דערשאָסן צו ווערן. דאָס אַלץ איז געקומען אַזוי פּלוצים און אומגעריכט, אַז די געהירן האָבן זיך געדרייט דערפון און מען איז שיעור נישט אַראָפּ פון זינען. נישט אַזוי ווײַט פון דער פיזישער שרעק ווי פון דער אויסטערלישקייט פון דעם געשעענעם, אַ שמייגער ווי שטובּיקע חיות וואָלטן פּלוצים פאַרוואַנדלט געוואָרן אין וועלף אָדער טויטע קעגנשטאַנדן וואָלטן זיך אָנגעהויבן באַוועגן.

די יודנראַט־מיטגלידער האָט מען נישט געשאָסן, נאָר נאָכן אָפּהאַלטן זיי צוויי טעג אין אַרעסט און דורך שלאָגן און דראָען מיט טויט האָט מען זיי פּסיכאָלאָגיש געהעריק צוגעגרייט צו קאָנען אויספירן זייער אויפגאַבע בײַ די נײַ־אַנשטאַנענע באַדינגונגען. מסתמא האָט זיך דער קאָמענדאַנט איבערצײַגט, אַז זיי זײַנען גענוג אויפנאַמס־פעיִק און עלאַס־

טיש כדי זיך שנעל צו קאָנען צופּאַסן צו דער נײַ־געשאַפענער סיטואַציע און זיי וועלן פּעזק זײַן ווײַטער אויסצופירן זייערע פונקציעס און מ׳דאַרף זיי נישט ליקווידירן.

די סטאָלפּצער קאָמענדאַנטור איז שנעל טרויעריק באַרימט געוואָרן אויך אויסער סטאָלפּצע. קאָך מיט זײַנע געהילפן זײַנען אַרומגעפאָרן ווי „גאַסטראָלערן" איבער די אַרומיקע שטעטלעך און אויסגעשאָסן טויזנטער יידן. מיר פלעגן זען, ווי זיי זיינען אַרויסגעפאָרען מיט לײדיקע׳ לאַסט־אויטאָס און זײַנען צוריקגעקומען מיט פולגעפּאַקטע, מיט די זאַכן פון די דערשאָסענע. דערנאָך זײַנען צו אונדז דערגאַנגען ידיעות, אַז אין טור־רעץ, קלעצק, ניעסוויעזש, מיר, גאָראָדעיע, שווערזשנע אָדער אַנדערשוו זײַנען דערשאָסן געוואָרן אַזויפיל און אַזויפיל הונדערטער יידן. אַלע האָבן זיך געבראָכן די קעפּ אויף צו לייזן דאָס פּסיכאָלאָגישע רעטעניש און צו דערגיין די סיבה, וואָס האָט גורם געווען צו פאַרוואַנדלען די קולטורעלע און „גוטע ווינער" אין די שרעקלעכסטע רוצחים. נאָר די לייזונג פון דער רעטעניש האָט מען נישט געדאַרפט זוכן אינעם געביט פון פּסיכאָ־לאָגיע, נאָר אין דער קאָמפּליצירטער מעכאַניק פון דער היטלעריסטישער דיקטאַטור. איך האָב זיך דאָס אויסגעטײַטשט גאַנץ איינפאַך: די העכערע מאַכט, דערוויסנדיק זיך וועגן דעם ליבעראַליזם פון אירע אונטערגעאָר־דנטע האָט זיי געגעבן אָנצוהערן, אַז זיי זײַנען נישט צוגעפּאַסט צו קיין הינטערפראָנט־דינסט און געדראָט מיט שיקן זיי אויפן מזרח־פראָנט. די „ווינער" האָבן פאַרשטאַנען די אָנצוהערעניש און אונטער דער אָנפירונג פון זייער ליבעראַלן פּראָפעסאָר געמומען אַרויסווײַזן זייער תליונישן טאַ־לאַנט און מיטן גרעסטן אייפער באַמיט איבערצוצײַגן דער העכערער מאַכט, אַז זיי זײַנען אויך גוטע דײַטשן...

19 אויגוסט 1941. הײַנט באַלד אין דער פרי זײַנען אַרומגעגאַנגען שליחים פון יודנראַט איבער די יידישע שטובן און איבער די אַרבעטס־ערטער און צווויסן געגעבן, אַז אַלע מוזן הײַנט פּונקט 12 אַזייגער זיך שטעלן אויף דעם טרויעריק־באַרימטן פּלאַץ, פון וואַנען מען פלעגט אונדז פונאַנדערשיקן אויף אַרבעט אין די צײַטן פון „פּאַטשערס" הערשאַפט. די, וואָס וועלן נישט קומען אויפן פּלאַץ וועלן דערשאָסן

ווערן. זינט דעם אַמטירן פון דער נײַער קאָמענדאַנטור זײַנען מיר מער אויף דעם פּלאַץ נישט געגאַנגען און דאָרטן האָט זיך געאיבט דײַטשיש מיליטער פאַרן אַוועקשיקן זיי אויפן פראָנט. דער פּלוציםדיקער באַפעל זיך ווידער צו זאַמלען אויפן פּלאַץ איז אונדז זייער נישט געפעלן געוואָרן, כאָטש די שליחים פון יודנראַט האָבן אונדז פאַרזיכערט, אַז ס׳האַנדלט זיך בלויז וועגן אַ פאָרמעלער קאָנטראָל פון די אַרבעטנדיקע. אַלעמען איז באַפאַלן אַ פּחד. מיר האָבן פאַרגעפילט, אַז הײַנט דערוואַרט אונדז עפּעס נישט גוטס, אַז ס׳וועט געשען אַ גרויס אומגליק, אַז ס׳שמעקט מיט בלוט און, אַז ס׳דערנענטערט זיך דער יום־הדין אויף פאַר די סטאָלפּ־צער ייִדן.

איך האָב זיך דערמלט געפונען אויף דער באַנסטאַנציע ווו כ׳האָב צוזאַמען מיט אַ גרופּע ייִדן געאַרבעט בײַם לאָדעווען וואַגאָנעס. נישט קוקנדיק אויף אַלע שווערע איבערלעבונגען און די גאַנצע טראַגישע לאַגע אין וועלכער מיר האָבן זיך געפונען, איז ווי אויך להכעיס מײַן געזונט־צושטאַנד און דאָס פונקציאָנירן פון מײַן אָרגאַניזם, געווען בעסער ווי געוויינטלעך. מײַנע מוסקולן זײַנען געווען אָנגעשטרענגט און שטײַף פון כסדרדיקער באַוועגונג; אַלע חושים אין שווערן געראַנגל פאַרן לעבן, זײַ־נען געווען וואַכזאַם, אָנגעשפּיצט און שפּירעוודיק. די נשמה אַ צעטרע־טענע, אַ באַשפּיגענע איז געוואָרן פאַרדרענגט אין די טיפסטע קעמערלעך פונעם אונטערבאַוווסטזײַן און דער קערפּער האָט זיך געפרייט מיט יעדער קלייניקייט. יעדע מינוט אָפּרו, וואָס איז געלונגען אויסצוקאָמבינירן אין מיטן פון דער שווערער אַרבעט, האָט פאַרשאַפט די גרעסטע הנאה. יעדע רגע, וואָס האָט דערנענטערט די צײַט פונעם מיטאָג־איבעררײַס, יעדע סע־קונדע וועמענס לויף כ׳האָב געפילט אינעם ריטם פון מײַן בלוט, ווי דעם טאַקט פון אַ זייגער, האָט פאַרשאַפט הנאה דעם לעבצנדיקן נאָך אָפּרו און באַגערטן צום עסן קערפּער. דער צופלוס פון דער ריינער לופט צו די לונגען און די קוויקנדיקע זונען־שטראַלן האָבן פאַרשאַפן פרייד דעם קערפּער. נאָכן דערהערן די טרויעריקע בשורה וועגן זאַמלען זיך אויפן פּלאַץ, האָט מײַן באַוווסטזײַן ווייניק רעאַגירט דערויף, עפּעס בין איך געווען גלײַכגילטיק און רויִק צו מײַן גורל. נאָר דער קערפּער, וועלכער האָט געוואָלט לעבן און האָט שוין געהאַט דעם פאַרגעשמאַק פון טויט,

האָט רעאַגירט מאָמענטאַל און די רעאַקציע איז געווען אַ גוואַלטיקע; די לופט און דער אַפּעטיט זײַנען פאַרשוווּנדן. די גלידער זײַנען געוואָרן שווער און שלאַבערדיק, אינערלעך האָט געברענט און אין האַלדז איז געוואָרן טרוקן אַזוי ווי ס׳וואָלט זיך מיט איין מאָל אָפּגעשטעלט דער צופלוס פון פײַכטקייט צום גומען. עפּעס ענלעכס, שטעל איך מיר פאָר, לעבט איבער אַן אַנגעקלאָגטער נאָכן פאַרלייענען אים דעם טויט־אורטייל.

פאַר 12 אַ זייגער זײַנען געקומען די יידישע אָרדענונגס־היטער און אַכטונג געגעבן ס׳זאָל זיך חלילה קיינער נישט אַרויסדרייען און האָבן אונדז אַוועקגעפירט אויפן פּלאַץ. דאָרטן האָט מען אַלעמען אויסגעשטעלט אין קאָלומנעס, אַזוי ווי אַמאָל פאַרן „פּאַטשער". ס׳האָט נישט לאַנג געדויערט און ס׳האָט זיך באַוויזן קאָך מיט אַן אָפּטיילונג דײַטשע זעלנער באַוואָפנט מיט אויטאָמאַטן און לײַכט מאַשין־געווער. אַ ציטער איז אַדורך צווישן עולם. די ערשטע אינסטינקטיווע רעאַקציע איז געווען — אַנטלויפן. וואָלט כאָטש זיך נאָר איינער אַרויסגעריסן פון די רייען, וואָלט די גאַנצע מאַסע זיך פונאַנדערגעוויגט ווי אַ שטורעם און גאָרנישט וואָלט שוין געווען בכוח זי אײַנצוהאַלטן, אָפּצושטעלן, סײַדן די דײַטשע קוילן, סײַדן דער טויט. נאָר דאָס איז נישט געשען אין ערשטן אויגנבליק און נאָכדעם, ווי דער באַוווּסטזײַן האָט שוין אָנגעהויבן אַרבעטן, זײַנען שוין אַלע געשטאַנען ווי געליימטע. צו מײַן אויער איז דערגאַנגען אַ ציין־קריצערײַ און אַ געשעפּטשערײַ פון מאַנכע שכנים, וואָס האָבן זיך געמאַכט פאָרווורפן, פאַרוואָס זיי זײַנען דאָ אַהערגעקומען — „מיט די אייגענע פיס געקראָכן אין דער נעץ פון טויט". נאָר נאָכן דערנענטערן זיך פון קאָכן צו אונדז, איז אַלץ שטיל און פאַרשטאַרט געוואָרן. קאָך האָט אַרויסגענומען אַ פּאַפּיר פון טאַש און האָט אויסגערופן: „נומער פונפציק" (יעדע פּערזאָן האָט געהאַט אַ באַשטימטן נומער לויט דער אַרבעטס־קאַרטע. די יודנראַט־מיטגלידער און די אָרדענונגס־היטער זײַנען געווען אויסגעשלאָסן פון דער קאַרטע־טעקע און זיי האָט נישט געדראַט קיין געפאַר). ס׳איז געווען שטיל, קיינער האָט זיך נישט אָנגערופן, קיינער האָט זיך נישט באַוועגט. קאָך האָט נאָך אַ מאָל גערופן: „נומער פונפציק אַרויסטרעטן". ס׳האָט זיך ווײַטער קיינער נישט גערירט — „אייננאונפונפציק אַרויסטרעטן". ס׳האָט זיך אַרויסגעשאַרט אַ צעשראָקענע בלאַסע

געשטאַלט פון דער ריי און זיך אַרומגעקוקט מיט אַ הילפלאָזן און פאַרלוירענעם בליק. — „הונדערט אַרויסטרעטן !”. ס'האָט זיך קיינער נישט באַוועגט. ביי הונדערט צוויי איז וויטער עמעצער אַרויסגעטרעטן פון דער ריי. דאָס האָט זיך אַזוי איבערגעחזרט ביז 750. 15 קרבנות זיינען שוין געשטאַנען אָפגעזונדערט אויפן פלאַץ אַרומגערינגלט פונעם מיליטער. צווישן די אויסגעשטעלטע קאָלומנעס מענטשן־מאַסע האָט געהערשט אַ בית־הקברות־שטילקייט. אַלע זיינען געשטאַנען מיט פאַרכאַפּטע איינגעהאַלטענע אָטעמס, מיט אָפגעשטאָרבענע הערצער אין דער גרעסטער אָנשטרענגונג, אין דער העכסטער שפאַנונג און געוואַרט אויפן אויסגאַנג פון דער שפּיל. אין קאָן איז געשטאַנען דאָס אייגענע לעבן. צווישן די וואָס האָבן זיך נאָך באַטייליקט אין דער שפּיל, האָבן זיך געפונען עלטערן, קינדער, ברידער און שוועסטער פון די פופצן, וואָס זיינען שוין געווען אויסגעשלאָסן פון דער שפּיל. טאָמער האָט ווער פון די שטייענדיקע אין דער ריי נישט אויסגעהאַלטן ביים אַרויסטרעטן פון דאָרט פון זיינם אַ נאָענטן אויף דערשאָסן צו ווערן איז ער געצוווּנגען געוואָרן צו באַהערשן זיך און נישט צו שטערן די שפּיל, נישט דורך די דייטשן, נאָר דורכן קאָנצענטרירטן סוגעסטיוון ווילן פון דער גרעסטער טייל פאַרזאַמלטע, וועלכע האָבן זיך נישט געווונטשן קיין ענדערונגען אינעם סדר פון דער איינגעשטעלטער שפּיל. זיי האָבן געהאַט האָפענונגען ניצול צו ווערן און האָבן מורא געהאַט פאַר יעדער ענדערונג, וואָס וואָלט געקאָנט פאַרערגערן די דאָזיקע שאַנסן (דער לעבנס־אינסטינקט האָט אַלץ בליץשנעל אויסקאַלקולירט). קאָך האָט וויטער פאָרגעזעצט: „נומער אַכט הונדערט”, קיינער האָט זיך נישט באַוועגט. אַנטקעגן מיר אין אַן אַנדערער ריי האָט זיך געפונען מיינער אַ פריינט, דער אייגנטימער פון נומער 801 (מיין נומער איז געווען 1313) אונדזערע בליקן האָבן זיך צוזאַמענגעטראָפן . . . נאָר קאָך איז געוואָרן אומגעדולדיק, ס'איז אים שוין דערעסן געוואָרן דאָס שפּיל און ער האָט אויפגעגעבן דאָס וויטערדיקע אויסרופן די נומערן, ער איז אַדורכגעגאַנגען צווישן די אויסגעשטעלטע קאָלומנעס און געזוכט מיט די אויגן, גענישטערט און פון דאָרט אַרויסגעקליבן נאָך פיר קרבנות, יונגע, שיינע, וווּקסיקע, צווישן וועלכע ס'האָט זיך געפונען אַ בילדשיינע און אין אַלע הינזיכטן געראָטן אַכצן יעריק מיידל — די

בלום און שטאָלץ פון דער סטאָלפּצער ייִדישער יוגנט. אין דער זעלבער ריי האָבן זיך געפונען איר מוטער און שוועסטער. זי האָט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם מאַנטל און אויסגערופן: „מאַמע זײַ געזונט! נעם צו דעם מאַנטל און פאַרקויף אויף ברויט, זײַט אַלע געזונט!״...

די איבעריקע פאַרזאַמלטע איז געוואָרן באַפוילן זיך פונאַנדערצוגיין און גיין צו דער אַרבעט. מיר זײַנען שנעל אַוועק פון פּלאַץ מיט געמישטע געפילן און געשלעפּט מיט זיך דאָס גרויסע געווינס — דאָס אייגענע טרויעריקע לעבן.

צו די 19 פּערזאָן האָט קאָך פאַראייניקט נאָך צוויי פּערזאָן גע־בראַכטע פון תפיסה. דאָס זײַנען געווען — אַן עלטערע פרוי, וועלכע מ׳האָט הײַנט אַרעסטירט פאַרן גיין אויפן טראָטואַר און דעם מסור און מנוּוול פרידלער. דאָס איז געווען אַ פּאַרשוין פון אַ יאָר 40, ער האָט געשטאַמט פון קאַטאָוויץ, האָט געלעבט אַ לענגערע צײַט אין דײַטשלאַנד און האָט גערעדט גוט דײַטש. זײַן שענדלעכע קאַריערע האָט ער אָנגע־הויבן דערפון, וואָס זײַענדיק אַן איבערזעצער בײַ די דײַטשן האָט ער געזידלט און געשלאָגן די סאָוויעטישע קריגס־געפאַנגענע. איבערהויפּט האָט ער זיך באַמיט צו געווינען די סימפּאַטיע און צוטרוי פון די דײַטשן דורך אויסריידן און וואַרפן שמוץ אויפן ראַטנפאַרבאַנד. שפּעטער האָט ער איבערגעטראָגן זײַן נידערטרעכטיקע טעטיקייט צווישן דער ייִדישער באַפעלקערונג. זײַן אומפאַרשעמטקייט און געמיינקייט איז דערגאַנגען אַזוי ווײַט, אַז לויט דעם דײַטשן מאַניער האָט ער געקאָפּיעט מיט די פיס די ייִדישע אַרבעטער, בײַ וועלכע ער איז געוואָרן אַן אויפזעער אויפן באַפעל פון די דײַטשן. די ייִדישע באַפעלקערונג האָט געהאַט אויסצושטיין פון אים גרויסע צרות. איין מאָל איז ער געקומען מיט אַ פּאַפּיר פון קאָמענדאַנט, וואָס האָט אים באַפולמעכטיקט צו האַלטן אַ רעדע פאַר די סטאָלפּצער ייִדן און דער יודנראַט איז געווען געצוווּנגען צוזאַמענצוקלײַבן אַלעמען און פרידלער האָט געהאַלטן זײַן שענדלעכע רעדע ווו ער האָט צווישן אַנדערע געזאָגט: „מיינט נישט אַז די דײַטשן זײַנען געקומען אויף דערוויַל, אַז זיי וועלן אַ מאָל אַוועק פון דאַנען. די דײַטשן וועלן דאָ אייביק בלײַבן און איר דאַרפט פלייסיק און געטרײַ אַרבעטן״. בעת איך האָב געאַרבעט אין דער קאָמענדאַנטור אַלס שנײַדער, האָט זיך דאָרט

פרידלער אַרומגעדרייט מיט דער פּײַקע און פּיסק מעשה דײַטש, ווי אַ היימישער, ווי בײַ זיך. איין מאָל איז ער אַרײַנגעקומען מיט גאווה אין צימער וווּ איך האָב געאַרבעט און וועלכן ס׳האָבן זיך גראַד געפונען קאָך און נאָך אַ דײַטש און אָנגעהויבן צו ריידן מיט זיי אין אַ צוגעלאָזענעם און פאַרטרויליכן טאָן, אַזוי ווי אַן אייגענער, אַזוי ווי אַ קאָלעגע צו קאָלעגן. ער איז געווען אַזוי פאַרבלענדט און זיכער אין זיך, אַז ער האָט נישט באַמערקט די פאַראַכטנדיקע איראָניע אויף די דײַטשע פּנימער. ווען כ׳האָב באַמערקט, ווי נאָך פרידלערס פאַרלאָזן דעם צימער, האָבן די דײַטשן פילזאָגנדיק און געהיימניספול זיך איבערגעווונקען, האָב איך זיך דערלויבט צו ווענדן צו זיי אויף פרידלערס אַדרעס מיט פאָלגנדיקע פראַגן: „ווי אַזוי קאָנט איר האָבן צוטרוי צו אַזאַ אינדיווידיום, וואָס פאַראַט זײַן אייגן פאָלק? וואָס וויל רײַך ווערן אויף זייער אומגליק?” אויסנוצנדיק די גאַנצע קאָניוקטור האָט פרידלער דערווײַל געלעבט אויף אַ ברייטן שטייגער. ער האָט זיך שוין געקאָנט דערלויבן אויף אויסצו־האַלטן אַזש צוויי מעטרעסעם מיט אַ מאָל. ס׳האָבן זיך אַפילו געפונען ייִדן, וואָס האָבן זיך נישט געמיאוסט אַרײַנצולאָזן זיך מיט אים אין גע־שעפטן און געזוכט דורך זײַן פּראָטעקציע און פאַרמיטלונג בײַ די דײַטשן, צו פאַרגרינגערן זיך דאָס אייגענע לעבן (דאָס איז ער געווען דער פאַר־מיטלער בײַם אַדורכפירן די טראַנזאַקציע מיטן „פּאַטשער” פון באַפרײַען אייניקע רײַכע ייִדן פון צוואַנגסאַרבעט). נעכטן האָט קאָך פּלוצים אַדורכ־געפירט בײַ אים אין וווינונג אַ רעוויזיע און דאָרט געפונען אַ גאַנצן מאַגאַזין פון שפּײַז־פּראָדוקטן און פאַרשיידענע אַנדערע סחורות. ענדלעך האָט גענומען אַ סוף צו פרידלערס קאַריערע און די ייִדן פון סטאָלפּצע זײַנען פּטור געוואָרן פון דער פּלאָג. קאָך מיט זײַנע געהילפן האָבן אים אַזוי צעשלאָגן, אַז שוין אַ האַלב טויטן האָט מען אים אַוועקגעטראָגן אין תפיסה און הײַנט, צוזאַמען מיט די אומשולדיקע קרבנות, אַוועקגעפירט אויפן ייִדישן בית־עולם און דאָרט אים דערשאָסן. פאַרן טויט, בײַם אויס־געגראָבענעם קבר פאַר זיי, האָבן זיך אַלע צוואַנציק פאַרהאַלטן רויִק, מיט ווירדע, ווי עס פּאַסט פאַר קדושים נאָר דער מסור פרידלער, האָט געבעטן, געסקאָמלעט און געוויינט פאַר זײַנע ווילטעטער, די דײַטשן, וועמען ער האָט געדינט, אַז זיי זאָלן אים שענקען דאָס לעבן.

אפילו נאָכן טויט איז נישט געלונגען פטור צו ווערן פון דעם אומ־ווירדיקן פגר וועלכער האָט פאַראומרייניקט אין געמיינזאַמען קבר דאָס אומשולדיק פאַרגאָסענע בלוט פון די 20 קדושים.

די גאַנצע טראַגישע געשעעניש פונעם אָנהייבן זאַמלען זיך אויפן פּלאַץ ביזן צוריקגיין פון די דײַטשע תּליונים פונעם בית־עולם נאָך דער אָפּגעטוענער אַרבעט, האָט נישט געדויערט קיין גאַנצע צוויי שעה. די נאָענטסטע פאַמיליעס פון די געשאָסענע זײַנען שוין פון לאַנג צוריק געווען בײַ דער אַרבעט און ווײַטער געשאַפן פאַר די דײַטשן. די לעקציע פון דעם דאָזיקן טאָג האָט זיך טיף אײַנגעשניטן אין אַלעמענס פּסיכיק. אין דעם טאָג האָבן מיר באַקומען אַן אָנשוילעכע לעקציע ווי אַזוי עס זעט אויס די טעכניק בײַם פאַרניכטן ייִדן. ביז דעמאָלט איז דאָס אומ־ברענגען פון ייִדן אין סטאָלפּצע געווען באַגלייט מיט אַ כּלומרשטע סיבה און אין דעם טאָג האָט מען זיך איבערצײַגט, אַז עס דאַרפן נישט זײַן קיין שום סיבות דערצו.

אויף צו מאָרגנס נאָך דער טראַגעדיע האָבן ייִדן, וואָס זײַנען גע־שטאַנען נאָענט צום יודנראַט, בסוד, מיט געהיימניספולע וויכטיקע מינעס, געגעבן צו פאַרשטיין, אַז מ׳דאַרף אייגנטלעך זײַן צופרידן פון דעם, וואָס עס איז נעכטן געשען, ווײַל פאַר סטאָלפּצע איז געווען באַשטימט אַ „קאָנטינגענט" פון 500 ייִדן אויף צו שיסן, נאָר אַ דאַנק די באַמיִונגען פון יודנראַט זײַנען מיר אָפּגעקומען מיט אַזוי ווייניק קרבנות. די דאָזיקע טרייסט האָט לײדער געפונען אַן אָפּקלאַנג בײַ אַ סך ייִדן וואָס האָבן געהאָפט, אַז דעם יודנראַט וועט זיך אײַנגעבן דורך איבערכיטרעווען און איבערקויפן די דײַטשן, זיי צו ראַטעווען. דער יודנראַט פון זיין זײַט האָט אַלץ געטאָן כּדי אונטערצוהאַלטן די דאָזיקע שעדלעכע אילוזיע און ער האָט פאַרשטאַנען ווי אַזוי צו מאַכן רעקלאַמע פאַר זיך. צוגעהאָלפן דערצו האָט נישט בלויז דאָס, וואָס אין די אַרומיקע שטעטלעך האָט קאָך אײַנ־געאָרדנט גרעסערע שחיטות ווי אין סטאָלפּצע נאָר אויך דאָס, וואָס בעת אַנדערשוווּ זײַנען די ייִדן שוין געוואָרן פאַריאָגט אין די געטאָס האָט אין סטאָלפּצע נאָך קיין געטאָ נישט עקזיסטירט, כאָטש סמנים, וואָס האָבן אָנגעדײַט אויפן קינפטיקן געטאָ זײַנען שוין געווען. בעסערע ייִדישע

הײַזער זײַנען געוואָרן פאַרנומען דורך אַריער און די ייִדן האָט מען באַזעצט אויף „יורזיקע".

„יורזיקע" איז געווען די אָרעמסטע געגנט פון סטאָלפּצע. דער אָנהייב אירער איז געווען באַוווינט דורך דער ייִדישער אָרעמקייט און טיפער אַרײַן דורך דער ווײַסרוסישער. דאָס איז געווען אַ זאַמדיקע נאַקעטע געגנט אָן ביימער, אָן גרינס און איז געווען פאַרענדיקט פון ביידע זײַטן מיט צוויי בית־עולמס — מיטן ייִדישן און פּוילישן. אין דער מיט פון זיי, אַ ביסל אָפּגערוקט פון דער באַוווינטער „יורזיקע", וואָס האָט צוזאַמען מיט די בית־עולמס געבילדעט אַ דרײַעק, האָט זיך געפונען אַ לאַגער פאַר סאָוויעטישע קריגס־געפאַנגענע, וואָס איז געווען אַרומגענומען מיט דראָט־פאַרצוימונגען און וואַך־טורעמס. נישט ווײַט פון דאָרט האָבן זיך געפונען נידעריקע צעפוילטע כאַטקעס, האַלב אַרײַנגעוואַקסן אין דער ערד, וואָס זײַנען באַוווינט געווען פון אָרעמע ווײַסרוסן. איצט איז אויף זיי געקומען אָן אויפריכטעניש... זיי האָבן געהאַט די מעגלעכקייט זיך אויסצוקלײַבן די שענסטע ייִדישע הײַזער אין שטעטל און פאַרטוישן זיי אויף זייערע שמוציקע נאָרעס. זיי פלעגן אַרומגיין אויסגעפּוצטע, יום־טובדיקע ווי צו גיין אין קאָשטשאָל אַרײַן און, האָבן באַקוקט די ייִדישע הײַזער. זיי האָבן באַקוקט מיט מבינות, מיט ישוב־הדעת, אַזוי ווי זיי וואָלטן געדאַרפט פאַר דעם באַצאָלן זייער אַ טײַערן פּרײַז. זיי האָבן באַקוקט דעם הויף, דעם גאָרטן, די שטאַלן און דעם קעלער. זיי האָבן לאַנגזאַם און גרינטלעך באַטראַכט צי דער דאַך איז גאַנץ, צי די ווענט זײַנען נישט באַשעדיקט, צו ס'וועט זײַן אַן אָרט פאַר דער בהמה (שוין באַקומען אַ ייִדישע) און פאַרן חזיר. ייִדישע הערצער האָבן דערווײַל געציטערט, געפלאַטערט און געבעטן גאָט, אַז ס'זאָלן נישט געפעלן ווערן זייערע הײַזער, ווײַל טאָמער איז דאָס ייִדישע הויז געפעלן געוואָרן, האָט דער אייגנטימער געמוזט עס פאַרלאָזן אין פאַרלויף פון צוויי שעה און זיך איבערטראָגן אויף דער „יורזיקע".

די יודנראַט־מיטגלידער זײַנען שנעל געקומען צו זיך און צוריס אַרײַן אין די פעדערן. ס'האָבן זיך ווײַטער אײַנגעשטעלט „גוטע" באַציִונגען צווישן זיי און דער קאָמענדאַנטור, פאַרשטייט זיך, אויף גאַנץ אַנדערע יסודות ווי פריִער. דער יודנראַט איז איצט געוואָרן אַ גרויסע

און פאַרצווײַגטע אונטערנעמונג, אַ מין הויפלעכער צושטעלער פון אַלעם גוטן פאַר די דײַטשן פון דער קאָמענדאַנטור. דער יודנראַט האָט געהאַט זײַנע ספּעציעלע צושטעלערס און אַגענטן צווישן וועלכע ס'האָבן זיך געפונען אויך אַריער, ווען מענס אויפגאַבע ס'איז געווען אַרומצופאָרן איבער דער גאַנצער געגנט און אויפצוקויפן (פאַר גאָלד) טײַערע לעדער און וואָלענע שטאָפן, וואָס זײַנען באַשטימט געווען אויף צו באַקליידן און באַשוכן די הערן פון דער קאָמענדאַנטור און זייערע פאַמיליעס אין דײַטשלאַנד. די טײַערסטע ביזשוטעריע און אַנדערע קאָסטבאַרקייטן זײַנען געוואָרן אויסגעזוכט אויף מתנות פאַר זיי. פאַרן קאָמענדאַנט האָט דער יודנראַט געלאָזט מאַכן אַ ספּעציעלע קייט פון 150 גאָלדענע צען־רובלדיקע מטבעות אײַנגעפאַסט אין טײַערע שטיינער.

פראַס האָט געהאַט אַ ברייט פעלד פון טעטיקייט, וווּ ער האָט געקאָנט אַנווענדן זײַן טאַלאַנט. ער האָט אויך געוווּסט דעם סוד, ווי אַזוי אַרויסצובאַקומען פון די סטאָלפּצער ייִדן די מיטלען אויף צו דעקן די ריזיקע הוצאות.

קאָך איז געוואָרן רײַך ווי קורח און האָט געלעבט ווי אַ מזרחדיקער פירשט. די צײַטן, ווען ער איז געשלאָפן אויף אַ ציכל פון פויערישע לײַוונט אָנגעשאָטן מיט היי, און האָט זיך געבעטן בײַ מיר, אַז כ'זאָל אים שאַפן שטאָף אויף אַ אַנצוג — זײַנען שוין לאַנג פאַרבײַ. אחוץ קאָכן האָבן זיך געפונען צווישן די „ווינער" נאָך אייניקע תליונים, וועמענס בלוטיקע געשטאַלטן האָבן זיך טיף און טראַגיש אײַנגעקריצט אינעם זכרון פון דער ייִדישער באַפעלקערונג פון סטאָלפּצע. איינער פון די עקלדיקסטע פון צווישן זיי איז געווען דער „געלער".

דאָס איז געווען אַ פּראָסטער דײַטשער זעלנער פון אַ יאָר עטלעכע פערציק. אַ פאַרזעעניש פון דער נאַטור. אַ סאַדיסט און אַ וואַמפּיר, אַ טיפּ פון אַ האַרימאַן. בלוט, טרערן און מענטשלעכער ווייטיק איז געווען זײַן גענוס. בײַם אָנבליק פון מענטשלעכער פּײַן האָבן זײַנע וואַסערדיקע אויגן געגלאַנצט מיט הנאה און זײַן פאַרבלאָז פּנים האָט באַקומען קאָליר. ער פלעגט נעמען אַ קאַץ פאַר די הינטערשטע פיסלעך און איר שפּאַלטן דעם קאָפּ אָן אַ וואַנט. זײַן אויסערלעכער אויסזען איז געווען אַזוי דעפאָרמירט, אַזוי מיאוס און פאַרדאָרבן ווי זײַן אינערלעכקייט און האָט

האַרמאָנירט מיט זײַן שטינקנדיקער נשמה. אין געוויינטלעכע צײַטן, בײַ אַ נאָרמאַל פאָלק, וואָלט אַזאַ פאַרשוין געווען שטילערהייט ערגעץ אין אַ ווינקל פאַרשלעפּט זײַנע קרבנות, געוואָרגן און געצאַפּט ס'בלוט פון זיי ביז מ'וואָלט אים דערווישט און אומשעדלעך געמאַכט. אין די צײַטן פונעם היטלעריזם איז ער געוואָרן אַ נאַציאָנאַלער העלד און אַלס פאַר־שטייער פון דער „העכערער דײַטשער ראַסע" געהאַט די מעגלעכקייט פרײַ און אומגעשטערט זיך אויסצולעבן, בײַם העלפן אויספירן די היי־ליקע אַרבעט בײַם פאַרטיליקן די „אונטערמענטשן". אים איז געוואָרן איבערגעגעבן אַ גרופּע ייִדישע אַרבעטער איבער וועלכע ער איז געוואָרן דער אויסשליסלעכער באַלעבאָס און זיי האָבן געדינט ווי שטאָף פאַר זײַנע פאַרברעכערישע אינסטינקטן. ווער עס איז אַרײַנגעפאַלן צו אים אין האַנט, האָט זיך שוין פון פריִער געזעגנט מיטן לעבן, און אויב מען איז אַרויס פון אים אַ לעבעדיקער, איז געווען אַ נס. דער „געלער" איז געווען דער בלוטיקער קאָשמאַר פאַר די ייִדן אין סטאַלפּצע אין „רויִקע טעג". ס'איז נישט פאַרבײַ קיין איין טאָג, אַז צווישן דער גרופּע, וואָס האָט געאַרבעט אונטער זײַן אויפזיכט זאָל נישט פּאַסירן עפּעס אַן אומ־גליק, אַז ס'זאָלן נישט קומען פון דאָרטן קיין צעממיטעטע, מיט צעבראָ־כענע אברים, געשמיסענע. גאַנץ אָפט זײַנען טייל אַרבעטער פון דאָרטן אין גאַנצן נישט צוריקגעקומען, ווײַל זיי זײַנען געוואָרן פאַרפּײַניקט דורכן „געלן". דער „געלער" איז נישט מיד געוואָרן, ער איז נישט אָפּגע־שטאַנען אין זײַן אַרבעט. אים האָט מען נישט געקאָנט איבערקויפן אַזוי ווי די אַנדערע. ער האָט נישט געדאַרפט קיין גאָלד, ער האָט נישט גע־דאַרפט קיין אַנדערע קאָסטבאַרקייטן. אים איז געווען נייטיק דאָס בלוט, די טרערן פון זײַנע קרבנות. ער האָט זיך געקוויקט מיט זייערע יסורים, מיט זייער פּײַן. זייער שרעק, זייער צער זײַנען געווען נאַרונג פאַר זײַנע סאַדיסטישע נייגונגען. ער האָט נישט אָפּגעלאָזט פונעם אויג זײַנע קרבנות אויף קיין איין מינוט, נאָר ווי אַ וואַמפּיר גענאָגט זייער מאַרך און בלוט. ער איז געווען אײַנפאַלעריש און דערפינדעריש בײַם פּײַניקן זײַנע קרבנות און ער האָט געהאַט אַ פּערזענלעכע באַציִונג צו זיי. אַזוי האָט איין מאָל פּאַסירט, אַז ער האָט אַזוי צעהרגעט איינעם פון זײַנע אַרבעטער, אַז ער איז געווען זיכער, דאָס יענער לעבט שוין נישט מער.

נאָר נאָך דעם, ווי ער איז פונדעסטוועגן אויפגעשטאַנען און ווײַטער געלעבט, איז ער געוואָרן אַזוי „גערירט“, אַז ער האָט אים אַרײַנגענומען צו זיך אין שטוב, געגעבן גוט אָפּצועסן און געשענקט אַ פּאָר שיך. פון דעמלט אָן האָט ער זיך איבערהויפּט צו אים בעסער באַצויגן ווי צו אַנדערע און האָט אים פּאַוואָריזירט.

בײַ די אַלע אייגנשאַפטן האָט דער „געלער“ פונדעסטוועגן נישט פאַרמאָגט די געהעריקע קוואַליפיקאַציעס אויף צו זײַן אַ מאַסן־מערדער לויטן דײַטשן פאַרנעם, לויט דער דײַטשער טעכניק. ס׳איז פּאַראַדאָקסאַל, ס׳קאָן זײַן, אַז דווקא זײַן סאַדיזם האָט אים געשטערט דאָס צו ווערן און דערפאַר, האָט ער זיך פאַרנומען בלויז מיט קליינער אַרבעט. אויף זײַן קאָנטא האָט ער נישט געהאַט קיין צענדליקער טויזנטער אומגעבראַכטע, אַזוי ווי זײַן קאַמעראַד קאָך, נאָר קוים איייניקע צענדליק. אַ סאַדיסט זוכט אין פאַרברעכן אַ באַפרידיקונג, אַ גענוס פאַר זײַן קרענקלעכער און פאַרדאַרבענער נאַטור. דערפאַר קאָן ער אומברענגען נאָר אַזויפיל קרבנות וויפל ס׳איז אומשטאַנד צו פאַרדײַען זײַן פאַרברעכערישע נאַטור. אַ סאַדיסט „ליקווידירט“ נישט קיין מענטשן נאָר הרגעט, שעכט, ווערגט, פאַרפּײַניקט און ער מוז זיך פאַסמאַקעווען מיט יעדן אויסדרוק פון ווייטיק אויפן פּנים, מיט יעדן ציטער און קאָנוווּלסיע פונעם קערפּער פון זײַן קרבן און ער איז דערפאַר נישט געאייגנט אויף צו זײַן אַ לײַדנשאַפטלאָזער, מעכאַנישער אויספירער פון מאַסנמאָרד. אַ סאַדיסט איז „מענטשלעך“. ער איז דאָס ערגסטע, דאָס עקלהאַפטסטע, וואָס די נאַטור האָט אַרויסגעבראַכט אינעם מענטש, אָבער איז פונדעסטוועגן מענטשלעך. דאָס כאַראַקטעריסטישע פאַרן דײַטשן פאַרברעכער איז דאָס, וואָס ער האָט אַריבערגעטרעטן די גרענעץ פון מענטשלעכקייט, וואָס ער איז געוואָרן דײַטשער „איבערמענטש“ און געפינט זיך אויף יענער זײַט פון „גוטס און שלעכטס“. טיפּיש פאַרן דײַטשן פאַרברעכער איז נישט דער „געלער“ מאָנסטרום און סאַדיסט, נאָר דער געבילדעטער, עלעגאַנטער און שיינער מאַן — קאָך, וואָס מאָרדעט גלײַכגילטיק אָן לײַדנשאַפט, אָן שינאה; וואָס בעת ער פלעגט אָנפירן מיט אַן „אַקציע“ פון פאַרניכטן איייניקע טויזנט ייִדן, האָט ער געקוקט אויפן זייגער און זיך געוואָנדן צו זײַנע געהילפן אויף דעם שטייגער: „קאַמעראַדען וויר מוסען שנעל פער־

טיק ווערדען מיט דיזער שײַסע, באַלד איסט מיטאָג־שטונדע". אַהיימקו־מענדיק נאָך דער אָפּגעטוענער אַרבעט האָט ער זיך רײַן אַרומגעוואַשן, באַגאָסן מיט קעלניש וואַסער, זיך אַוועקגעזעצט צום טיש און רויִק גע־געסן מיטאָג לויט אַלע כּללים פון אַ גוט־דערצויגענעם מענטש.

אַזאַ פאַרברעכער איז מסוגל צו ווערן יעדערער אָנשטענדיקער און קולטורעלער דײַטש. ער דאַרף נאָר באַקומען אַ באַפעל און אַ געהעריקע דאָזע „אידעאָלאָגישע" באַגרינדונג, אַז דאָס איז נייטיק און נוצלעך פאַר דער גרויסקייט פון זײַן פאָטערלאַנד.

28 אָקטאָבער 1941. הײַנט איז פּלוצים אַרויס אַ פרישע פאַראָרדענונג פון דער קאָמענדאַנטור, וואָס האָט געענדערט די ביז איצ־טיקע פאַראָרדענונג אַז יידן זײַנען געווען פאַרפליכטעט אַראָפּצונעמען די היטלען בײַם באַגעגענען אין גאַס דײַטשן; דאָס איז זיי פאַרבאָטן געוואָרן צו טאָן. די דאָזיקע פּלוציםדיקע ענדערונג פון דער פריִערדיקער פאַראָרדענונג אויף איר היפוך איז פאַרבונדן מיט אַ קוריאָזער געשיכטע: פון דער פליכט אַראָפּצונעמען די היטלען פאַר באַגעגנטע אין גאַס דײַטשן האָבן מיר געהאַט אויסצושטיין נישט ווייניק צרות. ס'זײַנען געווען בײַ אונדז דײַטשן, וואָס האָבן זיך געמאַכט אַזאַ מין ספּאָרט צו לויערן אויף יידן, וואָס נעמען נישט אַראָפּ פאַר זיי די היטלען און זיי פּײַניקן דערפאַר. זיי האָבן זיך אויסגעזוכט קרבנות מיט אַזאַ שפּיצל און האָבן זיך פאַר־ווײַלט אויף פאָלגנדיקן אופן: אַזאַ דײַטשער מענטשן־יעגער פלעגט אַדורכגיין די גאַס כּלומרשט אַ פאַרטראַכטער, אַ פאַרטועגער, וואָס באַ־מערקט אונדז נישט אין גאַנצן. מיר, מיינענדיק אַז דער דײַטש זעט אונדז נישט, האָבן זיך אַדורכגעשמוגלט און נישט אַראָפּגענומען די היטלען. דעמלט ערשט האָט ער זיך געוואָרפן אויפן „פאַרברעכער". אויב מ'איז אין אַזאַ פאַל אָפּגעקומען בלויז מיט קלעפּ איז געווען גוט, ווײַל מ'האָט געקאָנט אָפּשנײַדן ערגער און ווערן דערשאָסן. נאָר די טעג האָט פאַסירט אַזאַ זאַך: ס'האָט זיך אין סטאָלפּצע באַוויזן עפּעס אַ דײַטשער מאַיאָר פון דער ווערמאַכט, וואָס האָט זיך זייער אָפט באַוועגט אין גאַס. פאַר־שטייט זיך, אַז מיר, באַגעגענענדיק אים האָבן שנעל אַראָפּגעכאַפּט די היטלען פון די קעפּ. געוויינטלעך פלעגט אַ דײַטש, פאַר וועלכן מ'האָט

אראָפּגענומען ס'היטל, אונדז אָפּמעסטן מיט אַ פּאַראַכטנדיקן אָדער חוזק־דיקן בליק. גאַנץ אַנדערש האָט זיך פאַרהאַלטן דער מאַיאָר בעת מ'האָט אַראָפּגענומען ס'היטל פאַר אים. ער האָט זיך אויסגעגלײַכט, אויפגעהויבן די האַנט צום דאַשעק און געענטפערט מיט ווירדע אויף דער באַגריסונג, גלײַך ווי ער וואָלט געהאַט צו טאָן מיט זײַנס גלײַכן נישט מיט קיין ייִדן. דער מאַיאָר איז שנעל פּאָפּולער געוואָרן אין סטאָלפּצע און יעדער האָט זיך באַמיט, טייל צוליב נײַגיריקייט, טייל צוליב סאַטיספאַקציע, צו באַגריסן זיך מיט דעם מאָדנעם דײַטשן אָפיציר און ער איז נישט מיד געוואָרן צו ענטפערן אונדז, שטענדיק פּינקטלעך, שטענדיק מיט ווירדע, שטענדיק אָנשטענדיק.

דאָס איז געווען די סיבה, וואָס האָט געצוווּנגען דעם קאָמענדאַנט צו פאַרבאָטן אַראָפּצונעמען די היטלען פאַר דײַטשן.

צו קוריאָזיטעט, כאָטש פאַר אונדז האָט זיך דאָס טיילמאָל געענדיקט טראַגיש, האָט אויך דערפירט די פאַראָרדענונג, וואָס האָט פאַרבאָטן ייִדן צו גיין אויפן טראָטואַר. מיט דער דאָזיקער פאַראָרדענונג זײַנען די דײַטשן אויסן געווען צו דערנידעריקן אונדז אין די אויגן פון דער נישט־ייִדישער באַפעלקערונג און זיי, צו קויפן דערמיט, וואָס ס'ווערט זיי געגעבן די גרויסע פּריווילעגיע אַלס אַריער צו גיין אויפן טראָטואַר. נאָר אין סטאָלפּצע האָט די דאָזיקע פאַראָרדענונג נישט געהאַט דעם געהעריקן עפעקט צוליב פאָלגנדיקן טעם: אונדזער גיין אין דער פרי צו דער אַרבעט איז זיך צונויפגעפאַלן מיטן גיין פון די בהמות אויפן פעלד. און אונדזער צוריקגיין פון דער אַרבעט — איז זיך צונויפגעפאַלן מיטן צוריקגיין פון די בהמות פונעם פעלד. אַזוי ווי דער מיטנוועג איז געווען פאַרנומען דורך אונדז, זײַנען זיך די בהמות רויִק געגאַנגען אויפן טראָטואַר און נישט מיר האָבן זיך געשעמט פאַר זיי, וואָס מיר גייען אינמיטן וועג און נישט זיי, די „אַרישע" בהמות, האָבן זיך גרויס געהאַלטן און איבערגענומען דערמיט, וואָס זיי גייען אויפן טראָטואַר. דער רעזולטאַט איז געווען דער, אַז די איינצלנע אַריער, וואָס האָבן זיך דעמלט באַוועגט אין גאַס, זײַנען אויך געצוווּנגען געווען אָפּצוטרעטן פאַר די בהמות דעם טראָטואַר און צו גיין אינמיטן וועג גלײַך מיט אונדז, אָדער זיך שלעפּן צווישן די בהמות.

5 נאָוועמבער 1941. היינט איז פאָרגעקומען אַ געשעע־ניש וואָס האָט ווידער אויפגעטרייסלט ביזן גרונט די שוין אַ ביסל באַ־רויקטע געמיטער. דער גרעסטער טייל יידן איז שוין געווען פאַרמאַכט אין געטאָ, אַרומגעצוימט מיט שטעכעדיקע דראָט. בעת מ'האָט געבראַכט די דראָט, אַריינגעקלאַפּט די סלופּעס און אַרומגעצוימט דאָס געטאָ, האָבן מיר געפילט אַ ווייטיק, אַזוי ווי, מען וואָלט אונדזערע אייגענע נאַקעטע לייבער אַרומגעוויקלט מיט דער פאַרזשאַווערטער שטעכיקער דראָט. נאָר מיט דער צייט האָט מען זיך צו דעם אויך צוגעוווינט. יעדער איז געווען פאַרנומען און נאָכן ענדיקן די שקלאַפן־אַרבעט, זיך אָנגעשטרענגט איבער די כוחות, כדי זיך אויסצוקאָמבינירן אַ שטיקל אָרט צום וווינען און מיט וואָס צו קאָנען איבערלעבן דעם ווינטער. קיינער האָט זיך מער נישט גע־קלאָגט אויף קיין שווערע אַרבעט, אויף אומבאַקוועמלעכקייטן און דעם נישט דערעסן צו דער זאַט. פון יעדן האָט מען געהערט דאָס זעלבע — „אַבי מען זאָל לאָזן לעבן". — נאָר נאָך דעם, וואָס עס איז היינט געשען זיינען אַלע געווען פול מיט ספקות, צי עס איז נישט בחנם די אָנשטרענגונג, צי ס'איז נישט בחנם דאָס ליידן... געשען איז אָט וואָס:

אין שוויערזשנע האָבן די דייטשן צוזאַמענגעקליבן אַלע יידן אויף אַ פּלאַץ, אַרויסגענומען פון צווישן זיי די קינדער, די שוואַנ־גערע פרויען און אַלע עלטערע מענטשן און זיי דערשאָסן, — צוזאַמען איבער 400 פערזאָן.

שוויערזשנע ליגט 4 קילאָמעטער פון סטאָלפּצע, אויף דער אַנדערער זייט פון טייך ניעמען, און האָט זיך גערעכנט ווי אַ טייל פון סטאָלפּצע. נאָכן קומען פון די דייטשן זיינען די שוויערזשנער און די סטאָלפּצער יידן געוואָרן אָפּגעטיילט איינע פו די אַנדערע דורכן בריק, וואָס עס איז זיי נישט דערלויבט געווען אַדורכצוגיין. אין שוויערזשנע האָט זיך געפונען אַ גרויסער טאַרטאַק, וווּ עס האָבן געאַרבעט אַ סך יידן, און דערפאַר, האָבן די דייטשן זיי נישט פאַרטריבן אין סטאָלפּצער געטאָ, נאָר דאָרטן געשאַפן אַ באַזונדערן געטאָ מיט אַן אייגענעם יודנראַט. נאָכן דערשיסן די נישט אַרבעטס־פעיקע האָבן די דייטשן ליקווידירט דאָס געטאָ און פון די לעבנס־געבליבענע געשאַפן אַן אַרבעטס־לאַגער.

13 פעברואר 1942. ביי נאכט איז אנגעפאלן א סך שניי און האט אלץ פארשיט און דערפאר האבן ייִדן היינט געהאט א צוגאב־ארבעט. ס'איז נאך געווען נאכט, ווען די ייִדישע פאליציי האט געקלאפט אין די טירן, געריסן פון די געלעגערס און געטריבן צו דער ארבעט, כדי אפצורייניקן דעם באנוועג פון שניי. איך בין געגאנגען פארטאגס צו־זאמען מיט א גרופע מענער און פרויען און געטאפטשעט אין שניי ביז די קני. דער פראסט האט געברענט און אן רחמנות געביסן די נאז און אויערן. איך האב זיך דערויף נישט געקלאגט, נאר געבעטן גאט אז דער פראסט זאל ווערן שטארקער, דער ווינטער הארבער. איך האב זיך פאר־געשטעלט די דײַטשן אויפן רוסישן פראנט מיט די אויפגעשטעלטע גרינע קעלנער פון זייערע קאלטע מאנטלען; מיט פארבונדענע אויערן אויפן אלט־ווייבערישע שטייגער; מיט פארפרוירענע טראפנס אונטער די נעז, ווי זיי ציטערן פאר קעלט. ער איז מיר ליב געווארן דער פראסט, און האב זיך געקוויקט מיט זײַן ברי, ווי א ליבהאבער פון א שוויצבאד מיט דער היץ אויפן אייבערשטן באנק. בעת דער ארבעט האבן מיר געהאט די געלעגנהייט צו זען די רעזולטאטן פונעם ווינטער פאר די דײַטשן. — די פול־געפאקטע וואגאנעס צוריק פון פראנט מיט צוגעפרוירענע זעלנער, זיינען געווען א פארגיטיקונג פאר אונדזער שווערע ארבעט. אין די צײַטונגען האבן די דײַטשן פארענטפערט דאס נישט האלטן דעם צוזאג, צו פארנעמען דורך זיי מאסקווע, מיטן שווערן ווינטער. זיי האבן דארט געשריבן, ווי די הענט פון זעלנער פרירן צו צו די לופעס פונעם געווער און אנדערע זאכן, וואס האבן אנגעזאגט די גוטע בשורה, אז עם האט זיך געענדיקט זייער „לוסטיקער שפאציר" איבער אייראפע.

איך בין געווען דער איינציקער שנײַדער, וועלכער האט געארבעט בײַם רוימען דעם שניי און איינער פון די געציילטע, וועלכע עס האבן איבערהויפט געארבעט ביי שווארצער ארבעט. דאס רוב שנײַדער האט געארבעט אין דער ווארעם און געהאט וואס צו עסן. נאר היינט האט דאס מזל מיך אויך נישט אויסגעמיטן. געקומען א דײַטש און געזוכט א שנײַדער פאר דער באנמײַסטערײַ, און איך בין געווען דער איינציקער אויפן פלאץ. אויפן פארלאנג פונעם אינספעקטאר בין איך איבערגעגעבן געווארן דורך דער קאמענדאנטור צו דער דיספאזיציע פון דער באנ־

מײַסטערײַ. דערמיט בין איך אַרויס פון אונטערן יודנראַטס רשות. איך בין געוואָרן דער קנעכט פונעם באַנמײַסטער און דער יודנראַט האָט מער נישט געהאַט צו זאָגן איבער מיר. פון דעמלט אָן האָט זיך מײַן לאַגע געענדערט צום בעסערן, ווײַל איך האָב געקענט אויף אייגענער ריזיקע (דער יודנראַט איז נישט געווען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר מיר) אָפּנאַרן די דײַטשן. די גרעסטע טייל צײַט האָב איך אוועקגעגעבן אויף צו אַר־בעטן פאַר דער אָרטיקער אַרישער באַפעלקערונג, וואָס האָט געצאָלט מיט פּראָדוקטן. אַזוי אַרום האָב איך געהאַט צו עסן פאַר זיך און פאַר דער שוועגערין.

דער הונגער אין סטאָלפּצער געטאָ ווי אויך אין די אַנדערע געטאָס פון מערב־ווײַסרוסלאַנד, האָט נישט אָנגענומען אַזעלכע שרעקלעכע פאַר־מעסטן, ווי אין די גרויסע געטאָס פון פּוילן. די סיבה דערפון איז געווען נישט בלויז דאָס, וואָס אין קליינע ערטער איז דער קאָנטאַקט מיט דער נישט־יידישער באַפעלקערונג געווען לײַכטער ווי אין די גרויסע שטעט, נאָר דער עיקר דאָס, וואָס ייִדן האָבן דאָרט קורץ געלעבט אונטער דער דײַטשער הערשאַפט. מיט קנאַפּע צוויי יאָר וויניקער ווי אין פּוילן. פונדעסטוועגן איז די לאַגע געווען אַ שווערע, דער עיקר פאַר די פּליטים, וועלכע האָבן נישט געהאַט וואָס צו פאַרקויפן און וואָס אויסצוטוישן אויף ברויט.

די באַנמײַסטערײַ־גרופּע וועמענס פונקציע עס איז געווען די אויפ־זיכט איבער אַ געוויסן שטח באַנוועג, איז באַשטאַנען פון 13 פּערזאָן, שוין אַרײַנגערעכנט דעם אינספּעקטאָר און דעם קובער. די דאָזיקע 13 פּערזאָן האָבן געהאַט צו זייער פּערזענלעכער באַדינונג 18 ייִדן, אין דעם 3 שנײַדער, 2 שוסטער און אַ פריזירער. די איבעריקע האָבן געפּוצט זייערע שיך, געראַמט די צימערן, געוואַשן די וועש און געהאָלפן באַדי־נען זייערע קליענטן. — דאָס געשעפט פון די „באַנמײַסטער" איז געווען נאַפט און זאַלץ. אין מאַרקטעג פלעגן דאָרט שטיין לאַנגע רייען פון דער דאָרפישער באַפעלקערונג, מיט פוטער, אייער, האָניק, הינער און גענדז, וועלכע זיי האָבן אויסגעטוישט אויף אַ קילאָ זאַלץ, אויף אַ ליטער נאַפט. זאַלץ איז געבליבן נאָך די רוסן — נאַפט האָבן זיי געגנבעט פון דער אייגענער קרינגסמאַשין. אַ באַזונדערן אײַנקונפט האָבן זיי געהאַט

פונעם אַפּצאָל, וואָס זיי האָבן גענומען בײַ די פּוילישע און ווײַסרוסישע באַנוועג־אַרבעטער פּאַרן באַפּרײַען זיי אויף אַ געוויסער צײַט פון דער אַרבעט. אַט אַזוי האָבן געלעבט און זיך באַרײַכערט אויך אַנדערע דײַטשן.

אין דער באַנמײַסטערײַ האָב איך זיך באַפרײַנדעט מיט הערשל פּאַר־סעסאַרסקי, וועלכער האָט דאָרטן געאַרבעט אַלס איבערזעצער.

דאָס איז געווען אַ וואַרשעווער פּליט פון אַ יאָר 20, אַ מיטגליד פון יוגנט־בונד „צוקונפט". אַ רירעוודיקער, אַ באַוועגלעכער מיט פײַערדיקע אויגן, פּראָפּאָרציאָנעל צו־גרויסע און צו־פּלאַמיקע צום דריבנעם בלאַסן יינגלערישן פּנימל. אין דעם דאָזיקן כמעט דורכזיכטיקן פּנים האָט זיך באַוועגט יעדער מוסקול, וואָס האָט עדות געזאָגט וועגן אַ כסדרדיקער אָנגעשטרענגטער אינטענסיווער אַרבעט פון מוח. בכלל האָט ער געמאַכט אַן אײַנדרוק, ווי איבערגעלאָדנט מיט ענערגיע און אינערלעכער שפּאַ־נונג. ער איז געווען דער אָרגאַניזאַטאָר, דער קאָפּ און נשמה פון דער סטאָלפּצער ווידערשטאַנד־אָרגאַניזאַציע אין וועלכער ער האָט אויך מיך אַרײַנגעצויגן. די אָרגאַניזאַציע האָט נאָך נישט געהאַט קיין קלאָרע פאָר־שטעלונג, וואָס פאַר אַ פאָרעם עס דאַרף אָננעמען דער ווידערשטאַנד. דערווײַל זײַנען געווען אָרגאַניזירט „פינפטלעך", וואָס האָבן געשאַפן גע־ווער און עס באַהאַלטן אין געטאָ. די גאַנצע אָנשטרענגונג איז געווען אין דער ריכטונג פון אָנבינדן אַ קאָנטאַקט מיט די פּאַרטיזאַנער, וועלכע האָבן שוין דעמלט געלאָזט הערן פון זיך — און צו באַקומען פון זיי אינסטרוקציעס.

דעם 15טן מײַ זײַנען אוועק פון סטאָלפּצער געטאָ אין וואַלד 5 פער־זאָן באַוואָפנט מיט ביקסן. זיי זײַנען געגאַנגען אין שליחות פון דער אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט זיי באַזאָרגט מיט געווער. מיט זיי צוזאַמען איז אוועק אַ געוויסער שפּיגעל, אַ פּליט פון טאָמאַשאָוו־מאַזאָוויעצק, אַ קאָמוניסטישער טוער פון פאַר דער מלחמה. ער האָט געאַרבעט אין אַ סמאָליאַרניע אין סטאָלפּצער ראַיאָן און האָט געקענט די אַרומיקע וועל־דער. זייער אויפגאַבע איז געווען אײַנצושטעלן אַ קאָנטאַקט צווישן אונ־דזער אָרגאַניזאַציע און די פּאַרטיזאַנער.

אַ פאָטער פון איינעם פון די אוועקגעגאַנגענע, אַ מיטגליד פון פּראָ־פעסיאָנעלן טישלער־פאַראיין אין וואַרשע האָט זיך אַזוי איבערגענומען

פון דעם, וואָס זײַן זון איז אוועק פון געטאָ מיט געווער אין האַנט, — אַז פון גרויס פאַרצווייפלונג איז ער געלאָפן זיך טרינקען אין טײַך ניעמען. דאָס כאַראַקטעריזירט גענוג בולט די שטימונג אין געטאָ צו יענער צײַט.

מיט אייניקע טעג שפּעטער האָט מען שוין געוווּסט צו דערציילן אין געטאָ, אַז די פינף פערזאָן זײַנען דערשאָסן געוואָרן דורך די דײַטשן און זייערע טויטע קערפּערס געפינען זיך אין אַ נאָענטן דאָרף. מיר, פון דער אָרגאַניזאַציע, האָבן געוווּסט, צוליב וואָס און דורך וועמען די ידיעה איז אינספּירירט געוואָרן. דער יודנראַט האָט שוין איצט נישט באַקומען קיין באַפעלן און אינסטרוקציעס פון דער „אָרטס-קאָמענדאַנטור”, נאָר פון דער זשאַנדאַרמעריע. זיי, צוזאַמען מיט דער ווײַסרוסישער פּאָליציי אונטער דער אָנפירונג פונעם עלטערן זשאַנדאַרם שולץ — זײַנען איצט געוואָרן די באַלעבאַטים איבער די ייִדן. דאָס האָט געהייסן „ציווילע פאַר־וואַלטונג”, די „אָרטס-קאָמענדאַנטור”, האָט זיך איצט בלויז פאַרנומען מיט מיליטערישע ענינים.

די ערשטע בלוטיקע אַרבעט וואָס די זשאַנדאַרמעריע האָט אויסגע־פירט זעלבסטשטענדיק (אין אָנהייב האָבן זיי דאָס פּראַקטיצירט אונטער דער קאָמאַנדע פון דער „אָרטס-קאָמענדאַנטור”), איז געווען דאָס ליק־ווידירן די איינצלנע ייִדישע פאַמיליעס, וואָס האָבן געלעבט אין די דער־פער.. אויף איין אָרט איז זיי די אַרבעט נישט אין גאַנצן געלאָטיק אַרורך. דאָס איז געווען אין דאָרף קרישלאָווטשינע נישט ווײַט פון שוויערזשנע. דאָרטן האָט געלעבט דער שנײַדער פּײַוועל מיט זײַן פאַמיליע. זיי זײַנען געווען גוט צוגעלעבט מיט דער דאָרפישער באַפעלקערונג, וואָס האָט זיי באַטראַכט ווי אַ טייל פון זיך ווי נוצלעכע אײַנוווינער פונעם דאָרף. בעת די זשאַנדאַרמעריע האָט אַרומגערינגלט די כאַטע פון דער דאָזיקער ייִדישער פאַמיליע און געוואָלט זיי אומברענגען, האָט פּײַוועל זיך פאַרמאַכט פון אינעווייניק און אונטערגעצונדן די שטוב. אַז די שטוב האָט שוין געברענט איז ער אַרויס דורכן פענצטער, און מיט אַ פּלאַש געשפּאָלטן דעם קאָפּ פון אָנפירער פון דער זשאַנדאַרמעריע. דער זשאַנ־דאַרם איז לאַנג אַרומגעגאַנגען מיט אַ באַנדאַזשירטן קאָפּ, און עס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר דער דײַטשער מענטאַליטעט, וואָס ער האָט זיך געקלאָגט אויף דעם „רומען־יורע”, פאַרוואָס ער האָט אים געטאָן אַן

עולה — „ער דאַרף דאָך וויסן דאָס איך האָבע קיינע שולד, איך האָבע דאָך איין בעפעל בעקאָמען" — האָט ער געזאָגט מיט טעמפּער נאַיווי־טעט.

אין דער צווייטער העלפט פון חודש יולי 1942 זײַנען דערגאַנגען אין סטאָלפּצער געטאָ ווען דער פולשטענדיקער ליקווידאַציע פון די ייִדן אין די אַרומיקע שטעטלעך. יעדן טאָג איז אָנגעקומען די טרויעריקע בשורה פון אַן אַנדער אָרט. דאָ פון ג אָ ר אָ ד ע י ע, דאָ פון ק ל ע צ ק, פון נ י ע ס וו י ע ז ש און פון אַנדערע ערטער. די דאָזיקע ידיעות האָבן אַרויסגערופן מהומה און פּאַניק אין סטאָלפּצער געטאָ. דער עולם האָט אַראָפּגעלאָזן די הענט, אַרײַנגעפאַלן אין יאוש און פאַרנאַכלעסיקט די אַרבעט. „אַז מען וועט סײַ ווי סײַ נישט לאָזן לעבן" — האָט מען געענטפערט די ייִדישע אונטערטרײַבער. עס האָט געדראָט ס'זאָל גע־שטערט ווערן די אַרבעטס־דיסציפּלין. דער יודנראַט מיט זײַנע מענטשן האָבן זיך באַמיט צו באַרויִקן די געמיטער און גערופן אַלעמען נאָך בע־סער, און פלייסיקער צו אַרבעטן. דאָס האָט געדאַרפט זײַן די סגולה פאַר די סטאָלפּצער ייִדן, אַז די דײַטשן זאָלן זיי נישט אומברענגען. שולץ און אַנדערע דײַטשן פון דער „ציוויל־פאַרוואַלטונג" האָבן כסדר פאַרזי־כערט דעם יודנראַט וועגן דעם, און האָבן אויסגעטײַטשט, אַז די ייִדן פון די אַרומיקע שטעטלעך זײַנען געוואָרן פאַרניכטעט דערפאַר, ווײַל זיי האָבן שלעכט געאַרבעט און נישט געווען געהאָרכזאַם דער דײַטשער מאַכט.

די סטאָלפּצער ייִדן פאַרדינען באַוווּנדערט צו ווערן פאַר זייער אַר־בעטסזאַמקייט. ווער עס האָט געזען מיט וואָס פאַר אַ פלייסיקייט, גע־שיקטקייט און סיסטעמאַטישקייט זיי האָבן אויסגעפירט די שווערסטע אַרבעטן פאַר דער שטאָט און פאַרן מיליטער — האָט זיך איבערצײַגט וועגן דער זינלאָזיקייט פון דער מיינונג, אַז ייִדן זײַנען נישט פעיִק צו קיין פיזישער אַרבעט. די וואָס האָבן געהערט צו דער אָרגאַניזאַציע (ס'רוב יוגנט) האָבן נישט געגלייבט, אַז דורך אַרבעט וועט מען זיך קענען ראַ־טעווען און האָבן זיך געגרייט אויף זייער שטייגער.

פאַר אַלע מיטגלידער פון דער אָרגאַניזאַציע איז געווען באַשטימט, אין איינקלאַנג מיט זייער אַרבעטס־פּלאַצווקע, די פונקציע וואָס זיי האָבן אויסצופירן דעמלט ווען עס וועט שלאָגן די לעצטע שעה. אין דער באַנ־

* * *

מײַסעריי, למשל, איז געווען באַשטימט ווער עס זאָל אָנצינדן דעם בענזין, וואָס האָט זיך דאָרטן געפונען אין גרויסע קוואַנטומען, ווער עס זאָל פאַרבאַפּן געווער, ווער עס זאָל איבעררײַסן די טעלעפאָן־פאַרבינדונג און ווער עס זאָל צעשטערן די באַן־סיגנאַליזאַציע. אויך פאַר אַנדערע פּלאַצוווקעס: קאָמענדאַנטור, דעפּאָ, באַנסטאַנציע, עלעקטראָווניע און אַנדערע, איז געווען באַשטימט דאָס זעלבע. אומעטום זײַנען געווען ייִדישע אַרבעטער, וועלכע האָבן גוט געקאָנט זייער אַרבעטס־פּלאַץ, געוווסט אַלע סודות און האָבן געקאָנט אָנטאָן די דײַטשן אומגעהייערע שאָדנס. עס זײַנען צעטיילט געוואָרן פלעשער בענזין (געבראַכט פון דער באַנמײַסטערײַ) כּדי צו קאָנען אונטערצינדן דאָס געטאָ, די ייִדישע הײַזער, וועלכע זײַנען געווען פאַרנומען דורך אַריער און די פּאָליציי־געבײַדע. עס איז געווען צוגעגרייט פאַר די אויפשטענדלער שוואַרצע פּילאָטקעס מיט בלויע קענטעלעך, ווי ס'האָבן געטראָגן די ווײַסרוסישע פּאָליציי, און אָרעמבענדער פון באַנאַרבעטער, כּדי אין דער צײַט פון קאַמף צו דעזאָריענטירן דעם שונא. אַ גרויסער טייל פון דער יוגנט אין סטאָלפּצע, די בעסטע, די מוטיקסטע, זײַנען געווען גרייט און דעצידירט צו קעמפן פאַר זייער לעבן און פאַרן לעבן פונעם כּלל, ווי אויך צו שטאַרבן פאַרן כּבוד פון ייִדישן פאָלק. נאָר די זאַך איז נישט געווען אַזוי איינפאַך. נישט די מורא פאַרן טויט און דאָס פעלן פון מוט האָבן אָפּגעהאַלטן די דאָזיקע יוגנט פון קאַמף. עס קומט אָפט אויס צו הערן פון ייִדן, וועלכע האָבן געהאַט דאָס גליק אויסצומײַדן דעם היטלעריסטישן גהינום — זיך אויסצודריקן מיט אויפרעגונג און פאַראַכטונג וועגן די אומגעקומענע ייִדן — „געלאָזט זיך פירן ווי אָקסן צו דער שחיטה"... די דאָזיקע גליקלעכע נישט־געפּרוווטע — דאַרפן זיך גוט אַרײַנטראַכטן אין דער טראַגישער לאַגע פון די, וועלכע זײַנען געוועזן גרייט צו קעמפן קעגן די דײַטשן: די חברים, וואָס זײַנען אַוועק אין וואַלד כּדי אונדז צו פאַרבינדן מיט די פּאַרטיזאַנער, האָבן גאָרנישט אויפגעטאָן פאַר אונדז (כאָטש מיר האָבן געהאַט ידיעות אַז זיי לעבן) און פון דעם אַזוי באַגערטן קאָנטאַקט מיט דער פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג — פון וועמען מיר האָבן דערוואַרט צו באַקומען עצות און באַפעלן אויף וואָס פאַר אַן אופן צו זײַן נוצלעך אין קאַמף קעגן די דײַטשן — איז ליידער גאָרנישט אַרויסגעקומען. די אַנ־

פירונג פון דער אָרגאַניזאַציע, וועלכע איז באַשטאַנען פֿאַ 3 יונגע מענטשן — איז געווען אָנגעוויזן אויסשליסלעך (פּאַרוואָס די פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג האָט נישט אויסגענוצט אין קאַמף מיט די דײַטשן אַזאַ דאַנקבאַר מאַטעריאַל ווי עס זײַנען געווען די יידן פון די געטאָס... איז אַ טעמע פאַר זיך) אויף זיך אַליין צו דעצידירן און צו נעמען די אחריות פאַרן לעבן פון אַלע סטאָלפּצער יידן און אפשר אויך פאַר יידן פון אַנדערע ערטער. זיי האָבן געדאַרפט דעצידירן, וועגן אָנהייבן אַ קאַמף מיט די דײַטשן אין דער צײַט, ווען דער גרעסטער טייל יידן, חשובע, דערפאַרענע, אויטאָריטאַטיווע — צווישן וועלכע עס האָבן זיך געפונען די אייגענע עלטערן — האָבן זיך דאָס נישט געווונטשן. דער גרעסטער טייל יידן, האָבן נישט קוקנדיק אויף דער טרויעריקער דערפאַרונג — נאָך געלעבט מיט דער פאַלשער האָפענונג, אַז דורך אַרבעט און געהאָרכזאַמקייט וועט זיך אײַנגעבן צו ראַטעווען דאָס לעבן. די וואָס וואָלטן דורך נישט־געהאָרכזאַמקייט און ווידערשטאַנד פאַר דער צײַט בײַ זיי געווען צוגענומען די דאָזיקע אילוזיע — וואָלטן דורך זיי באַטראַכט געוואָרן פאַר די שולדיקע אין זייער טויט און וואָלטן זיי פאַרשאָלטן אין די לעצטע מינוטן פון לעבן. אַזאַ שווערע און טראַגישע אחריות האָט געלאַסטעט אויף די אָפּגעריסענע פון דער וועלט, יונגע קאַמפסגרייטע מענטשן. דערפאַר, איז געווען באַשטימט אָנצוהייבן דעם קאַמף ערשט דעמלט — ווען די דײַטשן וועלן צוטרעטן דירעקט צו דער אַקציע פון פאַרניכטונג. דעמלט ווען דער גרעסטער טייל יידן וועלן שוין זײַן איבערצײַגט, אַז עס איז נישטאָ קיין שום האָפענונג צו וואַרטן אויפן חסד פון די דײַטשן און דער איינציקער וועג איז קאַמף. נאָר די דײַטשן געהערן דאָך נישט צו די ריטער, וואָס האָבן גערופן דעם קעגנער, אַז ער זאָל זיך פאַרטיידיקן איידער זיי האָבן אָנגעהויבן דעם קאַמף. זייער טאַקטיק איז דאָך געווען אײַנצושלעפערן, אָפּצונאַרן און אָנצופאַלן פון הינטן אַרום. אין פריוואַטע שמועסן האָב איך אַ סך גערעדט וועגן דעם מיט פּאַסעסאַרסקין. ער, וועלכער האָט טיף און אַלזײַטיק פאַרשטאַנען די קאָמפּליצירטע טראַגישקייט פון דער לאַגע אין וועלכער מיר האָבן זיך געפונען, האָט מיר איין מאָל געזאָגט זײַענדיק אויג אויף אויג נאָך אַ שווערן אינערלעכן געראַנגל — אַז דער אויסוועג איז — אַז מיר זאָלן נישט

יוואַרטן אויף די דײַטשן, נאָר געבן אַ פֿאַלשן אַליאַרם, אַז עס האָט זיך שוין אָנגעהויבן... ער האָט דערבײַ געציטערט אין גאַנצן פֿון אויפֿרעגונג און האָט געמאַכט אַן אײַנדרוק, ווי ער וואָלט זיך אַליין געווען דערשראָקן פֿאַר דעם געוואַגטן געדאַנק. ער האָט אויף מיר געקוקט מיט זײַנע צעפֿלאַמטע גרויסע אויגן, אָנגעשטרענגט און פֿרעגעריש און געזוכט אינעם אויסדרוק פֿון מײַן פּנים אַן אָנשפּאַר פֿאַר זײַן געדאַנק. נאָר מיר איז געוואָרן אומהיימלעך פֿאַר דער געוואַגטקייט פֿון דעם „יונגן שניעק", וועלכער וויל זיך נעמען דאָס רעכט אָפּצונאַרן אַן עדה ייִדן און דערמיט דעצידירן וועגן זייער גורל. ווי אַנדערש... וואָלט אויסגעזען די ווײַטערדיקע געשיכטע פֿון סטאָלפּצער געטאָ, ווען פּאַסעסאָרסקיס געדאַנק — „אַז בעסער אַליין אָפּנאַרן און געווינען, איידער צו לאָזן זיך שענדלעך אָפּנאַרן דורך די דײַטשן און פֿאַרשפּילן" — וואָלט געפֿונען פֿאַרשטענדעניש בײַ זײַנע חברים. צו אונדזער ווייטיק און חרפּה דערציילט זיך אָבער די ווײַטערדיקע געשיכטע אַזוי:

3 אויגוסט 1942. עס איז געווען אינמיטן טאָג, אַלע אַרבעטס־פֿעיִקע זײַנען געווען בײַ דער אַרבעט. אין געטאָ זײַנען געבליבן בלויז מוטערס און זויגקינדער, שוואַנגערע פֿרויען, אַלטע און קינדער. נאָך די לעצטע טרויעריקע געשעענישן אין די שכנותדיקע שטעטלעך, האָט מען זיך באַמיט מיט אַלע מעגלעכקייטן, וואָס מער פֿאַרגרעסערן די צאָל אַרבעטנדיקע ייִדן, כּדי אין זייער זכות זאָלן האָבן דאָס רעכט צו לעבן אויך די נישט־אַרבעטנדיקע. דער טאָג איז געווען אַ זוניקער און אין געטאָ איז געווען צעהאָנגען וועש צום טריקענען. האַלטן זיך ריין איז געווען די זאַך פֿון אַלעמען, פֿונעם גאַנצן כּלל און איינער האָט געהיטן דעם צווייטן. אויסערן געטאָ, בײַ די אַריער האָט געהערשט טיפּוס מיט אַ סך טויטפֿאַלן. דורך די געטאָ־פֿאַרצוימונג — דאָרט ווו מען האָט זיך געשטיקט פֿון ענגשאַפֿט און נישט דערעסן צו זאַט — איז די עפּידעמיע נישט אַדורך. די קינדער האָבן זיך געשפּילט פֿריילעך און טומלדיק אויף דעם איינציקן שטיקל פֿרײַען זאַמדיקן שטח, וואָס ס'האָט זיך געפֿונען אין געטאָ, און אָנגעמאַכט אַ שטויב. אינמיטן דער שפּיל האָבן זיי זיך אין עפּעס דערמאָנט און זײַנען געוואָרן טרויעריק און ערנסט. איבער־

רײַסנדיק דאָס שפּילן זיך, האָבן זיי זיך אָוועקגעזעצט אויף דער ערד אין א ראָד, טוליענדיק זיך האַרט אײנער צום צווייטן און גערעדט צווישן זיך שטיל מיט ישוב הדעת, ווי דערוואַקסענע. גערעדט האָבן זיי וועגן דעם זעלבן וואָס אַלע אין געטאָ... וועגן שחיטות, וועגן „אַקציעס"... זיי האָבן גוט געוווּסט, אַז קינדער זײַנען די ערשטע קרבנות פון דײַטשע „אַקציעס" און זיי האָבן געזוכט עצות, געמאַכט קינדערשע (נישט ערגערע ווי דערוואַקסענע) פּלענער, ווי אַזוי זיך צו ראַטעווען פון די מערדער.

— דער פּלוצימדיקער נישט געווייינטלעכער אין דער צײַט טומל און גע־דראַנג אין געטאָ — האָט צוגעצויגן זייער אויפמערקזאַמקייט, צוליב וואָס זיי האָבן איבערגעריסן דאָס פירן דעם אָנגעהויבענעם שמועס, און זײַנען זיך צעלאָפן נײַגעריקע און דערשראָקענע, זען וואָס עס איז געשען.

שליחים פון יודנראַט זײַנען געלאָפן מיט דער גרעסטער אײַלעניש, ציטאַכמערטע, דערשוויצטע מיט ליסטעס אין די הענט, און פון אַלע זײַטן יעדע ווײַלע געבראַכט צו פירן פרישע אַרבעטער פון זייערע אַרבעטס־פּלעצער. דאָס זײַנען געווען בלויז יונגע מענער, צווישן וועלכע עס האָבן זיך געפונען אַ סך פון דער אָרגאַניזאַציע. יעדער פון זיי האָט באַקומען פון יודנראַט אַ צעטל מיט אַ באַפעל אין פאַרלויף פון אַ האַלבער שעה צו זײַן פאַרטיק מיטן פעקל אויף צו פאָרן קיין באַראַנאָוויטש אויף אַרבעט. אין געטאָ האָט זיך אין איין אויגנבליק אַלץ געענדערט. עס איז געוואָרן איבערגעריסן דאָס צוגרייטן די אָרעמע מאָלצײַטן פאַר די, וואָס דאַרפן קומען פון דער אַרבעט און מ'האָט אויף דער גיך געמאַכט די פעקלעך פאַר די, וועלכע דאַרפן באַלד אָוועקפאָרן. טייל זײַנען שוין געשטאַנען אויסגעשטעלט אין דער רייע פאַרטיק אָוועקצומאַרשירן צו דער באַן און אַנדערע — וואָס האָבן געאַרבעט ווײַט — האָט מען ערשט געבראַכט צו פירן אין געטאָ. אין אַ זײַט איז געשטאַנען אַ גרופּקעלע פון יונגע בחורים, ערנסטע, קאָנצענטרירטע, וועלכע האָבן צווישן זיך שטיל מיט אײַנגעהאַלטענע שטימען, אָבער היציק וועגן עפּעס דעבאַטירט. מאַנכע עלטערן האָבן געוווּסט, וועגן וואָס עס ריידן צווישן זיך אַזוי סודותדיק זייערע געליבטע קינדער — און האָבן זיך געבעטן בײַ זיי רחמים — נישט צו ברענגען קיין אומגליק אויף אַלעמען, און נישט אומברענגען דורך

לײַכטזיניקע מעשים דעם גאַנצן כּלל. מאַנכע פון די יונגע בחורים האָבן פאַרשטאַנען די כיטרע, פאַרברעכערישע שפּיל פון די דײַטשן און האָבן געוווּסט, אַז מען טאָר לענגער נישט וואַרטן, אויב נישט איז אַלץ פאַר־שפּילט... נאָר זיי, סך הכּל אייניקע פערזאָן, אָפּגעריסן פון דער אָנ־פירונג, דיספּאָנירנדיק מיט אַזוי ווייניק צײַט — האָבן באַדאַרפט אָננע־מען אַ באַשלוס פון אַזאַ גרויסער אחריות, וואָס די פאָלגן זײַנען נישט געווען מעגלעך פאָרויסצוזען. עס איז גאָרנישט נישט געווען, וואָס זאָל באַוועגן צו האַנדלען ספּאָנטאַן, וואָס זאָל מאַכן אויפקאָכן דאָס בלוט, וואָס זאָל אָנרעגן צום קאַמף, וואָס זאָל באַרעכטיקן אָנצוהייבן... אַרום האָט אויסגעזען פרידלעך און געמיטלעך. עס האָבן זיך נישט געזען אין ערגעץ, נישט קיין דײַטשן, נישט קיין ווײַסרוסישע פּאָליציי. בלויז צוויי קנאַפּ־באַוואָפנטע דײַטשן פון „אָרגאַניזאַציאָן טאָדט", געקומענע פון באַ־ראַנאָוויטש זײַנען געשטאַנען אין אַ זײַט, נישט מישנדיק זיך אין גאָר־נישט וואַרטנדיק אויף די 400 אַרבעטער וועלכע זיי דאַרפן באַקומען אין סטאָלפּצער געטאָ. די גאַנצע עקספּעדיציע איז געוואָרן אָרגאַניזירט (אויף די דײַטשנס באַפעל) דורכן יודנראַט, וועלכער האָט אַלעמען פאַרזיכערט, אַז זיי פאָרן נאָר אויף אַ קורצער צײַט קיין באַראַנאָוויטש אויסצופירן דאָרט אַ נייטיקע אַרבעט און אין קורצן קומען זיי צוריק קיין סטאָלפּצע. אַלע, וואָס האָבן זיך געפונען אין געטאָ, זײַנען געווען אויפן גאַס געזע־גענען די אוועקפאָרנדיקע. די אין קאָלומנעס אויסגעשטעלטע יונגע מענער זײַנען געווען אַרומגערינגלט פון מאַמעס מיט זויג־קינדער אויף די הענט אַלטע לײַט, קינדער און שוואַנגערע פרויען, וועמענס הילפלאָזיקייט און שוצלאָזיקייט האָט געשניטן דאָס האַרץ און געבונדן די הענט. דערפאַר, אַז די מענטשן־קאָלומנעס האָבן זיך אָנגעהויבן באַוועגן און אוועקמאַרשירן פון געטאָ, האָבן די וואָס האָבן איבערגעלעבט מינוטן פון שווערן אינער־לעכן געראַנגל און געשטאַנען פאַר אַ פײַנלעך־טראַגישן נסיון — זיך דערפילט ווי דערלייזטע... זיי זײַנען געווען גליקלעך דערפון, וואָס זיי קענען אַראָפּוואַרפן פון זיך די שווערע לאַסט פון אחריות פאַרן לעבן פון זייערע מוטערס, שוועסטער און ברידער, קינדער און זיידעס און זיי האָבן זיך דערווײַטערט מיט שווערע הערצער און לײַכטע טריט פון געטאָ.

נאָכן אָפּרײַסן פון סטאָלפּצער געטאָ די אַקטיוויסטע, די מוטיקסטע, האָבן די דײַטשן נאָך שטאַרקער ווי פריִער פאַרצויגן דעם אײַזערנעם רייף אַרום די געבליבענע: ביז איצט זײַנען פון געטאָ צו דער אַרבעט און צוריק — די אַרבעטער געפירט געוואָרן דורך ייִדישע גרופּן־פירערס, באַשטימט דורכן יודנראַט. טייל אַרבעטער האָבן אויפן סמך פון אַ ספּעציעלער צײַגעניש, באַקומען פון אַ דײַטשער אינסטיטוציע וווּ זיי האָבן געאַרבעט, געהאַט דאָס רעכט צו באַוועגן זיך אין גאַס. איצט איז דאָס גיין אַליין אין גאַס פאַר אַלע ייִדן אָן אויסנאַם, אונטער דראָונג פון טויטשטראָף, פאַרבאָטן געוואָרן. יעדן אינדערפרי האָבן דײַטשע וואַכן צוגענומען די אַרבעטער פון געטאָ און אין אָוונט אָפּגעשטעלט צוריק, און בײַ יעדן מאָל זײַנען מיר געציילט און קאָנטראָלירט געוואָרן דורכן זשאַנדאַרם־עלטסטן שולץ. צו אַרבעטן בײַ זיך אין שטוב פאַר די דײַטשן, ווי ביז איצט, איז מער נישט מעגלעך געווען און איך האָב געמוזט איבערפירן די נײמאַשין אין דער באַנמײַסטערײַ, און דאָרט אײַנאָרדענען מײַן וואַרשטאַט. די באַנמײַסטעריי האָט זיך געפונען לעבן דער באַן־סטאַנציע און דורך די פענצטער פון וואַרשטאַט האָט מען געזען אַלע פאַרבײַפאָרנדיקע באַנען. פון אונדזערע פריִערדיקע 18 פּערזאָן פון וועלכע 13 האָבן געהערט צו דער אָרגאַניזאַציע, זײַנען מיר איצט געבליבן סך הכל 5. יעדע פרײַע מינוט וואָס די חברים האָבן אויסגעקאָמבינירט פאַר זיך בײַ זייער אַרבעט האָבן זיי פאַרבראַכט מיט מיר אין וואַרשטאַט.

די טעג האָבן זיך איצט געצויגן לאַנג און מאַטערנדיק ווי שלאָפּלאָזע נעכט. פאַרשפּאַרטע ווי אין אַ תּפֿיסה האָבן מיר געקוקט מיט בענקשאַפט אויף די פאַרבײַלויפנדיקע באַנען, וועלכע האָבן אונדז כּסדר דערמאָנט, אַז עס איז נאָך ערגעץ פאַראַן אַ וועלט... מיט אויפמערקזאַמקייט האָבן מיר אָבסערווירט אַלץ, וואָס עס איז געגאַנגען און געקומען פון מזרח־פראָנט. אַ טרייסט פאַר אונדז זײַנען געווען די לאַנגע וואַגאָנען פון רויטן קרײַץ מיט פאַרוווּנדעטע דײַטשן. מיט אַ באַזונדערער הנאה האָבן מיר געציילט די צאָל וואַגאָנען פון יעדן צוג און די צאָל פאַרוווּנדעטע פון יעדן וואַגאָן. אין אָוונט האָבן מיר צוזאַמען סומירט די צאָל פאַרוווּנדעטע פון גאַנצן טאָג און דערנאָך געכפּלט די טעג אויף וואָכן און חדשים. צו דער צאָל פאַרוווּנדעטע האָבן מיר נאָך צוגערעכנט לויט אונדזערע

השערות, די צאל טויטע, וואס האבן באדארפט פאלן און אזוי ארום אויסגעחשבונט ווען ס'מוז זיך איינברעכן די דייטשע קריגסמאשין. בעת די וואגאנען זיינען געבליבן שטיין האבן מיר געהאט די מעגלעכקייט זיך איינצוקוקן אין די, פון ווייטיק צעקרימטע, פנימער און זען די ציינקריצעניש און פראטעסט-אויסדרוקן פארן מוזן ליידן פון די, וואס האבן געפייניקט און געמארדעט אנדערע מיט דער גרעסטער רויקייט און גלייכגילטיקייט.

מיך האט נישט פארשאפט קיין פיזישע הנאה דאס בילד פון בלוט ליידן און ווייטיק ביי אונדזערע מערדער. עס האט מיך מער געעקלט, ווי געפרייט דעם אינסטינקט און די געבלוטן. מיט א צייט צוריק ווען די דייטשע אכזריות האט נאך נישט געהאט איבערגעטרעטן די מענטשלעכע גרענעץ, האט מיר פארשאפט א סאדיסטישע הנאה, אז כ'האב זיך פארגעשטעלט, ווי מיינע הענט באוועגן זיך אין זייערע אינגעווייד, רייסן פון דארטן לעבעדיקע שטיקער און ס'פליסט אויף זייווארעם בלוט. מיין גאנץ וועזן, יעדעס קעמערל פון מיין ארגאניזם איז דעמלט געווען פול מיט טיפער, מיט אקטיווער שנאה וואס האט געדורשט נאך בלוט. אקטיווע שנאה וואס קומט פון אינסטינקט, פון בלוט, מוז אין זיך האבן עלעמענטן פון קנאה פארן שונא. ווען עס הערט אויף די קנאה פארוואנדלט זיך שנאה אין פאראכטונג. מקנא זיין קאן מען, נאר די, אויף וועמענס ארט מען וואלט זיך געווונטשן אליין צו זיין. דאס האבן נישט באגערט אפילו די פארבארגנסטע קעמערלעך פון מיין אונטערבאוווסטזיין. איך וואלט בעסער געוואלט זיין דער קרבן איידער זיין אויף די דייטשנס ארט און טאן דאס וואס זיי. צווישן מיין מענטשלעכן אינסטינקט צווישן מיין מענטשלעך בלוט, און די וועלכע האבן שוין איבערגעשריטן די מענטשלעכע גרענעץ, איז מער נישט געווען קיין באריר‎ונגס-פונקט. דערפאר, קוקנדיק אויף די פארוווּנדעטע — האט בלויז רעאגירט מיין באוווסטזיין — און זיך געפרייט — פעסטשטעלנדיק דאס אזויפיל און אזויפיל מענטשלעכע אויטאמאטן, וועלכע האבן געדינט דער מאכט פון פארברעכן, זיינען צעשטערט געווארן און ארויס פון אקציע. די שנאה צו דייטשן איז ביי מיר נישט געווען קיין פערזענלעכע, זי איז נישט געפלאסן אין בלוט, נאר געקומען פון מוח, פון תארץ, פון דער נשמה. איך האב

נישט געהאט קיין חשק צו פייניקן דייטשן. דאס וואלט מיר געווען דער־ווידער, נאר ווען מען זאל קענען פארזאמלען אלע דייטשע מערדער אויף איין ארט און דארטן אונטערלייגן אזויפיל אויפרייס־מאטעריאל, וואס זאל זיין גענוג אויף פטור צו ווערן פון זיי, וואלט איך זיך נישט גע־וואקלט אונטערצוצינדן דעם קנויט.

5 אויגוסט 1942. היינט איז דורך סטאלפצע פארבייגע־פארן א לאסטצוג מיט דעפארטירטע יידן פון ווארשעווער געטא. דער צוג האט זיך דא פארהאלטן א ביסל. ער איז גלייך געווארן שטארק באַ־וואכט דורך דער דייטשער וואך־פאליציי, וועלכע האט געשטערט צו דערנענטערן זיך צו אים. פון דער ווייט געהערטע, כאאטיש־ארויסגע־שריגענע, אפגעהאקטע זאצן דורך די פארמאכטע וואגאנען, האבן מיר זיך דערוווּסט, אז די דייטשן זיינען באפאלן דאס געטא, געשאסן און געכאפט מענטשן. איינער האט אויסגעשריגן: „נישטא שוין קיין ווארשעווער געטא, נישטא שוין אין ווארשע קיין יידן"... דער צוג איז אוועקגעפארן ווי־טער אויף מזרח.

10 אויגוסט 1942. היינט זיינען געקומען צו פארן פון בעראנאָוויטש מיט א לאסטאויטא אין באגלייטונג פון א דייטש פון „אר־גאניזאציאן טאדט" — צוויי פערזאן פון די אוועקגעשיקטע. זיי האבן איבערגעגעבן בריוו און גרוסן פאר די פאמיליעס פון זייערע חברים און דערציילט, אז אלע ארבעטן אין בעראנאָוויטש ביי דער באן און זיינען געזונט. זיי זיינען געשיקט געווארן אהער, כדי צו ברענגען פאר אלע סטאלפצער, וואס ארבעטן דארטן, שפייזפעקלעך, וועש און ווארעמע מלבושים. די פאמיליעס פון די אוועקגעשיקטע האבן שנעל פול געמאכט דעם אויטא מיט פעקלעך און מיטגעשיקט מיט די געקומענע, בריוו, גרוסן און א סך גוטע ברכות פאר זייערע אייגענע אין בעראנאָוויטש. די גוטע ידיעות פון בעראנאָוויטש און די שטארקע „זארגעוודיקייט" פון די דייטשן פאר זייערע יידישע ארבעטער, האט בארויקט און א ביסל פארבעסערט די שטימונג אין געטא. דער צוטרוי צום יודנראט איז גע־שטארקט געווארן.

די טעטיקייט פון די פּאַרטיזאַנער אין די אַרומיקע וועלדער, האָט זיך פאַרשטאַרקט, און די ווײַסרוסישע, אָרטיקע באַפעלקערונג האָט אָנגעהויבן צו צווייפלען אין דער אַלמעכטיקייט און נישט־באַזיגערישקייט פון די דײַטשן. קיין סטאָלפּצע האָט מען געבראַכט 27 דערשאָסענע דורך פּאַרטיזאַנער דײַטשן און דאָרטן אײַנגעאָרדנט זייער לוויה, צו וועלכער עס איז געקומען צו פאָרן דער באַראַנאָוויטשער געביטס־קאָמיסאַר. כּדי איבערצושרעקן האָבן די דײַטשן יעדן טאָג געשאָסן אויפן קאַטוילישן בית־עולם אומשולדיקע מענטשן, געבראַכטע פון ערגעץ ווו געכאַפּטע „פּאַרטיזאַנער". פאַר וועלכע ייִדן זײַנען געווען געצוווּנגען אויסצוגראָבן גריבער. אינעם לאַגער פאַר רוסישע קריגס־געפאַנגענע, וועלכער האָט זיך געפונען נישט ווײַט פון געטאָ, זײַנען פון אייניקע טויזנט פערזאָן געבליבן בלויז אַ פּאָר צענדליק. יעדן פאַרנאַכט האָב איך זיי געזען פאַרבײַגיין לעבן די געטאָ־פאַרצוימונגען, ווען מען האָט זיי געטריבן צוריק פון דער אַרבעט. זיי זײַנען געגאַנגען ווי לעבעדיקע מתים, שלעפּנדיק קוים די געשוואָלענע פיס, און האָבן שטענדיק געטראָגן מיט זיך אייניקע טויטע חברים. ערשט מיט אייניקע טעג צוריק האָב איך נאָך אָנגעציילט 73 פערזאָן, הײַנט זענען שוין געבליבן 58. די אָרישע באַפעלקערונג האָט זיך איבערצײַגט, אַז די דײַטשע „באַפרײַער" זײַנען נישט בלויז אויף דעם, כּדי זיי צו געבן מלבושים נאָך די דערשאָסענע ייִדן, נאָך וועלכע זיי זײַנען געשטאַנען אין לאַנגע רייען פאַר דער קאָמענדאַנטור. מאַנכע האָבן שוין אַפילו פאַרשטאַנען, אַז די פאַרברעכערישע שפּיל פון דײַטשן לגבי ייִדן, איז נישט קיין גוטער סימן אויך פאַר זיי. אַ ווײַסרוסישער פויער האָט דאָס אויסגעדריקט פאַר מיר אויף אַזאַ אופן: „ווען די דײַטשן שיסן ייִדן אין געטאָ — ווייסן מיר, אַז זיי וועלן אויך צו מאָרגנס קומען צו אונדז צונעמען די בהמות".

17 אויגוסט 1942. הײַנט זײַנען געקומען קיין סטאָלפּצע צוויי ייִדישע מיידלעך פון נאָענטן שטעטל מ י ר. דורך דער געטאָ־פאַרצוימונג האָבן מיר זיך מיט זיי פונאַנדערגערעדט. זיי האָבן דערציילט, אַז דעם 9טן אויגוסט בײַ נאַכט זײַנען זיי אַנטלאָפן פון מירער געטאָ צוזאַמען מיט נאָך אַנדערע ייִדן. אַ טייל פון די אַנטלאָפענע האָבן

געהאַט געווער, וואָס זיי האָבן באַקומען פון מירער פּאָליציי־קאָמענדאַנט אַ ס וו אַ ל ד. מיר זײַנען געלאָפן נאָך זיי — האָבן זיי געזאָגט — נאָר די, וועלכע האָבן געהאַט געווער, האָבן דאָס אונדז נישט דערלויבט און געטריבן פון זיך. מיר האָבן זיך געבעטן, זיי זאָלן אונדז דערלויבן צו גיין נאָך זיך, נאָר זיי האָבן אויסגעשטעלט אויף אונדז די לופעס פון די ביקסן און פאַרטריבן. בלײַבנדיק אַליין, האָבן די צוויי מיידלעך אַרום־געבלאָנקעט איבער די וועלדער הונגעריקע, דורשטיקע, יעדע מינוט אויס־געשטעלט אויף געפאַר, ביז זיי האָבן זיך דערשלאָגן צום סטאָלפּצער געטאָ, ווו זיי האָבן געהאַט קרובים, פון וועלכע זיי האָבן דערוואַרט הילף. מ׳האָט זיך באַמיט געוואָר צו ווערן פון זיי פּרטים, וועגן דער געשיכטע מיטן געווער, וואָס דער געהיימניספולער פּאָליציי־קאָמענדאַנט אַסוואַלד האָט געגעבן די ייִדן פון געטאָ, נאָר פראַס האָט זיך שוין געהאַט דערוווּסט וועגן די „פרעמדע״ און דאָס ווײַטערדיקע ריידן איז געשטערט געוואָרן. אײַנרייידנדיק די מיידלעך, אַז ס׳האַנדלט זיך בלויז וועגן דורכ־פירן אַ פאָרמאַליטעט, כדי זיי צו קענען אײַנאָרדענען אין סטאָלפּצער געטאָ — האָט ער מיט אַ ייִדישן פּאָליציאַנט זיי אָפּגעשיקט אין זשאַנ־דאַרמעריע. פראַס האָט גערעכנט, אַז מיטן קרבן פון די צוויי „פרעמדע״ מיידלעך, וועט ער שטילן די בלוטגיריקייט פונעם דײַטשן מולך, און אַזוי אַרום ראַטעווען די סטאָלפּצער ייִדן. נאָכן פּײַניקן די מיידלעך אַ גאַנצע נאַכט אין זשאַנדאַרמעריע, האָט מען זיי אויף צומאָרגנס דער־שאָסן.

30 אויגוסט 1942. הײַנט באַלד אין דער פרי, נאָך איי־דער מען איז אַוועק פון געטאָ אויף אַרבעט, האָט זיך אָנגעהויבן דאָס פאַרמירן פון אַ פרישן טראַנספּאָרט מענער, אַוועקצושיקן אין דער פרעמד אויף אַרבעט. דאָס מאָל זײַנען די סטאָלפּצער ייִדישע אַרבעטער געוועזן נייטיק פאַר דער שטאָט מ י נ ס ק. נאָך די ידיעות, באַקומענע פון די, וואָס מ׳האָט געשיקט קיין באַראַנאָוויטש, איז מען אין געטאָ געווען רויִק וועגן גורל פון די, וואָס דאַרפן אַוועקפאָרן. ס׳האָט אָבער געמאַ־טערט די פראַגע, וואָס וועט זײַן מיט די, וואָס וועלן בלײַבן אין געטאָ? ...
צווישן די ייִדן אין געטאָ האָבן זיך געפונען מענטשן מיט שאַרפע

מוחות, געבילדעטע, גוטע מאַטעמאַטיקער, וועלכע האָבן געקאָנט שנעל רעכענען און מאַכן פּלענער מיט דער גענויקייט פון אַ טויזנטל מיליַ־מעטער פון אַ טויזנטל סעקונדע. אין געטאָ האָבן זיי אויסגענוצט זייערע קענטענישן און געשאַרפט די מוחות דערויף — אויסצורעכענען צי דעם דײַטשן שוחט וועט זיך לוינען צו שעכטן, אָדער נישט. און זיי האָבן דערוויזן מיט אײַזערנער לאָגיק, אַז די דײַטשן לוינט נישט צו פאַרניכטן די ייִדן, און דערפאַר האָבן זיי געהאַלטן, אַז עס וועלן בלײַבן געטאָס. זעענדיק ווי די דײַטשן פאַרוואַנדלען איינציקווײַז דאָס סטאָלפּצער געטאָ אין אַ זאַמלפּונקט פאַר ארבעטס־אומפעיִקע און קינדער, האָבן זיי שנעל אויסגעחשבונט — אַז געטאָ טויג נישט, לאַגער איז בעסער, דאָרטן איז פאַראַן אַ שאַנס צו בלײַבן לעבן... ס׳רוב אָבער, זײַענדיק פול מיט זאָרג און אומרו וועגן זייערע פאַמיליעס, האָבן באַמיט זיך אַרויסצודרייען פונעם אַוועקפאָרן און געוואָלט בלײַבן אויפן אָרט. נאָר עס האָט אָבער גאָרנישט געהאָלפן — דאָס מאָל זײַנען די הויפּטמאַכער בײַ דער סעלעקציע געווען נישט דער יודנראַט און אפילו נישט זייער באַלעבאָס שולץ, נאָר אַ געקומענער פון דער פרעמד געשטאַפּאָ־אָפיציר. ער האָט באַשטימט ווער עס זאָל בלײַבן און ווער עס זאָל פאָרן קיין מינסק. אַלע, וואָס האָבן געאַרבעט ביז איצט, פאַרן פּערזענלעכן געברויך פון די דײַטשע הערשערס, ווי שנײַדערס, שוסטערס, פריזירערס און אַנדערע יחסנים, וועלכע האָבן געהאַט אײַזערנע בריוו פון די „גרעסטע דײַטשן" זײַנען דורך דעם געשטאַפּאָויעץ ווי נישט ארבעטנדיקע פאַר קריגס־באַדערפענישן, אָן צערעמאָניעס צוגענומען געוואָרן פון זייערע ארבעטס־פּלעצער. איך האָב אויך געהערט צו די, וועלכע זײַנען געשטאַנען אין דער רייע אויף אַוועקצופאָרן. נאָר שוין פאַרן אָפּמאַרשירן איז געקומען דער אינספּעקטאָר פון באַנמײַסטערײַ מיט אַ פּאַפּיר, ווו ס׳איז געווען באַשטעטיקט דורך דעם פירער פון „אָרגאַניזאַציאָן טאָדט", אַז איך בין באַשעפטיקט אַלס שנײַדער בײַם נייען אַמטקליידער פאַר די באַן־באַאַמטע, און דער געשטאַפּאָ־אָפיציר האָט מיך איבערגעלאָזט. אַלע איבעריקע ארבעטער פון באַנמײַסטערײַ — אַחוץ פּאָסעסאָרסקין, וועלכער האָט אויסגעמיטן צו ווערן אַוועקגעשיקט אַ דאַנק דעם, וואָס ער האָט זיך צופעליק נישט געפונען אין סטאָלפּצע, ווײַל דער דײַטש, וואָס האָט אים מיטגענומען פאַ־

רנדיק אינספעקטירן דעם באַנוועג, האָט זיך פאַרשיכורט אין אַ דאָרף און דאָרטן געבליבן ביז צו מאָרגנס. ווי אַן איבערזעצער האָט פּאָסעסאָרסקי מער נישט געטאָרט אַרבעטן, און איך האָב געפּועלט ביים אינספעקטאָר, אַז מ'זאָל אים צושרייבן אַלס מיין געהילף פאַר דעם שניידער־וואַרשטאַט.

אין געטאָ ווו מ'האָט זיך פריִער געשטיקט פון ענגשאַפט און נישט געהאַט מיט וואָס צו אָטעמען, איז גרוים געוואָרן. נאָר די גרוימקייט האָט טרויעריק געמאַכט און אָנגעוואָרפן אַ פּחד, ווי דאָס ליידיקע אָרט נאָך געשטאָרבענע.

6 סעפּטעמבער 1942. היינט, ווען כ'בין פאַרביי־געגאַנגען פאַר דעם עסזאַל פון באַנמייסטעריי, וועלכער האָט זיך געפונען מיט אַ שטאָק נידעריקער פון דער שניידער־וואַרשטאַט, האָט מיך דאָרטן גערופן דער דייטש רודאָלף. ער איז געזעסן איינער אַליין און פאַרענדיקט דעם מיטיק. אין זאַל איז מער קיינער נישט געווען, ווייל עס איז געווען שוין לאַנג נאָך דער מיטיק־שעה. רודאָלף האָט היינט נישט געגעסן צוזאַמען מיט אַלע, ווייל ער איז געווען אויף דינסט. אויפן טיש זיינען געשטאַנען, ווי געוויינטלעך, אַ פּאָר אויסגעליידיקטע ביר־פלעשער און אויפן וואַנט איבער דער פּיאַנע איז געהאַנגען אַ גרויס בילד, ווו היטלער איז געווען געמאָלן אין אַ שטייענדיקער פּאָזע ביים האַלטן אַ רעדע. אָנ־ווייזנדיק אויפן דאָזיקן בילד, האָט דער דייטש, קוקנדיק אויף מיר אויפ־מערקזאַם און פאַרשעריש — געפרעגט — ווער איז דאָס? — אַדאָלף היט־לער! — האָב איך געענטפערט. — נו יאָ, דאָס ווייס איך זעלבער, אָבער ווער איסט דען דער היטלער?... — און ער האָט נאָך עקשנותדי־קער איינגעגראָבן אין מיר זיינע אויגן. איך בין געווען אין אַ פאַר־לעגנהייט און כ'האָב מורא געהאַט פאַר אַ פּראָוואָקאַציע. איך, האָב געענטפערט, אַז היטלער איז דער פירער פון דייטשן פאָלק. — דו קוואַטשסט דאָך מענטש! — דו ליינגסט! — האָט ער אויסגעשריגן אומ־געדולדיק און אויפגערעגט. נאָר באַלד צוגעגעבן, שוין — זאָג דאָך די וואָרהייט האָבע קיינע פורכט!... — איך האָב געשוויגן...

דעמלט איז ער אויפגעשטאַנען פון טיש, צוגעגאַנגען צו מיר גאַנץ נאָ־ענט אַזוי, אַז איך האָב געשפירט זיין אָטעם און די גערוכן פון דעם

ערשט אויפגעגעסענעם מיטיק, האט ארויפגעלייגט די האנט אויף מיין אקסל און מיט איטפעט אזוי, ווי ער וואלט זיך געוואלט באפרייען פון עפעס, וואס דריקט אים און קאן עס מער נישט טראגן אין זיך — מיר ארײנגעשריגן גלייך אין פנים אריין — היטלער... איטט איין גראס-באנדיט, דער איטט אויער און אונדזער אונגליק!...

22 סעפטעמבער 1942. היינט האט א באן-מאשיניסט געבראכט פון בעראנאוויטש א טרויעריקע ידיעה, אז דארט קומט פאר א שחיטה אין געטא. דאס איז שוין די דריטע „אקציע" אין בעראנא-וויטשער געטא און דאס דארף זיין די לעצטע, וואס דארף אנטגילטיק ליקווידירן דאס בעראנאוויטשער געטא. אין סטאלפצער געטא האט די דאזיקע ידיעה געמאכט א באזונדערס שווערן און דערדריקנדיקן איינ-דרוק און האט ארויסגערופן מער צערודערונג און פאניק, ווי די אנדערע ידיעות וועגן דער ליקווידאציע פון יידן אין די ארומיקע ערטער. די סיבה דערפון איז געווען די אייגנארטיקע „טעאריע", וואס די סטאלפ-צער יידן האבן זיך געשאפן, אז די דייטשן האבן ליקווידירט די יידן נאר דארטן, ווו ס'איז נישט פאראן קיין גרויסער באן-קנופ, ווייל אויף אזעלכע ערטער זיינען די יידן נישט נויטיק. דאקעגן-זשע ווו עס איז פאראן א גרויסער באן-קנופ ווי א שטייגער: בעראנאוויטש-סטאלפצע-מינסק, לעבן יידן און וועלן ווייטער לעבן, ווייל זיי זיינען נויטיק צו דער ארבעט פאר די דייטשן. נאר אויב מען ליקווידירט שוין די יידן אין בעראנאוויטש איז אוים מיט דער דאזיקער לאגיק און אלע ראציא-נעלע אויסטייטשונגען. דא קאן נאר איין גאט העלפן... אבער פארוואס זאל ער גראד מער העלפן די סטאלפצער יידן פאר אנדערע יידן?!

דעם זעלבן טאג האט פאסירט נאך עפעס. די שוועגערין מיינע, וועלכע האט געארבעט אין אלגעמיינעם ארבעטס-אמט אויסערן געטא, איז היינט געקומען מיט צוויי שעה פריער פון דער ארבעט ווי געוויינט-לעך — א פארוויינטע און א דערשלאגענע. די סיבה דערפון איז גע-ווען דאס, וואס דער פארוואלטער פון ארבעטס-אמט, דער ווייסרוס פרור-שינאווסקי איז געקומען צו גיין אין ביורא א דענערווירטער, א צע-שטרייטער און האט איבערגעגעבן, אז די דייטשן האבן זיך געוואנדן צו

אים נאָך 50 קריסטלעכע אַרבעטער אויף צו גראָבן גריבער הינטערן שטאָט.
אַ שרעקלעכע זאַך וועט געשען!... האָט ער אויסגערופן און פאַרגע־
לייגט דער שוועגערין צו ענדיקן פריִער די אַרבעט. די שוועגערין איז
גלײַך אַוועקגעלאָפן צו די פאַרשטייער פון יודנראַט און זיי דאָס אי־
בערגעגעבן. נאָר די הערן פּראַס און וויטנבערג האָבן זיך אויסגעלאַכט
פון איר: „פּלוידערט נישט קיין ווײַבערישע נאַרישקייטן און מאַכט
נישט אָן קיין פּאַניק, גייט אַהיים און שלאָפט רויִק. אַלץ איז אין בעסטן
אָרדענונג, אויב ס'וועט דראָען אַ געפאַר, וועלן מיר אײַך באַצײַטנס
צוּווּיסן געבן" — דאָס איז געווען זייער ענטפער... די הערן פּראַס און
וויטנבערג האָבן געהאַט אַ גרונט צו זײַן רויִק. אַט האָבן זיי דאָך ערשט
הײַנט געטרונקען בראָנפן און זיך אונטערהאַלטן מיטן זשאַנדאַרם־מײַס־
טער שולץ, מיטן קאָמענדאַנט פון דערווירטשאַפט־קאָמענדאַנטור —
בולע, און מיט אַנדערע הויך־געשטעלטע דײַטשן און שולץ האָט גוט־
ברודעריש זיי געקלאַפּט אין פּלייצע און געזאָגט: „אויערע יודען גע־
שיט ניכטס, זי דירפן נאָר פלײַסיק אַרבייטן". און אַז דער זשאַנדאַרם־
מײַסטער שולץ אַליין זאָגט, קאָן מען רויִק שלאָפן. נאָר פונדעסטוועגן
איז מען איז געטאָ די דאָזיקע נאַכט נישט רויִק געשלאָפן. עס זיינען
באַשטימט געוואָרן דיזשורן, וואָס האָבן געוואַכט און אָבגערווירט וואָס
עס קומט פאָר אַרום דער געטאָ־פאַרצוימונג. איך האָב דיזשורירט ביז
דרײַ אַזייגער און איך האָב נישט באַמערקט קיין שום באַזונדערס.

23 סעפּטעמבער 1942. דער פרימאָרגן האָט זיך הײַנט
אָנגעהויבן אַ סך פריִער ווי געוויינטלעך, איך האָב קוים באַוויזן אײַנצו־
דרעמלען ווי איך בין געוואָרן אויפגעוועקט דורך מײַנע שכנים. אַלע
זײַנען שוין געווען אויף די פיס. דאָס ערשטע וואָרט וואָס איך האָב גע־
הערט איז געווען, אַז דאָס געטאָ איז אַרומגערינגלט פון פּאָליציי. סוף־
כל־סוף איז געשען דאָס שרעקלעכע, עס איז געקומען דער שוואַרצער טאָג.
עס האָט באַקומען אַ רעאַלן אויסזען דאָס שרעקונגסבילד, וואָס האָט גע־
לעבט אין אונדז די גאַנצע צײַט, געפּײַניקט אין די טרויעריקע טעג און
קאָשמאַרנע נעכט. נאָר קיין צײַט אויף צו טראַכטן און צו מאַכן אַ חשבון־
הנפש איז נישט געווען. די צײַט איז קורץ!... מיר זײַנען אַרומגע־

רינגלט און צאַפּלען זיך אָנמעכטיק געפאַנגענע אין אַ נעץ. יעדער זוכט פאַר זיך אַ שפּעלטעלע אויף אַרויסצובאַקומען זיך פון דער פאַסטקע אָדער, זיך איינצוגראָבן טיף אין דער ערד אפשר וועט אים דער שונא נישט באַמערקן. עס האָבן זיך געבילדעט פאַרשיידענע גרופּקעלעך, וואָס האָבן זיך געסודעט צווישן זיך, זיינען שטאַרק פאַרנומען געווען מיט זיך און זיך געהיט פאַר אַ פרעמד אויער. דאָס האָט מען אונטערהאַנדלט וועגן אַ גע־מיינזאַם באַהעלטעניש, וועלכן מען האָט שוין צוגעגרייט פריער, וועגן פּראַטעקציע ביים יודנראַט, אַז מען זאָל זיך געפינען צווישן די, וואָס מען וועט אַרויסלאָזן פון געטאָ, וועגן אַ באַקאַנטן פּאָליציאַנט, וואָס זאָל העלפן זיך ראַטעווען, וועגן באַהאַלטן די קאָסטבאַרקייטן און אַנדערע זאַכן. עס זיינען אויך געווען אַ סך פאַראייניזאַמטע, וואָס האָבן נישט געהערט צו קיין שום גרופּקעלע, וואָס זיינען מיט גאָרנישט, נישט אָסע־קורירט, נישט מיט קיין באַהעלטעניש, נישט מיט קיין פּראָטעקציע, נישט מיט קיין קאָסטבאַרקייטן, וואָס האָבן איצט נישט מיט וואָס זיך צו פאַר־נעמען, וואָס רופן און פרעגן פאַרצווייפלט: „יידן, וואָס טוט מען? !”. זיי וואַרטן אויף אַ וואָרט, אויף אַן אָנווייזונג, ווי אַזוי געמיינזאַם צו ראַטעווען דאָס לעבן, אָבער אַמווייניקסטנס ווי אַזוי צו שטאַרבן מיט כבוד. נאָר קיינער ענטפערט נישט. יעדער פאַר זיך האָט אייגענע פּלענער, ווי אַזוי איבערצוכיטרעווען דעם גורל און זיין פון די אויסדערוויילטע, וואָס וועלן איבערלעבן היטלערן. די עטלעכע פאַראייניזאַמטע מענטשן, וואָס זיינען נאָך געבליבן פון דער אָרגאַניזאַציע, זיינען אָנמעכטיק, דעזאָר־גאַניזירט און דעזאָריענטירט. איך באַמי זיך עמיצן אויסצוגעפינען, מיט עמיצן זיך פאַרשטענדיקן, עפּעס געוואָר צו ווערן, נאָר אָט (היינט פריער ווי געוויינטלעך) הייבט זיך שוין אָן דאָס פאַרמירן פאַרטיעס אויף צו גיין צו דער אַרבעט און איך איל שנעל אין דער ריי. די ערשטע זיינען גע־וואָרן פאַרטיק די גרופּע אַרבעטער פון דער זשוויראַווניע. זיי האָט מען ווייניקער בודק געווען, ווייל די דייטשן, וואָס זיינען זיי געקומען נעמען צו דער אַרבעט האָבן געקענט פּערזענלעך יעדן אַרבעטער פון דער גרופּע און זיי אַליין, אָן דער הילף פון שולצן, האָבן צוזאַמענגעקליבן און קאָנטראָלירט זייערע אַרבעטער. שולץ האָט בלויז איבערגעציילט, צי עס שטימט די אַלגעמיינע צאָל. אַלעמענס בליקן זיינען געווען געוואַנדן

מיט שפּאַנונג אין זייער זײַט. אָט מאַכט זיך אויף דער געטאָ־טויער
און זיי זייען מיט שנעלע טריט, לויפן כמעט, ווי פון אַ שׂרפה און געפי־
נען זיך שוין אויף יענער זײַט געטאָ־טויער, אויסערן פּאָליציייִשן קאָר־
דאָן. אַלע האָבן זיי מקנא געווען. זיי, ביז איצט די אומגליקלעכסטע,
די פּאַריער פון געטאָ. די זשוויראָווניע דאָס איז געווען דער ערגסטער
אַרבעטספּלאַץ, אַ סאַטאַרגע־אַרבעט, זעקס קילאָמעטער הינטערן שטאָט,
צען שעה אין טאָג אָן איבעררײַס, האָט מען געדאַרפט אַרבעטן בײַם
זשוויר און לאָדענען וואַגאָנען אין אַ מערדעריש טעמפּאָ. די קרבנות
פון דער דאָזיקער גרופּע פלעגן זיך רעקרוטירן פון די סאַמע אָרעמסטע,
פון עלנטע, וואָס האָבן נישט געהאַט קיין פּראָטעקציע אין געטאָ. איצט
געהערן זיי צו די גליקלעכסטע!...

דאָס פאָרמירן זיך פון דער צווייטער גרופּע אַרבעטער, צווישן וועלכע
עס האָבן זיך געפונען איך און פּאַסעמאַרסקי האָט געדויערט זייער לאַנג.
שולץ מיט דער מיטהילף פון פּראָסן און ווימנבערגן האָבן אַלעמען
שטרענג און גרינטלעך בודק געווען און געהיטן עס זאָלן זיך נישט אַרײַנ־
רײַסן קיין פרעמדע צו אונדז. פּײַנלעכע סצענעס האָבן זיך אָפּגעשפּילט
מיט די קינדער. טייל מאַמעס פלעגן ביז איצט מיטנעמען זייערע קינדער
צו דער אַרבעט, אַ געוויסע צאָל קינדער פלעגן זיך זעלבסטשטענדיק אַרויס־
כאַפּן פון געטאָ מיט די אַרבעטער־גרופּן. זיי זײַנען געווען פאַסטוכער
אָדער געטאָן אַנדערע אַרבעטן בײַ דער נישט־יידישער באַפעלקערונג און
אַזוי אַרום פאַרדינט אויף ברויט פאַר זיך און זייערע עלטערן. הײַנט איז
געהיטן געוואָרן שטרענג, עס זאָל זיך קיינער פון זיי נישט אַרויסבאַקומען.
עס איז געווען רירנדיק ווי די קינדער האָבן זיך געבעטן בײַ די קאָנטראָ־
לערן און באַמיט זיך זיי איבערצוצײַגן, אַז זיי זײַנען שוין דערוואַקסענע
און האָבן די פליכט צו אַרבעטן גלײַך מיט אַלע אַנדערע. שוין נאָך
דעם, ווי אונדזער גרופּע איז געווען פאָרמירט, האָט נאָך לאַנג געדויערט
ביז מען האָט אונדז אַוועקגעפירט צו דער אַרבעט און איך האָב געהאַט
די מעגלעכקייט צו אָבסערווירן וואָס עס טוט זיך אַרום מיר: אַרום די
געטאָ־פאַרצוימונגען, ווי ווײַט מײַן אויג האָט געקאָנט נאָכפאָלגן איז
געווען געדיכט באַשטעלט מיט ווײַסרוסישער פּאָליציי, באַוואָפנט מיט
ביקסן, אויטאָמאַטן, האַנטגראַנאַטן און מאַשין־געווער. אַרום דעם געטאָ־

טויער, נישט ווײַט פון שולצן זײַנען געשטאַנען עלטערע אין ראַנג פּאַליציאַנטן פריילעכע, אויפגערויטע און מונטערע, אויסגעפוצט אין זייערע שוואַרצע מאַנטלען און ווײַסע הענטשקעס אַזוי ווי אויף אַ יום־טוב. בײַם געטאָ־טויער איז געווען אַ גרויסער געדראַנג. אַלע האָבן זיך געשטופּט מיט די אַרבעטס־קאַרטן אין די הענט און געריסן זיך פאָרויס מיט דעם גוואַלטיקן באַגער צו וועלן זײַן אויף יענער זײַט געטאָ־טויער, אויסערן פּאָליציי־קאָרדאָן.

דאָס אַרויסלאָזן פון געטאָ איז צוגעגאַנגען זייער לאַנגזאַם. יעדע פּערזאָן איז געוואָרן גענוי נאָכקאָנטראָלירט דורך שולצן אַליין. ס׳איז שוין געוואָרן קלאָר, אַז אַרויסגעלאָזט צו דער אַרבעט ווערן נאָר די, וואָס אַרבעטן בײַ דער אָרגאַניזאַציע „טאָדט״. ס׳ווערן דאָך געמאַכט איינצלנע אויסנאַמען. עס מאַכט זיך אויף דאָס טויער פאַר ד״ר סירקין. ד״ר סירקין איז אַ באַוווּסטער און אָנגעזעענער קינדער־דאָקטער, זייער פּאָפּולער אין דער גאַנצער געגנט אויך בײַ דער נישט־יִידישער באַפעלקערונג און ס׳איז נישטאָ ווער עס זאָל אים פאַרטרעטן. דאָקטער סירקין פאַרלאַנגט, אַז מען זאָל אויך אַרויסלאָזן זײַן פרוי מיט די צוויי קינדער נאָר שולץ באַשטייט נישט דערויף און ער בלײַבט אויך אין געטאָ. עס מאַכט זיך נאָך אַ מאָל אויף דער געטאָ־טויער. דאָס מאָל פאָרן זויגערמאַכער אַן פיס. ער פאָרט אויף אַ וועגעלע, לעבן אים גייט זײַן 14 יעריקער זון. דאָס איז אַ מענטש אין גאַנצן אָן פיס. בעת ער געפינט זיך אויף דער ערד און קוקט צו אײַך אַרויף ווערט אײַך זייער אומהיימלעך. עפּעס אַזוי ווי אַ הונט וואָלט צו אײַך אַרויפגעקוקט, נאָר דערפאַר, אַז ער געפינט זיך אויפן וועגעלע אָדער אויף אַ שטול און איר קוקט אויף זײַן ענערגיש, אינטעליגענט געזיכט, הערט אויס זײַנע קלוגע רייד, פאַרגעסט איר, אַז ער איז אַ בעל־מום. דעמלט האָט איר פאַר זיך אַן אָנגענעמען מענטש און אינטערעסאַנטן טישטשמעסער. ער האָט אַ פרוי מיט דרײַ שיינע, אינטעליגענטע קינדערלעך. אחוץ דעם יִינגל נאָך צוויי יִינגערע בלאָנדע מיידעלעך. אַז ער פאָרט אהיים פון דער אַרבעט, שטייען די צוויי מיידעלעך פון הינטן אויפן ראַנד פון וועגעלע, אָנהאַלטנדיק זיך אָן אים, אַרומהאַלדזנדיק זײַן האַלדז מיט זייערע קינדערשע הענטלעך. ער איז דער איינציקער פּריווילעגירטער, וואָס אַרבעט נאָך וועלבשטענדיק

אויסערן געטאָ. ער איז אַ גוטער זייגערמאַכער און אויף אַ שטח פון 70 קילאָמעטער אַרום סטאָלפּצע געפינט זיך שוין נישט קיין זייגערמאַכער. שולץ לאָזט אים אַרויס פון געטאָ, דאָס יונגעלע זיינס — נישט. די סעלעקציע איז פאַרענדיקט. דער געטאָ־טויער איז פאַרמאַכט און פון אינעווייניק, פאַרצווייפלטע צום טויט־פאַרמשפּטע מענטשן, וועלכע ווילן נישט אָפּטרעטן פונעם טויער, וועלכע רייסן זיך צום לעבן. צו אונדזער גרופּע האָט מען איצט פאַראייניקט נאָך אַ פּאָר צענדליק מענטשן, מען האָט אונדז נאָך אַ מאָל געציילט, נאָך אַ מאָל קאָנטראָלירט און מיר מאַר־שירן אָפּ.

אין ערשטן מאָמענט האָב איך דערפילט אַ געוואַלטיקע דערלייכ־טערונג. דער גאַנצער קערפּער פרייט זיך. די פיס באַוועגן זיך לייכט און מיט לוסט. מיט יעדן טריט דערווייטערן מיר זיך דאָך פון טויט... נאָר נאָכן דערווייטערן זיך פון דעם שרעקלעכן אָרט, ווען איך פיל שוין נישט מער אויף זיך דעם אָטעם פון טויט, דערגייט איצט צו מיין באַ־וווסטזיין דאָס געשעענע מיט אַלע זיינע נאָכפאָלגנדיקע קאָנסעקווענצן, אין זיין גאַנצן פאַרנעם. אין זיין אומגעהויער טראַגישן אָנפאַנג און דרינגט אַריין טיף אין מיין וועזן, בויערט דורך מיין אינגעווייד אַזוי טיף און גרינטלעך, אַז איך דערפיל פּשוט אַ פיזישן ווייטיק, אַ שטעכונג אין ברוסט. אין האַלדז ווערט מיר ענג און עס איבלט צום ברעכן. די פיס ווערן מיר שווער און איך שלעפּ זיי, ווי נישט מיינע, עס איז מיר לאַסטיק דאָס גיין און עס ווילט זיך אַוועקלייגן אין מיטן וועג און זיך נישט רירן פונעם אָרט. נאָר איך ווער געשטופּט פאָרויס פון דער גייענ־דיקער מענטשן־מאַסע און איך שלעפּ זיך ווייטער.

אַלע זיינען זיך צעגאַנגען. יעדער אויף זיין אַרבעטספּלאַץ און איך בין געבליבן בלויז מיט פּאָסעסאָרסקין. די דייטשן, ביי וועלכע מיר האָבן געאַרבעט זיינען היינט צו אונדז באַזונדערס מילד. זיי פאַרהאַלטן זיך אַזוי, ווי דאָס, וואָס קומט דאָרטן פאָר אין געטאָ וואָלט נישט געהאַט קיין שייכות מיט זיי און איז קעגן זייער ווילן. זיי פילן אונדז מכלומרשט מיט, נאָר זיי קאָנען גאָרנישט העלפן. עס איז דאָך גאָרנישט לאַנג ווי דער גרעסטער טייל פון די דאָזיקע דייטשן האָט זיך אַליין באַטייליקט אין ליקווידירן די יידן פון ק ל ע צ ק, פון ס ווי ע ר ז ש נ ע,

פֿון מ י ר, פֿון נ י ע ס װ י ע ז ש און פֿון אַנדערע שטעטלעך. איך געדענק דאָך װי זײ פֿלעגן אַרויספֿאָרן אויף די לאַסטמאַשינען פֿרײלעכע, מיט געזאַנג, װי אויף אַ זונטיק־אויספֿלוג און פֿלעגן צוריקקומען מיט פֿול־געפּאַקטע מאַשינען, מיט ייִדיש האָב און גוטס, מיט בלוט־באַפֿלעקטע מלבושים פֿון דערמאָרדעטע דורך זײ ייִדן. אַט געפֿינען זיך דאָך נאָך ביזן הײַנטיקן טאָג אַ טײל פֿון די דאָזיקע זאַכן אויפֿן בוידעם און זײַנען דאָס אײגנטום פֿון דער באַנמײַסטערײַ. װאָס איז געשען מיט די דאָזיקע מערדער? צי האָט זיך בײַ זײ דערװעקט דאָס געװיסן? צי האָבן זײ חרטה אויף זײערע פֿריִערדיקע מעשים? פּאָסעסאָרסקי, אַזױ װי ער װאָלט געטראָפֿן מײַנע געדאַנקען זאָגט: ס'איז גאַנץ אײנפֿאַך, זײ האָבן שוין איצט אַ גענוגנדע צאָל גוט־אויסגעשולטע דורך זײ קאַדרן פֿון װײַסרוסן, װאָס קאָנען זײ פֿאַרטרעטן בײַם אויספֿירן די שמוציקע אַרבעט פֿאַר דײַטשלאַנדס רום, פֿאַר דײַטשלאַנדס זיג, פֿאַר זײער פֿאָטערלאַנד און זײ קאָנען זיך דערלויבן צו זײַן דזשענטלמענער.

פּאָסעסאָרסקי האָט איבערגעלאָזט אין געטאָ אַ מוטער, אַ ברודערל און אַ שװעסטער מיט אַ זױגקינד. איך — אַ שװעגערין, װאָס נישט קוקנדיק אויף די שװערע איבערלעבונגען האָט זי לײַדנשאַפֿטלעך ליב דאָס לעבן און װיל נישט שטאַרבן. מיר זײַנען גאַנץ שטיל און הערן זיך אײַן מיט אײַנגעהאַלטענעם אָטעם, אָנגעשטרענגט און קאָנצענטרירט, אפֿשר װעט דערגײן צו אונדז עפּעס אַ קלאַנג פֿון געטאָ, כאָטש דעם מהלך איז אַ גענוג גרױסער. מיר װײסן, אויב עס װעלן אָנהײבן אַרבעטן די מאַשינען־געװער װעלן מיר דאָ הערן און בײַ אַ שטאַרקע אָנשטרענגונג פֿונעם געהער װעלן מיר אויך הערן ביקסן־שאָסן. מיר הערן זיך אײַן אָנגעשטרענגט און פֿאַרטיפֿט מיט ציטעריקע הערצער אין פֿײַנלעכער דערװאַרטונג אויף דעם שרעקלעכן מאָמענט. מיר װערן געשטערט דורך אַ סקריפּ פֿון טיר. עס גײט אַרײַן די פֿרוי פֿון אינספּעקטאָר. אַ יונגע עלעגאַנטע דאַמע און באמת זײער אַן אָנגענעמע פֿרוי. זי איז געקומען פֿון בערלין צו גאַסט צו איר מאַן און זי װיל װיסן װי האַלט עס מיט זײַן מונדיר, װעלכן ער דאַרף האָבן צו פֿאָרן צוזאַמען מיט איר אויף אורלויב. איך קאָן זיך נישט באַהערשן, נישט צו דערמאָנען דער דאָזיקער העפֿלעכער און אײדעלער דאַמע, אַז אַחוץ איר מאַנס מונדיר עקזיסטירט נאָך עפּעס,

קומט נאָך עפּעס פאַר אויף דער וועלט און איך זאָג איר: „אנטשולדיקט גנעדיקע פרוי, היינט קאָנען מיר נישט ארבעטן, איר מוזט דאָך פאַרשטיין, אז עס איז אונדז אוממעגלעך צו ארבעטן אין דער צייט, ווען מען מאָרדעט דאָרט אונדזערע אייגענע, אונדזערע נאָענטע, אונדזערע פרויען און קינדער, אונדזערע שוועסטער און ברידער". „נו יא איך פאַרשטיי, פאַרצייען זי בימע" — זאָגט זי מיט אַ פיינעם בערלינער אַקצענט און גייט אוועק.

פּאַסעסאָרסקי האָט נישט געקאָנט מער אייַנזיצן אין וואַרשטאַט און איז געלאָפן געוואָר ווערן ביי די פוילישע באַן־ארבעטער אפשר וויסן זיי עפּעס וואָס עס הערט זיך אין געטאָ. ער האָט זיך געזוימט אַ לענגערע צייט, דערנאָך איז ער אַריינגעלאָפן אַ צעהיצטער און אין איין אָטעם איבערגעגעבן, אַז ער האָט זיך דערוווּסט, אַז מיט צוויי שעה שפּעטער, שוין נאָך דער סעלעקציע האָט מען נאָך ארויסגעלאָזט פון געטאָ עטלעכע צענדליק פרויען נאָך וועלכע עס זיינען געקומען דייטשן און זיי ארויסגענומען פון דאָרטן. מיר טאָרן איצט נישט פאַרלירן קיין איין מינוט, מיר מוזן זיך שטאַרק איילן אפשר וועט אונדז נאָך געלינגען ארויסצובאַקומען פון דאָרטן — מיר די שוועגערין און פּאַסעסאָרסקין די זייניקע. איך האָב שנעל אויפגעזוכט דעם דייטשן רודאָלף, אים איבערגעגעבן אין וואָס עס האַנדלט זיך און אים געבעטן, אַז ער זאָל מיט אונדז גיין. ער האָט אונדז געפירט אונטערן געווער, מיר זיינען געגאַנגען אינמיטן וועג, פאַרויס, און ער נאָך אונדז אַזוי ווי געפאַנגענע געפירטע דורך אַ וואַך. אין אָנפאַנג האָבן מיר אויפן וועג נישט באַמערקט קיין שום באַזונדערס, אַלץ איז געווען ווי געוויינטלעך, נאָרמאַל, יעדער האָט געטאָן דאָס זייניקע, אַזוי ווי עס וואָלט גאָרנישט געווען געשען. נאָר קומענדיק נענטער צו דער געגנט פון געטאָ האָבן מיר באַמערקט ווי עס דרייען זיך אַרום פאַרשיידענע פאַרדעכטיקע פאַרשוינען טייל מיט זעק, דאָס זיינען די שאַקאַלן, וואָס וואַרטן שוין אויפן רויב. אין אַ ווייטיק עקל, נישט ווייט פון געטאָ האָבן מיר באַמערקט אַ גאַנצן לאַגער פון ווייסרוסישער פּאָליציי, דאָס האָט מען זיי אַהערגעבראַכט פון דער גאַנצער אומגעגנט אויף צו באַטייליקן זיך אין דער „אַקציע", באַהאַלטן הינטער אַ וואַנט האָבן מיר באַמערקט דעם אָנפירער זייערמאַכער, ווי ער קוקט אָנגעשטרענגט און

אײַנגעשפּאַרט אין דער זײַט פון געטאָ. אַרום די געטאָ־פּאַרצוימונגען
שוואַרצלען זיך די פלעקן פון די פּאָליציאַנטן און עס גלאַנצן די שטאַרצנ־
דיקע לופּעס פון מאַשין־געווער. דאָס געטאָ־טויער איז נאָך אַלץ באַלאַגערט
פון מענטשן. דאָס האָבן זיי אונדז שוין געמוזט באַמערקן פון אינעווייניק,
ווײַל דער געדראַנג און שטופּערײַ בײַם טויער איז גרעסער געוואָרן. אונ־
דזער אָנקומען וועקט בײַ זיי מסתמא פרישע האָפענונג אויף אַרויסצובאַ־
קומען זיך. מיר דערנענטערן זיך שוין נאָענט צום געטאָ־טויער און רודאָלף
פרעגט זיך נאָכאַמאָל נעגוי אויס וועגן די פאַמיליעס און נומערן פון די
אַרבעטס־קאַרטן פון די, וואָס מיר ווילן אַרויסבאַקומען פון געטאָ. נאָר
דאָן געשעט אַזעלכעס וואָס ענדערט אין איין אויגנבליק די גאַנצע לאַגע:
עס באַווײַזט זיך אַן עלעגאַנטער אויטאָ אין וועלכן עס זיצן עס־דע־אָפיצירן.
(מיר פאַררוקן זיך שנעל אין אַ חורבה און קוקן אַרויס פון דאָרטן דורך
אַ לאָך) באַלד געפינט זיך לעבן זיי שולץ. אַן אויסגעצווינגענער ווי אַ
סטרונע, מיט דער האַנט צום דאַשעק. ער ראַפּאָרטירט עפּעס פאַר זיי,
וואָס מיר קאָנען פונדערווײַטנס נישט הערן און ער באַקומט פון זיי עפּעס
אַ באַפעל. ער דרייט זיך דאָן אויס, גיט אַ צייכן מיט דער האַנט און עס
מאַרשירן אַרויס די פּאָליציאַנטן פונעם זײַטיקן געסל און דעפּילירן פאַרבײַ
דעם אויטאָ. דער אָפיציר פון אויטאָ זאָגט נאָך עפּעס צו שולצן לייגט
צו די האַנט צום דאַשעק און דער אויטאָ פאָרט שנעל אָפּ. אין דעם מאָ־
מענט הייבט זיך אָן אַ שיסערײַ גלײַך אין דער מענטשן־מאַסע, וואָס גע־
פינט זיך אין געטאָ לעבן טויער. ס'ווערט אַ מהומה און אַ געלויף אויף
צוריק און ס'פאַלן געטראָפענע פון די קוילן. דער געטאָ־טויער איז שוין
איצט אָפן און די פּאָליציי שיסט פון אינעווייניק נאָך די אַנטלויפנדיקע.
אַלע נייגעריקע און רויבגיריקע נישט־יידן, וועלכע האָבן זיך געפונען
נאָענט פון געטאָ אַנטלויפן אין גרויס אײַלעניש, דערשראָקענע,פאַרצי־
טערטע. די גאַס, וואָס פירט צום געטאָ־טויער ווערט אָפּגערייניקט פון
מענטשן, ווערט פוסט. נאָר איינער איז פאַראַן, וואָס אײַלט מיט דער
גרעסטער אײַלעניש אויף דער דאָזיקער ליידיקער און פון שרעק פאַרלאָז־
טער גאַס גלײַך אין דער ריכטונג פון געטאָ־טויער. דאָס איז דער אָנפי־
פיקער זייגערמאַכער. און אויפן פּאָן פון דער אַרומיקער פוסטקייט און
ליידיקייט שלאָגט זיך אָפּ מיט אַ טראַגישער בולטקייט דאָס דרײַערדער־

דיקער וועגעלע, געפירט דורך אים מיט דער גרעסטער שנעלקייט מיט דעם גרעסטן אימפעט, געטריבן דורך אן אומגעהויערער קראפט, וואס איז שטארקער ווי דער טויט. ער אײַלט זיך כדי וואס שנעלער, וואס גיכער צו זײַן צוזאמען מיט זײַנע נאענטע, גלײַך ווי ער וואלט נאך געוואלט באווײַזן אז זײַן בלוט זאל זיך צוזאמענגיסן נאך ווארעמערהייט מיט דעם בלוט פון זײַן פאמיליע. ווײַטער נאכפאלגן דאס געשעענע האבן מיר שוין נישט געהאט קיין מעגלעכקייט, ווײַל דער דײַטש רודאלף האט אונדז נישט דערלויבט לענגער צו בלײַבן דארט — „וויר מוסן זאפארט וועקקומען פאן היר, ווען נישט גייט איר קאפוט" — האט ער געזאגט און אונדז צוריק אוועקגעפירט צו דער ארבעט.

נאכן ענדיקן דעם ארבעטסטאג האבן אלע דערפילט נאך שטארקער דעם גרויסן בראך, וואס עס איז אונדז געשען. יעדן טאג פלעגן מיר ווארטן מיט אומגעדולד אויף דעם מאמענט, ווען עס וועט זיך ענדיקן דער ארבעטסטאג און אויסגעשעפטלטע אין קאלומנעס וועלן אונדז די דײַטשן אפפירן אהיים אין געטא. ווו מען האט געקאנט פארברענגען צווישן נאענטע מענטשן ביז צומארגנס אין דער פרי. איצט ווילדעוועט דארט שולץ מיט זײַנע צוהעלפער, מארדן און רויבן און מיר, אויסגעשעפטלטע אויפן חסד פון די דײַטשן, שלאפן זיך ארום אויף דעם באגרענעצטן שטיקל שטח, ווו עס איז אונדז דערלויבט זיך צו באוועגן אזוי ווי געשלאגענע, היימלאזע הינט אבער געשטראפט מיט א מענטשלעכן כוח־הדמיון, וואס לאזט אונדז זעען דעם בלוטיקן קאשמאר, וואס קומט איצט פאר אין געטא. פון צײַט צו צײַט הערן מיר אײַנצלנע אפגעריסענע שאסן אבער מיר זעען דערבײַ אויך, אלע באגלייט־דערשײַנונגען וואס זײַנען פארבונדן מיט די דאזיקע שאסן; יעדער אויף זײַן אופן אין פארבינדונג מיט זײַנע נאענטע.

איך באטראכט די „גליקלעכע", די אויסדערוויילטע, די באשטימטע צום לעבן. אט איז בערטע באגען, מײַן שכנה, זי האט זיך ארויסבאקומען פון געטא שוין שפעטער, נאך דער סעלעקציע. דארטן איז געבליבן דער פאטער אירער. דורך די פאר שעה איז זי אינגאנצן גרוי געווארן. אז איך דערנענטער זיך צו איר ברעכט זי אויס אין א פארשטיקט געוויין. אט איז מײַן שכן זײַמשיק, לעצטנס געווען קראנק, אין ערגעץ נישט געארבעט און איך וואונדער זיך, ווי אזוי האט ער זיך ארויסבאקומען פון געטא. דארטן

האָט ער איבערגעלאָזט אַ פרוי מיט אַ וווּנדערבאַר געראָטן קינד. ער קוקט אויף מיר מיט וואַנזיניק־ווילדע אויגן. דאָס מויל איז בײַ אים אויס־געקרימט ווי דורך אַ פּאַראַליזש. איך רייד צו אים און ער ענטפערט נישט און איך ווייס נישט, צי האָט ער פאַרלוירן דאָס לשון אָדער דעם באַ־וווּסטזײַן.

אַז איך בין געקומען צוריק אין וואַרשטאַט האָב איך געטראָפן וואַר־טנדיק אויף מיר בײַם טויער, פּאַסעסאָרסקיס ייִנגערע שוועסטער. זי איז געקומען אין שליחות פון איר ברודער מיר אָנזאָגן, אַז ער האָט צוגענומען אַ פּיסטאָלעט בײַ אונדזערע דײַטשן און איז אַוועק צוזאַמען מיט האָניקן און אַנדערע און ער וואַרט אויף מיר אין וואַלד לעבן שעכטהויז. איך האָב זיך געדאַרפט דעצידירן און האַנדלען שנעל. נאָר איך האָב זיך געפונען אין אַזאַ צושטאַנד, אַז עס איז פאַר מיר געווען אוממעגלעך עפּעס צו טאָן, עפּעס פאַרצונעמען. איך בין געווען אַזוי דערשלאָגן, אַז איך האָב פאַרלוירן אינגאַנצן דעם ווילן און בין געווען ווי געליימט. איך האָב פאַרשטאַנען מיטן שכל די געפערלעכע לאַגע אין וועלכער איך געפין זיך, אַז יעדע מינוט קאָנען די דײַטשן באַמערקן, אַז עס פעלט זיי דאָס געווער דעמלט בין איך פאַרבײַ, דעמלט וועלן זיי מיך פאַרפּײַניקן. איך האָב אויך פאַרשטאַנען, אַז איך טאָר נישט אַדורכלאָזן דעם איצטיקן שאַנס אויף צו ראַטעווען זיך. איך האָב נישט געפילט קיין שרעק און האָב אויך נישט געהאַט קיין ווילן זיך צו ראַטעווען. איך בין געווען אַזוי אָנגעפילט מיט אינערלעכן ווייטיק, אַז דאָס האָט אינגאַנצן פאַראַ־ליזירט מײַן ווילן און געמאַכט פאַר מיר אוממעגלעך יעדע טעטיקייט. די פיס האָבן זיך מיר אײַנפאַך נישט באַוועגט און איך האָב נישט גע־האַט קיין ווילן זיי צו באַפעלן. איך האָב זיך אַוועקגעלייגט אויפן שנײַ־דערישן טיש און — זאָל זײַן וואָס ס'וועט זײַן!...

איך בין געלעגן אָן געדאַנקען און אָן פיזישע עמפּינדונגען, איך האָב נישט געפילט קיין הונגער, נישט קיין שלעפעריקייט, נישט קיין שרעק אַזוי ווי אין לעטאַרגיע. נאָר עפּעס שווערס, דריקנדיקס האָט גע־פרעסט מײַן געמיט. בײַ מיר אין מח האָט זיך עפּעס געוועבט, געפלאָנ־טערט, נאָר בלאָס, אָן שפּאַנונג, אָן לעבן, אַזוי ווי אין שלאָף. וועגן דער סיטואַציע אין וועלכער איך האָב זיך געפונען האָב איך געטראַכט

ווי וועגן עפעס ווײַטס און פרעמדס, אזוי ווי עס וואָלט זיך געהאַנדלט נישט וועגן מיר, נאָר וועגן אַן אַנדערער פּערזאָן. עפּעס איז מיר אומגעקומען ווי איך וואָלט געווען צעצווייט. אין אַ דאָפּלטן וועזן. די דײַטשן פּאַרפּײַניקן דאָס צווייטע וועזן מײַנס, ברענגען אום נאָר מיר טוט נישט וויי, איך פיל גאָרנישט. נאָר מיטן אומקום פון דעם צווייטן וועזן מײַנעם — קום איך אויך אום. איך לעב נישט מער און עס איז מיר אָנגענעם דערפון, עס איז מיר גוט איך הער ווי דורכן שלאָף, אַז מען גייט שוין נאָך מיר. מען גייט שוין אויף די טרעפּ, מען מאַכט אויף די טיר, מען גייט צו נאָענט צו מיר נאָר איך באַוועג זיך נישט. איך דריי זיך נישט אום, איך בין ווי פאַרגליווערט, פאַרשטאַרט. מען רירט מיך אָן, איך פיל עמיצנס האַנט. איך ריר זיך נישט, מיך אַרט עס נישט. נאָר דאָ הער איך די מיר גוט באַקאַנטע שטים; דו שלאָפסט גאָר!?...

דאָס האָט מיך גלײַך אויפגעטרייסלט און אַרויסגענומען פון מײַן פאַרגליווערטקייט. מײַנע חושים זײַנען צוריק וואַך און געשפּאַנט. כ'דריי זיך האַסטיק אום — פאַר מיר שטייט העריש פּאַסעטאַרסקי. ער האָט מיר איבערגעגעבן, אַז ער איז שוין געווען אין וואַלד נאָר ער האָט זיך באַזונען און באַשלאָסן צוריקצוגיין. מיר וועלן גיין צוזאַמען מאָרגן אָדער איבערמאָרגן אָרגאַניזירטערהייט, אָן אײַנגן גרופּקעלע — האָט ער געזאָגט — נאָר וועגן דעם שפּעטער. קודם־כל מוזן מיר פּטור ווערן פון דעם פּיסטאָלעט, מיר מוזן אים צוריק אַוועקלייגן אויפן אָרט איידער די דײַטשן באַמערקן אַז ער פעלט. מיר מוזן האַנדלען שנעל! מיט אַ צוגעגרייטן אויסרייד האָב איך אָנגעקלאַפּט אין דײַטשס צימער — מען ענטפערט נישט. איך קלאַפּ שטאַרקער — עס איז גוט! ס'איז קיינער דאָרט נישט פאַראַן. פּאַסעטאַרסקי האָט אין איין אויגנבליק אויפגעשלאָסן די טיר און אַוועקגעלייגט דעם פּיסטאָלעט אויף דעם אָרט פון וואַנען ער האָט אים גענומען. מיר האָבן זיך דערווײַט — ס'האָט זיך גלענצנדיק אײַנגעגעבן.

מיר האָבן זיך בײדע אַוועקגעלייגט אויפן שנײַדערישן טיש נאָר מיר זײַנען נישט געשלאָפן די גאַנצע נאַכט. מיר האָבן געשמועסט און געמאַכט פּלענער וועגן אונדזער אַנטלויפן. מיר האָבן איבערגעזיפט גערעדט אַ סך וועגן אַלץ און מיר האָבן זיך גענומען זייער דערנענטערט

איינער צום צווייטן. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז אין דעם טאָג זײַנען פֿאָרגעקומען ענלעכע איבערברוכן אין ביידנס פּסיכיק, אַז מיר האָבן פּסיכאָלאָגיש איבערגעלעבט דעם איינגענעם טויט, דעם איינגענעם אומקום און דערמיט פֿאַרניכטעט אין זיך דעם געפּערלעכן באַציל. די מורא פֿאַרן טויט. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז נאָכן איבעררײַסן דעם שנור מיט וועלכן דער געדאַנק און די פֿאַנטאַזיע האָבן אונדז געהאַלטן פֿאַרשפּונען מיטן ווײַטערדיקן לעבן — האָבן מיר דערזען פֿאַר זיך צענדליקער אויסוועגן, צענדליקער אופֿנים ווי אַזוי צו קענען ראַטעווען דאָס לעבן. אויסוועגן, וואָס האָבן זיך אונדז פֿריִער אויסגעוויזן פֿאַר אוממעגלעך דורכצופֿירן, פֿאַר נישט דענקבאַר, פֿאַר נישט רעאַל, זײַנען איצט געוואָרן פֿאַר אונדז רעאַל, איינפֿאַך און מעגלעך. די דײַטשן האָבן אויפֿגעהערט צו זײַן פֿאַר אונדז אַלמעכטיקע, אומעטום זײַענדיקע און אַלץ־וויסנדיקע. מיר האָבן פֿאַרשטאַנען, אַז אויב מיר פֿאַרמשפּטע צום אומקום ווילן פֿונדעסטוועגן לעבן, מוזן מיר דערפֿאַר קעמפֿן. יעדן טאָג, יעדע מינוט, יעדע סעקונדע.

אויף צוזאַמענגנס באַלד פֿון דער פֿרי האָבן מיר זיך פֿאַרנומען מיטן צוגרייטן אונדזער אַנטלויפֿן און כדי ס'זאָל נישט פֿאַלן קיין פֿאַרדאַכט אויף אונדז מצד די דײַטשן האָב איך זיך גענומען צו דער אַרבעט כאָטש איך האָב נישט געהאַט קיין געמיט דערצו. האָב איך זיך באַמיט מיט אַלע כוחות וואָס שנעלער פֿאַרטיק צו מאַכן דעם אינספּעקטאָרס מונדיר, כדי מען זאָל זיך אויפֿהערן צו אינטערעסירן מיט אונדז און זיך נישט דרייען אין וואַרשטאַט. לויט אונדזער פּלאַן האָבן מיר געדאַרפֿט אוועק אַ גרופּקעלע פֿון 8 ביז 10 פּערזאָן, אַחוץ מיר — אַלץ יונגע בחורים. צווישן דעם גרופּקעלע האָט געזאָלט זײַן אַ בחור, וואָס האָט געענדיקט אַן אָפֿיצירן־שול אין ראַטנפֿאַרבאַנד, ווי אונדזער מיליטערישער ספּעץ און איינער, אַ וועגווײַזער, וואָס האָט גוט געקענט די גאַנצע אַרומיקע געגנט. געווער האָבן מיר געדאַרפֿט באַזאָרגן, איך מיט פֿאַסעמאַרסקין. אונדזער אויסזיכט איז געווען: פֿינף פּיסטאָלעטן, איין ביקס און 500 קוילן. די דײַטשע פּיסטאָלעטן האָבן זיך, אין דער צײַט ווען זיי האָבן נישט געהאַט קיין דינסט, געפֿונען אין זייערע צימערן וווּהין מיר האָבן געהאַט נאָכשליסלען. מיר האָבן אויך געהאַט גענוי אויסגערעכנט, וועלכע

דײַטשן װעלן נישט האָבן דעם געגעבענעם טאָג קײן דינסט און זײערע פּיסטאַלעטן װעלן בלײַבן אין די צימערן. אין אונדזער חשבון איז געװען: די בראַונינגס פֿון די דײַטשן רודאָלף און װעסט, די פֿאַראַבעלומס פֿון הײנצן, שמויערמאַרק און פֿון ביוראָ־סעקרעטאַר מילך. אַ ביקס און קוילן האָבן מיר געקאָנט נעמען צו יעדער צײַט. אונדז איז אויסגעקומען בײַצוקומען נאָך אַ שװעריקײט — זיך צו באַקענען מיטן געװער נאָך אײדער מיר נעמען עס צו, װײַל אונדז האָט געקאָנט אויסקומען זיך צו מוזן באַנוצן דערמיט שוין דעמלט, װען מיר דעראָבערן עס און קײן צו גרױסע ספּעציאַליסטן פֿון געװער, זײַנען מיר בײדע נישט געװען. מיר האָבן זיך אײַנגעאָרדנט אויף אַזאַ אופֿן: מיר האָבן אויפֿגעפּאַסט אַ מאָמענט, װען די דײַטשן זײַנען נישט געװען אין זײערע צימערן און האָבן זיך „אויסגעבאָרגט" דאָס געװער פֿון זײ. דאַן האָט זיך אײנער פֿון אונדז פֿאַרמאַכט אין טואַלעט־צימער און דערלערנט דאָרט די קאָנסטרוקציע פֿון געװער און װי אַזוי זיך צו באַגײן דערמיט און דער צװײטער איז געשטאַנען אויף „צינק". דערנאָך האָבן מיר דאָס געװער אװעקגעלײגט צוריק אויפֿן אָרט.

אַ חבר, װעלכער האָט געאַרבעט בײַם סאָרטירן די מלבושים נאָך די דערמאָרדעטע אין דער נעכטיקער „אַקציע" האָט אונדז איבערגעגעבן אַ פּעקל אַרבעטס־קאַרטן, געפֿונענע אין די טאַשן פֿון די אומגעקומענע, צװישן װעלכע עס האָט זיך אויך געפֿונען די אַרבעטס־קאַרטע מיט דער פֿאָטאָגראַפֿיע פֿון מײַן שװעגערין. פֿון אים האָבן מיר זיך אויך דערװוּסט געװיסע פּרטים פֿון דער נעכטיקער שחיטה:

אַרויסגעפֿירט פֿון געטאָ האָט מען אין לאַסט־מאַשינען הינטערן שטאָט אויף דעם אָרט, װוּ עס זײַנען שוין געװען פֿון פֿריִער אויסגעגראָבענע גריבער. די קרבנות האָט מען געצװוּנגען זיך אויסצוטאָן נאַקעט און צו קניִען האַרט בײַם ראַנד פֿון די גריבער. דאַן האָבן אויף זײ געשאָסן פֿון מאַשין־געװער די װײַסרוסישע פּאָליציי־לײַט אונטער דער אָנפֿירונג פֿון דײַטשער זשאַנדאַרמעריע מיט שולצן בראש. דער גאַנצער יודנראַט און די ייִדישע פּאָליציי איז דערשאָסן געװאָרן. פֿראַסן מיט װײַטנבערגן האָט מען געצװוּנגען צו זײַן אָנװעזנד אויפֿן פּלאַץ בעת עס איז פֿאָרגעקומען די עקזעקוציע. דערנאָך האָט זײ שולץ באַפֿוילן אַרײַנ־

צוווארפן אין די גריבער די טויטע, וועלכע זיינען דארט אליין נישט ארײַנגעפאלן. בעת זיי האבן געטאן די דאזיקע ארבעט האט מען זיי אליין אויך געשאסן פון הינטן מיט „גנאדע־שאסן". דער אנפיסיקער זייגערמאכער איז דערשאסן געווארן אין געטא נישט ווײַט פונעם טויער.

דאס ליקווידירן די רעשטלעך פון די באהאלטענע יידן אין געטא, האט ווײַטער געדויערט. מיר האבן כסדר געהערט איינצלנע שאסן און אויפרײַסן. דאס האט מען אויפגעריסן די בונקערס צוזאמען מיט די מענטשן, וואס האבן זיך דארטן געפינען און די איינצלנע שאסן, וואס מיר האבן געהערט, זיינען געווען געצילט אויף די, וועלכע מען האט ארויסגעפירט לעבעדיקערהייט פון די באהעלטענישן. אין מיר האט זיך אלץ געבונטעוועט נאר איך האב געמוזט נייען דעם מונדיר פארן הער אינספעקטאר, ווײַל פון דעם איז געווען אפהענגיק דער דערפאלג פון אונדזער אנטלויפן.

אין אוונט איז אונדז לײדער נישט געלונגען אוועקצוגיין, ווײַל נאך דעם אנטלויפן פון דער נעכטיקער גרופע איז די אויפזיכט פון די דײַטשן איבער אונדז געווארן זייער א שטרענגע. גלײַך נאך דער ארבעט איז יעדע גרופע ארבעטער אפגעזונדערט געווארן פון די איבעריקע ארבעטער און שטרענג באוואכט געווארן. דער וועג אין דער ריכטונג פון וואלד איז געהיט געווארן דורך דײַטשן און פאליציי און באלויכטן מיט רעפלעקטארן. די חברים וואס האבן געדארפט גיין מיט אונדז צוזאמען האבן זיך געפינען אין פארשיידענע ארבעטער־גרופן און ס'איז שווער געווען זיך צוזאמען צוקלייבן. לויט דעם פלאן, וואס מיר האבן געהאט האט באזונדערס אלץ געמוזט גוט קלאפן און בלײַז־שנעל געטון ווערן. היות מיר האבן נישט געהאט פון פריער קיין צוגעגרייט געווער, באהאלטן אין ערגעץ האבן מיר עס געדארפט דערלאבערן ערשט דעמלט, ווען אלץ וועט שוין זײַן פארטיק. ווען אלץ וועט שוין זײַן גרייט. אין דעם מאמענט ערשט האבן מיר געדארפט דערלאבערן דאס געווער און גלײַך אוועק. כדי אונדזער פלאן זאל געלונגען האבן מיר געדארפט צוזאמענשפאנען צוויי גינסטיקע מאמענטן אין איין פונקט — איין מאמענט, ווען אלע פון אונדזער גרופקעלע זאלן זיך קאנען צוזאמענקלויבן און דער צווייטער מאמענט — וואס זאל אונדז דערמעגלעכן צו דערלאבערן גע־

ווער. דאָס איז נישט געווען דורכפירבאַר אין דעם אָוונט צוליב די אויבן דערמאַנטע סיבות און מיר האָבן אָנגענומען אַ דרייסטן באַשלוס, אוועק־צוגיין אין מיטן טאָג בעת דער מיטיק־שעה.

26 אויגוסט 1942. היינט זיינען מיר אויפגעשטאַנען פאַרטאָג און זיך געגרייט אין וועג אַריין. אַלץ איז פאַרטיק און פאַרויס־געזען מיט אַלע איינצלהייטן, מיט אַלע דעטאַלן — היינט גייען מיר. מיר האָבן געמאַכט די לעצטע רעפּעטיציע מיטן געווער — מיר זיינען שוין היימיש מיט די פּיסטאָלעטן ווי מיט אייגענע. דעם אינספּעקטאָרס מונדיר איז פאַרטיק און מיר מוזן אים אוועקטראָגן, ווייל דאָס גייט אַריין אין אונדזער פּלאַן — ווען דער אינספּעקטאָר זיין צופרידן פון זיין מונדיר און וועט זיין גוט געשטימט צו אונדז — וועט ער אונדז באַפרייען אויף אייניקע שעה פון דער אַרבעט כדי מיר זאָלן קאָנען גיין אין „באָד" אַריין. אַזוי ווי מיר האָבן באַשלאָסן איבערצולאָזן פאַר די דייטשן אַ „געזעגענונגס־בריוול" האָב איך נישט פאַרענדיקט אינגאַנצן דעם מונדיר (אויך לויטן פּלאַן) — איך האָב זיך געמאַכט פאַרגעסן אַריינצונייען אַ ווייס קעלנערל, כדי צו האָבן אַ פּרעטעקסט צוריקצונעמען דער מונדיר און אין לעצטן מאָמענט, פאַרן אוועקגיין, אַריינצורוקן אין טאַש אונדזער געזעגענונגס־בריוועלע. פּאָסעמאַרסקי איז מיטגעגאַנ־גען מיט מיר ווי מיין געהילף און מיר זיינען אוועק צום אינספּעקטאָר. דאָרט האָבן מיר געטראָפן אַחוץ די פרוי פון אינספּעקטאָר, נאָך צוויי דייטשן. כאָטש דאָס איז געווען פון פּסיכאָלאָגישן שטאַנדפּונקט נישט געוווּנטשן פאַר אונדז (כדי נישט אַרויסרופן קיין פאַרדאַכט) פונדעסט־וועגן האָבן מיר זיך נישט איינגעהאַלטן און געפּרוווט צו פּראָוואָצירן די דייטשן, אַז זיי זאָלן זיך אַרויסזאָגן וועגן די געשעענישן אין געטאָ. צו־ליב דעם האָבן מיר זיי געוויזן די פאָטאָגראַפיעס פון די דערמאָרדעטע. נאָר זיי האָבן פאַרעקשנט געשוויגן און „מיטפילנדיק" געשאָקלט מיט די קעפּ. דער אינספּעקטאָר איז געווען צופרידן פון מונדיר און האָט אונדז דערלויבט צו גיין אין „באָד" אַריין וואָס איז באַשטימט פאַר די אַרישע באַן־אַרבעטער. דאָס איז פאַר אונדז געווען זייער וויכטיק!...

מיר האָבן באַשטימט מיטצונעמען אַביסל שפּייז אויפן וועג, כדי

באַלד פון אָנהייב נישט זײַן געצוווּנגען אָנצוקומען צו דער אַרטיקער באַפעלקערונג.

פּונקט האָט זיך אַזוי געמאַכט, אַז דער דײַטש לודמיל בײַ וועלכן מיר האָבן געהאַט אַן אַלטן חוב, האָט אונדז געבראַנגט אַ שווייצער־קעז און די פּרוי פון אינספּעקטאָר, ווי אַ מתנה פאַרן געלונגענעם מונדיר — האָט אונדז געבראַכט אַ שטיק ווורשט און אַ פּעקל פּאַפּיראָסן. מיר האָבן זיך געווינטשט, אַז די דײַטשן גיבן אונדז מיט צדה־לדרך. ערגער איז געווען מיטן אַנטוען זיך. אויף דעם באַדן איז צווישן מיר און פּאַסעסאַרסקין געווען אַ שטיקל חלוקי־דעות. פּאַסעסאַרסקי האָט געהאַלטן, אַז מיר זאָלן צונעמען בײַ די דײַטשן שטיוול און וואַרעמע וועש און איך בין געווען קעגן דעם. בײַ מיר איז געווען אַן ערנזאַך בײַ די דײַטשן גאָרנישט צו נעמען חוץ געווער: ס׳קאָן זײַן, אַז דאָס איז געווען אַ נאַרישקייט פון מײַן זײַט, ווײַל ווי עס האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן, זיינען אַ פּאָר שטיוול אָדער אַ וואַרעם מלבוש אין וואַלד געווען אַ לעבנס־פראַגע. דעמלט אָבער האָב איך פאַרטיידיקט מײַן שטאַנדפּונקט מיט דער גרעסטער אײַנגעשפּאַרטקייט. פּאַסעסאַרסקין האָב איך איבערגעצײַגט מיט אַ פּראַקטישן אַרגומענט, אַז מיר דאַרפן דאָס נישט טאָן צוליב דעם, כדי די דײַטשן זאָלן זיך נישט נוקם זײַן אין זײַן שוועסטער, וועלכע בלײַבט דאָך ווײַטער אין זייערע הענט. צוליב דעם זעלבן טעם און אביסל כדי זיך אַ רייץ צו טאָן מיט די דײַטשן, האָבן מיר אָנגעשריבן (אין דײַטש) דאָס „געזעגענונגס־בריוועלע”, וועמענס אינהאַלט איך גיב דאָ איבער:

„צום הערן אינספּעקטאָר און דער גאַנצער מאַנשאַפט! מיר האָבן געאַרבעט בײַ אײַך אַ לאַנגע צײַט און געווען פאַר אײַך נוצלעך. מיר וואָלטן אויך ווײַטער געבליבן בײַ אײַך, נאָר ליידער, נישט איר זײַט די הערן פון דער לאַגע, נאָר די געשטאַפּאָ, עס־דע און פעלד־זשאַנדאַרמעריע, די, וואָס מאָרדן אונדזערע שוועסטער און ברידער, אונדזערע פרויען און קינדער. איצט גייען מיר אוועק אין וואַלד כדי מיט געווער אין האַנט צו פאַרטיידיקן אונדזער לעבן און זיך נוקם זײַן אין די מערדער פון אונדזער פאָלק. אַנטשולדיקט וואָס מיר האָבן בײַ אײַך גענומען דאָס געווער. דאָס איז פאַר אונדז געווען אומבאַדינגט נויטווענדיק. מיר בעטן אײַך פון אונדזער אוועק־

גיין נישט מאַכן קיין געברויך און נישט מעלדן דער זשאַנדאַר־מעריע.

פּ. ס. אויפן חשבון פון געווער, וואָס מיר האָבן בײַ אײַך גענומען לאָזן מיר אײַך איבער די נײמאַשין.

רײַך, פּאַסעסאָרסקי".

מיר האָבן זיך באַמיט, וועגן דעם, אַז וואָס מער פון אונדזערע דײַטשן זאָלן וויסן וועגן דעם, אַז מיר גרייטן זיך מיטיקצײַט צו גיין אין „באָד" כדי עס זאָל אונדזער אָפּוועזנהייט נישט זײַן אויפפאַלנד. מיט די חברים, וועלכע האָבן געדאַרפט גיין מיט אונדז, איז אַלץ געווען אָפּגערעדט: דרײַ פון זיי — פּיגאַ, יולעק פּינטשעווסקי און לוזער מעלאַמעד האָבן געאַרבעט ווײַט פון אונדז אין אַן אַנדער ריכטונג, אַזוי, אַז ס'איז נישט מעגלעך געווען דאָס זיי זאָלן קומען צו אונדז און מיר האָבן זיך אָפּגערעדט, אַז זיי גייען גלײַך פון דער אַרבעט צום וואַלד, דורך אַן אַנדער וועג און דאָרטן וועלן מיר זיך טרעפן. נאָך דרײַ, צווישן וועלכע ס'האָט זיך געפונען אונדזער װעגװײַזער, האָבן געאַרבעט אויף דער באַנסטאַנציע אַלס טישלער בײַם איבערבויען דעם דעפּאָ. זיי האָבן געדאַרפט וואַרטן אויף אונדז אויפן אָרט. מיט דעם מיליטערישן ספּעץ האָבן מיר זיך נישט געקאָנט קאָמוניקירן די גאַנצע צײַט און מיר האָבן לײדער געמוזט רעזיגנירן פון זײַן גיין מיט אונדז. מיר האָבן אויך געמוזט רעזיגנירן פון דער ביקס, ווײַל עס איז געווען אוממעגלעך זי אַרויסצופירן אין מיטן טאָג.

פּונקט 12 אַזייגער האָבן מיר געהערט דעם אויסגעצויגענעם רוף פון דעם דײַטשן קוכער — מ י ט א ג !. די דײַטשן פון ערשטן שטאָק האָבן פאַרלאָזט זייערע צימערן און זיינען אַראָפּ אין עסזאַל אויף מיטיק. פּאַסעסאָרסקי פאַרשווינדט אין קאָרידאָר, ס'דויערט נישט לאַנג און ער ברענגט מיר צו טראָגן צוויי בראַנינגס און פאַרשווינדט נאָכאַמאָל. איך לייג אַרײַן דאָס בריוועלע אין טאַש פונעם אינספּעקטאָרס מונדיר און פאַרלאָז דעם וואַרשטאַט.

אויף דעם קאָרידאָר טרעף איך פּאַסעסאָרסקין אַרויסגייענדיק פון אַ דײַטשנס צימער און מיר גייען שוין אַראָפּ פון די טרעפּ באַוואָפנט מיט

פיר פיסטאלעטן. איצט דארפן מיר נאך נעמען א פאראבעל פון דער קאנצעלאריע. די קאנצעלאריע איז הארט נעבן עסזאל און עס איז געפערלעך, נאר נאך איידער איך באוויז עפעס צו זאגן פאסעסארסקין איז ער שוין פארשוווּנדן. ער קומט גלייך צוריק מיט א זויערע מינע און גיט איבער, אז דער פאראבעל איז ליידער נישטא. דער סעקרעטאר איז מיס־תמא אוועק אין דינסטלעכע אנגעלעגנהייטן און מיטגענומען מיט זיך דעם פיסטאלעט. מיר גייען איצט פארביי די פענצטער פון עסזאל, ווארפן א לעצטן בליק אויף די עסנדיקע דייטשן און גייען ווייטער מיט דער באלינע. ביים מיטיק־איבעררייס איז דא א גרויסע באוועגונג פון יידישע און נישט־יידישע ארבעטער און פון דייטשן. מיר באגעגענען א סך באקאנטע, באגריסן זיך, טייל פרעגן עפעס, מיר ענטפערן און גייען ווייטער. נאענט פון דעפא זיינען געזעסן די חברים, וועלכע דארפן גיין מיט אונדז. מיר גיבן זיי א צייכן, אז זיי זאלן נאכגיין נאך אונדז, נאר זיי רירן זיך נישט פון ארט. לויט דעם, ווי מיר האבן זיך אפגערעדט האבן זיי נאך דעם געגעבענעם צייכן געדארפט נעמען זייער ארבעטס־געצייג, די זעגן און העק און גיין נאך אונדז. מיר גיבן זיי נאכאמאל א צייכן נאר זיי רירן זיך נאך אלץ ווייטער נישט פון ארט. דאן גייען מיר צו נאענט צו זיי און דערקלערן קלאר, אז מיר האבן ביי זיך געווער און מוזן שוין גיין, אז מען טאר דא נישט פארלירן קיין איבעריקע סעקונדע. זיי ענטפערן אונדז נישט, נאר עס הייבט זיך אן א שושקעריי צווישן דעם וואס דארף זיין אונדזער וועגווייזער און זיין חבר. אז מיר הייבן אן צו ווערן אומגעדולדיק שטאמלט ער ארויס, אז הוגא (דער דייטש אונטער וועמענס אויפזיכט זיי ארבעטן) האט געזאגט, אז מען וועט שוין מער נישט שיסן און, אז די וואס לעבן, וועט מען שוין נישט טשעפען. פאסעסארסקי האט זיך שרעקלעך אויפגערעגט, מיר האבן פאר אלץ געזארגט, אלץ אויסגערעכנט און איצט פארפירן אונדז די דאזיקע פחדנים און ער האט זיי געדראט, אז אויב זיי גייען נישט גלייך מיט אונדז, שיסט ער זיי און זיך. איך האב בארויקט פאסעסארסקין און אים אוועקגעצויגן פון דארטן — זאלן זיי פוילן דא מיט די דייטשן, די עקלדיקע ווערעם, מיר וועלן זיך אן עצה געבן און וועלן דערגיין אן א וועגווייזער — האב איך געזאגט — און מיר זיינען אוועק. נאך אונדז איז אוועק

איינער פון די דרײַ און אונדז פאַרגעלייגט, אַז ער וועט גיין מיט אונדז נאָר, מיר זאָלן אים געבן „עפּעס אין האַנט אַרײַן". מיר האָבן אים געגעבן אַ פּאַראַבעל און ער איז געגאַנגען מיט אונדז. דאָס איז געווען שניאור בערנשטיין, אַ הויך געזונטער יונג פון אַ יאָר 25, אַ בעקער־אַרבעטער, אַ באַקאַנטער רעוויזיאָניסט אין סטאָלפּצע. אונדזער ערשטער פּונקט האָט געדאַרפט זײַן דער נאָענטסטער וואַלד. כּדי אים צו דערגרייכן האָט מען געמוזט אַדורכגיין אַ שטח פון פיר קילאָמעטער דורך אָן אָפּענעם וועג. דערווײַל זיינען מיר געגאַנגען מיט דער באַנליניע. דער באַנליניע־וועג איז געווען אויף דעם אָרט אַ תּויכער און אַראָפּלאָזן זיך פון דאָרט אויפן פלאַכן פעלד וואָלט געצויגן אַלעמענס אויפמערקזאַמקייט און וואָלט געווען פּאַרדעכטיקט. די באַנוועג־וואַכן וואָלטן דאָס גלײַך באַמערקט און אויפגעהויבן אַן אַליאַרם און אַ שיסערײַ. מיר האָבן דעריבער געמוזט גיין נאָך איין־קע הונדערט מעטער, כאָטש דער וועג מיט דער באַנליניע איז געווען אַ געפערלעכער, ביז צו דעם באַן־וועגבײַדל. דאָרטן זיינען מיר אַדורך דורכן בײַדל און אַראָפּ מיט די טרעפּ אויפן פלאַכן פעלד. אין בײַדל האָט זיך געפינען אַ באַקאַנטער ווײַסרוסישער באַנוועג־באַאַמטער. מיר האָבן זיך געגריסט מיט אים און אַוועקגעוויטער. ער האָט אונדז גאָרנישט געפרעגט, נאָר אַז מיר זיינען אָפּגעגאַנגען אַ שטיקל וועג האָבן מיר באַמערקט ווי ער קוקט אונדז נאָך, באַהאַלטנדיק זיך הינטערן וואַנט. און מיר האָבן דערקאַנט לויט זײַן פאַרדעכטיקן בליק, אַז ער וועט צוווייסן געבן די דײַטשן וועגן אונדזער אַנטלויפן. איצט האָבן מיר זיך געמוזט אײַלן צו דערגרייכן שנעל דעם וואַלד, ווײַל פון דעם איז געווען אַלץ אָפּהענגיק — ווער וועט זײַן שנעלער — מיר אָדער די דײַטשן? מיר האָבן געדאַרפט דורכמאַכן נאָך איין געפערלעכן פּונקט. דאָס איז געווען די באַן־בריק נעבן וועלכע מיר האָבן געמוזט אַדורכגיין. דאָרט האָט זיך געפונען אַ שטאַרקע וואַך באַוואָפנט מיט שווערע מאַשין־געווער. מיר האָבן זיך אַדורכגעשאַרט צוטוליענדיק זיך האַרט צו אַ וואַנט פון אַ כאַטע און דערנאָך צו אַ פּלויט. וואָס האָט זיך דאָרט געפונען און זיינען אַדורך בשלום, נישט באַמערקט דורך דער וואַך. איצט זיינען מיר אַרוים אויף אַן אָפן און נאַקעט פעלד פון גאָרנישט געשיצט. מען האָט אונדז געקאָנט נעמען אויפן ציל פון אַלע זײַטן.

נאָר דאָס איז געווען אייניקע הונדערט מעטער. באַלד האָבן מיר דער־גרייכט דעם גרוב, וואָס האָט זיך געצויגן דורכן פעלד. דער גרוב איז געוואָרן אויסגעגראָבן אויפן באַפעל פון די דײַטשן דורך די סטאַלפּצער ייִדן. דורך זייער אָנשטרענגונג, דורך זייער שוויים און בלוט, ווײַל נישט איין ייִדישער קאָפּ איז דאָ געשפּאָלטן געוואָרן דורך די דײַטשן. דער גרוב האָט געהאַט אַ מעטער די טיף און לויפנדיק אײַנגעבויגענערהייט האָט ער אונדז אויסגעצייכנט געשיצט און מיר האָבן געבענטשט די הענט, וואָס האָבן אים געגראָבן. דאָס לויפן אײַנגעבויגענערהייט איז געווען מאַטערנדיק און איך האָב פון צײַט צו צײַט אויפגעהויבן דעם קאָפּ צו כאַפּן אַ בליק אויפן וואַלד צו וועלכן מיר האָבן זיך דערנענטערט, וואָס אַמאָל נענטער. נאָר אָט האָט זיך שוין געענדיקט דער גרוב. איצט מוזן מיר נאָך לויפן אייניקע הונדערט מעטער מיטן אָפענעם פעלד, אָבער פון איין זײַט שיצט אונדז שוין דער וואַלד. מיר לויפן איצט מיט דער גרעסטער אָנשטרענגונג אין העכסטער שפּאַנונג ווי וועטגעיעג־לויפער האַרט פאַר דער מעטע. ענדלעך האָבן מיר דערגרייכט דעם וואַלד און אַרײַנגעפאַלן אין זײַנע באַשיצנדיקע אָרעמס. מיר האָבן אָפּגעאָטעמט און איך האָב דערפילט דאָס ערשטע מאָל אין לעבן מיט אַלע חושים, מיט מײַן גאַנץ וועזן, וואָס פאַרא טײַערער פרײַנט און באַשיצער עס איז דער וואַלד פאַר אַ געיאָגטן, פאַרפאָלגטן מענטש. מיר זיינען געבליבן שטיין בײַם ראַנד פון וואַלד, מיטן געווער אין די הענט וואַרטן אויף אונ־דזערע חברים. ס'האָט נישט לאַנג געדויערט ווי פון ווײַטנס אויפן אָפּע־נעם פעלד (זיי זיינען נישט געקומען פון דער זײַט, ווו ס'האָט זיך גע־פונען דער גרוב) האָבן זיך געזען די דרײַ סילועטן פון אונדזערע חברים ווי זיי דערנענטערן זיך צום וואַלד. אין דעם זעלבן אויגנבליק האָט זיך געלאָזט הערן אַ שיסערײַ, אין אָנהייב בלויז פון ביקסן דערנאָך אויך פון מאַשין־געווער. מיר האָבן געזען אונדזערע לויפנדע חברים אין אַ זיג־זאַג אונטער אַ געדיכטן האָגל פון קוילן. פון זיי האָט זיך אויסגעטיילט די הויכע פיגור פון פיגען, וועלכער איז געפאַלן געטראָפן פון אַ קויל. די שיסערײַ איז געוואָרן וואָס אַמאָל געדיכטער. מורא־האָבנדיק, אַז מען זאָל אונדז נישט אַרומרינגלען זיינען מיר געלאָפן טיפער אין וואַלד אַרײַן. מיר זיינען אָפּגעלאָפן אייניקע הונדערט מעטער און האָבן זיך

געפונען אין א גערדיכטן פּרעכטיקן וואַלד. קיין שיסערײַ האָט זיך שוין נישט געהערט. מיר זיינען געבליבן שטיין און אײַנגעאָטעמט אין זיך די ריינע וואַלדיקע לופט, זיך געקוויקט מיט דער שטילקייט און רויקייט פון דעם אַרום און די געוואַלדיקע נערוון־שפּאַנונג פון די לעצטע טעג האָט נאָכגעלאָזט, געפלאַצט. מיר האָבן זיך אָנגעקוקט איינער דעם צווייטן און נישט רײדנדיק קיין וואָרט האָבן מיר זיך אַרומגענומען און געקושט.

מיר האָבן באַשלאָסן דאָ צו וואַרטן אויף אונדזערע חברים און מאַכן דעם פּלאַן פאַר אונדזער ווײַטערדיקן מאַרשרוט. ערשט איצט האָבן מיר געהאַט די מעגלעכקייט פרײַ און אומגעשטערט צו באַטראַכטן אונדזערע פּיסטאָלעטן, צו קוויקן זיך מיט זייער אויסזען, צו פילן די אָנגענעמקייט בײַם צורירן זיך צו דער גלאַטיקייט און קילקייט פון שטאָל. מיר האָבן פאַרלאָדן און אויסגעלאָדן, אַרויסגענומען דעם מאַגאַזין און צוריק אַרײַנגעשטעלט, פאַרזיכערט און אָפּגעזיכערט און מיר האָבן ליב באַקומען די דאָזיקע „צאַצקעס", וואָס גיבן אונדז זיכערקייט און מעגלעכקייט צו קעמפן קעגן אונדזערע שונאים. מיר האָבן זיך דערפילט מאָדנע דערהויבן אין אונדזער נײַער לאַגע מיר זיינען איצט פרײַע מענטשן, מיר קאָנען פּלאַנירן און דעצידירן וועגן אונדזער גורל. אונדזער לעבן איז איצט נישט בלויז אָפּהענגיק פון דעם, וואָס אַנדערע באַשטימען נאָר אויך פון אונדז אַליין, פון אונדזער מוט און אויסדויער פון אונדזערע האַנדלונגען. מיר קאָנען אומקומען אָבער אין קאַמף. מיר האָבן גערעדט צווישן זיך וועגן דעם, ווי אַזוי מיר זאָלן אײַנאָרדענען אונדזער ווײַטערדיק לעבן. פּאַסעסאָרסקי האָט געזאָגט, אַז מיר מוזן זיך איצט האַלטן אַלע דרײַ ווי ברידער. איך האָב אים אויסגעבעסערט — נישט ווי ברידער נאָר ווי איין אָרגאַניזם, ווײַל אויב איינעם פון אונדז וועלן די פיס נישט דינען, וועט קיינער פון אונדז זיך נישט קאָנען באַוועגן, אויב איינעם פון אונדז וועט א האַנט נישט דינען, וועט די האַנט פעלן אונדז אַלעמען.

זאָגנדיק דאָס האָב איך אַליין נישט פאַרגעפילט ווי שנעל אונדז וועט אויסקומען זיך צו איבערצײַגן אין דעם אמת פון די געזאָגטע ווערטער. מיר האָבן אַראָפּגעטרענט די געלע לאַטע פון אונדזערע מל־

בושים נאָר די צייכנס זיינען סײַ ווי סײַ געבליבן, ווײַל אונדזערע מלבו־שים זיינען געווען אָפּגעבלאַקעוועט פון דער זון און אויף דעם אָרט פון דער לאַטע איז געבליבן דער צייכן. מיר־האָבן פאַרניכטעט אַלע אונדזע־רע פּערזענלעכע דאָקומענטן ווײַל אין פאַל אויב מיר וועלן אומקומען, זאָלן די דײַטשן נישט וויסן ווער מיר זיינען און נישט קאָנען אויסנוצן אונדזערע טויטע קערפּערם אויף אָפּצושרעקן די איבעריקע יידן זיי זאָלן נישט אַנטלויפן אין וואַלד. מיר האָבן אויך אָפּגערעדט צווישן זיך, אַז לעבעדיקערהייט טאָרן מיר פאַר קיין פאַל נישט אַרײַנפאַלן צום שונא. די לעצטע קויל לאָזן מיר שטענדיק פאַר זיך. פּאָסעסאָרסקי האָט פאָר־געלייגט, אַז אויב איינער פון אונדז וועט פאַרוווּנדעט ווערן זאָלן, כדי נישט אַרײַנצופאַלן צום שונא אַ לעבעדיקער, די אַנדערע אים דער־שיסן. איך האָב געהאַלטן, אַז דאָס קאָנען מיר נישט באַשטימען פון פריער, אַז דאָס וועט זײַן אָפּהענגיק פון דער געגעבענער סיטואַציע אין וועלכער מיר וועלן זיך דעמלט געפינען. קיינער פון אונדז האָט דעמלט נישט געוווּסט, ווי שנעל מיר וועלן זיך געפינען אין אַזאַ טראַגישער סיטואַציע... אונדזערע חברים זיינען אַלץ נישט געקומען. מיר זיינען אַרומגעגאַנגען אין וואַלד און גערופן לויט אונדזער אָפּגערעדטן צייכן, נאָר קיינער האָט זיך נישט אָפּגערופן. מיר האָבן פאַרשטאַנען, אַז אונ־דזערע חברים, אויב זיי לעבן אַפילו, זיינען פאַרקראָכן ערגעץ אין אַן אַנדערער זײַט וואַלד און ס'האָט נישט קיין ציל אונדזער וואַרטן אויף זיי דאָ.

די זון איז שוין געשטאַנען גענוג נידעריק און מיר האָבן באַשלאָסן ווײַטער צו גיין. ווו צו גיין האָבן מיר נישט געוווּסט. דעם וועג האָבן מיר נישט געקאָנט. מיר האָבן בלויז געוווּסט, אַז מען דאַרף גיין אויף מיזרח אין דער זײַט פון דער פריִערדיקער פּויליש־סאָוויעטישער גרע־נעץ. מיר האָבן אויך געוווּסט, אַז דאָס ערשטע דאַרף, וועלכעס מיר דאַרפן אַנטרעפן דאַרף זײַן שוויערנאַווע און מיר זיינען געגאַנגען מער געפירט דורך אינטואיציע, ווי דורך אָריענטאַציע. ערגעץ צו אַ ישוב וועלן מיר דאָך דערגיין! און דאָרט וועלן מיר זיך פרעגן. ס'איז שוין געווען גוט טונקל. מיר זיינען געגאַנגען אין וואַלד און האָבן נישט גע־וווּסט, וווּהין וועט אונדז דער וועג פאַרפירן. מיטאַמאָל האָבן מיר דער־

הערט דאָס בילן פון א הונט. איצט זיינען מיר געגאַנגען נאָך דעם קלאַנג. דאָס האָט אונדז דערפירט צו אַן איינזאַמען כוטאָר אין וואַלד. מיר זיינען אַהין אַרײַן און דאָרט געטראָפן בלויז אַ קליין שגצל, מער איז אין כאַטע קיינער נישט געווען. מיר האָבן זיך בײַ אים דערוווּסט, אַז דאָס דאָרף שוויערענאַווע געפינט זיך נישט ווײַט פון דאַנען. מיר זיינען געווען צופרידן — אַט זײַנען מיר ריכטיק דערגאַנגען אַן אַ וועגווײַזער.

מיר זיינען נישט גלײַך אַרײַן אין דאָרף. נאָר צוערשט זיינען מיר געגאַנגען אַרום דאָרף פון אַלע זײַטן זיך באַקענט מיט דער טאָפּאָגראַפיע פון דער געגנט: נעבן אַ וועג האָבן מיר באַמערקט אַן אויפשריפט „נאָך סטאָלפּצע" און אין אַ קעגנזײַטלעכער ריכטונג — „נאָך פּרוזשאַנאַווע" — פּרוזשאַנאַווע איז דאָס ערשטע דאָרף נאָך דער געוועזענער פּויליש־סאָוויעטישער גרענעץ, אַט דאָס איז אונדזער ריכטונג!. איצט קאָנען מיר שוין גיין אין דאָרף אַרײַן.

אַז מיר האָבן אָנגעקלאַפּט אין אַ כאַטע איז שוין געווען גוט פינצ־טער. אַ פאַרשלאָפענע און נישט־פרײַנטלעכע שטים האָט געענטפערט — נישט עפענענדיק די טיר — „איר זײַט דאָך ערשט נעכטן דאָ געווען, מיר האָבן הײַנט גאָרנישט". מיר האָבן געענטפערט, אַז מיר זיינען דאָ דאָס ערשטע מאָל און, אַז מיר דאַרפן גאָרנישט פון זיי, מיר ווילן זיך נאָר עפּעס פרעגן. מען האָט אונדז אויפגעמאַכט די טיר. אין כאַטע האָבן מיר געפונען אַן אַלט פּאָר־פאָלק מיט אַ זון. די אַלטע האָבן גערעדט אויף ווײַסרוסיש און דער זון אויף פּויליש. אין אָנהייב האָט מען אונדז אויפגענומען נישט פרײַנטלעך, נאָר אַז מיר האָבן זיך צונויפגערעדט מיטן זון, איז ער געוואָרן בעסער געשטימט צו אונדז און אין פאַרלויף פון אונדזער געשפּרעך, וואָס אַמאָל מער צוגעלאָזן, מער צוטריטלעכער און צום סוף זיינען מיר געווען פרײַנט. ער האָט אונדז איבערגעגעבן, אַז נעכטן אָוונט זײַנען בײַ זיי געווען יידן און בעת מיר האָבן אָנגעקלאַפּט האָט ער געמיינט, אַז דאָס זיינען די זעלבע און דערפאַר האָט ער גלײַך נישט געענטפערט. אַז ער האָט אונדז אָפּגעמשלט דעם אויסזען פון זיי, האָבן מיר שוין געוווּסט, אַז דאָ איז געווען די גרופּע, וואָס איז אוועק מיט דרײַ טעג פאַר אונדז. ער האָט זיך געקלאָגט פאַר אונדז, אַז זיי האָבן זיך פאַרהאַלטן אַראָגאַנטיש — „מיר האָבן זיי געגעבן ברויט, מילך,

קאַרטאָפל און זיי האָבן געפאָדערט פוטער, האָניק. פוטער האָבן מיר אַליין זייער ווייניק און נוצן זי בלויז צו שמעלצן. אָט דער הויכער מיטן פוטערנעם קראַגן (וו.) האָט כסדר געפּאַבעט מיטן פיסטאָלעט און געדראָט".

מיר זיינען געוואָר געוואָרן פון אים, אַז די פּאַרטיזאַנער געפינען זיך נישט ווייט פון דאַנען, ס'טרעפט אַפילו, אַז זיי קומען ביינאַכט אין שוויערענאָווע אויף אַ באַזוך, אָבער זעלטן. 12 קילאָמעטער פון דאַנען — אין דאָרף פּרוזשאַנאָווע — קומען זיי גאַנץ אָפט, כמעט יעדע נאַכט. אין שטעטל מאַגילע — עטלעכע צוואַנציק קילאָמעטער פון פּרוזשאַנאָווע — קומען זיי אַפילו בייטאָג אויך און אין שטעטל פּיאַסעטשנע איז פאַראַן אַ פּאַרטיזאַנער־קאָמענדאַנטור. מיר זיינען געווען באַגייסטערט — עס גייט אונדז בעסער ווי מיר האָבן געמיינט און האָבן באַשלאָסן נאָך די נאַכט צו גיין נאָך פּרוזשאַנאָווע.

מיר האָבן זיך נאָך אויסגעפרעגט וועגן פאַרשיידענע זאַכן, וועלכע האָבן אונדז אינטערעסירט; וועגן דעם, ווי אַזוי עס פאַרהאַלטן זיך די פּאַרטיזאַנער; וועגן דער שטימונג פון דער באַפעלקערונג און זייער באַציונג צו די פּאַרטיזאַנער. אונדזער שמועס איז איצט געוואָרן אַ מער פאַרטרויליכער. ער האָט אונדז איבערגעגעבן, אַז ער איז אַ געוועזענער סערזשאַנט פון דער פּוילישער אַרמיי און אונדז געגעבן עצות און אָנווייזונגען, ווי אַזוי זיך צו פאַרהאַלטן. ער האָט אונדז געראָטן אייניקע טעג זיך אָפּצורוען אין וואַלד און דערנאָך ערשט אַוועק אין פּאַרטיזאַנקע. „פּאַרטיזאַנער — האָט ער געזאָגט — איז מיליטער און דאָס מיליטער פון דער ערשטער ליניע און, איר זייט דאָך אויסגעמאַטערט פון געטאָ, רוט אָפּ אייניקע טעג. איר האָט נישט וואָס מורא צו האָבן. דער כאָם — דאָס האָט ער געמיינט די ווייסרוסישע פּאָליציי — וועט אין וואַלד נישט גיין. ער האָט מורא פאַרן וואַלד ווי פאַר אַ טייוול". ער האָט זיך נאָכאַמאָל געקלאָגט אויף דעם „הויכן מיטן פוטערנעם קראַגן", וואָס האָט אים געדראָט מיטן פיסטאָלעט. ער איז אַ נאַר — האָט ער געזאָגט — איך האָב אַפשר מער געווער פון אים און קאָן זיך בעסער באַגיין דערמיט... מיר האָבן זיך פריינטלעך געזעגנט און זיך געקליבן אין וועג אַריין. אַז מיר זיינען שוין געווען אויפן הויף האָט ער אונדז גערופן צוריק פענצטער און זשעניִרט געפרעגט: „און איר האָט גאָרנישט קיין מורא אַן געווער?"

ערשט דעמלט האָבן מיר אַרויסגענומען פֿון די טאַשן אונדזערע פּיסטאָ־לעטן און געזאָגט: — „דאָס האָבן מיר פֿאַר די דײַטשן און סוואָלאַטשעס און אַן אייגענעם מענטש האָבן מיר נישט, וואָס צו שרעקן". מיר האָבן זיך אויפֿסנײַ אַרײַנגעלאָזט אין אַ שמועס — שוין דורכן פֿענצטער. מיטאַ־מאָל הער איך אַ הילכיקן שאָס, זייער אַ נאָענטן, אָט דאָ לעבן אונדז. איך קוק זיך אַרום, ס'גייט קיינער נישט. איך וווּנדער זיך, וואָס פּאָסעסאָרסקי שטייט אָנגעשפּאַרט אין פֿענצטער און רירט זיך נישט פֿון אָרט און רעאַ־גירט אינגאַנצן נישט אויפֿן שאָס. איך דערנענטער זיך צו אים, „דאָס איז בײַ מיר" — זאָגט ער. — איך האָב גאָרנישט פֿאַרשטאַנען, איך האָב געמיינט, אַז דאָס האָט מען געשאָסן צו אונדז און געטראָפֿן פּאָסע־סאָרסקין. „דאָס האָב איך זיך אַליין אַדורכגעשאָסן דעם פֿוס" — חזרט ער איבער — מיט אַ ווייטיקלעכער גרימאַסע. איצט פֿאַרשטיי איך שוין. פּאָסעסאָרסקי איז געווען אַזוי באַגײַסטערט און צעקאָכט, אַז ער האָט זיך אינגאַנצן פֿאַרגעסן און האַלטנדיק די האַנט אין טאַש, ווו עס האָט זיך געפֿונען דער פּיסטאָלעט האָט ער נישט ווילנדיק אַ ריר געטאָן בײַם צינגל. דער פּיסטאָלעט איז געווען נישט פֿאַרזיכערט און ער האָט זיך אַדורכגעשאָסן דעם פֿוס. איצט האָבן מיר זיך געמוזט פֿון דאַנען אָפּטראָגן וואָס שנעלער, ווײַל דער שאָס האָט געקאָנט אַהערפֿירן אומגעבעטענע געסט און נאָך מער פֿאַרערגערן אונדזער, אַזוי אויך גענוג קריטישע, לאַגע. מיר האָבן פּאָסעסאָרסקין אויף שנעל פֿאַרבונדן די וווּנד און איך מיט בערנשטיינען האָבן אים אַוועקגעטראָגן אין וואַלד. מיר האָבן אים אַוועק־געלייגט און מיר לעבן אים פֿון ביידע זײַטן, אײַנדעקנדיק אים מיט אונדזערע רעקלעך און טוליענדיק זיך צו אים, כּדי עס זאָל אים נישט קאַלט זײַן. אַזוי זײַנען מיר אַדורכגעקומען די נאַכט.

אַז עס האָט אָנגעהויבן טאָגן האָבן מיר ערשט געזען, ווו מיר געפֿי־נען זיך און אין וואָס פֿאַר אַ צושטאַנד עס געפֿינט זיך דער פֿאַרווונדע־טער. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די וווּנד איז נישט קיין שווערע, נישט קיין געפֿערלעכע, ווײַל אויסשיסנדיק האָט די קויל, צום גליק זיך צוערשט אָנגעטראָפֿן אין אַ מעסערל (וואָס איז אויסגעקרימט געוואָרן פֿון דער קויל), וואָס האָט זיך געפֿונען בײַ פּאָסעסאָרסקין אין טאַש און דערנאָך

ערשט אים געטראָפֿן אין פּוס. אַזוי, אַז די קראַפֿט פֿון קויל איז שוין געווען אַן אָפּגעשוואַכטע.

כאָטש די וואונד איז נישט געווען קיין געפֿערלעכע איז אָבער געווען שווער דערמיט, וואָס עס איז געווען אויף אַ שלעכט אָרט און האָט געמאַכט פֿאַר פּאָסעסאָרסקין אוממעגלעך נישט נאָר צו גיין, נאָר אַפֿילו צו באַוועגן מיטן פּוס. מיר האָבן זיך אָפּגעגעבן אַ חשבון דערפֿון, אַז מיר וועלן אַ לענגערע צייט מוזן זיין צוגעשמידט צו דעם אָרט, וווּ מיר געפֿינען זיך. דאָס אָרט איז געווען זייער נישט קיין פּאַסיקס און געפֿערלעך פֿאַר אונדז; סך הכל צען קילאָמעטער פֿון סטאָלפּצע. יעדן טאָג קומען דאָ צו פֿאָרן דייטשן און פּאָליציי אויף אַ באַזוך אין דאָרף און מיר געפֿינען זיך סך הכל אייניקע הונדערט מעטער פֿון דאָרף. מיר זיינען געווען זייער אומרויִק און באַזאָרגט וועגן אונדזער ווייטערדיקן גורל. אונדזער לאַגע האָט זיך אויסגעוויזן האָפֿענונגסלאָז, מיר האָבן נישט געזען קיין אויסוועג. מיר זיינען געווען פֿאַרצווייפֿלט. עס האָט אונדז פֿאַרדראָסן און ווי געטאָן, וואָס אונדזער געוואַלדיקע אָנשטרענגונג פֿון די לעצטע טעג וועט פֿאַרלוירן גיין אָן נוצן, אָן שפּור. עס איז אונדז נישט געווען קיין שאָד אונדזער לעבן, נאָר דאָס, וואָס עס וועלן צעשטערט ווערן אונדזערע פּלענער וועגן קאַמף און נקמה. אין דעם אומגליקלעכן צופֿאַל, וואָס עס האָט אונדז געטראָפֿן האָבן מיר געזען אַ בייזן פּאַטום, **וואָס פֿאַרפֿאָלגט** און וויל אונדז באַשטראָפֿן פֿאַר דער חוצפּה, וואָס מיר האָבן געוואַגט זיך אַרויסצוברעכן פֿונעם כלל יזדן, וואָס זייער גורל איז פּאַסיווער אומקום. מיר האָבן בסדר געזען די חוזקדיקע בליקן פֿון די וואָס פּלעגן זאָגן: „זיי וועלן קעמפֿן קעגן דייטש". באַזונדערס שווער האָט געליטן פּאָסעסאָרסקי. ער האָט זיך געמאַכט פֿאָרוווּרפֿן, אַז דאָס איז ער דער גורם פֿון אונדזער שווערער לאַגע און עס איז געווען באַזונדערס פּיינלעך פֿאַר אים, מיט זיין טעמפּעראַמענט, מיט זיין רירעוודיקייט און אימפּולסיוויקייט צו ליגן אָנמעכטיק און זיין אומטעטיק. ער, דער אַקטיווסטער, דער ענערגישסטער צווישן אונדז; דער וואָס האָט פֿאַר אַלץ זיך געזאָרגט, וואָס האָט אַלץ געטאָן דאָרף, אַז מען זאָל פֿאַר אים טאָן, דאַרף זיין אַ לאַסט פֿאַר אונדז. מיר האָבן אים געטרייסט ווי מיר האָבן געקאָנט, דעמלט האָבן זיינע אויגן אויפֿגעלויכטן מיט דעם כאַראַקטעריסטישן פֿאַר אים

פֿײַערל אין זיי און ער האָט געזאָגט: „עס וואָלט געווען צו נאַריש, אַז מיר זאָלן איצט אומקומען צוליב אַזאַ נאַרישקייט. מיר טאָרן נישט זײַן פֿאַרצווייפֿלט, מיר טאָרן נישט אַראָפּלאָזן די הענט און זײַן געפֿאַלן בײַ זיך, מיר מוזן געפֿינען אַן אויסוועג״.

מיר האָבן פּאָסעסאָרסקין אוועקגעטראָגן אײניקע הונדערט מעטער טיפֿער אין וואַלד אַרײַן. דער וואַלד איז דאָ געווען זייער אַ געדיכטער. אַ יונגער, אַ טרוקענער. מיר האָבן אויסגעזוכט אַן אָרט וווּ עס האָט זיך געפֿונען אַ געדיכטער קלאָמב פֿון ביימער און קוסטעס און זיך דאָרט אײַנגעאָרדנט. דאָס אָרט איז געווען אַזוי געדיכט באַוואַקסן, אַז נאָך דעם ווי מיר האָבן זיך דאָרט אַרײַנבאַקומען און פֿאַרשטעלט דעם אַרײַנגאַנג מיט צווײַגן האָבן מיר זיך געפֿונען, אַזוי ווי אין אַ פֿאַרמאַכטער לאָזשע, אַז אַפֿילו פֿון זייער נאָענט האָט מען אונדז נישט געקאָנט באַמערקן. מיר האָבן געמאַכט אַ קליינע דיסקרעטע עפֿענונג כדי מיר זאָלן האָבן אַן אויסקוק אויפֿן אַרום. מיר האָבן צוזאַמענגעקליבן בלעטער און מאָך און דערמיט ווייך אויסגעבעט און האָבן זיך אײַנגעאָרדנט ווי אין אַ באַזונדערן צימער. פּאָסעסאָרסקין האָבן מיר אַוועקגעלייגט באַקוועם, פֿאַרפּאַקט און פֿאַרדעקט זײַן קראַנקן פֿוס מיט וואָס נאָר מיר האָבן געהאַט. איצט האָבן מיר פֿרײַער אָפּגעעטעמט. מיר זײַנען גאָט צו דאַנק אַ ביסל אײַנגעאָרדנט און אונדזער שטימונג האָט זיך פֿאַרבעסערט. די זון איז שוין געשטאַנען גענוג הויך און מיר, נישט אויסגעשלאָפֿענע און אָדורכגעפֿרוירענע פֿון דער בײַנאַכטיקער קעלט, האָבן מיט פֿאַרגעניגן גענאָסן פֿון אירע וואַרעמע שטראַלן. דער וואַלד איז געווען אַ מילדער, אַ מחיה־דיקער, די לופֿט אַ ריינע, אַ שמעקנדיקע און מיר האָבן רויִק און זאַכלעך גענומען טראַכטן וועגן דעם, וואָס מיר זאָלן ווײַטער טאָן. שניאור בערנשטיין, אָדער ווי מיר האָבן אים גערופֿן פֿאַרקירצט — סעם, האָט זיך אַרויסגעוויזן פֿאַר אַ גוטן און איבערגעגעבענעם חבר. זײַן אינטעליגענץ איז געווען אַ באַגרענעצטע, אָבער אַ פּראַקטישע, אַ זאַכלעכע. ער האָט זיך אינטערעסירט מיטן אַרומיקן אַזויפֿיל וויפֿל עס האָט געהאַט אַ דירעקטן שייכות מיט אונדזערע קאָנקרעטע אויפֿגאַבן. ווען עס איז נישט געווען וואָס צו טאָן פֿלעגט ער געוויינטלעך שלאָפֿן (אַ פּאַך־געוווינהייט) נאָר קוים האָבן מיר גערעדט עפּעס דערלייזיקן, עפּעס פּאַרצונעמען,

פלעגט ער גלייך ווערן וואך און רירעוודיק, טעטיק און אונטערנעמעריש און פלעגט אַלץ אויספירן געוויסנהאַפט און פינקטלעך. איצט האָב איך מיט אים געדאַרפט אַלץ דערלייִדיקן, פאַר אַלץ זאָרגן.

ס'איז פאַר אונדז קלאָר געוואָרן, אַז מיר וועלן זיך דאָ מוזן אויפ־האַלטן ביז עס וועט פּאַסעקאַרסקין בעסער ווערן אויף אַזויפיל, אַז ער זאָל קאָנען גיין. די דאָזיקע צייט מוזן מיר דאָ איבערהאַלטן, שטיל און נישט באַמערקט דורך קיינעם. דאָס איז געווען אַ שווער פּראָבלעם צו לייזן ווייל אויף דער צייט מוז מען דאָך האָבן צום עסן, מען מוז האָבן וואַסער און דערפאַר מוזן מיר זיך דאָך באַוועגן. מיר זײַנען אייניקע מאָל אַדורכגעגאַנגען דעם שטח וואַלד פון אונדזער באַהעלטעניש ביז צום וועג, וואָס פירט אין דאָרף אַרײַן. מיר האָבן דאָס שטיקל וועג גוט באַטראַכט, זיך געמאַכט צייכנס און סימנים כדי, ווען מיר וועלן מוזן אין אוונט גיין אין דאָרף נאָך שפּייז זאָלן מיר נישט דאַרפן זוכן און בלאָנ־דזען אין דער פינצטערניש. מיר האָבן זיך אויך באַקאַנט מיט די אַנדערע ריכטונגען אין וואַלד, כדי אין אַ נויט זאָלן מיר נישט זײַן בלינד, נאָר וויסן ווו מיר דאַרפן זיך באַוועגן.

אַז עס איז געוואָרן גוט פינצטער זײַנען מיר אַוועק אין דאָרף און פּאַסעקאַרסקי איז געבליבן אין דער באַהעלטעניש. מיר זײַנען אַרײַן צו אונדזער באַקאַנטן פּאָלאַק. ער האָט אונדז אויפגענומען גוט, אַזוי ווי אַלטע באַקאַנטע. ער האָט אַרויסגעוויזן גרויס זאָרגעוודיקייט וועגן גורל פון פּאַרוואונדעטן און אפילו שוין געהאַט צוגעגרייט אַ באַנדאַזש און וואַטע פאַר אים. ער האָט אונדז געגעבן ברויט, קאַרטאָפל, וואַסער און אַ פלעשל מילך מיט אַ שטיקל פּוטער פאַר פּאַסעקאַרסקין. בײַם אַוועקגיין האָט ער אונדז געזאָגט, אַז קוים באַמערקן מיר וועלף אין וואַלד זאָלן מיר זיך נישט שרעקן. די לעצטע ווערטער זײַנען האָבן מיך אַ ביסל שאָקירט, איך האָב אין זיי געהערט אַ גרילץ פון אַנטיסעמיטישן שפּאַט. אַרויסגייענדיק האָב איך באַמערקט בערנשטיינען, דאָס אפילו אַזאַ פײַנער און אָרנטלעכער פּאָלאַק קאָן זיך נישט אײַנהאַלטן נישט אָפּצוחוזקן פון ייִדן, ווײַל עס איז מיר נישט אײַנגעפאַלן, אַז אין דעם דאָזיקן קולטיווירטן וואַלד, אײַנגעטיילט אין קוואַרטאַלן און אַזוי נאָענט פון אַ מענטשלעכן ישוב, זאָלן זיך קאָנען געפינען וועלף.

די נאַכט איז געווען אַ פֿינצטערע און מיר האָבן אומבאַמערקט פֿון קיינעם זיך אַרײַנבאַקומען צוריק אין וואַלד. אַז מיר זײַנען שוין געווען לעבן דעם אָרט, וווּ עס האָט זיך געפֿונען אונדזער באַהעלטעניש האָבן מיר אַליין נישט געקאָנט אַרײַנטרעפֿן דאָרטן, אַזוי גוט מאַסקירט איז עס געווען. בערנשטיין האָט אַ שטילן פֿײַף געטאָן, דעמלט האָט פּאַסעסאַרסקי כסדר געענטפֿערט ביז מיר האָבן אַרײַנגעטראָפֿן אין אונדזער באַהעלטעניש. מיר האָבן זיך אַלע דרײַ זייער דערפֿרייט וואָס מיר זײַנען צוריק צוזאַמען. איצט, אַז מיר וועלן זײַן שפּאָרזאַם מיט וואַסער, קאָנען מיר דאָ זיצן דרײַ טעג און זיך נישט אַרויסרירן פֿון דאַנען. ברויט און קאַרטאָפֿל האָבן מיר און קעז מיט וואָרשט, וואָס דער דײַטש און די פֿרוי אינספּעקטאָר האָבן אונדז געגעבן.

אויף צומאָרגנס פֿאַרטאָג האָב איך געוואַכט און פּאַסעסאַרסקי מיט בערנשטיינען זײַנען געשלאָפֿן. אין וואַלד איז שטיל. איך הער נאָר דאָס אָטעמען פֿון פּאַסעסאַרסקין און דאָס שנאָרכן פֿון בערנשטיינען. מיטאַמאָל הער איך אַ לײַכטן שאָרך צווישן די ביימער. איך קוק זיך אום און זע, ווי דורך די קוסטעס פֿון אונדזער באַהעלטעניש קוקט אויף מיר אַ מאָרדע מיט בלישטשענדיקע אויגן. ס'גיט מיר אַ טיאָכקע אין האַרץ פֿון שרעק. אַ פּאָליציי־הונט — בליצט מיר אַדורך אין מוח. — איצט זײַנען מיר פֿאַרלוירן, מיר זײַנען אַרומגערינגלט... איך וויל אויפֿוועקן מײַנע חברים, נאָר איך האָב מורא כאָטש אויף איין סעקונדע אָוועקצונעמען מײַן בליק פֿון די אײַנגעגראָבענע אין מיר שליפּיעס. נאָר אַז איך קוק זיך בעסער אײַן זע איך, אַז דער אויסדרוק פֿון דער מאָרדע איז עפּעס צו אנשטענדיק פֿאַר אַ פּאָליציי־הונט, צו רויִק, צו ווירדיק פֿאַר שפּיצלאָווסקע דינסט. און דער עק איז אַ לאַנגער, אַ דיקער, אַ פּוכיקער. נישט ווײַט פֿון דעם פֿאַרשווין באַמערק איך נאָך צוויי. זיי שטייען אין אַ גלײַכער ליניע אָפּגערוקט אויף אַ געהעריקער דיסטאַנץ פֿון אים, אַזוי ווי אַ פּאַטרול געפֿירט דורך אַן עלטסטן. איך האָב פֿרײַער אָפּגעעטעמט. גאָט צו דאַנקען, דאָס זײַנען נאָר וועלף. מיר קוקן זיך ווײַטער, אײַנגעשפּאַרט און אָנגעשטרענגט איינער דעם צווייטן אין די אויגן אַרײַן. ענדלעך ווערט דעם וואָלף מיאוס די שפּיל ער לאָזט אַראָפּ די אויגן און דרייט זיך אום פּויל, פּאַמעלעך, נישט געאײַלט און גייט רויִק, געלאַסן, מיט געמיטלעכע טריט

זײַן וועג. נאָך אים, אין דער זעלבער אָרדענונג ווי זיי זײַנען געשטאַנען, זײַנע צוויי באַגלייטערס. נאָך דער געשעעניש איז אונדזער צוטרוי צום באַקאַנטן פּאָלאַק געוואָרן נאָך שטאַרקער און מיר האָבן זיך גוט אײַנגעהערט אין זײַנע רייד און גענומען אין אַכט זײַנע ווערטער.

30 סעפּטעמבער 1942. אַזוי ווי מיר האָבן נאָך געהאַט עסן אויפן מאָרגנדיקן טאָג, נאָר עס האָט אונדז אויסגעפעלט וואַסער האָבן מיר באַשטימט, אַז בלויז איינער פון אונדז זאָל גיין נאָך וואַסער. אין אָוונט בין איך אַוועק אין דאָרף און בערנשטיין איז געבליבן מיט פּאַסעסאָרסקין. דאָרטן האָב איך זיך דערוווּסט, אַז די גרופּע וואָס איז אַוועק פאַר אונדז, געפינט זיך נאָך אין דער געגנט און, אַז נעכטן בײַ נאַכט זײַנען זיי געווען אין דאָרף שוויערנאָווע. דאָס האָט מיך שטאַרק געוווּנדערט, ווײַל נאָך דעם ערשטן אָוונט פון אונדזער אַנטלויפן, פאַר דעם אומגליקלעכן שאָס, געוואָר ווערנדיק, אַז זיי זײַנען דאָ געווען, האָבן מיר גלײַך געזאָלט אַוועק נאָך פּרוזשאַנאָווע, כּדי זיי אָנצויאָגן און זיך מיט זיי צו פאַראייניקן. איך האָב נישט געקאָנט פאַרשטיין. וואָס קאָן זײַן די סיבה, וואָס זיי שלעפּן זיך נאָך דאָ אַרום און שטעלן זיך אויס אויף געפאַר אין דער צײַט, ווען דער מאַרשרוט צו דער פּאַרטיזאַנער־זאָנע איז אַזאַ גלײַכער, אַזאַ נאָענטער. שפּעטער האָב איך זיך דערוווּסט, אַז די סיבה איז געווען אַ פּשוטע — זייער נישט געהעריקע באַציִונג צו דער אָרטיקער באַפעלקערונג. צוליבן נאָכגעבן דעם „געשמדטן האַלדז" און יאָגן זיך נאָך אַ שטיקל פּוטער און נאָך אַ ביסל האָניק, האָבן זיי אײַנגעריסן מיט דער באַפעלקערונג און פאַרלוירן זייער סימפּאַטיע. עס איז זיי געלונגען טיילמאָל אַרויסצורײַסן בײַ אַ פּויער אַ שטיקל פּוטער, אָדער אַן אַנדערן געשמאַקן ביסן דערפאַר אָבער האָט מען זיי נישט געגעבן קיין שום אינפאָרמאַציעס און טיילמאָל האָט מען זיי ספּעציעל, מיט אַ כּיוון שלעכט אינפאָרמירט און, אַזוי אַרום אַרײַנגעפירט אין אַ טעות. שפּעטער האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז עס איז אַפילו דערגאַנגען צו אַ שיסערײַ צווישן דער גרופּע און עמיצן פון דער אָרטיקער באַפעלקערונג און זיי זײַנען געצוווּנגען געווען פון דאָרטן זיך שנעל אָפּצוטראָגן. זיי זײַנען דאַן צוריק אַוועק אין דער ריכטונג פון סטאָלפּצע און נאָך

לאַנגע מאַטערנישן אַריבערגעגאַנגען די באַנליניע און זיך אַרײַנבאַקומען אין ביאַלאָוויעזשער פּושטשע. בײַ דעם דאָזיקן געפּערלעכן צוריקמאַרש איז די גרופּע זיך פונאַנדערגעפאַלן און אייניקע פּערזאָן זײַנען אומגעקומען. אַ מיידל פון דער גרופּע האָבן די דײַטשן געכאַפּט, אַרײַנגעפירט אין סטאָלפּצע און אַרומגעפירט איבערן שטאָט מיט אַן אויפשריפט „פּאַרטיזאַנקע" און דערנאָך פאַרפּײַניקט. שוין זײַענדיק אין פּאַרטיזאַנער־אָטריאַד האָב איך געהערט אין הונדערטער וואַריאַנטן די אָנווײַזונגען פון דער אָנפירונג ווי מען דאַרף זיך באַגיין מיט דער אָרטיקער באַפעלקערונג, אַז מען זאָל געווינען איר סימפּאַטיע. נישט ווייניק פּאַרטיזאַנער זײַנען דערשאָסן געוואָרן פאַר עובר זײַן דעם דאָזיקן פּרינציפּ. נאָר אויב דער פּרינציפּ איז ריכטיק פאַר אַ באַוועגונג, וואָס שפּאַרט זיך אָן אויף אַ מעכטיקן באַוואָפנטן כוח, מכל־שכן פאַר אַ שוואַך גרופּקעלע, נישט־דערפאַרענע יידן, ערשט אַנטלאָפענע פון געטאָ. אונדז שווערגעפּרוווטע, באַלד פון אָנהייב פון אונדזער קומען אין וואַלד, איז געגעבן געוואָרן די מעגלעכקייט זיך איבערצוצײַגן, וויפל עס איז ווערט די סימפּאַטיע און הילף פון דער אָרטיקער באַפעלקערונג.

2 אָקטאָבער 1942. איך מיט בערנשטיינען זײַנען אוועק אין דאָרף נאָך פּראָדוקטן און פּאַסעקאָרסקי איז ווי ווײַנטלעך געבליבן אַליין אין וואַלד. מיר האָבן נישט געוואָלט מער באַלעסטיקן אונדזער באַקאַנטן פּאָלאַק און זײַנען אוועק ווײַטער אין דאָרף צו אַנדערע פּויערים נאָך פּראָדוקטן. מיר זײַנען אַרײַן אין אייניקע כאַטעס גענומען אַ ביסל פּראָדוקטן און געוואָלט צוריקגיין אין וואַלד, נאָר מיר האָבן פּלוצים דערהערט אַ שיסערײַ. מיר האָבן זיך דערווײַטערט פון דאָרף, אַרויס אויפן פעלד און זיך אַוועקגעלייגט אונטער אַ קוסט און פון דאָרט האָבן מיר אָבסערווירט פון וואַנען עס קומט די שיסערײַ. די שיסערײַ איז געוואָרן שטאַרקער און, אין דער פינצטערקייט פון דער נאַכט האָבן מיר געזען די בליצן פון די פליענדיק קוילן און געקאָנט פעסטשטעלן, אויף וועלכן אָרט ס'קומט פאַר די שיסערײַ. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די שיסערײַ קומט פאָר אויף דעם אָרט, וווּ מיר האָבן געדאַרפט אַרײַן אין וואַלד צו אונדזער באַהעלטעניש. כאָטש עס איז געווען געפערלעך דעמלט

פאר אונדז זיך אריינצובאקומען אין וואלד, האבן מיר פונדעסטוועגן באשלאסן נישט צו ווארטן, ווייל פאסעסארסקי קען מיינען, אז מיט אונדז איז עפעס געשען און פון פארצווייפלונג קאן ער זיך דערשיסן. און אזוי איז טאקע געווען. אז מיר זיינען צוריקגעקומען אין אונדזער באהעלטעניש האבן מיר געטראפן פאסעסארסקין מיטן רעוואלווער אין האנט און ער האט באשטעטיקט אונדזער פארגעפיל.

5 אקטאבער 1942. פאסעסארסקין איז שוין געווארן אויף אזויפיל בעסער, אז אנגעשפארט אויף א שטעקן און גייענדיק אויפן שפיץ פינגער מיטן קראנקן פוס, האט ער שוין געקאנט, מיט אנשטרענגונג, דערגיין אייניקע צענדליק מעטער. מיר האבן געהאפט, אז אין פארלויף פון נאך אייניקע טעג וועט זיך זיין צושטאנד אויף אזויפיל פארבעסערן, אז מיר וועלן קאנען פארלאזן דאס ארט, ווו מיר געפינען זיך און זיך קאנען ווייטער באוועגן. נאר ליידער האבן מיר נישט געקאנט לענגער ווארטן. דער באקאנטער פאלאק האט אונדז געגעבן צו וויסן, אז די באפעלקערונג פון דארף וויים ווו מיר געפינען זיך און, אז ס'זיינען פאראן אין דארף אויסוואורפן, וואס קאנען פאראטן און ער האט אונדז געעצהט צו פארלאזן דאס ארט.

מיר האבן באשלאסן צו גיין נאך פרוזשאנאווע. ביזן דארף פרוזשאנאווע איז געווען 12 קילאמעטער. פון דארף ביז צום וואלד — 2 קילאמעטער. מיר זיינען געגאנגען מיטן שאסיי און האבן אויסגערעכנט, אז אין פארלויף פון דער נאכט וועלן מיר דערגיין ביז צום פרוזשאנאווער וואלד, אזוי, אז דאס דארף וועט אונדז אויסקומען פארבייצוגיין ביי נאכט, ווען אלע שלאפן, נישט באמערקט פון קיינעם. ארויסגעוויזן האט זיך אנדערש. צוליב דעם, וואס מיר האבן פאסעסארסקין געמוזט טראגן און זיך אפט אפרוען אין מיטן וועג, זיינען מיר אנגעקומען אין פרוזשאנאווע, ווען דאס גאנצע דארף איז שוין געווען וואך און אלע זיינען ארויס פון די כאטעס, אונדז אנקוקן ווי א בייז וווּנדער. זיי האבן אונדז געגעבן עסן, געזאגט דעם וועג, נאר זיי האבן זיך געווונטשן, אז מיר זאלן זיך וואס שנעלער דערווייטערן פון דארט כדי נישט ברענגען קיין אומגליק אויף זיי. וועגן אלעם וואס מיר האבן געוואלט געוואר ווערן ביי זיי,

האָבן זיי אונדז אָפּגעענטפערט זאָגנדיק, אַז אין כוטאָר, נעבן וואַלד, בײַ דער „מכשפה" וועלן מיר אַלץ געוואָר ווערן, אויפן גאַנצן וועג ביז צום וואַלד האָבן מיר נישט אָנגעטראָפן קיין איין כאַטע. נאָר בײַם ראַנד פון וואַלד האָבן מיר אָנגעטראָפן אויף דעם איינזאַמען כוטאָר פון וועלכן מען האָט אונדז געזאָגט אין דאָרף. בעת מיר האָבן געעפנט די פורטקע פון גערטנדל האָט זיך גלײַכצײַטיק געעפנט די טיר פון דער כאַטע און עס איז אונדז אַנטקעגן געגאַנגען אַ קליין אײַנגעשרומפּן גויעלע מיט אַ צעשראָקן פּנים. אַז מיר האָבן געוואָלט אַרײַן אין כאַטע איז זי געשטאַנען בײַם אַרײַנגאַנג אַ נישט־דעצידירטע, אַזוי ווי זי וואָלט זיך געשלאָגן מיט דער דעה — אַרײַנלאָזן אונדז אין כאַטע, אָדער נישט. אַז מיר זײַנען פונדעסטוועגן אַרײַן אינעווייניק איז זי צוגעגאַנגען נאָענט צו אונדז און געפּרעגט שטיל און דערשראָקן, צו די פון דאָרף האָבן אונדז באַמערקט... אַז מיר האָבן באַשטעטיקט, אַז יאָ איז זי געוואָרן אומרויִק און געזאָגט: „אויב אַזוי איז נישט גוט, מוזט איר גלײַך אַוועק פון דאַנען. די מנובלים קאָנען נאָך וועמען אונטערשיקן, זיי האָבן מיך אַזוי אויך אויף די צונגען". מיר האָבן זיך באַמיט בײַ איר געוואָר ווערן, צי עס קומען צו איר פּאַרטיזאַנער, האָט זי געדרייט מיט דער צונג, נישט געבנדיק קיין קלאָרן ענטפער. „אין דאָרף האָט מען געזאָגט — האָט זי אונדז דערקלערט — זיינען זיי געווען די נאַכט און גענומען אַ חזיר, נאָר זי ווייסט נישט גענוי, בײַ איר זיינען זיי נישט געווען". מיר האָבן נעפּילט, אַז עפּעס דערזאָגט זי נישט און זי האָט אונדז איבערהויפּט אויסגעוויזן עפּעס געהיימניספול.

דער פּרוזשאַנאָווער וואַלד האָט אויף אונדז געמאַכט אַ שווערן, נישט פרײַנטלעכן אײַנדרוק. דער שוויערענאָווער וואַלד, פון וואַנען מיר זײַנען געקומען איז געווען אַ היימישער, אַ געמיטלעכער, ווי אַ שטאָטישער פּאַרק און דער וואַלד איז אַ ווילדער, אַן אָנגעכמאַרעטער, אַ בייזער, אַן אומהיימלעכער. עס וואַלגערן זיך דאָ אַרום כאַאָטיש אָנגעוואָרפן הונדערטער ביימער ארויסגעריסענע מיטן וואָרצל. דאָס זײַנען ריזיקע ביימער, מיט אונטערגעפוילטע וואָרצלען פון נעץ און אַלטקייט, וועמען די פײַכטע ווייכע ערד איז מער נישט געווען בכוח אײַנצוהאַלטן בעתן אָנגרײַפנדיקן שטורעם און ווינט. איצט ליגן זיי אַוועקגעלייגט ווי

פּגרים און זייערע וואָרצלען בילדן ריזיקע וועגט, ווו עס קאָנען זיך באַהאַלטן אונטער יעדן פון זיי, אַ מנין מענטשן מען זאָל זיי נישט אַרויסזען. אַט הינטער אַזאַ וואַנט האָבן מיר אײַנגעאָרדנט אונדזער נײַ וווינאָרט.

אין אָוונט זײַנען מיר אַלע דרײַ אַוועק אין דאָרף. לויט אונדזער פּלאַן האָבן בלויז איך מיט בערנשטיינען געזאָלט אַוועק אין דאָרף נאָך שפּײַז און פּאָסעסאָרסקי האָט געדאַרפט וואַרטן אויף אונדז אין עק וואַלד אינעם כוטאָר פון דער „מכשפה" נאָר לײַדער האָט אונדז געטראָפן אַן אַנטוישונג, די כאַטע איז געווען פאַרשלאָסן. דער אָוונט איז געווען אַ קאַלטער, אַ פינצטערער, דער אַרום אַ פרעמדער, אַ פײַנטלעכער און מיר זײַנען געווען אַדורכגעפרוירן ביזן ביין און עס האָט זיך געוואָלט זײַן, כאָטש אַ ווײַלע, אונטער אַ דאַך און אײַנאָטעמען אין זיך וואַרעמע, שטו־ביקע לופט און אויפטײַען די פאַרשטאַרטע און געפרוירענע גלידער און, אפשר וועט געלינגען אָפּצועסן אַ ביסל וואַרעם געקעכץ. עס האָט געלאָקט און געצויגן צו זיך דער בלישטש פון די ליכטלעך אין די דאָרפישע כאַטעס, וואָס מיר האָבן געזען פון דער ווײַטנס. עס האָט זיך שטאַרק געוואָלט, פּאָסעסאָרסקי זאָל זײַן מיט אונדז צוזאַמען און אָנגעשפּאַרט אין אונדזער ביידנס אַקסל, אַזוי, אַז ער האָט געטרעטן בלויז מיט דעם געזונטן פוס, זײַנען מיר אַלע דרײַ אַוועק אין דאָרף.

אין דאָרף האָט מען אונדז אויפגענומען פאַרשיידן, טייל אַ ביסל בעסער, טייל ערגער. אַנדערע האָבן אויך געגעבן אַ ביסל שפּײַז, אַ סך האָבן אָפּגעזאָגט. אָבער די מערסטע טייל האָט זיך געווונטשן, אַז מיר זאָלן זיך וואָס שנעלער אָפּטראָגן פון זייערע כאַטעס, נעמען וואָס מען גיט און גיין ווײַטער. איין אָרט האָבן מיר אָנגעטראָפן אין דעם דאָרף, וואָס איז געווען אַן אויסנאַם פון אַלע, אויף מענטשן, וועלכע האָבן אויף אונדז געמאַכט אַן אויסערגעוויינלעכן אײַנדרוק און וואָס וועלן שטענדיק בלײַבן אײַנגעקריצט אין מײַן זכרון.

ווען מיר זײַנען אַרײַן אין כאַטע האָט באַלד געצויגן אויף מיר די אויפמערקזאַמקייט, די זויבערקייט און ציכטיקייט, וואָס עס האָט דאָרט געהערשט. די לופט איז געווען אַ ריינע, אַן אָנגענעמע און עס האָט זיך נישט געפילט דער נישט־אָנגענעמער ריח, וואָס פילט זיך געוויינטלעך

אין אַ ווײַסרוסישער כאַטע. אַז מיר האָבן געוואָלט טרינקען וואַסער האָט אונדז די באַלעבאַסטע אָנגעוויזן אַ ספּעציעלן עמער מיט איבער־געקאָכטע וואַסער און אונדז דערקלערט, אַז רויע וואַסער איז שעדלעך צו טרינקען. איך האָב זי אָנגעקוקט פאַרווונדערט — פון וואַנען נעמט זיך צו איר אַזאַ סובטעלקייט. ווער עס קען די פויערים פון אַ ווײַסרוסיש דאָרף, איז דאָ גראַד געווען מיט וואָס זיך צו ווונדערן. מען האָט אונדז פאַרבעטן צום טיש עסן מיט זיי אָוונטברויט. אחוץ אונדז זײַנען געווען בײַם טיש דער באַלעבאָס און די באַלעבאָסטע דערצו נאָך אַ יינגעלע פון אַ יאָר צען.

דאָ איז געווען אין גאַנצן עפּעס אַנדערש ווי אומעטום. מען האָט אונדז דאָ נישט געגעבן אָפּצועסן — ווי פאַרפאַלגטע אומגליקלעכע מענ־טשן, אויף וועלכע מען האָט זיך דערבאַרעמט, נאָר מען האָט אונדז באַ־האַנדלט ווי חשובע געסט מיט וועלכע עס איז אַ פאַרגעניגן און אַ כבוד צו פאַרברענגען. אַז מיר האָבן זיי געפרעגט צי זיי שרעקן זיך נישט, וואָס מיר געפינען זיך אין זייער הויז, האָט דער באַלעבאָס געענטפערט:

— אַז ער שרעקט זיך בלויז פאַר גאָט. און אונדז האָט ער געטרייסט, מיר זאָלן נישט זײַן געפאַלן בײַ זיך. — היטלער וועט אײַך נישט פאַר־טיליקן — האָט ער געזאָגט — ווײַל איז זײַט אייביק, דאָס ייִדישע פאָלק איז אומשטערבלעך. דאָס שטראָפט אײַך בלויז גאָט פאַר די זינד, און פרוווט אויס אײַער שטאַנדהאַפטיקייט. אַז מיר האָבן זיך געפרעגט צי רען זײַנען מיר מער זינדיק, ווי אַלע אַנדערע פעלקער האָט ער גוטמוטיק אָפּגעענטפערט:

— „ניין, איר זײַט ווייניקער זינדיק, איר זײַט גאָטס ליבסטע קינ־דער, זײַן אויסדערוויילט פאָלק. און דערפאַר שטראָפט ער אײַך. אײַך האָט גאָט אויסדערוויילט אויף אָפּצורייניקן די וועלט פון שלעכטס און צו ברענגען די דערלייזונג פאַר דער מענטשהייט".

דאָס אַלץ האָט ער געזאָגט מיט אַזאַ איינפאַכקייט, מיט אַזאַ זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט און טיפן גלויבן, וואָס האָט נישט איבערגע־לאָזט קיין אָרט פאַר קיין צווייפל. מיר האָבן זיך דערוווּסט פון אים, אַז ער איז אַ שמיד, און די גאַנצע פאַמיליע זייען גלויביקע באַפּטיסטן. נאָכן עסן זײַנען מיר אָרײַן אין צווייטן צימער. ווו די באַלעבאָסטע האָט

אונטערגעהאַלטן דאָס ליכט אויפֿן פּריפּעטשיק מיט קינעלעך און דער באַלעבאָס, האָט פֿאַר אונדז פֿאָרגעלייענט פֿון עפּעס אַ בוך וועגן דער מיסיע פֿון יידישן פֿאָלק אויף דער וועלט. וועגן די ליידן און פּיין מיט וועלכע גאָט פּרוווט עס, וועגן די אַלע נסיונות, וואָס דאָס פֿאָלק איז שוין אַדורכגעגאַנגען אין זיין לאַנגן היסטאָרישן נע־ונד־וועג און וועגן דער גרויסער ראָל, וואָס דאָס יידישע פֿאָלק וועט שפּילן אין דער צוקונפֿט, ווי דער פֿירער און וועגווייזער פֿון אַלע פֿעלקער און אַזוי ווייטער אין זעלבן נוסח.

איך האָב זיך נישט אַריינגעטראַכט אין דעם זין פֿון דעם געהערטן און נישט אַנאַליזירט דעם אינהאַלט. איך האָב זיך בלויז איינגעהערט, ווי אַן אַנגענעמע וואַרעמע שטים, מיט טיפֿן גלויבן און איבערצייגונג, מיטן גאַנצן ערנסט, רעדט וועגן אונדז, די באַשפּיגענע, געטרעטענע, געפֿאַלענע און רעכטלאָזע, ווי וועגן אויסלייזער און דערלייזער, ווי וועגן זאַלץ פֿון דער ערד. ווי וועגן אַזעלכע, וואָס אַלע פֿעלקער און אַלץ וואָס עס איז פֿאַראַן און טוט זיך אויף דער וועלט האָט גאָט באַשאַפֿן צוליב אונדזערטוועגן, זיינע אויסדערוויילטסטע און געליבטסטע קינדער.

איך ווייס נישט — וואָס עס איז געווען די סיבה — צי די טרויעריקע לאַגע אונדזערע, און די גאַנצע טראַגעדיע וואָס מיר האָבן איבערגעלעבט, צי דער טיפֿער גלויבן פֿון דעם פֿאָרלייענער און די רעליגיעזע אַטמאָספֿער, וואָס האָט געהערשט אין דער כאַטע, נאָר איך האָב זיך נישט געקענט באַפֿרייען פֿון דער סוגעסטיווער ווירקונג. וואָס עס האָבן אויף מיר געמאַכט די געלייענטע ווערטער, וואָס זיינען טיף אַריינגעדרונגען אין מיר און זיך אָפּגעשלאָגן אויף מיין געמיט. דאָס זעלבע האָב איך באַמערקט ביי פּאַסעסאָרסקין, וועלכער איז געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אויפֿן שטעקן און מיט פֿלאַמענדיקע אויגן, ווי אַ היפּנאָטיזירטער זיך איינגעקוקט אין דעם פֿאָרלייענער. אפֿילו דער שטענדיק פּראַקטישער און ניכטערער בערנשטיין איז געווען גערירט, אַ פֿאַרגאַפֿטער האָט ער זיך איינגעהערט.

דער פֿאָרלייענער איז געווען אַ מענטש פֿון אַ יאָר דרייסיק, מיט העל־בלאָע אויגן, און אַ פּנים, וואָס האָט פֿאַראייניקט אין זיך, אויף אַ וווּנדערלעכן אופֿן — גייסטיקע איידלקייט מיט דאָרפֿישער געזונטקייט.

ווען מיר האָבן פאַרלאָזט די כאַטע איז שוין געווען נאָך האַלבע נאַכט. כאָטש קיין איינער פון אונדז דרײַ איז נישט געווען קיין גלייביקער, דאָך זײַנען מיר אַלע געווען טיף גערירט און אויפגעטרייסלט. אין דעם געמיט־צושטאַנד, מיט צעברויזטע נשמות, מיט אויפגעוועקטן ווײַטיק, צעוואָרעמטע און אויפגעהייטערטע האָבן מיר זיך געשלעפּט אָן חשק אין דער בײַנאַכטיקער פינצטערניש און האַרבסטיקער קעלט, צום גרויסן שוואַרצן וואַלד־פּלעק, וואָס איז געווען אונדזער היים. דאָרטן האָבן מיר אויסגעטאַפּט מיט די הענט, ווו עס געפינט זיך אונדזער אָרט און זיך אַוועקגעלייגט אויף דער פײַכטער ערד צוגעטוליעט איינער צום צווייטן. ווען מיר וואָלטן געהאַט עפּעס אַ וואַרעם מלבוש, האָב איך געטראַכט, כאָטש אַ שמאַטע מיט וואָס מען זאָל זיך קאָנען אײַנדעקן, אײַנוויקלען דערין, אָדער אונטערלייגן אויף דער פײַכטער ערד. איך האָב גענומען האָבן חרטה און זיך מאַכן פאָרוואורפן, פאַרוואָס איך האָב נישט געהערט פּאַסעסאָרסקין, ווען ער האָט געזאָגט, מיר זאָלן צונעמען בײַ די דײַטשן וואַרעמע וועש, מלבושים און שטיוול, נאָר זיך געשפּילט מיט זיי אין דזשענטלמענישקייט. פון פאַרמאַטערטקייט זײַנען מיר אויף אַ ווײַלע אײַנגעשלאָפן, נאָר עס האָט נישט לאַנג געדויערט און מיר האָבן זיך אויפגעכאַפּט דערפראָרענע ביז צום ביין, און מער נישט געקאָנט אײַנשלאָפן אויף דער פײַכטער קאַלטער ערד. קיין פײַער האָבן מיר נישט געטאָרט ברענען, ווײַל דאָס וואָלט פאַראַטן אונדזער זײַן אין וואַלד, און די איינציקע האָפענונג איז געווען די זון אויף וועלכער מיר האָבן געוואַרט מיט אומגעדולד און בענקעניש.

פאַרטאָגס, האָבן מיר ווי גלייביקע אין אַ גאָט, זיך אײַנגעקוקט אין דעם גרויסן פײַערדיקן ראָד, וואָס האָט זיך באַוויזן אויפן ראַנד פון הימל, דאָרטן, ווו עס האָט זיך געענדיקט דער וואַלד, און עס איז אונדז פרייליכער געוואָרן. כאָטש די וואַרעמקייט פון דער זון איז צו אונדז נאָך נישט דערגאַנגען, האָט איר בלויזער אָנבליק שוין געקוויקט דאָס אויג און געפרייט דאָס האַרץ, ווײַל מיר האָבן געוווּסט, אַז אירע וואַרעמע שטראַלן וועלן דערגיין צו אונדז און אויסוואַרעמען אונדזערע געפרווירענע גלידער.

מיטאָג־צײַט זײַנען מיר געלעגן זאַטע, אויסגעצויגן אויף דער אויס־

געטריקנטער ערד, געקוקט דער זון גלײַך אין פּנים אַרײַן און אונדזער גלויבן איז געשטאַרקט געוואָרן. מיר האָבן ווײַטער געהאָפֿט, אַז אונדז וועט נאָך געלונגען אויפֿצוטאָן עפּעס נוצלעכס, וויכטיקס, אַז אונדזער לעבן וועט נישט פֿאַרלאָרן גיין אומזיסט. לעבן אונדז איז פֿאַרבײַגעגאַנגען אַ וואָלף. ער איז געשטאַנען רויִק און נישט געלייגט קיין אַכט אויף אונדז. מיר האָבן זיך נישט געשראָקן און אים נישט געשראָקן. מיר האָבן געטאָן דאָס אונדזעריקע און ער איז זיך געגאַנגען זײַן וועג. מיר האָבן זיך פֿאַרהאַלטן אַזוי ווי אײַנוווינער פֿון איין קוואַרטאַל, ווי שכנים. נישט שטענדיק זײַנען די וועלף געווען אַזעלכע פֿרידלעכע. אין מײַן וואַלד־פּראַקטיק איז מיר אויסגעקומען זיך באַגעגענען אויך מיט אַנדערע וועלף, אין אַן אַנדערער צײַט פֿון יאָר, ווען זיי זײַנען געווען הונגעריקע. דעמאָלט האָבן זיי געוויזן זייערע וועלפֿישע ציין און געלאָזט הערן זייער וועלפֿישן ברום. נאָר עס זײַנען דאָך פֿאַראַן צײַטן, ווען אפילו מענטשן זײַנען פֿרידלעך געשטימט און טוען איינער דעם צווייטן נישט קיין שלעכטס.

10 אָקטאָבער 1942. הײַנט אין אָוונט בין איך מיט בערנשטיינען אַוועק אין דאָרף נאָך פּראָדוקטן. פּאָסעסאָרסקי האָט אונדז באַגלייט ביז צום ראַנד פֿון וואַלד, און אַליין איז ער געבליבן וואַרטן אויף אונדז אין דעם כוטאָר פֿון דער „מכשפה". מיר האָבן זיך צוגעאײַלט, שנעל דערליידיקט אונדזער זאַך און צוריק אַוועק אין כוטאָר. ווען מיר זײַנען דאָרטן אַרײַנגעקומען, האָבן מיר געטראָפֿן פּאָסעסאָרסקין שוין אַ היימישן און אויפֿגעלעבטן מיט דער באַלעבאָסטע. און אונדז האָט ער אויפֿגענומען ווי בײַ זיך אין דער היים. ער האָט אונדז דערציילט, אַז מיט דער באַלעבאָסטע האָט ער זיך שוין דעררעדט און געוווּנען איר צוטרוי. זי איז איצט גרייט אַלץ צו טאָן פֿאַר אונדז און דינען אונדז מיט וואָס, נאָר זי וועט קאָנען. זי האָט אַפֿילו צוגעזאָגט צו געבן אונדז אַזאַ מיטל, וואָס קיין קויל זאָל אונדז נישט טרעפֿן. עס וועלן פֿליִען אַרום אײַך קוילן האָט זי געזאָגט און אײַך וועלן זיי נישט טרעפֿן. עס איז נאָר אַ שאָד, וואָס מיר זײַנען פֿריִער נישט געקומען צו איר, וואָלט נישט געקומען דערצו, אַז פּאָסעסאָרסקי זאָל פֿאַרוווּנדעט ווערן. פּאָסעסאָרסקי

האָט געוווּנען איר צוטרוי דער עיקר דערמיט, וואָס ער האָט אויסגעהערט מיט באַגײַסטערונג אירע דערציילונגען, וועגן שדים, רוחות און כישוף. מיר האָבן מיט איר אָפּגערעדט, אַז זי וועט אונדז באַזאָרגן יעדן טאָג מיט וואַסער. זי וועט עס אָוועקשטעלן אויף אַ באַשטימטן אָרט אין וואַלד פון וואַנען מיר וועלן עס צונעמען. זי וועט אונדז געבן שטרוי אויף אויסצובעטן זיך און וועט פאַר אונדז אײַנקויפן אין שטאָט פאַרשיידענע קלייניקייטן, וואָס זײַנען אונדז נייטיק. זי האָט אונדז אויך צוגעזאָגט צו אינפאָרמירן וועגן אַלעם, וואָס וועט פאָרקומען און באַצײַטנס צו וויסן געבן, וועגן יעדער געפאַר וואָס קאָן אונדז דראָען.

אין כאַטע איז געווען וואַרעם און אָנגענעם. די באַלעבאָסטע האָט אָפּגעקאָכט עסן פון די פּראָדוקטן, וואָס מיר האָבן געבראַכט פון דאָרף, און מיר זײַנען געווען גוט אויפגעלייגט. איצט עפענען זיך פאַר אונדז נײַע פּערספּעקטיוון...

מיר האָבן אַ פאַרבינדלערין, דורך וועלכער מיר וועלן זיך קאָנען פאַרבינדן מיט די איבערגעבליבענע סטאָלפּצער און שוויערזשנער ייִדן און מיטהעלפן זיי זיך צו באַפרײַען פון די דײַטשן. מיר האָבן געוועבט פאַרשטאַרטע גלידער, האָבן אויפגעטײַעט, שלאָבעריק געוואָרן און עס זײַנען אזוי געזעסן און פאַנטאַזירט ביז שפּעט אין דער נאַכט אַרײַן, פון זאַטקייט און וואַרעמקייט זײַנען מיר געוואָרן פויל. די אָדורכגעפרוירענע פאַרשטאַרטע גלידער, האָבן אויפגעטײַעט, שלאָבעריק געוואָרן און עס האָט זיך זייער נישט געגלוסט אין דער קאַלטער פינצטערער נאַכט צו גיין אין וואַלד אַרײַן, זיך לייגן אויף דער פײַכטער ערד. מיר האָבן באַשלאָסן בלײַבן נעכטיקן אין כוטאָר, כאָטש דאָס איז געווען געפערלעך.

די באַלעבאָסטע האָט פאַר זיך אויסגעבעט אויפן אויוון, און פאָסער־סאַרסקין אָפּגעטראָטן איר בעט, און פאַר מיר מיט בערנשטיינען האָט זי אויסגעבעט אויף די בענק. ערשט איצט איז אונדז געוואָרן באמת גוט, ווײַל די גאַנצע צײַט האָט אונדז געמאַטערט דער געדאַנק, אַז, אַט באַלד, באַלד וועלן מיר מוזן פאַרלאָזן דעם גן־עדן און זיך אומקערן אין וואַלד. ערשט איצט האָבן מיר גענאָסן פון אונדזער גרויסן פאַרגעניגן און זיך געקוויקט מיט דעם גרויסן גליק, וואָס עס דערוואַרט נאָך אונדז

— צו שלאָפן אין אַ וואַרעמער שטוב, אויף אַ ווייך אויסגעבעט געלעגער. נאָר נישט באַשערט איז געווען אונדז דאָס גליק!...

מיר האָבן קוים באַוויזן זיך אָוועקצולייגן אויף די געלעגערס מען קלאַפּט אין טיר...

דער כוטאָר איז באַשטאַנען פון צוויי צימערלעך מיט אַ פאָדערהויז. די פענצטער פון ערשטן צימער, זײַנען אַרויסגעגאַנגען צום וועג און פון צווייטן צום וואַלד. מיר זײַנען אַרײַן אין צווייטן צימער און דאָרטן פאַר־נומען אַזאַ פּאָזיציע, אַז פון ערשטן צימער, זאָל מען אונדז נישט באַ־מערקן. דאַקעגן מיר זאָלן קאָנען גוט זען די „געסט" וואָס וועלן אַרײַנ־קומען און, מיר זאָלן זיי קאָנען נעמען אויפן ציל. גלײַכצײַטיק האָבן מיר צוגעגרייט אַז די פענצטער זאָלן זײַן אָפן, פון וואַנען מיר זאָלן זיך קאָנען צוריקציען אין וואַלד אַרײַן. די באַלעבאָסטע איז געגאַנגען עפענען די טיר, און מיר האָבן געוואַרט געשפּאַנט, גרייט אויף דעם ערגסטן... מיר האָבן זיך אײַנגעהערט עס מאַכט זיך אויף דער האָלצערנער ריגל פון דעם פאָדערהויז, און דערנאָך די טיר פונעם צימער. מיר שטרענגען אָן די בליקן און האַלטן גרייט דאָס געווער...

דאָס ערשטע באַווײַזט זיך אַ לופּע פון אַ ביקס דערנאָך ערשט אַ קאָפּ, אָנגעטאָן אין אַ סאָוויעטישן שלעם, מיט אַ רויטן שטערן און אַ האַנט, וואָס באַלײַכט דאָס צימער מיט אַן עלעקטריש לעמפּל. באַלד ווערט פול דאָס צימער פון אַ מחנה פּאַרטיזאַנער. נאָך איידער איך מיט פּאַסעסאַרסקין באַווײַזן זיך אײַנצוקוקן אין זייערע פּנימער און דערקענען ווער דאָס זײַנען, פאַלט שוין בערנשטיין אַרויף אויף זײַן שוואָגער אַק־סעלראָד און זיי קושן זיך. עס ווײַזט זיך אַרויס, אַז דאָס זײַנען אונדזערע סטאָלפּצער כוואַטן, וואָס זײַנען מיט צוויי טעג צוריק אַרויס פון געטאָ איבערשנײַדנדיק די געטאָ פאַרצוימונג.

די גרופּע איז באַשטאַנען פון 19 פּערזאָן, דערונטער דרײַ פרויען. זיי זײַנען געווען באַוואָפנט מיט זיבן ביקסן און אייניקע האַנט־גראַנאַטן, און זײַנען געווען אָרגאַניזירט, ווי אַ דיסציפּלינירטע פּאַרטיזאַנער־גרופּע מיט אַ קאָמענדאַנט אין דער שפּיץ. צווישן זיי האָט זיך אויך געפונען אַ וועגווײַזער, אַ געוועזענער גרענעץ־שמוגלער, וועלכער האָט אויסגע־צייכנט געקענט די געגנט. די גרופּע איז באַשטאַנען פון פאָלגנדיקע פאַר־

זאַנען: יוסף האַרקאַווי, אַקסעלראָד, שמואל־לייב אַגינסקי, שלאָמעק עזריעל טוניק, משהל ווײַנשטיין, ישראל מאַכטיי, משהל עסטערקינד, קובאַ אַלטמאַן, עוזר מאַזאַ, עליע אינגעלמאַן, חוה טוניק, צילע, לאַזער זאַרעצקי מיט דער טאָכטער און איידעם און לאַזער מעלאַמעד מיט יולעק פּינטשעווסקי, וועלכע מיר האָבן פאַרלוירן בעת דער שיסערײַ. מיר זײַנען געווען נײַגעריק עפּעס בײַ זיי געוואָר צו ווערן, נאָר מיר זײַנען געוואָרן געשטערט דורך דעם, וואָס דער קאָמענדאַנט פון דער גרופּע יוסף האַר־קאַווי, האָט געגעבן אַ באַפעל אָפּצומאַרשירן.

יוסף האַרקאַווי האָט געהאַט אַ סך מעלות אויסערלעכע און אינער־לעכע. די הויפּט־מעלה זײַנע איז געווען ערלעכקייט און געוויסנהאַפטי־קייט. נאָכן פאַרלירן בעת דער „אַקציע" די פרוי מיטן איינציקן קינד איז ער געוואָרן אַזוי צוזאַמענגעבראָכן, אַז ער האָט נישט געוואָלט הערן וועגן אַוועקגיין אין פּאַרטיזאַנקע און מען האָט אים געהאַלטן שוין פאַר אַ פאַרלוירענעם, שוין צו גאָרנישט פּעיִקן. נאָר קומענדיק אַ ביסל צו זיך, האָט ער גלײַך אָרגאַניזירט דאָס אַנטלויפן פון דער גרופּע. ער איז געווען דער אַנטשפּרעכנסטער און אין אַלע הינזיכטן, פּאַסיקסטער מענטש דערצו. ער איז געווען פול מיט קאַמפּווילן און דורשט נאָך נקמה און האָט נישט געוואָלט פאַרלירן קיין איבעריקע צײַט אין וועג, נאָר געאײַלט צום ציל — זיך צו פאַראייניקן מיט דער אַלגעמיינער פּאַרטיזאַנער באַוועגונג. אונדז האָט ער צוגערעדט, אַז מיר זאָלן גיין מיט זיי צוזאַמען, און האָט אונדז דערקלערט, אַז ער האָט שוין אַ גענויעם מאַרשרוט ווי צו גיין און אַן אַדרעס צו וועמען זיך ווענדן. אויפן וועג האָבן זיי באַגעגנט אַ גרופּע פּאַרטיזאַנער פון קאַפּוסטעס פאַראייניקונג, וועלכע האָבן זיי איבערגע־געבן, אַז לעבן זייער פאַראייניקונג איז אָרגאַניזירט געוואָרן אַ יידישער אָטריאַד מיט ליאָווע גילטשיק אַלס קאָמאַנדיר, און געגעבן אָנווײַזונגען ווי אַזוי זיך דאָרטן אַרײַנצובאַקומען. נישט קוקנדיק אויף פּאַסעסאַרסקים וווּנד, זײַנען מיר פונדעסטוועגן אַוועק מיט זיי, און צוזאַמען האָבן מיר געבילדעט אַ סאָליד־באַוואָפנטע גרופּע פון 22 פּערזאָן צווישן וועלכע עס האָבן זיך געפונען אייניקע גוט־אויסגעשולטע מיליטער־לײַט.

גייענדיק אין וועג צוזאַמען מיט פּינטשעווסקין און מעלאַמעדן, האָבן מיר זיך דערוווּסט פון זיי, וועגן אַלץ, וואָס האָט פּאַסירט דורך דער צײַט

פון אונדזער אָפּוועזנהייט אין סטאָלפּצע. בעת דער שיסערײַ, איז זיי גע־לונגען אויסצומײַדן די קוילן און זיך אַרײַנכאַפּן אין וואַלד. דאָרטן האָבן זיי זיך אַרומגעשלעפּט ביז שפּעט אין דער נאַכט, פאַרלירנדיק די שפּורן אונדז צו געפינען. בלײַבנדיק אָן געוועהר זײַנען זיי צוריק אַוועק אין סטאָלפּצע און שטילערהייט זיך צוריק אַרײַנבאַקומען אויף זייערע אַר־בעט־פּלעצער, נישט באַמערקט דורך די דײַטשן. דאָרטן האָבן זיי זיך געפונען נאָך 5 טעג ביז עס איז געוואָרן אָפּגערייניקט דאָס געטאָ נאָך די אומגעבראַכטע, און דערנאָך זײַנען זיי צוזאַמען מיט די איבעריקע לעבן־געבליבענע ייִדן צוריק אַרײַן אין שוין פאַרקלענערטן געטאָ.

די גרעסטע טייל פון די באַהעלטעניש אין געטאָ זײַנען געוואָרן אויפגעריסן צוזאַמען מיט די מענטשן, וואָס האָבן זיך דאָרט געפונען. דאָך איז אַ טייל ייִדן געלונגען זיך צו ראַטעווען אין די באַהעלטעניש. די לעבן־געבליבענע — אַחוץ די זויג־קינדער — זײַנען לעגאַליזירט גע־וואָרן און אַרײַן אין נײַעם פאַרקלענערטן געטאָ. שולץ האָט בלויז גע־מאַכט אַן אויסנאַם פאַר דער פרוי פּראַס מיט אירע צוויי טעכטער, וועלכע האָבן זיך געראַטעוועט אין אַ בונקער. ער האָט זיי דערקענט אויפן „אַפּעל" און זיך געווענדעט צו זיי:

— „איר האָט שוין גענוג גוט געלעבט, איר קאָנט שוין שטאַרבן!" און זיי אַוועקגעשטעלט בײַ דער וואַנט און אַליין דערשאָסן. דאָס ייִנגערע מיידעלע האָט אים געבעטן, אַז ער זאָל זי שיסן פון הינטן, נאָר שולץ איז נישט באַשטאַנען דערויף נאָר זי אַוועקגעשטעלט בײַ דער וואַנט מיטן פּנים צו זיך און געצילט אין איר פון פּיסטאָלעט.

אַזוי האָט שולץ אָפּגעדאַנקט פּראָסן פאַר אַלץ, וואָס ער האָט געטאָן פאַר אים און פאַר די דײַטשן...

דער עלטסטער פון געטאָ איז געוואָרן ביאַלאָשקלאַ, זײַן פאַרטרע־טער לעווינסקי,ביידע פּליטים. דער ערשטער אַ לעדער־סוחר פון שעד־לעץ, דער צווייטער אַ שנײַדער פון סוואַלק.

קיין סך איז אונדז די נאַכט נישט אויסגעקומען צו גיין. אַדורכגיי־ענדיק אַ קילאָמעטער צען זײַנען מיר אַרײַן אין וואַלד און אָפּגערוט. דאָ האָבן מיר געמוזט וואַרטן ביז עס וועט אָנהייבן טאָגן, ווײַל מיר

האָבן זיך געדראַפט אַדורכבאַקומען דורך אַ טײַך און אין דער פינצטער איז דאָס געווען געפערלעך.

אַז עס האָט אָנגעהויבן טאָגן האָט דער אַלטער זאַרעצקי, אָנגעהויבן מײַסטרעווען בײַם בויען אַ פראָם אויף איבערצושיפן זיך דעם טײַך. נאָר צוליב מאַנגל אין מאַטעריאַל — איז פון דעם גאָרנישט אַרויסגעקומען און מיר זײַנען געווען געצוווּנגען — כאָטש דאָס איז געווען נישט קיין אָנגענעמע באָד — אַדורכצושווימען דעם טײַך.

איצט זײַנען מיר געגאַנגען קיין מאַגילנע (דער מאַרשרוט האָט זיך געדעקט מיט דעם, וואָס עס האָט אונדז געזאָגט דער באַקאַנטער פאָלאָק). לעבן מאַגילנע זײַנען מיר אָנגעקומען פאַרנאַכט. נאָכדעם ווי מיר האָבן זיך דערוווּסט פון אונדזערע אויסשפירער, אַז עס זײַנען דאָרט נישטאָ פאַראַן קיין דײַטשן, האָבן מיר — אין מיליטערישער אָרדענונג — אַרײַנמאַרשירט אין שטעטל.

מיר האָבן זיך אײַנגעאָרדנט אויף דער אַנדערער זײַט פון שטעטל אין וואַלד, און אַ טייל פון די, וואָס האָבן געהאַט געווער זײַנען אַוועק אין שטעטל נאָך עסן. איך בין געגאַנגען צוזאַמען מיט בערנשטיינען און אַקסעלראָדן. אַרײַנקומענדיק אין אַ געוויסער כאַטע, האָט געצויגן אונדזער אויפמערקזאַמקייט אַ מערקווירדיק בילד: אויפן טיש איז געשטאַנען אַ פלאַש בראָנפן, אָנגעגאָסענע גלעזער, פאַרבײַסעכץ און קיין מענער זײַנען נישט געווען אין כאַטע. אין כאַטע איז בלויז געווען אַן עלטערע פרוי מיט אַ קליין מיידעלע. דאָס האָט אונדז געוווּנדערט און פאַראינטריגירט — ווו זײַנען די טרינקער? די רעטעניש איז שנעל אויפגעקלערט געוואָרן. נאָכדעם ווי די באַלעבאָסטע האָט זיך דערוווּסט ווער מיר זײַנען, האָט זי אויסגערופן אַ דערפרייטע: פעטיאַ, וואַניאַ, נאַראַנים קומט אַרויס! — דאָס זײַנען דאָך אייגענע!

פון הינטערן אויוון זײַנען אַרויס צוויי יונגע שקצים מיט ביקסן אין די הענט און האָבן זיך הילכיק און האַרציק צעלאַכט: — „מיר האָבן אײַך געזען דורכן פענצטער — האָבן זיי געזאָגט — און געמיינט אַז שונאים גייען, דײַטשן, און דאָ ווײַזט זיך אַרויס אַז אייגענע פאַרטיזאַנער — אַך! וואָס פאַרא נאַראַנים מיר זײַנען".

אונדזער באַגײַסטערונג איז געווען אויסערגעוויינלעך. מיר זײַנען

אַרויפגעפאַלן אויף זיי און זיך געקושט. ענדלעך זעען מיר פּאַרטיזאַנער, אייגענע פּאַרטיזאַנער!...

יעדער פּאַרטיזאַן האָט דעמאָלט געלעבט אין אונדזער נאַיווער פאָר־שטעלונג ווי אַן אידעאַלער מענטש, כמעט ווי אַ הייליקער, ווי אַ מענטש פון לויטער גוטסקייט, ווי אַ באַשיצער און פאַרטיידיקער פון באַוולטע. זיי האָבן אונדז פאַרבעטן צו טרינקען מיט זיי. מיר האָבן שנעל צו וויסן געגעבן האַרקאַווין, אַז ער זאָל קומען צו אונדז. ער איז געקומען און זיך פונאַנדערגערעדט מיט זיי און עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זייער אָט־ריאַד געהערט צו דער זעלבער פּאַרטיזאַנער־פאַראייניקונג, וואָס גילטשיקס אָטריאַד. און אַז זיי זײַנען דאָ אויף אויספירן אויפגאַבן און שליחות פון זייער אָטריאַד. הײַנט בײַ נאַכט גייען זיי צוריק אין לאַגער. וועלכער געפינט זיך אין שכנות מיט גילטשיקס לאַגער. און אונדז פאַרגעלייגט צו גיין מיט זיי צוזאַמען, זיי וועלן אונדז שוין אוועקפירן דאָרטן ווו מיר דאַרפן. מיר זיינען, פאַרשטייט זיך, געווען אײַנשטימיק. מיר האָבן זיך מיט זיי אָפגערעדט ווו צו טרעפן זיך און זײַנען אוועק צופרידענע, זיך טיילן מיט דער פרייל עכער נײַעס מיט די איבעריקע חברים.

פונקט ווען מיר האָבן זיך געגרייט צום נאַכטעסן זײַנען געקומען אונדזערע חשובע געסט. מיר האָבן זיי פאַרבעטן צו עסן מיט אונדז נאַכט־עסן. אונדזער מאַלצײַט האָט געדאַרפט זײַן אַ יום־טובדיקער, זי איז באַ־שטאַנען: — פון ברויט, שוואַרצע קאַווע און צו איין איי פאַר יעדן. קאַווע אויף צו פאַרברזען, האָבן מיר געהאַט אייגענע. דאָס ברויט מיט די אייער האָבן מיר גענומען בײַ דער אָרטיקער באַפעלקערונג. אַזוי ווי מיר האָבן געהאַט פונקט 22 אייער, אַזויפיל, וויפל עס איז באַשטאַנען אונדזער גרופע, איז אויסגעקומען צוויי פערזאָן זיך אָפצוזאָגן פון זייער פּאַרציע לטובת די געסט. איך דערמאָן דאָ, די אין פלוג נישט אינטערע־סאַנטע קלייניקייט, ווײַל דאָס וועט אונדז שפעטער צונוץ קומען, כדי צו קאָנען פאַרשטיין די ספּעציפישע לאַגע אין וועלכער עס האָבן זיך געפונען יידישע פּאַרטיזאַנער.

די שטימונג איז בײַ אַלעמען געווען אַ געהויבענע. די געסט האָבן באַקוקט אַלעמענס געווער. באַזונדערס שטאַרק האָבן זיי זיך פאַראינ־טערעסירט מיט אונדזערע פּיסטאָלעטן, וואָס זײַנען זיי שטאַרק געפעלן

געוואָרן. זיי האָבן ממש נישט געקאָנט די אויגן אַראָפּנעמען פון זיי. אונדז האָט דאָס ביסל געוווּנדערט, נאָר מיר זײַנען געווען צופרידן און שטאָלץ דערפון, וואָס אונדזערע פּיסטאָלעטן רופן אַרויס אַזאַ אויפמערקזאַמקייט און פאַראינטערעסירונג בײַ אַלע פּאַרטיזאַנער. אַזייגער צוועלף האָבן מיר זיך צוזאַמען מיט זיי געלאָזט אין וועג אַרײַן.

פּאָסעסאָרסקין איז פון אָנשטרענגען דעם פוס געוואָרן ערגער און ער האָט לחלוטין נישט געקאָנט גיין. אונדזערע נײַע פּאַרטיזאַנער־חברים, האָבן צוגעזאָגט אין נאָענטסטן דאָרף צו נעמען „אַ פּאָדוואָדע" פאַרן פאַרוווּנדעטן. ביז אין נאָענסטן דאָרף איז געווען אַ קילאָמעטער צען, און מיר האָבן פּאָסעסאָרסקין אונטערגעטראָגן. קומענדיק נאָענט פון דאָרף האָבן אונדז די פּאַרטיזאַנער דערקלערט, אַז זיי מוזן אַוועקגיין אין דאָרף דערליידיקן „אַ וויכטיקן ענין", און מיר זאָלן צוּוואַרטן אויפן פעלד ביז זיי וועלן צוריקקומען. מיר האָבן לאַנג געוואַרט אויף זיי, און זיי זײַנען אַלץ נישט געקומען. אונדז איז געוואָרן זייער קאַלט און מיר זײַנען אַוועק אין דאָרף זיי זוכן. מיר זײַנען אַרײַן אין אַ כאַטע און געטראָפן אונדזערע פּאַרטיזאַנער טרינקען בראָנפן. כדי צוצואײַלן אונדזער אָפּמאַרש און זיי פאַרהיטן פון שיכור ווערן, האָבן מיר זיי צוגעהאָלפן שנעל אויסליידיקן די פלעשער.

דער באַלעבאָס פון כאַטע האָט אײַנגעשפּאַנט דאָס פערד, אויסגעבעט דעם וואָגן מיט שטרוי און מיר האָבן דאָרטן אַוועקגעלייגט פּאָסעסאָרסקין, אײַנגעדעקט מיטן פויערס פעלץ, און האָבן אָפּמאַרשירט.

דער פרימאָרגן איז געווען אַ דערקוויקנדיקער. די לאַנדשאַפט אַ שיינע. די פּאַרטיזאַנער פרייליכע, זאָרגלאָזע חברה־לײַט און מיר זײַנען געגאַנגען הייטער. מיר האָבן זיך איצט געפילט זיכער, און געטראָטן ווי אויף אייגענער ערד — פאָרויס צום ציל!

אַזייגער צוועלף בײַ טאָג זײַנען מיר אָנגעקומען אין שטעטל, פּיאַסאַטשנע. פּיאַסאַטשנע, איז אַ קרײַז־שטעטל אומגעפער אַזוי גרויס, ווי סטאָלפּצע, אַרומגענומען פון אַלע זײַטן מיט וואַלד. מיר גייען דורך די גאַסן און באַטראַכטן אַלץ מיט נײַגער. פאַר אונדז איז אַלץ, וואָס מיר זעען דאָ נײַ און איבעררראַשנדיק. עפּעס געפינען מיר זיך ווי אין אַן אַנדער לאַנד, ווי אין אַן אַנדער קעניגרײַך. דורכן גאַס פאָרט פאַרבײַ אַ

שיינע בריטשקע מיט א פּאָר גוטע פערד און א טײַערן געשפּאַן, ווי ס'זיצן באוואָפנטע סאָוויעטישע אָפיצירן. זיי זיצן זיך געמיטלעך, רויק, ווי בײַ זיך אין דער היים, ווי באַלעבאַטים. מיר גייען ווײַטער דורכן צענטער פון שטעטל און זעען די סימנים פון יידישן חורבן, און עס לעבט אין אונדז אויף דער געשפּענסט פון די דײַטשע מערדער. די גרעסטע טייל פון די הײַזער זײַנען פּוסטע, די פענצטער ארויסגענומענע, פאַרקלאַפּט מיט ברעטער און פאַרלאָזטע שטייען זיי ווי מצבות אויף קברים נאָך די אומגעקומענע.

מיר גייען ווײַטער ביז מיר קומען צו, צו אַן אָרט ווו עס געפינט זיך אַן אָפּגעזונדערטע הײַזקע מיט א וועראַנדע. „דאָ איז די קאָמענדאַטור" — דערקלערן אונדז די פּאַרטיזאַנער. זיי הייסן אונדז גיין אָפּעסן צו דרײַ פּערזאָן אין א כאַטע, און נאָכן עסן זאָלן מיר זיך אַלע צוזאַמענקלײַבן אין דער קאָמענדאַטור פון וואַנען זיי וועלן אונדז אַוועקפירן אין פּאַרטיזאַנער־לאַגער.

מיר האָבן זיך אַזוי אײַנגעטיילט, אַז אין יעדן גרופּקעלע פון דרײַ זאָל זיך געפינען כאָטש איין באוואָפנטער.

ארײַנקומענדיק אין א כאַטע האָבן אונדז די באַלעבאַטים פאַרבעטן צום טיש און דערלאַנגט עסן, נאָך איידער מיר האָבן באוויזן צו בעטן, גלײַך ווי מיר וואָלטן געווען אורחים געקומענע פון בית־המדרש, אָדער ישיבה־בחורים, וואָס „עסן טעג".

נאָכן עסן האָבן מיר זיך ווידער אַלע צוזאַמענגעקליבן אין דער קאָמענדאַטור און געוואַרט מיט אומגעדולד אַז מען זאָל אונדז שוין אַוועקפירן אין שטאַב.

באַלד איז געקומען איינער פון די צוויי פּאַרטיזאַנער און אונדז געמאָלדן, אַז מיר זאָלן ארײַנגיין אייגציקווײַז צום קאָמענדאַנט. דער קאָמענדאַנט האָט זיך אויסגעפרעגט יעדנס פּערסאָנאַליעס און פאַרשריבן. ער האָט זיך אויך אויסגעפרעגט, וואָס פאַר א געווער יעדער האָט, וויפל קוילן, נאָכגעקוקט דעם נומער פון געווער און פאַרשריבן, און ער האָט אונדז דערקלערט: אַז דאָס געווער מוזן מיר דאָ אָפּגעבן, ווײַל אין שטאַב טאָר מען אונדז נישט ארײַנפירן מיטן געווער, און אַז די קאָמענדאַטור שיקט דאָס געווער איבער אין שטאַב און דאָרטן וועלן מיר עס צוריק

באקומען. די פאראָרדענונג האָט אונדז אפילו נישט געשמעקט — עס איז אונדז נישט געווען צום האַרץ — ווײַל קיינער האָט זיך נישט גע־וואָלט שיידן מיטן געווער אפילו אויף איין מינוט. נאָר פארפאַלן, אויב עס הערשט אַזאַ אָרדענונג בײַ די פּאַרטיזאַנער, און עס איז פאַראַן אַזאַ באַפעל, וועלן מיר זיך דאָך נישט אַנטקעגנשטעלן. אַז די גאַנצע פּראָצע־דור מיטן אָוועקגעבן און פאַרשרײַבן דאָס געווער, וואָס האָט פאַרנומען אַ היפּשע צײַט — איז געווען געענדיקט, האָבן מיר זיך אויסגעשטעלט אין מיליטערישער אָרדענונג און געפירט דורך די צוויי פּאַרטיזאַנער, האָבן מיר אָפּמאַרשירט.

מיר האָבן זיך איצט געפילט נישט גוט און געגאַנגען אַזוי ווי דעגראַדירטע. ביז איצט זײַנען מיר געגאַנגען ווי גלײַכע מיט גלײַכע, ווי פּאַרטיזאַנער מיט פּאַרטיזאַנער, און איצט זײַנען מיר אומבאַוואָפנטע געפירט געוואָרן דורך — באַוואָפנטע... אָפּגייענדיק אייניקע קילאָמע־טער זײַנען מיר אָנגעקומען אין דאָרף גאַנשעראָווקע. דאָ האָבן די פירער אונדזערע דערקלערט, אַז זיי וועלן אַרײַן אין אַ דערנעבנדיקער כאַטע אויף אַ קורצער צײַט עפּעס דערליידיקן און מיר זאָלן וואַרטן אויף זיי. מיר האָבן שוין געוווסט, וואָס זיי האָבן צו „דערליידיקן" אין די כאַטעס, און האָבן רויִק געוואַרט אויף זיי. מיר האָבן לאַנג געוואַרט און זיי זײַנען אַלץ נישט געקומען. מיר האָבן זיך דאָס אויסגעטײַטשט דערמיט, אַז זיי האָבן זיך אוודאי געמוזט אין ערגעץ פאַרשיכורן, און מיר זײַנען אַוועק איבערן דאָרף זיי זוכן, אָבער אין ערגעץ נישט געפונען. דערווײַל איז צוגעפאַלן די נאַכט און מיר זײַנען אַרײַן אין די כאַטעס איבערנעכ־טיקן. אויף צומאָרגנס, אַז זיי זײַנען נישט געקומען, האָבן מיר פאַרשטאַ־נען, אַז די סיבה פון זייער נישט צוריקקומען איז נישט דאָס, וואָס זיי האָבן זיך פאַרשיכורט, ווײַל דורך דער נאַכט וואָלטן זיי זיך שוין געווען אויסגעניכטערט. און עס איז פאַר אונדז קלאָר געוואָרן, אַז זייער אַוועק־דרייען זיך איז פון פריִער געפּלאַנט געווען, און אַז מיר זײַנען דורך זיי אָפּגענאַרט געוואָרן. אָבער איין זאַך איז פאַר אונדז געווען הונדערט פּראָצענט זיכער, אַז מיר האָבן צו טאָן מיט אויטענטישע פּאַרטיזאַנער, און אַז מיר זײַנען געוואָרן אָפּגענאַרט דורך אייגענע, דורך פּאַרטיזאַנער צו וועלכע מיר האָבן געהאַט די בעסטע געפילן.

די אַנטווישונג און פאַרצווייפלונג איז ביי אַלעמען געווען גרויס. אַמשטאַרקסטן אָבער האָבן איבערגעלעבט דעם קלאַפּ — די אַקטיוויסטעס פון אונדז, די וואָס האָבן אַליין דערצײבערט דאָס געווער, וואָס האָבן אַלץ אָרגאַניזירט און וואָס האָבן זיך געפילט פאַראַנטוואָרטלעך פאַר אַלץ און פאַר אַלעמען. פּאַסעסאַרסקי, האַרקאַווי, פּינטשעווסקי, מעלאַמעד זיינען געווען גענױואַלטיק דערשלאָגן.

(וועגן מיינע דעמלטיקע געפילן קאָן איך זאָגן — אָן דער מינדסטער איבערטרייבונג — אַז איך האָב אַזוי טיף געפילט דעם פאַרלוסט פון געווער און מיין ווייטיק איז געווען אַזוי גרויס, אַז ווען מען זאָל מיר אָפּשניידן אַ האַנט וואָלט מיך ווייניקער געאַרט).

מיר זיינען געווען פול מיט ביטערניש און פאָרוווּרף צו זיך אַליין. מיר האָבן אַזוי פיל געוואַגט, אַזוי גוט אַלץ צוגעטראַכט — אונדז איז געלונגען מיט געווער, דערצײבערטע ביי די דייטשן, אָרגאַניזירטערהייט צו קומען ביז דער פּאַרטיזאַנער־זאָנע, און דאָ זיינען מיר געוואָרן אָפּגע־נאַרט און אויסגעשטעלט אויף חוזק ווי קליינע קינדער. עס האָט געקלעמט דאָס האַרץ פון ווייטיק און פאַרדראָס, פאַרוואָס מיר זיינען געצוווּנגען זיך צו שעמען און צו מאַכן זיך פאָרוווּרפן דערפאַר, וואָס מיר האָבן געהאַט צוטרוי צו פּאַרטיזאַנער. . .

אַז מיר האָבן אַ ביסל איבערגעווייטיקט דעם ערשטן קלאַפּ, האָבן מיר פונדעסטוועגן אָנגעהויבן טראַכטן וועגן דעם, וואָס מיר זאָלן ווייטער טאָן. אַ שטראַל פון האָפענונג איז פאַר אונדז געווען דאָס, וואָס מיר געפינען זיך אין דער פּאַרטיזאַנער־זאָנע, נאָענט פון שטאַב, און דער באַ־וווסטזיין און האָפענונג, אַז פון דאָרט וועלן מיר באַקומען הילף און שוץ. אונדזער אָנשטרענגונג איז איצט געגאַנגען אין דער ריכטונג, זיך צו דערשלאָגן צום שטאַב, זיך דערשלאָגן צו ליאָווע גילטשיק. מיר האָבן אויסגעטיילט פון זיך דריי גרופּקעלעך, וואָס זייער אויפגאַבע איז געווען: 1) אויסגעפינען די צוויי פּאַרטיזאַנער מיט דעם „קאָמענדאַנט"; 2) אויסגעפינען אַ פּערזאָן, וואָס זאָל צו וויסן געבן אין שטאַב וועגן אַלעם, וואָס עס איז געשען מיט אונדז; 3) פאַרבינדן זיך מיט גילטשיקן. איין גרופּקעלע איז אַוועק אין פּיאַסאָטשנע, די אַנדערע צוויי איבער די צע־וואָרפענע כוטאָרס פון דער געגנט. איך מיט האַרקאַווין און אַסעלראָדן

זײַנען געגאַנגען איבער די אַרומיקע כוטאָרס, וואָס זײַנען טײלמאָל געווען אָפּגערוקט אײנער פון צווײטן אויף אײניקע קילאָמעטער, און זיך אומע־טום נאָכגעפרעגט אויף גילטשיקן. מיר האָבן זיך אויך געפּרוווט צו דער־ווּיסן, ווו עס געפינט זיך דער פּאַרטיזאַנער־שטאַב. מיר האָבן נאָך דעמלט נישט געהאַט קײן פּאַרטיזאַנער־פּראַקטיק. אַז נישט וואָלטן מיר געוווּסט, אַז דאָס וועט אונדז קײנער נישט זאָגן, אַפילו ווען ער וועט ווּיסן וועגן דעם.

שוין אויף צוריקוועגס, נאָענט פון דאָרף, זײנען מיר אַרײַן אין אַ כאַטע און דאָרט געטראָפן צוויי פּאַרטיזאַנער טרינקען בראָנפן. אײנער איז געווען אַ יונגער און דער צווײטער אַ מיטליעריקער, אַ דיקער, מיט אַ פול בײַכל און מיט אַ פּיסטאָלעט בײַם זײַט. דער יונגערער האָט טי־טולירט דעם עלטערן — „חבר נאַטשאַלניק". מיר האָבן זיך מיט זײ פונאַנדערגערעדט, זײ האָבן אונדז אויסגעפרעגט וועגן אַלץ און אונדז צוגעזאָגט צו העלפן, אַרײַנבאַקומען זיך אין פּאַרטיזאַנער. זײ האָבן מיט אונדז אָפּגערעדט, אַז אויף מאָרגן צען אַזײגער פרי זאָל אונדזער גאַנצע גרופּע וואַרטן אויף זײ אין וואַלד וואָס געפינט זיך נעבן דאָרף.

אויף צומאָרגנס, באַלד פון פרי אָן, האָבן מיר זיך פאַרנומען מיטן צוגרייטן — צום באַזוך פון די גרויסע געסט. מיר האָבן זיך געפּוצט, גע־רייניקט, אויסגעגלײַכט אויף זיך דאָס אָנטאָן, און הארקאַווי האָט אונדז אויסגעשטעלט אין צוויי רייען, די העכערע בעסער געבויטע, מער רע־פּרעזענטאַטיווע פון פראָנט אין דער ערשטער ריי און די איבעריקע אין דער צווייטער ריי. מיר זיינען געשטאַנען אויסגעגלײַכטע מיט אויסגע־שטרעקטע ברוסטן, כדי געפעלן צו ווערן די „נאַטשאַלסטוואָ".

ס'איז געקומען דער „נאַטשאַלניק" מיטן „אַדיוטאַנט" און האָבן אונדז באַטראַכט. מיר זיינען זיי געפעלן געוואָרן. „אַ גוטער מענטשן־מאַטעריאַל" — האָט געזאָגט דער נאַטשאַלניק. מיר זיינען געווען זייער צופרידן, אָט, נעמט מען אונדז צו אין פּאַרטיזאַנער —, נאָר דער נאַטשאַלניק האָט אונדז דערקלערט —, אַז ער איז גרייט אונדז צוצונע־מען צו זיך אין אָטריאַד, נאָר מיר מוזן ברענגען געווער, דעמלט וועט ער אונדז צונעמען. אָן געווער וועט אײַך קיינער נישט צונעמען. — האָט ער צוגעגעבן, אַזאַ פאַראָרדענונג איז פאַראַן פון דער העכערער מאַכט.

מיר האָבן זיי געפּרוּווט אויפקלערן, אַז מיר קאָנען דאָך נישט דעראָבערן קיין געווער מיט די ליידיקע הענט. באַמיט זיך, אַז מיר זאָלן צוריק באַקו־מען אונדזער געווער, וואָס מיר האָבן געבראַכט מיט זיך, וועלן מיר דערמיט דעראָבערן נאָך געווער, האָבן מיר געטענהט. נאָר מיר האָבן זיך שנעל איבערצייגט, אַז עס איז נישטאָ צו וועמען צו ריידן און דאָס איז אַן אַרויסגעוואָרפענע אַרבעט. דערמיט האָט זיך געענדיקט דער אָפּי־ציעלער טייל. דערנאָך האָבן מיר פאַרבראַכט מיט זיי אין אַ „חברישן" שמועס. זיי האָבן אונדז דערציילט, פאַנטאַסטישע געשיכטעס וועגן זייע־רע העלדישקייטן אויפן פינישן פראָנט און אין די פּאַרטיזאַנער אָפּטיי־לונגען. דערנאָך זיינען זיי אַרויף אויפן ייִדישן פערדל. זיי זיינען אַרוים מיט טענות און פאַרוואורפן פאַרוואָס ייִדן ווילן נישט אַרבעטן און שטופּן זיך אין די ביוראָען, און אין די האַנדל־באַזעס, אין די מאַגאַזינען, און אַז די ייִדן זיינען אַ פאָלק פון „בלייפעדערטשיקעס". (אויף רוסיש קאַ־ראַנדאַשטשיקי). דער הינטערטאָן פון די דאָזיקע רייד, האָט אונדז גע־געבן צו פאַרשטיין, אַז די שטראָף, וואָס מיר האָבן באַקומען פון די דייטשן, איז אַ פאַרדינטע, אַ באַרעכטיקטע. דער „נאַטשאַלניק" האָט גערעדט רויִק „אַקאַדעמיש". — דער אַדיוטאַנט אויפגעברויזט, מיט טעמפּעראַמענט. אין באַראַנאָוויטש האָבן די ייִדן אין געטאָ געגעסן ווייס ברויט — האָט ער געזאָגט — און מיר סאָוועטישע געפאַנגענע — האָ־בן געהונגערט. און די מינסקער געשטאַפּאָ האָט געשיקט אַ „ייִדישקע" אין וואַלד אַרײַן, כדי צו שפּיאָנירן די פּאַרטיזאַנער. נאָר די פּאַרטיזאַנער האָבן זי אַנטדעקט און דערשאָסן. דאָס „לידל" וועגן דער ייִדישער שפּי־אָנקע איז מיר אויסגעקומען צו הערן די גאַנצע צייט פון מיַין זיַין אין פּאַרטיזאַנקע, און אין אַלע טיילן פון די ווייסרוסישע וועלדער, אין פאַר־שיידענע וואַריאַנטן, לויט וועלכע עס איז אויסגעקומען, אַז די געשיכטע איז פאָרגעקומען אין פאַרשיידענע צייטן און אין פאַרשיידענע ערטער...

דער „אַרויסטריט" פון די צוויי פאַרשוינען האָט שוין אויף אונדז קיין טיפערן איַינדרוק נישט געמאַכט. מיר האָבן זיך צו זיי באַציִגן מיט גרינגשעצונג און אומצוטרוי. מיר זיינען שוין נישט געווען אַזוי נאַיוו אַז דאָס בלויזע וואָרט — „פּאַרטיזאַן" — זאָל אונדז פאַרכישופן. מיר האָבן שוין עפּעס געלערנט אין די לעצטע טעג און מיר האָבן שוין פאַר־

שטאנען, אז די פארטיזאנער־באוועגונג — איז א גאנצער ים, ווו עס געפינען זיך פארשיידענע פיש און טיילמאל אויך „אנדערע באשעפענישן"... מיר האבן זיך אנגעהויבן צו הארטעווען, ווערן פארטיזאנער... מיר האבן פארשטאנען, אז מיר טארן זיך נישט רירן פון דאנען אליין, אן געווער, ווייל ביי דער פארטיזאנער־זאנע ווערן מיר געשיצט פון געפאר, דא האט דער שטאב אויגן, וואס זען און אויערן וואס הערן אלץ...

דערווייל האבן מיר געלעבט אין דארף גאנשעראווקע, ווי פענסיאנארן —. מיר זיינען אריין אין א וועלכער עס איז כאטע, זיך געגריסט, און מען האט אונדז גלייך אוועקגעזעצט צום טיש און דערלאנגט עסן. היינט איז גראד זונטיק און מיר האבן באקומען א בעסערן ביסן.

מיר האבן נישט אויפגעהערט ארומצוגיין איבער די כוטארס צו זוכן און פרעגן, אפשר וועלן מיר פארט עפעס געוואר ווערן. ענדלעך, האבן מיר אנגעטראפן אויף א פויער, וואס קאן גילטשיקן. ליאווא — האט ער געזאגט — איך קאן אים גוט — א באוווסטער מענטש, ער קומט אפט צו מיר, ערשט נעכטן געווען ביי מיר. מיר האבן זיך דאס נישט געקאנט שענקען, גילטשיק איז דא געווען נעבן אונדז און מיר זוכן אים, אדורכצולאזן אזא געלעגנהייט, אך, וואס פאר א שאד! וואס פאר א פארלוסט! דער באלעבאס האט אונדז געטרייסט, זארגט זיך נישט חברה — האט ער געזאגט — מירן אים געפינען, איר זייט רויק, איר האט זיך נישט וואס צו שרעקן דא זיינען קיין דייטשן נישטא, דא ביי אונדז איז סאוויעטישע מאכט!... און נאך א קליינעם איבעררייס האט ער צוגעגעבן: — קומט אריין צו מיר שפעטער, ווען ס'וועט גוט פינצטער ווערן, וועל איך אייך פרובירן איינארדענען.

אז מיר זיינען דארטן שפעטער אריינגעקומען, האבן מיר דארט געטראפן צוויי פארטיזאנער, וועלכע האבן אויף אונדז געמאכט דעם בעסטן איינדרוק. ערנסטע, סאלידע, גוטמוטיקע. זיי האבן געהאלטן ביים פארענדיקן די וויעטשערע און דאס לעצטע ביסל בראנפן אין פלעשל און האבן געפירט אן ערנסטן שמועס מיטן באלעבאס. איך האב זיך איינגעהערט צו זייערע רייד און בין געווען נשתומם פון דעם באלעבאס באהאונטקייט אין געזעלשאפטלעכע און פאליטישע פראגן, און איך בין

געווען גערירט פון דער טיפער ערנסטער זאָרג פאַר זײַן פאָטערלאַנד, וואָס עס האָט ארויסגעוויזן דאָס דאָזיקע באַשיידענע פויערל...

אַז זיי האָבן געענדיקט דעם שמועס, האָט דער באַלעבאָס זיך געווענדעט צו דעם, וועמען מ'האָט טיטולירט „פּאַליטרוק”: „די מענטשן דאַרף מען העלפן” — האָט ער געזאָגט און אָנגעוויזן אויף אונדז. מיר האָבן זיך צוזאַמענגערעדט מיטן פּאַליטרוק — ער האָט אונדז דערקלערט, אַז זיי פאָרן באַלד אויף דעם אָרט ווו ס'געפינט זיך גילטשיקס לאַגער און ער איז גרייט אונדז מיטנעמען מיט זיך. איין פור איז געווען און מיר האָבן זיך אײַנגעאָרדנט אויף אַזאַ אופן: — פּאָסעסאָרסקי מיט אונדזערע דרײַ פרויען זיינען געפאָרן אויף דער פור צוזאַמען מיט די פּאַרטיזאַנער און מיר זיינען נאָכגעגאַנגען פון הינטן.

די נאַכט איז געווען אַ שטאַרק פינצטערע, דער אָנטרײַבער האָט אַביסל צופיל אויסגעטרינקען, און ס'האָט נישט לאַנג געדויערט האָבן מיר פאַרלוירן דעם וועג און געבלאָנדזשעט צווישן וואַלד און פעלד. איינער פון די פּאַרטיזאַנער איז אַראָפּ פון וואָגן און כסדר געטאַפּט דעם וועג אין דער פינצטער, נאָר ער האָט גאָרנישט אויסגעפונען. דאָס פערד איז געווען ניכטער און עס וואָלט אונדז געוויס אָוועקגעפירט אויפן געהעריקן אָרט, נאָר צום אומגליק איז דער פערד נאָך קיינמאָל נישט געווען אויף דעם אָרט, ווו מיר האָבן געדאַרפט פאָרן, דער סוף איז געווען, אַז מיר האָבן זיך אַזוי ארומגעשלעפּט אַ פאָר שעה — נאָכלויפנדיק נאָך דער בלאָנדזשענדיקער פור — ביז מיר זיינען צוגעקומען אויפן זעלבן אָרט, פון וואַנען מיר זיינען אַרויס. דערווײַל האָט שוין אָנגעהויבן צו טאָגן און די פּאַרטיזאַנער זיינען שוין געווען אינגאַנצן ניכטער, זיי האָבן איצט געמוזט אָניאָגן דאָס, וואָס זיי האָבן פאַרשפּעטיקט מיטן בלאָנדזשען און האָבן מער נישט געהאַט קיין צײַט זיך ארומצושלעפּן מיט אונדז און האָבן אונדז איבערגעלאָזט אין דאָרף, צוזאָגנדיק צו שיקן נאָך אונדז.

זיי האָבן געהאַלטן וואָרט — אויף צו מאָרגנס אינדערפרי האָט גילטשיק אונדז צוויסן געגעבן, אַז ער ווייסט שוין, אַז מיר געפינען זיך דאָ, און געהייסן וואַרטן אויפן אָרט ביז ער וועט שיקן נאָך אונדז.

אַ זייגער צוועלף איז געקומען אַ גרעסערע גרופּע פּאַרטיזאַנער און

אונדז גענומען מיט זיך. מיר זיינען אָפּגעגאַנגען אייניקע קילאָמעטער מיט זיי ביז מיר זיינען געקומען אין אַ גרויסן דאָרף נעבן אַ וואַלד. — איר זעט דעם וואַלד — האָבן זיי געזאָגט — דאָרטן נישט ווײַט געפינט זיך גילטשיק — וואַרט דאָ אויף אים! — און זיי זיינען אַוועק ווײַטער מיר האָבן צוגעוואַרט אין דאָרף אַ היפשע צײַט. פון צײַט צו צײַט האָבן זיך דאָרט באַוויזן רײַטנדיקע פּאַרטיזאַנער, גאַלאָפּירנדיק דורכן דאָרף און צוריק פאַרשווונדן געוואָרן אין דער געדיכטעניש פון וואַלד.

מיר האָבן זיי נאָכגעקוקט מיט אַנטציקונג און געוואַרט מיט אומגעדולד און נייגער אויף דעם מאָמענט, ווען מיר וועלן זיך שוין געפינען אויף דעם אָרט, וווּ זיי זיינען פאַרשווונדן, און וועלן האָבן די מעגלעכקייט אַרײַנצודרינגען אין די סודות, וועלכע עס פאַרבאָרגן אין זיך די געדיכטעניש פון וואַלד.

ענדלעך האָבן מיר זיך דערוואַרט. עס איז אָנגעפאָרן אַ בריטשקע אין וועלכער עס זיינען געזעסן צוויי פּאַרטיזאַנער. ווען די בריטשקע איז נאָך נישט געווען דערפאָרן צו אונדז האָט אונדז שוין ווער פון דער אָרטיקער באַפעלקערונג אָנגעזאָגט, אַז דאָס פאָרט גילטשיק נאָך אונדז. אין זײַן באַגלייטער האָבן די סטאָלפּצער דערקענט זייער לאַנדסמאַן, אַ געוויסן פיש, זיי האָבן זיך אויף אים אַרויפגעוואָרפן מיט גרויס געפילדער און טעמפּעראַמענט און זיך גענומען קושן. דער קאָמאַנדיר פון אָטריאַד, גילטשיק, האָט געקוקט מיט זײַנע גרויסע שטאָלענע אויגן אַביסל קריטיש אויף דעם דאָזיקן, ייִדיש־סענטימענטאַלן האַרמידער, אָבער — מיט וואַרעמקייט און מיטגעפיל, און צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ אויסדריקנדיק מיטגעפיל זײַן ראָטע־קאָמאַנדיר פיש, צוליב די הייסע, טומלדיקע ליבעס־אויסדריקן פון זײַנע לאַנדסלײַט. ער איז גלײַך אַוועק ווײַטער אין דאָרף און פיש האָט אונדז אַוועקגעפירט אין לאַגער.

ווען מיר זיינען אָפּגעגאַנגען אייניקע הונדערט מעטער, האָבן מיר באַמערקט פון אַ זײַט נעבן טײַכל אַ סטאַדע פערד. באַלד האָט זיך אַ לאָז געטאָן צו אונדז פון דאָרטן אַ מחנה רײַטער, דערוואַקסענע און קינדער און האָבן אונדז אָפּגעגעבן שלום־עליכם. דאָס זיינען געווען ייִדישע פּאַרטיזאַנער פון גילטשיקס אָטריאַד, וואָס האָבן דאָרטן אָנגעטרונקען די פערד. זיי האָבן געוווּסט אַז מיר דאַרפן אָנקומען און האָבן גע־

וואַרט אויף אונדז. דאָס דאָזיקע בילד, ווי ייִדן אָפּגעברענטע פֿון דער זון, אויפֿן פּאַן פֿון דער נאַטור, גאַלאָפּירנדיק, און זאָרגלאָזע ייִדישע קינדער, צעשפּילטע אַרומלויפֿנדע אויף פֿערד ווי קאָזאַקן, איז פֿאַר אונדז געווען נײַ און איבעררײַשנד. זיי האָבן באַלד באַזאָרגט פֿורן, און אונדז אַוועקגעפֿירט אין לאַגער.

בעת מיר זײַנען אָנגעקומען אין לאַגער איז שוין געווען גוט טונקל און קיין סך האָבן מיר שוין נישט געקענט זען. מיר זײַנען געגאַנגען אין דער טונקלקייט דורך ברייטע אַלייען, וווּ פֿון ביידע זײַטן האָבן זיך געפֿונען בײַדלעך באַדעקטע מיט צווײַגן, און די געזעלשאַפֿט אַרום אונדז איז כסדר געוואַקסן, אַלע זײַנען געווען נײַגעריק אונדז צו באַקענען און עפּעס זיך דערוויסן פֿון אונדז. נאָר באַלד זײַנען מיר געשטערט געוואָרן דורך אַ קלונג פֿון אַ גלאָק, דאָס איז געווען אַ צייכן צו נעמען נאַכטעסן. די ערשטע נאַכט האָבן מיר איבערגענעכטיקט ווי געסט, צוזאַמען מיט אונדזערע נײַ־באַקאַנטע חברים אין זייערע בײַדלעך. איך בין געווען דער אורח פֿון אַ וואַרשעווער טריקאָטאַזש־אַרבעטער, שערמאַן.

אויף צומאָרגנס באַלד אינדערפֿרי האָבן מיר פֿאַרלאָזט דאָס אָרט וווּ מיר האָבן איבערגענעכטיקט און זיך איבערגעטראָגן אין אַן אַנדערן וואַלד. דער וואַלד, וווּ דער לאַגער האָט זיך געפֿונען ביז איצט האָט געהייסן רייאָוקער. אָפּגעמאַרשירט האָבן מיר אין מיליטערישער אָרדענונג. פֿון פֿאָרויס און פֿון הינטן זײַנען געגאַנגען באַוואָפֿנטע אָפּטיילונגען און אין דער מיט האָט זיך געפֿונען דער „אָבאָז". די געגנט איז געווען אַ טרוקענע, די לאַנדשאַפֿט אַ מילדע, דער טאָג אַ זוניקער און מיר זײַנען געגאַנגען מיט לאַנגזאַמע טריט, נישט געאײַלט, אַזוי ווי אויף אַ שפּאַציר. ווער עס איז געווען מיד האָט געקאָנט אַביסל אונטערפֿאָרן מיטן „אָבאָז" און איך האָב געהאַט דעם אײַנדרוק, אַזוי ווי מיר וואָלטן געגאַנגען אויף אַן אויספֿלוג.

אָפּגייענדיק אַזוי אייניקע שעה האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ פּאָלאַנע, וואָס האָט זיך געפֿונען אינמיטן וואַלד. דאָ האָבן מיר געדאַרפֿט וואַרטן אויף די „דונאַיאָווצעס", מיט וועלכע מיר האָבן געדאַרפֿט צוזאַמען אַדורכמאַכן דעם ווײַטערדיקן וועג, ביז צו אונדזער באַשטימטן אָרט.

— „דונאַיאָווצעס" — האָט מען דערקלערט — דאָס איז אַן אַטריאַד, וואָס געהערט צו דער זעלבער פאַראייניקונג וואָס אונדזער אַטריאַד און מען רופט זיי „דונאַיאָווצעס" אויפן נאָמען פון זייער קאָמאַנדיר דונאַיעוו. דער אַטריאַד געהערט צו די בעסטע פון אונדזערע פאַראייניקונג, און איז באַרימט מיט זײַן דרייסטקייט און העלדישקייט. דורנאַיעוו אַליין איז אַן אויסערגעוויינלעכער און זעלטענער קאָמאַנדיר, וואָס וועגן זײַנע העלדישע מעשים און אויפטוען גייען אַרום לעגענדאַרע געשיכטעס.

עס האָט נישט לאַנג געדויערט און עס איז אָנגעקומען דונאַיעווס אַטריאַד, אַ גוט באַוואָפנטער מיט אַ סך אויטאָמאַטן און מאַשין־געווער און אַפילו מיט אַרטילעריע. מיר האָבן זיך אויסגעמישט צוזאַמען מיט זיי און איך האָב געהאַט די מעגלעכקייט צו באַטראַכטן דעם פילפאַרביקן עולם, צווישן וועלכע עס האָט זיך געפונען אַ גאַנצע גאַלעריע פון פאַרשיידנאַרטיקע און אינטערעסאַנטע טיפּן. אַלע פריילעכע, הפקרדיקע חברה־לײַט. זיי האָבן געשפילט אויף האַרמאָשקעס און געזונגען פריילעכע לידער. זיי זיינען מיר געפעלן געוואָרן מיט זייער זאָרגלאָזער פרייליכקייט, מיט זייער אימפּעט, מיט זייער לעבנסלוסטיקייט און מיט זייער הפקרדיקע פריידיקייט. איך האָב זיי מקנא געווען און עס איז מיר געווען אַ שאָד, וואָס מיר ייִדן זיינען אַנדערש פון זיי, וואָס אויף אונדז לאַסטעט עפּעס שווערעס און טראַגישעס, און מיר זיינען נישט צוגעפּאַסט פאַר קיין פריידיק הפקר־לעבן . . .

לכבוד דער באַגעגעניש מיט אונדזער אַטריאַד האָט געשפּילט דער דונאַיאָווסקער בלאָז־אָרקעסטער, אָנגעפירט דורך אַ רוטינירטן קאַפּעלמײַסטער. זיי האָבן געשפּילט פאַרשיידענע מאַרשן און עס האָט זיך אויסגעדוכט, ווי מיר וואָלטן זיך געפונען אויף אַ מיליטערישן פּאַראַד. דאָרטן איז דונאַיעוו — האָט מיר שערמאַן געזאָגט — און אָנגעוויזן אויף אַ גרופּקעלע פּאַרטיזאַנער, וועלכע זיינען געשטאַנען נישט ווײַט פון אָרקעסטער און געשמועסט צווישן זיך. איך האָב זיך אײַנגעקוקט אין זייערע פּנימער, צוגעהערט זיך צו זייערע רייד און איך האָב נישט געקאָנט דערגיין, ווער פון זיי איז דאָס דער באַרימטער קאָמאַנדיר, ווײַל אַלע האָבן זיך געהאַלטן היימיש און פרײַ געשמועסט צווישן זיך. ערשט

מײַן חבר האָט מיר — שעפּטשענדיק, אָנגעוויזן אויף אַ מיטלוווּקסיקן, ברייטפּלייצעדיקן און גוטמוטיקן מאַנספּאַרשוין פון אַ יאָר דרײַסיק. לאַנג האָב איך נישט געהאַט קיין מעגלעכקייט אים צו באַטראַכטן ווײַל באַלד האָט מען גערופן צום אָפּמאַרש. איצט זיינען מיר געגאַנגען צוואַמען, די דונאַיאָווצעס די ערשטע און אונדזער אָטריאַד נאָך זיי. אין אָוונט זיינען מיר אָנגעקומען אין סטאַריצער וואַלד.

הײַנט האָט זיך אָנגעהויבן דאָס אַרײַנגלידערן פון אונדזער גרופּע אינעם אָטריאַד. דער ערשטער האָט זיך מיט אונדז פאַרנומען דער נאַטשאַלניק פון שטאַב, דאָס איז געווען אַ סאָוויעטישער ייִד, אַ לערער פון שטעטל קאַפּולע (מענדעלעס געבורטס־שטעטל) אַ פאַרבלאָזער נישט אינטערעסאַנטער מענטש. ער האָט פאַרשריבן אונדזערע פּערסאָנאַליען און צוגענומען די דאָקומענטן פון די, וואָס האָבן אַזעלכע געהאַט. דערנאָך האָט מען אונדז אויסגעשטעלט אין אַ ריי און עס איז געקומען דער קאָמיסאַר פון אָטריאַד מאַרטינאָוו און האָט אונדז באַטראַכט. דאָס איז געווען אַ דראָבנער מענטש, נישט קיין רעפּרעזענטאַטיווער נאָר מיט אַ קלוגן דורכדרינגלעכן בליק און אײדעלע געזיכט־שטריכן. ער האָט יעדן פון אונדז לויט דער ריי דערלאַנגט די האַנט, זיך פאָרגעשטעלט און דערבײַ יעדן אײנעם אויפמערקזאַם באַטראַכט און גלײַכצײַטיק געזאָגט אַ פּאָר ווערטער, וואָס כאַראַקטעריזירן די געגעבענע פּערזאָן. אין גרעסטן טייל איז זײַן כאַראַקטעריזאַציע געווען אַ ריכטיקע, אַ טרעפלעכע. ער האָט אויך באַשטימט, אין וואָס פאַר אַ ראָטע מען זאָל צוטײלן יעדן פון אונדז, אין דער ערשטער אָדער אין דער צווייטער. פּאַסעסאָרסקין מיט בערנשטיינען האָט ער באַשטימט אין דער צווייטער ראָטע, מיך אין דער ערשטער. דערנאָך האָט זיך מיט אונדז פאַרנומען דער נאַטשאַלניק פאַר באַזונדערע ענינים, ווײַנער. דאָס איז געווען אַ דיקער קרעמפּער ייִד פון קאַפּולע. אויפן ערשטן אָנבליק האָט ער געמאַכט אַן אײַנדרוק פון אַ קליינשטעטלדיקן קצב, אָדער פערד־הענדלער, נאָר אַז איך האָב זיך אין אים בעסער אײַנגעקוקט, בעת ער האָט אויף אונדז געקוקט מיט זײַן מעלאַנכאָלישן בליק פון זײַנע טיפע גרויסע טונקעלע אויגן, און האָב זיך אײַנגעהערט צו זײַנע קלוגע זאַכלעכע רייד האָב איך פאַרשטאַנען, אַז מיר האָבן פאַר זיך אַ קלוגן אינטעליגענטן מענטש. ער האָט אונדז צו־

זאמענגעקליבן אויף אן אפגעזונדערט ארט אין וואלד און האט פאר אונדז געהאלטן א רעדע אין וועלכער ער האט געזאגט — אז די סאוויעטן פירן א שווערע מילחמה מיט די דייטשן, פאר דער פרייהייט פון אלע פעלקער און דערונטער פארן יידישן פאלק, און אויף צופירן מילחמה דארף מען געלט. פאדערט ער אויף די אלע, וואס האבן ביי זיך קאסט־בארע זאכן ווי: צירונג, גאלדענע מטבעות, בריליאנטן אדער אויסלענ־דישע וואלוטע — אוועקצוגעבן. די דאזיקע ווערט־זאכן, וועלן ווערן אפ־געשיקט קיין מאסקווע אויף איינצוקויפן עראפלאנען פאר דער רויטער ארמיי. צום סוף האט ער צוגעגעבן... אז ווער עס וועט נישט אויספירן די דאזיקע פאראָרדענונג און מען וועט ביי אים דערנאך געפינען גאלד — וועט דערשאסן ווערן. איך וויים נישט, וואס עס האט מער געווירקט אויף די פארזאמלטע — די איבערציינגנדיקע רייד זיינע, אדער די דראונג וואס ער האט צוגעגעבן צום סוף. נאר א פאקט איז, אז א טייל פון די אנוועזנדע זיינען אוועק אין א זייט און האבן ארויסבאקומען פון די באהעלטענישן אין די מלבושים, קאסטבארקייטן און דאס אוועקגע־געבן דעם נאטשאלניק פאר באזונדערע ענינים, וויינערן. דער רעזול־טאט איז געווען: אייניקע הונדערט גאלד־רובל, אייניקע גאלדענע זייגערלעך, און פארשיידענע רינגעלעך.

דערנאך האט גילטשיק צוזאמענגענומען אלע, ביי וועמען מען האט צוגענומען דאס געווער און איז מיט אונדז אוועק אין שטאב פון דער פאראייניקונג. אויפן וועג האט ער אונדז געטרייסט, אז אונדזער געווער איז פאראן און אונדז פארזיכערט, אז מיר וועלן עס באקומען צוריק. ער האט אונדז אויך דערקלערט, אז ער ווייסט שוין ווער עס זיינען די „מאַ־כערס", וואס האבן ביי אונדז אויסגענארט דאס געווער — דאס זיינען — „יעראמאווצעס" — און זייער אטריאד געהערט אויך צו אונדזער פאראייניקונג. — איצט, וועל איך אייך שטעלן א פראגע — האט ער געזאגט — נאר איר זאלט מיר ענטפערן ערלעך און זאלט גארנישט באַ־האלטן פאר מיר. — צי האט איר זיך נישט אמאל צופיל דערלויבט קעגן דער ארטיקער באפעלקערונג אויפן וועג — צי האט איר געשאסן געגנדז, הינער און געשראקן די באפעלקערונג? — מיר האבן אים איבער־געגעבן דעם גאנצן פארלויף פון אונדזער זיין אין וועג. — אויב אזוי —

האָט ער געזאָגט — איז גוט קאָנט איר זײַן רויִק, און האָט צוגעגעבן — „סוואָלאָטשי״!... דאָס איז געווען אויפֿן אַדרעס פֿון די, וואָס טרײַבן אויף אונדז רכילות.

אין שטאַב האָט אונדז אויסגעפֿרעגט דער נאַטשאַלניק פֿאַר באַזונדערע ענינים פֿון דער פֿאַראייניקונג. אין אָנהויב האָט ער יעדן פֿון אונדז אויסגעפֿרעגט — וואָס פֿאַר אַ געווער ער האָט געהאַט, פֿון וואַנען ער האָט עס גענומען, פֿון וואָס פֿאַר אַ סיסטעם עס איז און וויפֿל קוילן ער האָט געהאַט. דערנאָך האָט ער אונדז געוויזן דאָס געווער, צי מיר דערקאָנען עס. מיר האָבן זיך זייער דערפֿרייט דערזעענדיק אונדזער געווער. דערנאָך האָט ער זיך געוואָנדן צום קאָמאַנדיר פֿון אונדזער גרופּע אין וועג צו האַרקאַווין — נו שיין — בירגער־קאָמאַנדיר — גוט האָט איר זיך אויפֿגעפֿירט. האָט ער געזאָגט מיט איראָניע שטאַרק אַקצענטירנדיק דאָס וואָרט „קאָמאַנדיר״ — איך האָט זיך אָנגערופֿן פּאַרטיזאַנער, און פֿאַרהאַלטן האָט איר זיך ווי באַנדיטן. באַרויבט די באַפֿעלקערונג און דערמיט קאָמפּראָמיטירט די סאָוויעטישע מאַכט איר האָט געהאַט געווער, איז אָנשטאָט צו שיסן אין דײַטשן, זיך נוקם צו זײַן פֿאַר אײַערע שוועסטער און ברידער, פֿאַר אײַער פֿאָלק, האָט איר געשאָסן אין גענדז, אין הינער און געפּטרט קוילן, וואָס זייַנען אונדז אַזוי נויטיק. — נאָר ער האָט צוגעגעבן שוין אַביסל ווייכער — ווען דאָס זאָל זײַן אמת וואָס מען דערציילט וועגן אײַך — איז ווייניק וואָס מען האָט אײַך צוגענומען דאָס געווער, נאָר דערשיסן וואָלט מען אײַך געדאַרפֿט דערפֿאַר. מיר וועלן נאָך גענוי אויספֿאָרשן דעם גאַנצן ענין און דערווײַל גיבן מיר אײַך דאָס געווער אויף דער פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט פֿון אײַער קאָמאַנדיר גילטשיק. אין פֿאַרלויף פֿון די ווײַטערדיקע אויפֿקלערונגען, זײַנען מיר געוואָר געוואָרן, אַז דאָס האָבן די צוויי פּאַרטיזאַנער אויסגעטראַכט אויף אונדז אַ בילבול, אַז מיר האָבן באַרויבט די באַפֿעלקערונג, געשאָסן גענדז און געהוליעט. אַז מיר האָבן בכלל גאָרנישט בדעה געהאַט אהער צו קומען און זיך פֿאַראייניקן צו דער פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג, נאָר דאָס האָבן זיי אונדז ווי אַ שעדלעכע באַנדע פֿאַרנאַרט קיין פּיאַסאַטשנע און אַנטוואָפֿנט. כאָטש אין שטאַב האָט מען שנעל געוואָר געוואָרן דעם גאַנצן אמת, וועגן אונדזער פֿאַרהאַלטן זיך אין וועג און וועגן דער זינלאָזיקייט

פון אויסגעטראַכטן בילבול אויף אונדז. פונדעסטוועגן איז האַרקאַווין אויסגעקומען צו האָבן נאָך גענוג אומאַנגענעמלעכקייטן פון דער געשיכטע. בײַ יעדער געלעגנהייט פלעגט מען אָפּחוזקן פון אים, רופנדיק אים מיטן צונאָמען „גענדזן־שיסער".

די ביקסן האָבן מיר צוריקבאַקומען אַלע. נאָר פון אונדזערע פיר פּיסטאָלעטן האָט בלויז פּאַסעסאָרסקי צוריקבאַקומען זײַן פּיסטאָלעט. פאַר די איבעריקע דרײַ פּיסטאָלעטן האָבן מיר צוריקבאַקומען ביקסן.

שפּעטער, אַז איך האָב זיך בעסער באַקאַנט מיטן לעבן אין וואַלד האָב איך זיך איבערצײַגט, אַז דער פאַל פון אויסנאַרן בײַ אונדז דאָס געווער איז נישט געווען בלויז אַ כוליגאַנישער שפּאַס פון צעלאָזענע הפקר־יונגען, נאָר ער האָט געהאַט אַ מער ערנסטערן כאַראַקטער און האָט זיך געקאַנט ענדיקן פאַר אונדז — בײַ אביסל אַן אַנדערער סיטואַציע — זייער טראַגיש. די סיבה דערפון איז געווען אַט וואָס: — צו יענער צײַט איז פאַר פּאַרטיזאַנער געווען דאָס שווערסטע פּראָבלעם צו לייזן — געווער. די פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג האָט זיך כסדר אויסגעברייטערט און זיך פונאַנדערגעוואַקסן. עס זײַנען כסדר צוגעפלאָסן פרישע מענטשן (אַממערסטן אַנטלאָפענע קריגס־געפאַנגענע), און קיין געווער איז פאַר זיי נישט געווען. מאָסקווע האָט נאָך דעמלט נישט געשיקט קיין געווער פאַר פּאַרטיזאַנער. סטאַלינס באַרימטער באַפעל צו די פּאַרטיזאַנער איז געווען: — „עסן נעמט בײַ דער אָרטיקער באַפעלקערונג און געווער נעמט פון דײַטשן, ווי איר האָט עס אוועקגעוואָרפן"? דערפאַר איז דעראָבערן געווער פאַרן אָטריאַד, באַטראַכט געוואָרן פאַר אַ גרויסן אויפטו, און איז שטאַרק געליבט געוואָרן. קיין בעלנים אויף לײַבט־פאַרדינטע לאָרבער־קרענץ, האָבן — פאַרשטייט זיך — נישט געפעלט, און עס פלעגט טרעפן, אַז דעראָבערטע געווער וואָס פּאַרטיזאַנער האָבן געבראַכט אין זייער אָטריאַד, פאַר וואָס זיי זײַנען אויסגעצייכנט געוואָרן האָט געשטאַמט פון יידן, אַנטלאָפענע פון די לאַגערן, אָדער פון די געטאָס, מיט דעראָבערטע געווער — דורך מסירת־נפש בײַ די דײַטשן. אַזעלכע יידן פלעגט מען ערגעץ אין אַ זײַט שטילינקערהייט „קאַלטמאַכן" און צונעמען בײַ זיי דאָס געווער.

מיט אונדז איז — פאַרשטייט זיך — נישט מעגלעך געווען אַזוי

לײַכט די זאַך צו דערלײדיקן, נאָר אײנס איז קלאָר — אַז די צװײ פּאַרטיזאַנער, האָבן שױן באַלד בײַ דער ערשטער באַגעגעניש מיט אונדז „געװאָרפֿן אַן אױג״ אױף אונדזער געװער. אַז זײער גאַנצער פּאַראַינטערעסירן זיך מיט אונדז איז געװען צוליב דעם. פֿאַר זײ האָט געמוזט האָבן אַ באַזונדערער רײץ אונדזער קורץ־קאַליבערדיק געװער, װאָס איז געװען אַ גרױסער יקר־המציאות אין װאַלד.

אחוץ הערשל פּאַסעסאַרסקין, װעלכער איז געװען באַפֿרײַט פֿון דינסט און פֿון יעדער אַרבעט אין לאַגער צוליב זײַן קראַנקהײט, זײַנען אַלע איבעריקע פֿון אונדזער גרופּע אַרײַן אין געװײנלעכן טריב פֿון פּאַרטיזאַנער־לעבן. מיר האָבן זיך אױסגעמישט מיט די איבעריקע און אױסגעפֿירט אַלע פֿונקציעס, װאָס עס האָט זיך געפֿאָדערט פֿון אַ פּאַרטיזאַן. פֿון איצט אָן איז די גרופּע סטאָלפּצער אױפֿגעלײזט און איז זיך צעפּלאָסן אין אָטריאַד. יעדער איז געװאָרן פֿאַרבונדן מיט זײַן ראָטע, מיט זײַן װזװאָד, מיט זײַן אָפּטײלונג, מיט זײַן פֿונקציע.

די ערשטע אַרבעט איז געװען אױפֿשטעלן זיך אַ בײַדל. בײַדלעך האָבן מיר געבױט ציטװײַליקע, פּראָװיזאָרישע, װײַל אין קורצן האָבן מיר סײַ װי סײַ געדאַרפֿט צוטרעטן צו בױען ערדשטיבלעך, װוּ מיר זאָלן קאָנען איבערװינטערן. קאָנסטרוקציעס פֿון בײַדלעך זײַנען אין פּאַרטיזאַנקע באַנוצט געװאָרן פֿאַרשײדענע. עס זײַנען באַנוצט געװאָרן בײַדלעך: — „יורטעס״, „באַלאַגאַנען״ און אַנדערע, אױסגערעכנט פֿאַר אַ גרעסערער צאָל אײַנװױנער. מיר האָבן זיך אױפֿגעשטעלט אײנפֿאַכע, קלײנטשיקע בײַדלעך, אײנפּערזאָניקע און צװײפּערזאָניקע. בײַם אױפֿשטעלן די ערשטע בײַדלעך האָבן מיר גענאָסן פֿון די אָנװײַזונגען און מיטהילף פֿון אונדזערע שױן אַװאַנסירטע פּאַרטיזאַנער חברים. די אַרבעט איז געװען אַ לײַכטע און אַן אײנפֿאַכע. מען האָט גענומען אַ צװײַגל, פֿאַרשפּיצט פֿון בײדע זײַטן און אײן עק אַרײַנגעבױערט אין דער ערד. דערנאָך אױסגעבױגן דאָס צװײַגל װי אַ פֿײַלנבױגן און דעם צװײטן עק אױך אַרײַנגעשטופּט אין דער ערד. אַזעלכע צװײַגלעך האָט מען געדאַרפֿט צופֿעסטיקן צו דער ערד עטלעכע. דערנאָך דעם שױן פֿאַרטיקן סקעלעט פֿאַרן בײַדל אַדורכפֿלעכטן מיט דינע צװײַגלעך און פֿאַרדעקן מיט סכך און מען האָט געהאַט אַ פֿאַרטיק בײַדל.

אונדזער אָטריאַד, כאָטש ער האָט עקזיסטירט נישט לאַנג האָט שוין געהאַט הינטער זיך אַ שטיק געשיכטע און האָט שוין אַדורכגעמאַכט אַ געוויסע מעטאַמאָרפאָזע. דער אָטריאַד איז אַנטשטאַנען אין אָנהייב אויגוסט 1942 יאָר אין פאָלגנדיקע אומשטענדן:

אין סוף פון חודש יולי 1942 איז אַ גרופּע ייִדן, וועמען עס האָט זיך איינגעגעבן צו ראַטעווען נאָך די „אַקציעס" בײַם ליקווידירן די ייִדן אין קלעצק און אין ניעסוויעזש, געקומען אין וועלעשענער וואַלד, קאָפּולער ראַיאָן, ווו עס האָבן זיך דעמלט געפונען די פּאַרטיזאַנער־אָטריאַדן פון קאָפּוסטעס פאַראייניקונג. בײַם שטאַב פון דער פאַראייניקונג האָט זיך געפונען דער קאָפּולער ייִד ליאָווע גילטשיק ווי אַן אויסשפּירער. די געראַטעוועטע ייִדן זײַנען געוואָרן פאַרפאָלגט דורך די פּאַרטיזאַנער, וועלכע האָבן זיי געוואָלט פאַרטרײַבן פון דער געגנט. דאָס האָט געדויערט אַזוי לאַנג, ביז עס האָט זיך וועגן די אומגליקלעכע דערוווּסט דער קאָמאַנדיר פון דער פאַראייניקונג, גענעראַל קאָפּוסטאַ, (דעמלט נאָך אַ מאַיאָר), ער האָט זיך פאַראינטערעסירט מיט זייער גורל און גענומען זיי אונטער זײַן שוץ. ער האָט באַפוילן צו אָרגאַניזירן אַ ספּעציעלן ייִדישן אָטריאַד אין וועלכן עס זאָלן אַרײַן — אַחוץ די קלעצקער און ניעסוויעזשער ייִדן אויך אַנדערע ייִדן (אַממערסטן פון קאָפּולער ראַיאָן), וואָס האָבן זיך ביז איצט געפינען אין די אַלגעמיינע אָטריאַדן פון זײַן פאַראייניקונג. אַלס קאָמאַנדיר פון פריש־אַנטשטאַנענעם אָטריאַד האָט ער באַשטימט ליאָווע גילטשיקן. זײַן אויפגאַבע איז געווען נישט קיין לײַכטע, ווײַל ס'רוב ייִדן האָבן נישט געהאַט קיין געווער און דער אָטריאַד האָט זיך געמוזט אַליין באַוואָפענען מיט אייגענע כוחות. נאָר גילטשיק וואָס האָט אויסגעצייכנט געקענט די גאַנצע געגנט און איז געווען שטאַרק באַליבט בײַ דער אָרטיקער באַפעלקערונג האָט די דאָזיקע שווערע אויפגאַבע געלייזט און געשאַפן געווער. ער האָט אויסגעפונען, ווו עס האָט זיך געפונען אַ געמיינזאַמער קבר פון סאָוויעטישע זעלנער, באַגראָבענע, צוזאַמען מיט זייער געווער און פון דאָרטן אַרויסבאַקומען 25 ביקסן, 2 מאַשין־געווער און אַ גרויסע צאָל קוילן. דאָס געווער איז געפּוצט געוואָרן און גערייניקט דורך דער גרופּע און דערנאָך פאַרריכט און צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן דורך דעם געווער־

מײַסטער ראַבאַק, אַ שעדלעצער בחור, וואָס האָט זיך געראַטעוועט פון קלעצקער געטאָ. גילטשיק צוזאַמען מיט דער גרופּע האָבן אַחוץ דעם געשאַפן נאָך געווער, און דורך אַ גאַנץ קורצער צײַט איז די גרופּע — וואָס איז באַשטאַנען פון אַ מאַן 60 — געווען נישט בלויז באַוואָפנט, נאָר זיי האָבן אַפילו געהאַט איבעריק געווער.

מיט דער מיליטערישער אויסבילדונג פון דער גרופּע האָט זיך פאַרנומען משה פיש, דער אָנפירער פון ווידערשטאַנד אין קלעצקער געטאָ, אַ געוועזענער אונטעראָפיציר פון דער פּוילישער אַרמיי. די גרופּע אונטער דער אָנפירונג פון גילטשיקן, האָט געהאַט די בעסטע אויסזיכטן זיך צו אַנטוויקלען און אויסצוּוואַקסן אין אַ גוטן ייִדישן אָטריאַד. נאָר די ווײַטערדיקע אַנטוויקלונג פונעם אָטריאַד ווי אַ ייִדי־שער איז געוואָרן געשטערט דורך דעם, וואָס צו יענער צײַט איז געקו־מען אַ באַפעל פון מאָסקווע, אַז עס טאָרן נישט עקזיסטירן קיין באַזונ־דערע נאַציאָנאַלע אָטריאַדן. און פון ייִדישן אָטריאַד איז געוואָרן אַ געמישטער.

אין דער צײַט ווען איך בין געקומען אין אָטריאַד איז ער באַשטאַ־נען פון 30% ייִדן און 70% נישט־ייִדן. דער אָטריאַד איז באַשטאַנען פון צוויי ראָטעס. פון דער ערשטער ראָטע איז געווען קאָמאַנדיר משה פיש, פון דער צווייטער ביאַלאָוסאָוו. פּאָליטרוק פון ביידע ראָטעס איז געווען — „גאָספּאָדין ווישי”. די יונגע קאָמאַנדירן פון אָטריאַד, ווי קאָמאַנדירן ווזוואָדאַ און פון די אָפּטיילונגען זײַנען כמעט אַלע געווען נישט־ייִדן. אין שפּיץ פון אָטריאַד, זײַנען געשטאַנען דער קאָמאַנדיר פון אָטריאַד און דער קאָמיסאַר, ביידע מיט גלײַכע רעכט. דער נאַטשאַלניק פון שטאַב און דער נאַטשאַלניק פאַר באַזונדערע ענינים זײַנען — ווי איך האָב שוין פריִער דערמאָנט — געווען ייִדן. לעבן אָטריאַד האָבן עקזיס־טירט קעמערלעך פון דער פּאַרטיי און פון „קאָמסאָמאָל”.

די פרײַע צײַט פלעגן מיר ווי געוויינלעך פאַרברענגען בײַם פײַער. דאָס פײַער האָט געשפּילט אין לעבן פון פּאַרטיזאַן אַן אומגעהויערע ראָל, ווײַל אַחוץ דעם, וואָס אָן פײַער וואָלט פּשוט פיזיש נישט מעגלעך געווען אויסצוהאַלטן, איבערצולעבן אין וואַלד, איז אויך דאָס פײַער — אַזוי ווי בײַם אור־מענטש — געווען דאָס איינציקע אָרט פון צוזאַמענטרעפן

זיך מיט חברים, פֿון אַדורכרײדן זיך און פֿאַרברענגען די פֿרײַע צײַט. דאָס פֿײַער איז טיף אַרײַן אין פּסיכיק פֿון יעדן פּאַרטיזאַן. מיטן פֿײַער זײַנען אינטים צוזאַמענגעבונדן אַלע זײַנע איבערלעבונגען, און אויב עס טויכט עפּעס אויף אין זײַן זכרון פֿונעם פֿאַרגאַנגענעם וואַלדיקן לעבן, איז עס שטענדיק אַדורכגעפֿלאָכטן מיטן בילד פֿון פֿײַער און באַלויכטן פֿון זײַנע פֿלאַמען.

פֿײַער פֿונאַנדערגעברענט אויפֿן פֿעלד אָדער אין וואַלד ווערט אָנגערופֿן אויף רוסיש מיט אַ פֿײַן קלינגענדיק וואָרט — „קאָסטיאָר" — און אין מײַן פֿאָרשטעלונג איז דאָס בילד פֿון פֿײַער אין וואַלד שטענדיק פֿאַרבונדן מיטן קלאַנג פֿון דעם דאָזיקן וואָרט, ווײַל דער באַגריף פֿון דעם וואָרט פֿאַר דעם מין פֿײַער — פֿאַר וועלכן עס איז נישט פֿאַראַן קיין באַצייכענונג אין דער ייִדישער שפּראַך — איז מיר ערשט קלאָר געוואָרן אין וואַלד און איך האָב אים באַנומען מיטן וואָרט „קאָסטיאָר".

אָקטאָבער 1942. דער הײַנטיקער אָונט בײַם „קאָסטיאָר" האָט זיך מיר באַזונדערס אײַנגעקריצט אין זכרון צוליב זײַן אינטערעסאַנטקייט און צוליב דעם אויסערגעוויינלעכן גאַסט, וואָס האָט בײַ אונדז הײַנט געווײַלט און מיט אונדז פֿאַרבראַכט בײַם „קאָסטיאָר".

אין אָנהייב האָבן מיר גערעדט וועגן דער גרעסטער לאַגער־סענסאַציע פֿון דער לעצטער צײַט — וועגן גילטשיקס נײַער ליבע און זײַן פֿונאַנדערגיין זיך מיט רחלען. רחל איז געווען אַ יונג, בלאָנד, שיין מיידל פֿון אַ יאָר אַכצן. אַ שלאַנקע, בייגעוודיקע, אַ גראַטעוועטע פֿון קלעצקער געטאָ. אין דעם דאָזיקן מיידל האָט זיך גילטשיק אײַנגעליבט, געלעבט מיט איר און געזאָלט מיט איר אָפֿיציעל חתונה האָבן. אַלץ איז אַוועק גלאַטיק. רחלען האָט מען שוין טראַקטירט, ווי די מאַדאַם קאָמאַנדירשע, און די לאַנדסלײַט אירע זײַנען אויך צופֿרידן געווען פֿון דעם שידוך. גילטשיקן האָבן זיי ליב געהאַט און אים פֿאַרגונען דאָס „צוקערל", און די יתומה וועט זײַן פֿאַרזאָרגט. נאָר אָט האָט געפּלאַצט „אַ באָמבע". גילטשיק האָט זיך פֿון ערגעץ געבראַכט אַ רוסישע פֿרוי, אַ וווקסיקע, אַ מאַסיווע מיט אַן אויסזען און האַלטונג, וואָס איז נישט צוגעפּאַסט פֿאַר קיין פֿאַרבײַגייענדיקן פֿלירט. זי האָט געוווינט מיט

גילטשיקן אין איין בײַדל און נאַטשאַלסטוואָ פון שטאַב האָבן זיך פאַר־האַלטן צו איר מיט ווירדע און זי טראַקטירט ווי גילטשיקס אַ געזעצלעכע פרוי. זיך געוואַנדן צו איר לויט פאָטערס נאָמען — מאַריאַ מיכאַי־לאָוונאַ. איבעריקנס, אַלע האָבן זיך באַצויגן צו איר מיט רעספּעקט. דאָס האָט זי אויפגעצווונגען אַלעמען — מיט איר פּערזענלעכקייט, מיט איר האַלטונג. דער שמועס איז געווען אַן אויפגעלעבטער, אַ הייטערער. דער עולם האָט געמאַכט השערות, געזאָגט גלײַכוווערטלעך און אין די אַלע רייד האָט זיך געפילט — עראָטישע אָנלאָדונג, עראָטישע שפּאַנונג. דער שמועס וואָלט זיך נאָך לאַנג געצויגן, ווען נישט דאָס, וואָס ער איז געשטערט געוואָרן דורכן קאָמיסאַר פון דונאַיעווס אָטריאַד — וויע־לושין. ער האָט זיך געגריסט מיט אונדז היימיש און אָן צערעמאָניעס זיך אַוועקגעזעצט לעבן אונדזער „קאָסטיאָר”. אַלע האָבן זיך אין אים אײַנגעקוקט מיט אינטערעס, מיט נײַגער און דערוואַרטונג עפּעס פון אים צו הערן, ווײַל וועגן אים האָט מען זיך אָנדערציילט אויסערגעוויינ־לעכע געשיכטעס. די קלעצקער געדענקען אים נאָך פון דער היים. ביז צום מלחמה־אויסברוך מיט די דײַטשן איז ער דאָרטן געווען פּאָסט־נאַ־טשאַלניק. נאָכן פאַרנעמען קלעצק דורך די דײַטשן, איז ער דאָרטן פאַר־בליבן אומלעגאַל און האָט אָרגאַניזירט די ווידערשטאַנד־באַוועגונג צווישן די געפאַנגענע. די דײַטשן האָבן אים געכאַפּט און פאַרמשפּט צום טויט. בעת מען האָט אים געפירט אויף אַ מאַשין צו דער עקזעקוציע איז ער אַנטלאָפן. קומענדיק אין וואַלד האָט ער גלײַך אָרגאַניזירט אַ פּאַרטיזאַ־נער־גרופּע מיט וועלכער ער האָט אָנגעפירט. מיט דער דאָזיקער גרופּע, וואָס איז סך־הכל באַשטאַנען פון הונדערט מאַן, האָט ער אַ מאָל געפירט אַ קאַמף מיט אייניקע טויזנט דײַטשן און אויסגעהרגעט הונדערטער פון זיי. ערשט נאָך דרײַ טעג נישט־גלײַכן קאַמף — ווען די וועדונגען צו די אָרומיקע פּאַרטיזאַנער אָטריאַדן, זיי זאָלן אים קומען צו הילף, האָבן נישט געגעבן קיין רעזולטאַט — איז ער אָפּגעטרעטן. אַלע אַנדערע דערציילונגען וועגן אים זײַנען אויך געווען פול מיט אויסערגעוויינלעכע געשעעענישן און רײַך אין דראַמאַטישע מאָמענטן, און עס איז געווען פאַרשטענדלעך אונדזער נײַגעריקייט און געשפּאַנטקייט בײַם באַגעגענען זיך מיט אים פּנים־אל־פּנים.

ער איז געווען אַ מענטש פון אַ יאָר דרײַסיק מיט אַ באַשיידן אויסזען און זייער אַ באַשיידענער האַלטונג. לויט זײַן אויסזען איז שווער געווען צו באַשטימען צי ער איז אַ רוס אָדער אַ טאַטאַר. ער האָט זיך פאַראינטערעסירט מיט אונדז, די צוגעקומענע פון סטאַלפּצע און געוואָלט וויסן וועגן אַלע איינצלהייטן פון דאָרטיקן לעבן. באַזונדערס האָט ער זיך פאַראינטערעסירט מיטן לעבן אין געטאָ און די שטימונגען וואָס הערשן דאָרט. אויף אַלעמענס פאַרלאַנג האָט ער אונדז דערציילט מאַנכע פראַגמענטן פון זײַן פּאַרטיזאַנער־לעבן. ער האָט דערציילט איינפאַך מיט פּשוטע ווערטער אָן פּאַטאָס, גלײַך ווי עס וואָלט זיך געהאַנדלט וועגן אַ געוויינלעכע טאָג־טעגלעכע געשעעניש, אָבער נישט מיט קיין געמאַכטער גלײַכגילטיקייט ווי דאָס טוען מאַנכע „העלדן" — ער האָט דערציילט ערנסט מיט אַלע איינצלהייטן און האָט נישט אַדורכגעלאָזט קיין שום דעטאַל. איך האָב זיך גיריק אײַנגעהערט צו זײַנע רייד, געשלונגען יעדעס וואָרט און געוואַרט אויף דעם „אויסערגעוויינלעכן", וואָס דאַרף נאָך קומען. — אָבער אַ מאָדנע זאַך — דאָס „אויסערגעוויינלעכע" איז נישט געקומען, ווײַל אַלץ אין זײַנע דערציילונגען איז געווען געוויינלעך, איינפאַך און פאַרשטענדלעך. אַלץ האָט זיך אַנטוויקלט בהדרגהדיק און איז געקומען ווי אַ נויטווענדיקער, לאָגישער און פּסיכאָלאָגישער פּועל־יוצא. נאָר, אַז איך האָב שפּעטער זיך געפּרוווט איבערדערציילן אין מײַן זכרון דאָס געהערטע — האָב איך פאַרשטאַנען אַז אויב איך וועל דאָס איבערדערציילן וועט קיינער דערין נישט גלייבן, ווײַל אַזוי אומגלייבלעך און פאַנטאַסטיש וועט זיך דאָס אַלץ אויסווײַזן. דאָך איז אַלץ וואָס וויעלושין האָט דערציילט געווען אמת. ווער עס האָט געהערט אים אַליין איז געווען איבערצײַגט דערין, הונדערט פּראָצענט איבערצײַגט. אַז ווער פון אונדז האָט געפרעגט וויעלושינען, צי איז מעגלעך, אַז ער וויעלושין זאָל איבערלעבן די מלחמה? — האָט ער געענטפערט — דאָס ער גלייבט, אַז ער וועט איבערלעבן די מלחמה — „פאַרוואָס זאָל איך נישט איבערלעבן" — האָט ער געזאָגט — איך באַמי זיך שטענדיק, אַז איך זאָל דער ערשטער פאַרניכטן דעם שונא, און אויב עס איז שלעכט קאָן איך זיך דאָך צוריקציִען פון קאַמף.

ער האָט נאָך לאַנג גערעדט און אַנטוויקלט פאַר אונדז זײַן שטאַנד־

פונקט וועגן דער טאקטיק פון פארטיזאנער־קאמף. ער האט נישט גע־האלטן פון קאנצענטרירן גרויסע מאסן פארטיזאנער אויף איין ארט און זיך פאררוקן אין א זיכערן ווינקל, ערגעץ ווייט פון סכנה. א גרעסערע מאסע פארטיזאנער — קאנצענטרירט אויף איין ארט — האט ער גע־זאגט — דאס איז א גוטער אדרעס פארן שונא און איז שעדלעך פאר די פארטיזאנער, ווייל דאס באשווערט אויך זייער באוועגונג און פאר־ראליזירט זייער טעטיקייט. פארטיזאנער האבן, לויט זיין מיינונג, גע־דארפט זיין ארגאניזירט אונטער איין אנפירונג, זיך געפינען אין שטענ־דיקן קאנטאקט מיט זיך, האנדלען געמיינזאם — אבער אפערירן דארפן זיי אין קליינע גרופעס און זיך געפינען ביים שונא אונטערן נאז, דארט ווו עס געפינען זיך זיינע וויכטיקסטע באזעס: וועגן, שאסייען און מיליטערישע מאגאזינען. די דאזיקע גרופעס דארפן זיך געפינען אין כסדרדיקער באוועגונג און נישט געבן קיין רו דעם שונא. ביי פארטי־זאנער, וואס געפינען זיך אויף אן אפגערוקט ארט ווייט פון שונא, ביי פארהעלטנישמעסיקער זיכערקייט, האט ער געזאגט, ווערט אפגעשוואכט דער קאמפסווילן און זיי ווערן שווערלייביק. א פארטיזאן, לויט וויעלו־שינען, דארף זיין אין אזא לאגע, אז ער זאל זיך געפינען אין שטענדיקער געפאר און זיין געצוווּנגען צום קאמף.

דעם דאזיקן אוונט זיינען מיר זייער שפעט ארײַן שלאפן אין די ביידלעך, און איך האב נאך לאנג אויסגעהערט די דערציילונגען פון מיינע חברים וועגן וויעלושינען. פון זיי האב איך זיך דערוווּסט, אז ער איז שוין אייניקע מאל אוועק פון אונדזער פאראייניקונג און ארגאני־זירט אייגענע פארטיזאנער־גרופן. זיך ארײַנגעלאזט אין ריזיקאלישע קאמפס־אפעראציעס מיטן שונא, צעקלאפט געוואָרן און דערנאך צוריק געקומען. נאר דאס דאזיקע אויסברעכן זיך פון דער אלגעמיינער דיסציפ־לין, האבן וויעלושינען געקאנט אפגיין אומבאשטראפט נאר ביז א גע־וויסער צייט אין פעריאד ווען די פארטיזאנער־ארגאניזאציע האט זיך ערשט פארמירט. אבער מיטן מאמענט ווען די פארטיזאנער־באוועגונג איז געוואָרן צענטראליזירט אונטער דער אנפירונג פון דער קאמוניס־טישער פארטיי און פון דער סאוויעטישער מאכט, האט קיינער מער נישט געקענט ברעכן די אייזערנע דיסציפלין פון דער פארטיזאנער־אר־

גאַניזאַציע, נישט צו זײַן אויסגעשטעלט אויף דער געפאַר — אַליין אומ־צוקומען.

25 אָקטאָבער 1942. הערשל פּאַסעסאָרסקי איז שוין געזונט, ער איז צוגעטרעטן צו דער אַרבעט. זײַן ערשטער אַרויסטריט איז געווען: — ער איז אַוועק מיט נאָך דרײַ פּערזאָן אויפצורײַסן אַ באַן. קאָמאַנדיר פון דער גרופּע איז געווען חיים — אַ סאָוויעטישער ייִד. מיר האָט זיך אויך געמאַכט אַ געלעגנהייט דאָס ערשטע מאָל זיך צו באַטייליקן אין אַ קאַמפּס־אָפּעראַציע.

עס איז געווען פּאַרנאַכט. איך בין נאָר־וואָס געקומען אין לאַגער פון וואַך, ווו איך האָב געהאַט דינסט 24 שעה. דאָ האָב איך זיך דערוווסט, אַז 30 פּערזאָן פון אונדזער אָטריאַד דאַרפן איצט אַוועק צוזאַמען מיט דוניאַיעווס אָטריאַד אויף אַ געמיינזאַמער קאַמפּס־אָפּעראַציע. איך בין אַפילו געווען שטאַרק מיד, נאָר עס האָט מיך געלאָקט די געלעגנהייט צו קעמפן צוזאַמען מיט די „דוניאַיאָווצעס". און איך האָב זיך אַרײַנגעשטעלט צווישן דער גרופּע, וואָס האָט געדאַרפט אַוועק. איינער פון די צוויי דוניאַיאָווצעס, וואָס זײַנען געקומען נאָך אונדז האָט מיך געוואָלט אויסבראַקירן, ווײַל איך בין צו אַלט. נאָר דער צווייטער האָט זיך אײַנגעשטעלט פאַר מיר. „זאָל ער קעמפן אַז ער וויל", האָט ער געזאָגט.

מיר זײַנען אַרויס אויפן וועג. ווו עס האָבן שוין אויף אונדז געוואַרט די „דוניאַיאָווצעס" אונטער דוניאַיעווס אָנפירונג. ער האָט געהאַלטן אַ קורצע רעדע, אין וועלכער ער האָט דערקלערט דעם ציל פון דער אָפּעראַציע. „מיר האָבן באַקומען די אויפגאַבע", האָט ער געזאָגט „צו צעקלאַפּן דעם פּאָליציייִשן פּונקט אין דאָרף דאָקטאָראָוויטש". דאָקטאָראָוויטש דאָס איז דער נאָענטסטער פּונקט פונעם שונא. אַרײַנגערוקט ווי אַ קלין אין אונדזער פּאַרטיזאַנער־זאָנע. דער דאָזיקער פּאָליציי־רעווירפּונקט איז זייער באַקוועם פאַר די דײַטשן. ער גיט זיי די מעגלעכקייט צו זײַן אינפאָרמירט וועגן אונדזער באַוועגונג און קאָן זיי אויך דינען פאַר אַ באַזע אָנצופאַלן אויף אונדז. דערפאַר איז פאַר אונדז די דאָזיקע פּאָשיסטישע נעסט זייער נישט באַקוועם און מיר מוזן זי פאַרניכטן. אונדז

האָט מען אָנפאַרטרויט די דאָזיקע בכבודיקע אויפגאַבע אויסצופירן. ער האָט אויסגעפירט, אַז ער גלייבט, אַז מיר וועלן זי אויספירן גוט...

ביזן דאָרף דאָקטאָראָוויטש האָבן מיר געדאַרפט צומאַרשירן אַכצן קילאָמעטער. די נאַכט איז געווען אַ העלע און אונדזער מחנה האָט זיך אויסגעטיילט שאַרף און בולט אויפן פאָן פון דער אַרומיקער נאַכטיקער וואַלדיקער טונקלקייט, מיטן בליאַסק פון געווער פון דער פאַרביקייט פון דער הלבשה און מיט דער פאַרשיידנקייט פון אויסזען. בעת איך פלעג זיך געפינען פון הינטן און דער אָטריאַד פאַר מיר אויף אַ העכער אָרט, באַלויכטן פון לבנה־שײַן, האָט זיך פאַר מײַנע אויגן אַנטפּלעקט אַ פּרעכטיק בילד ווי אַרויסגענומען פון פילם „טשאַפּאַיעוו". געגאַנגען זײַנען מיר מיטן שאָסיי אַרומגענומען מיט געדיכטן וואַלד פון בײדע זײַטן. די שטילקייט פון דער נאַכט און די דערוואַרטונג פון פאַרשטייענדיקן קאַמף, האָט פאַרשאַרפט און אָנגעשפּיצט מײַנע חושים. די פיס האָבן זיך באַוועגט מיט לוסט. די ברוסט איז ווי אויסגעוואַקסן, ברייטער געוואָרן און איך האָב אין זיך אײַנגעאָטעמט טיף און מיט הנאה די פרישע שמעקעדיקע לופט. ווען מיר זײַנען שוין געווען אויף אַזויפיל נאָענט פון דאָרף דאָקטאָראָוויטש, אַז מען האָט עס שוין געקאָנט זען פון דער ווײַטנס, האָט אונדז דונאַיעוו צוזאַמענגענומען און נאָכאַמאָל גערעדט פאַר אונדז אַ פּאָר געציילטע ווערטער. — „איצט", האָט ער געזאָגט, „טרעט איר צו צו דער אַקציע איז וויכטיק די צײַט. איר דאַרפט אַלץ טאָן בליץ־שנעל. איר דאַרפט אָנפאַלן אויפן שונא אַזוי ווי אַ שטורעם און אים פאַרניכטן, נאָך איידער ער קומט צו זיך. גערענקט, אַז יעדע סעקונדע שפּילט אַ דעצידירנדיקע ראָל, ווײַל דורך דער צײַט, קאָן דער שונא קומען צו זיך און דעמאָלט קאָן אַלץ זײַן פאַרשפּילט. נאָך איין זאַך בעט איך אײַך חברה", האָט ער צוגעגעבן, כמעט מיט געבעט, „פאַרנעמט זיך נישט דאָרטן מיט קיין „באַראַכלאָ" (זאַכן, מלבושים). אויב איר וועט דאַרפן „באַראַכלאָ" וועל איך אײַך שיקן עקסטרא נאָך דעם. איצט האָבן מיר אַן אַנדער אויפגאַבע אויסצופירן"...

אין איין מאָמענט איז דאָס גאַנצע דאָרף געוואָרן באַלאַגערט און באַהערשט פון פאַרטיזאַנער. נאָר עס איז אונדז אויסגעקומען איבערצולעבן אַ געוויסע אַנטוישונג, ווײַל די גרעסטע טייל פון דער פּאָליציי איז

נאָך פון פריער אַנטלאָפן, פאַר אונדזער קומען. פאַר אונדז זײַנען נאָר געבליבן אייניקע פּאַליציאַנטן צו דערשיסן און צוויי האָבן מיר גענומען לעבעדיקערהייט. מיר האָבן פאַרברענט די פּאָליציייִשע קאָמאַנדאַטור מיט אַלע דאָקומענטן. דערנאָך זײַנען מיר אַוועק „באַמבירן" די שטובן פון די אַנטלאָפענע פּאָליציאַנטן. מײַנע טראָפייען זײַנען געווען: — אַ וואַרעמע קורטקע, אַ פּאָר וועש, אַ האַנטוך מיט אַ שטיקל זייף. דאָס אַלץ איז מיר זייער שטאַרק צונוץ געקומען.

ווען איך בין צוריקגעקומען אין לאַגער איז שוין פּאַסעטאַרסקי דאָרטן געווען. זייער אָפּעראַציע האָט זיך אײַנגעגעבן. און אין אָוונט איז שוין געוואָרן איבערגעגעבן דורכן מאָסקווער ראַדיאָ, אַז אויף דעם אָרט דורך די און די פּאַרטיזאַנער איז געוואָרן אויפגעריסן אַ דײַטשער צוג, וווּ ס'האָבן זיך געפונען „לעבעדיקע כוחות און טעכניק". און פּאַסעטאַרסקי איז באַלד פון אָנהויב פאַררעכנט געוואָרן פאַר אַן אויסגעצייכנטן פּאַרטיזאַן.

אין לאַגער האָבן זיך איצט געפונען בלויז קאַמפּפעיִקע מענטשן. אַלע נישט קאַמפּפעיִקע, ווי קראַנקע, אַלטע לײַט און קינדער האָבן זיך געפונען אין נאָענטסטן דערפל פיר קילאָמעטער פון לאַגער. זיי האָבן געוווינט בײַ דער אָרטיקער באַפעלקערונג, און זײַנען באַשפּײַזט געוואָרן דורכן אָטריאַד. אין לאַגער איז איצט געווען אַ סך אַרבעט, ווײַל מיר האָבן זיך צוגעגרייט צום ווינטער. מיר האָבן געבויט ערדשטובן, פאַרגראָבן אין גריבער קאַרטאָפל, קאָרן און פעטס. מיר האָבן פאַרגרייט שטרוי און היי אויף אויסצובעטן פאַר זיך און אויף צו פיטערן די פערד און בהמות. ערדשטובן האָבן מיר געבויט גרויסע, מאַסיווע, אויסגערעכנט אויף 25 אײַנוווינער יעדע. עזריאל מוניק האָט שוין געמײַסטרעוועט בײַ אַ דינאַמאָ, אַ דאַנק וועלכער ער האָט אונדז געזאָלט באַזאָרגן מיט עלעקטרישע ליכט. מיר זײַנען אויך געווען פאַרנומען מיט די צוגרייטונגען צו דער פײַערונג פון 25טן יאָרטאָג פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע. אין דעם טאָג האָט געדאַרפט פאַרקומען אַ געמיינזאַמע פײַערונג און אַ פאַרבײַמאַרש פאַרן שטאַב פון דער פאַראייניקונג, פון אַלע פּאַרטיזאַנער־אָטריאַדן, וועלכע האָבן זיך געפונען אין דער געגנט.

אין צוזאמענהאנג דערמיט איז נתגלה געווארן ביי אונדז אין אט־ריאד עפשטיין, א מענטש וואס איז ביז דעמלט געווען אין שאטן.

ער איז געווען א יונגער לייטענאנט פון דער סאוויעטישער ארמיי און האט געהאט די מעגלעכקייט ארויסצווייזן זיין קענטעניש און טא־לאנט. ער האט אונדז געלערנט די קונסט פון גיין אין פאראדנעם מארש. ווי הויך מיר זאלן אויפהייבן די פיס ביים מארש. ווען מיר דארפןווארפן מיט די הענט, ווען מיר דארפן האלטן די לינקע האנט איינגעשטייפט מיט די פינגער צוגעקוועטשט צום פוס און די רעכטע האנט ביים רימען פון ביקס. און ווען מיר דארפן אויסדרייען די פנימער אין דער זייט פון דער טריבונע, וווּ עס וועט זיך געפינען נאטשאלסטווא. עפשטיין איז געווען א קליינטשיקער, א דראבנער, נאר אז ער האט געגעבן א געשריי מיט זיין באסאווער שטים, האט ער פארהילכט דעם וואלד און מיר האבן זיך געוווּנדערט, פון וואנען נעמט זיך צו אזא דראבנע מענטשעלע אזא קול. נישט אנדערש — א דיבוק שרייט פון אים ארויס. — ער האט מיט אונדז „איינרעזשיסירט", אז ווען מיר וועלן פארבייגיין די טריבונע און מען וועט פון דארט אויסרופן: — „זאל לעבן דער 25טער יארטאג פון דער גרויסער אקטאבער רעוואלוציע" — זאלן מיר אויסרופן דריי מאל „הורא! הורא! הורא!" נאר שפעטער זיינען די דריי הוראס גע־ווארן רעדוצירט אויף איין מאל הורא!

די ווירטשאפטס־אפטיילונג און די קיך פון אונדזער אטריאד זיינען אויך געווען שטארק פארנומען מיט די צוגרייטונגען צום אקטאבער יום־טוב. מען האט צוגעגרייט פראדוקטן, געקאכט, געבאקן און צוגעגרייט בראנפן, פאר יעדן פארטיזאן איז געווען באשטימט א האלבער ליטער. וועגן אונדזער קיך און ווי אזוי זי האט געארבעט איז נויטיק צו זאגן א פאר ווערטער, ווייל דאס איז געווען דאס פילבארסטע ארט אינעם צוזאמענלעבן פון פארטיזאנער. דער אופן און פארהעלטעניש ביים פור־נאנדערטיילן פון פראדוקטן, האבן אמבעסטן אפגעשפיגלט דעם מאראלישן ניווא פון א געגעבענעם אטריאד און דעם פערזענלעכן ווערט פון זיין אנפירונג.

די קיך האט ביי אונדז ארויסגעגעבן דריי מאל אין טאג עסן. דאס עסן איז געווען פאר אלעמען דאס זעלבע, סיי פאר געוויינלעכע פארטי־

זאנער סײַ פאַר קאָמאַנדירן. אַן אויסנאַם איז נאָר געמאַכט געוואָרן פאַר קראַנקע, וואָס האָבן באַקומען ספּעציעל עסן. דאָס עסן איז געווען נאָר־האַפט און איז געגעבן געוואָרן אין אַזאַ קוואַנטום, אַז עס האָט געגוגנט פאַר יעדן איינעם. ברויט איז געווען אומבאַגרענעצט. יעדער האָט געגעסן וויפל ער האָט באַדאַרפט. פלייש, כאָטש פאַרמעל איז געווען באַשטימט פאַר יעדן אַ געוויסע פּאַרציע, איז פּאַקטיש אויך געווען אומבאַגרענעצט, ווײַל די פּאַרציעס זײַנען געווען גרויסע און עס זײַנען געווען זייער ווייניק אַמאַטאָרן, וואָס זאָלן אויסדריקן אַ פאַרלאַנג צו באַקומען אַ צוגאָב. און די איינצלנע, וואָס האָבן יאָ אַרויסגעוויזן אַזאַ פאַרלאַנג, האָבן אָן שוועריקייטן אַזאַ צולאַגע באַקומען. צוליב די דאָזיקע טעמים, האָט אינדיווידועל, פאַר קיינעם פון אונדזער אָטריאַד נישט עקזיסטירט די פראַגע פון עסן, און ס'איז פאַר אונדז געווען פרעמד, די נישט געזונטע אַטמאָספער וואָס עס שאַפט זיך געוויינלעך בײַ דער נישט־גלײַכקייט פון באַשפּײַזן זיך פון אַ גרופּע מענטשן, וואָס לעבן אין איין קיבוץ. ערגער האָט זיך פאַרגעשטעלט די לאַגע מיט באַקליידונג. עס זײַנען געווען בײַ אונדז אין אָטריאַד אַזעלכע, וואָס האָבן געזאַמלט בײַ זיך אין די בײַדלעך איבעריקע פעלצלעך און אַנדערע וואַרעמע מלבושים, בעת אַנדערע האָבן געפּרווירן צוליבן פעלן פון אַ וואַרעמען מלבוש.

6 נאָוועמבער 1942.

היינט ערב דעם אָקטאָבער־יום־טוב האָבן מיר געמאַכט די גענעראַל־פּראָבע צו דער מאָרגנדיקער פײַערונג. נעבן שטאַב אויף אַ גרויסן פּלאַץ איז געווען אויפגעבויט אַ טריבונע און עס האָבן געשפּילט צוויי אָרקעסטערס. אויפן פּלאַץ האָבן זיך געפונען, אַ חוץ אונדזער אָטריאַד, אויך אַנדערע אָטריאַדן פון אונדזער פאַראייניקונג און מיר האָבן צוזאַמען מאַרשירט, דעם פאַראַדנעם מאַרש אונטער די קלאַנגען פון מוזיק פאַרבײַ דער טריבונע. דאָס האָט זיך אַזוי איבערחזרט אייניקע מאָל און דער נאַטשאַלניק פון שטאַב־בריגאַדע, קאַפּיטאַן רעבוז, האָט אונדז אויסגעבעסערט די פעלערן. ער אַליין האָט פאַר אונדז דעמאָנסטרירט, ווי

אזוי מיר דארפן מארשירן און בעת ער האט אדורכמארשירט איבערן גרויסן פלאץ מיט זײַן מאסיווע פיגור, מיט זײַן ערנסטן און שטרענגן אויסזען, האט ער געמאכט דעם אײַנדרוק פון א באוועגלעכער סטאטוע.

7 נאָוועמבער 1942.

כאטש הײַנט האט אונדז נישט פארפליכטעט די געוויינטלעכע שעה פון אויפשטיין, פונדעסטוועגן זיינען אלע אויפגעשטאנען פרי. עס האט זיך נישט געוואלט פארשלאפן, דעם נישט געוויינלעכן טאג. עס האט זיך געוואלט זײַן וואך, גארנישט צו פארפעלן און צו קאנען געניסן אין פולער מאס פון אלעם, וואס קאן געבן דער דאזיקער טאג.

מיר האבן זיך געוואשן, ראזירט, געפוצט די שטיוול, די קליידער און סתם זיך ארומגעשלעפט איבערן לאגער און געשמועסט צווישן זיך. צען אזייגער האט זיך געראפט אנהויבן די פײַערונג בײַם שטאב. יעדן איינעם פון אונדז האט זיך געוואלט וואס שנעלער שוין איבערקומען דעם אפיציעלן טייל, כדי דערנאך קאנען א הוליע טאן. מיר האבן זיך געגרייט ארום דעם בײַדל, וואס איז געווען דער מאגאזין פון די פראָדוקטן. ס'האט אונדז גערייצט דער בראנפן מיטן פארבײַסעכץ, וואס עס געפינט זיך דארט. טייל פון נאטשאלסטווא — גרויסע חסידים פון דער אקטאבער־רעוואלוציע — האבן שוין לאנג קידוש געמאכט, און זיי האבן באגעגנט דעם הײַנטיקן טאג נאך פון באגינען מיט א לײַכטן רויש אין קאפ. נאר עס איז געשען אזעלכעס וואס האט זיי גיך ניכטער געמאכט.

ס'איז געקומען צולויפן פון דערפל אונדזער פארבינדלער א פארטאפעטער, א צעשויבערטער און נאך אים אונדזערע מענטשן, וואס האבן דארט געוווינט, האלב אנגעטאענע, בארוועסע מיט אן אויסזען וואס האט גערעדט פאר זיך. דײַטשן, דײַטשן זיינען דא אין דערפל, דײַטשן מיט טאנקען. די דײַטשן האבן זיי נישט נאכגעשאסן, כדי זיך נישט צו פארראטן, זיי האבן געוואלט אויף אונדז אנפאלן פלוצלינג אומגעריכטערהייט. אוממיגלעכלעד איז די זארגלאזע שטימונג פארשוואונדן. אלע זיינען געווארן ערנסט און האבן זיך גענומען פארן געווער. אין

איילעניש ווערן געשפאנט די פערד און פארלאדנט דער „אבאז". עס הערן זיך שוין די ערשטע שאסן — דאס קעמפן אונדזערע ביים ראנד פון וואלד מיט די דייטשן. מיר ווייסן שוין איצט — דורך אונדזערע אויסשפירער — אז ס'זיינען אנגעפארן 20.000 דייטשן מיט טאנקעטקעס און האבן בלאקירט אלע וועגן, וואס פירן צו אונדזער וואלד. עס איז קלאר אז מיר זיינען נישט אימשטאנד דא אויפצונעמען מיט די דייטשן קיין לענגערן קאמף. מיר דארפן זיי נאר אויפהאלטן דא ביזן אוונט. דעמלט וועלן מיר זיך אדורכרייסן, זיך מאכן א וועג און איבערטראגן זיך אין אן אנדער געגנט. מיר ווילן קודם־כל ארויספירן דעם „אבאז" אויף א זיכערן ארט, נאר דאס האט זיך אונדז נישט איינגעגעבן, ווייל קוים אפפארנדיק אייניקע הונדערט מעטער האבן מיר זיך אנגעטראפן אויף דייטשן, וועלכע האבן אונדז באשאסן פון מאשין־געווער, און ס'איז געפאלן אונדזער ערשטער פארוואונדעטער — משה וויינשטיין. די פערד האבן זיך צעפלאשעט און זיך אפגעריסן פון די וועגענער און טייל פון „אבאז" איז אריינגעפאלן צו די דייטשן, און מיטן איבעריקן זיינען מיר צוריק אוועק אין לאגער.

ביזן אוונט האבן אונדזערע אפטיילונגען אויף פארשיידענע פונקטן געהיטן די וועגן, וואס פירן צו אונדזער לאגער.

עס איז כסדר געקומען צו שיסערייען צווישן אונדז און די דייטשן וועלכע האבן זיך געוואלט אריינרייסן אין וואלד. עס איז פארוואונדעט געווארן נאך איינער פון אונדזער אטריאד, א סאוויעטישער ייד פון מינסק.

אין אוונט האבן מיר פארלאזט דעם לאגער. דער אטראד איז געווארן צעטיילט אויף צוויי גרופן. איין גרופע אונטער דער אנפירונג פון ביאלאוסאוו מיטן פעליטרוק האט געדארפט אוועק די ערשטע, און די צווייטע גרופע מיט גילטשיקן און מיט דער איבעריקער נאטשאלסטווא שפעטער. די צווייטע גרופע, א בעסער באוואפנטע ווי די ערשטע האט געדארפט נעמען מיט זיך די פארוואונדעטע און עס איז אפגערעדט געווארן א באשטימט ארט, ווו ביידע גרופן וועלן זיך צוזאמענטרעפן, און פון דארט שוין אוועק צוזאמען. איך האב זיך געפינען אין דער ערשטער גרופע פון בעלאוסאוו. מיר זיינען אוועק מיט א זייטיקן וועג דורך

ווען מיר האָבן זיך געדאַרפט אַדורכרײַסן דורך דער דײַטשער בלאָקאַדע. דער מזל האָט אונדז צוגעשפּילט. די נאַכט איז געווען אַ פינצטערע, נאָר דער וועג דורך וועלכן מיר זײַנען געגאַנגען איז געווען אַ שלעכטער, פול מיט שטרויכלונגען און אין דער פינצטערניש האָבן מיר זיך כסדר פאַרטשעפּעט אין צווײַגן און אַרײַנגעפאַלן אין גריבער, איבערבלײַבענישן נאָך אויסגעגראָבענע בוים־וואָרצלען. אַזוי זײַנען מיר אַדורכגעגאַנגען אַ קילאָמעטער פיר ביז מיר זײַנען אַרויס פון וואַלד אויף אַן אָפן פעלד, וואָס האָט אָפּגעטיילט מיט אייניקע הונדערט מעטער אַ צווייטן וואַלד, וועלכן מיר האָבן געדאַרפט דערגרייכן. דאָס שטיקל „אָפּעגע וועג" איז געווען געפערלעך אַדורכצוגיין, ווײַל ס'האָט זיך געפונען אויף דער ליניע פון דער דײַטשער בלאָקאַדע. מיר האָבן זיך געשלײַכט שטיל מיט אײַנגעהאַלטענע אָטעמס, נאָר ס'האָט גאָרנישט געהאָלפן. דער שונא האָט אונדז דערשנאַפּט — באַלויכטן מיט רעפלעקטאָרן און געעפנט אויף אונדז אַ מערדערישע שיסערײַ פון פאַרשיידענע מינים געווער. מיר האָבן זיך אָוועקגעלייגט און זיך צעצויגן אויף דער ערד פאַראויס. מיר האָבן זיך אויפגעהויבן; אָפּגעלאָפן עטלעכע צענדליק מעטער און זיך ווײַטער אַוועקגעלייגט אויף דער ערד, ביז מיר זײַנען ענדלעך בשלום אַדורך דאָס געפערלעכע אָרט. אויפן פעלד איז איבערגעבליבן — צעוואָרפן אין אומאָרדענונג — דער באַגאַזש פון אונדזערע „רײַכערע" חברים.

איצט זײַנען מיר געווען אויסער דער דײַטשער בלאָקאַדע, בײַם ראַנד פון אַ וואַלד, וואָס האָט פאַר אונדז געעפנט אַ נײַעם וועג אין די ווײַטענישן פון די ווײַסרוסישע וועלדער. דאָ האָבן מיר געדאַרפט וואַרטן אויפן קאָמאַנדיר פון אָטריאַד מיט זײַן גרופּע. נאָר איך ווייס נישט, וואָס איז געווען די סיבה, צי האָבן זיי, ביאַלאָוסאָוו און דער פּאָליטרוק פאַרלוירן די קעפּ פון שרעק? — אָדער עס האָט זיך זיי פאַרגלוסט צו זײַן זעלבסטשטענדיקע און אומאָפּהענגיקע קאָמאַנדירן און זיי האָבן זיך מיט אַ כיוון געוואָלט פאַרלירן פון איבעריקן טייל אָטריאַד —, נאָר וואָס די סיבה זאָל נישט האָבן געווען — זיי האָבן נישט געוואַרט אויף גילטשיקן און האָבן אונדז אַוועקגעפירט ווײַטער מיטן וואַלד, פון דעם מאָ־

מענטש אַז, זײַנען מיר געוואָרן אָפּגעריסן פֿון אונדזער אַטריאַד און פֿון אונדזער פּאַראַיניקונג. ביאַלאָוסאָוו און „גאַספּאַדין ווישי“ זײַנען געוואָרן די איינציקע באַלעבאַטים איבער אונדז. זיי האָבן זיך איצט אָנגעהויבן צו טיטולירן איינער דעם צווייטן „קאָמאַנדיר אַטריאַדאַ“ — און „קאָמיסאַר“, — אויף קאָמיסאַר האָט אַוואַנסירט דער פּאָליטרוק. דער פּאָליטרוק — אָדער ווי מיר האָבן אים אָנגערופֿן „גאַספּאַדין ווישי“ איז צו יענער צײַט בײַ אונדז געווען פּאָליטישער ליטער פֿון ביידע ראַטעס, אַזוי אַז ער איז געווען דער פּאָליטישער וועגווײַזער און דערציִער פֿון גאַנצן אַטריאַד. ער איז געווען אַ יונגער, געזונטער בלאָנדער שייגעץ און אַן אויסגעצייכנטער קענער פֿון אַלע אינערלעכע לאַגער אינטריגעס און איינער פֿון אירע הויפּטבאַטייליקטע און אינספּיראַטאָרן. קיין אַנדערע קוואַליפֿיקאַציעס אויף אַ פּאָליטישן ליטער האָט ער נישט געהאַט, ווײַל ער איז געווען אַ פֿולשטענדיקער עם־הארץ. בײַ אים איז געווען רעכט, אַז בוקאַרעסט איז די הויפּט שטאָט פֿון אונגאַרן און אַז די שטאָט „ווישי“ איז אַ פּאָליטישע פּערזאָן. דערפֿאַר טאַקע האָבן מיר אים געגעבן אַ צונאָמען „גאַספּאַדין ווישי“. ערשט ווען ער האָט זיך אָנגעהויבן באַנוצן מיט קובעס הילף און ווען האָט ער מער נישט געמאַכט אַזעלכע לאַפּסוסן און איז געווען אויסגעהיט פֿון זיך קאָמפּראָמיטירן. קובאַ אַלטמאַן — אַ זון פֿון אַ וואַרשעווער לערער פֿון די יידישע גמינע־שולן. אַן אומגעלומפּער און אומבאַהאָלפֿן ייִנגל פֿון אַ יאָר אַכצן, האָט זיך אַרײַנבאַקומען אין די פּאַרטיזאַנער נאָך אַ דאַנק יוסף האַרקאַווי, וועלכער איז געווען זײַנער אַ שוואָגער. האַרקאַווי, האָט זיך מיט אים געניאַנטשעט ווי מיט אַ קליין קינד. געזאָרגט אַז ער זאָל זיך וואַשן און אָפּפּוצן, ער זאָל האָבן ריינע וועש איבערצוטאָן און אַ פּאָר גאַנצע שטיוול. קובאַ אַלטמאַן איז אין אַטריאַד זייער שנעל פּאָפּולער געוואָרן — ווי אַ קאַריקאַטור פֿון אַ פּאַרטיזאַן און אַלס ציל־ברעט אויף אָפּצוחוזקן און אָפּצושפּעטן. אביסל שפּעטער איז קובאַ אַלטמאַן אויך פּאָפּולער געוואָרן פֿון אַן אַנדערער זײַט. דער קאָמיסאַר מאַרטינאָוו איז געוואָרן אויפֿמערקזאַם אויף זײַן קענטעניש פֿון דער רוסישער שפּראַך. ער האָט זיך געוווּנדערט פֿון וואַנען קומט דאָס, אַז אַ וואַרשעווער ייִנגל זאָל אַזוי

פֿולשטענדיק באַהערשן די רוסישע שפּראַך? — נאָר די רוסישע שפּראַך איז נישט געווען די איינציקע קענטעניש זײַנע. קובאַ אַלטמאַן איז געווען אַ פֿענאָמענאַלער קענער פֿון געאָגראַפֿיע און פֿון געשיכטע. אַז מען האָט געוואָלט וויסן ווו עס געפֿינט זיך אַ געוויסע שטאָט — אַלץ איינס צי אין אַפֿריקע אָדער אין די ווײַטסטע געגנטן פֿון רוסלאַנד — איז מען געקומען צו קובאַ אַלטמאַן. און ער האָט גלײַך געזאָגט ווי פֿון אַ בוך אַרויסלייענענדיק, ווו די שטאָט געפֿינט זיך, וויפֿל קוואַדראַט קילאָמעטער זי פֿאַרנעמט, וויפֿל אײַנוווינער זי פֿאַרמאָגט, דורך וועמען זי איז באַוווינט און וואָס פֿאַר אַ אינדוסטריע דאָרט איז אַנטוויקלט. דאָס זעלבע — וועגן געשיכטע. עס האָט זיך קיינמאָל נישט געמאַכט אַז קובאַ זאָל זיך „פֿאַרהאַטשען", אַז ער זאָל נישט וויסן צו ענטפֿערן אויפֿן געפֿרעגטן. איך האָב אים טיילמאָל חושד געווען, אַז ער האָט זיך שוין אַזוי צוגעוווינט און אײַנגעלעבט דערמיט, אַז ער מוז וויסן אַלץ, אַפֿילו דעמלט ווען ער ווייסט נישט ענטפֿערט ער אויך אויף „זיכער". — נאָר כ'האָב זיך איבערצײַגט, אַז קובאַס ענטפֿערס זײַנען שטענדיק פּינקטלעכע און גענויע. אָט דער קובאַ אַלטמאַן, וואָס האָט געקאָנט געאָגראַפֿיע פֿון דער ערד ווי די אייגענע שטוב, האָט אין וואַלדיקן לעבן נישט געוווּסט ווי אַ טריט צו שטעלן און איז געווען דער גרעסטער שלים-מזל פֿון אונדזער אָטריאַד. דערפֿאַר האָט אָבער „גאָספּאָדין ווישי" געשעפּט פֿון אים זײַן וויסן אויף אויסצופֿירן די פֿאַראַנטוואָרטלעכע פֿונקציעס פֿון אַ פּאָליטישן דערציִער פֿון אונדזער אָטריאַד.

עס וואָלט זיך נאָך געפֿאָדערט צו זאָגן אַ פּאָר ווערטער וועגן אונדזער פּריש געבאַקענעם „קאָמאַנדיר אָטריאַדאַ", ביאַלאָנסאָוו. — נאָר ער וועט זיך אַליין רעפּרעזענטירן — דורך זײַן טעטיקייט.

מיר זײַנען געגאַנגען אַ גאַנצע נאַכט דורך וואַלדיקע אומוועגן. פֿון צײַט צו צײַט זײַנען מיר שטיין געבליבן, ווײַל אונדזער וועג-ווײַזער איז אַוועק אויסטאַפּן דעם וועג אין דער בײַנאַכטיקער פֿינצטערניש. דעמלט האָבן מיר ערשט — צוהיצטע און דערשוויצטע פֿון לאַנגן אָנגעשטרענגטן וועג דערפֿילט די דורכנעמענדע קעלט פֿון דער פֿראָסטיקער נאַכט. און די הייסע שווייס-טראָפּנס אויף אונדזערע קערפּערס זײַנען

פארוואנדלט געווארן אין קאלטע אייזיקע טראפנס און ארויסגערופן א ציטערניש אין אלע גלידער. די ערד איז געווען א פייכטע, א זומפיקע און עס איז נישט געווען ווו זיך אוועקצוזעצן אפרוען. עס האט זיך געבענקט נאך אונדזער פארלוירענער „היים“, נאך דער טרוקענער אויסגעווארעמטער, דורך אונדז, ערד. נאך די ביידלעך אונטערגעבעט מיט שטרוי און נאך די שוין היימיש געווארענע בוימער. אינדערפרי זיינען מיר אנגעקומען צו א גרויס זומפיק פעלד, וואס האט אפגעטיילט א וואלד וועלכער האט געדארפט זיין אונדזער ניי ווינארט. דער וואלד, וועלכער איז איצט געווען אונדזער ציל האט געהייסן — ווערעביאווער.

מיר זיינען געגאנגען איבערן זומפיקן פעלד, וואס איז געווען באדעקט מיט א דינעם שיכט פון אייז. דאס אייז האט געפלאצט אונטער אונדזערע טריט און מיר זיינען אריין איבערן גארטל אין נאסקייט.

אנקומענדיק אין וואלד האבן מיר א לענגערע צייט נישט געטארט פונאנדערברענען קיין פייער, ווייל מען האט צוערשט געדארפט אויסשפירן ווו מיר געפינען זיך און ווער געפינט זיך ארום אונדז. מיר זיינען געווען אדורכגענעצט ביזן ביין. די נאסקייט איז אויף אונדז פארפרירן געווארן און די אייזיקע קעלט האט אונדז שטארק געמאטערט. ערשט מיטיק־צייט זיינען צוריקגעקומען די אויסשפירער און מען האט אונדז דערלויבט פונאנדערברענען א פייער. מיר האבן זיך אויסגעטרוקנט, אנגעווארעמט, אפגערוט, און דאן האבן מיר דערשפירט אז מיר זיינען הונגעריק, נאר וואס צום עסן איז נישט געווען. דער „שטאב“ וועלכער איז באשטאנען פון ביאלוסאווו, „גאספאדין ווישי“ און זייער סוויטע האט דערווייל געלאזט באזארגן פראדוקטן בלויז פאר זיך און האבן זיך אוועקגעזעצט פראווען א מאלצייט פאר די אויגן פון די הונגעריקע. דאס האט אלעמען גערייצט און ארויסגערופן גרויס קנאה צו זיי.

אויף צומארגנס האט מען געבראכט קארטאפל מיט א קעסל אין וואס צו קאכן און די קיך האט אנגעהויבן זיין טעטיק. מיר האבן באקומען צוויי מאל אין טאג צו האלבע ליטערס קארטאפל־זופ. קיין ברויט איז אינגאנצן נישט געווען. די זעלבע פארציעס האבן מיר אויך באקומען אין די קומענדיקע טעג און מיר זיינען כסדר געווען הונגעריק. אלע

זיינען געווען אויפגערעגט און פארביטערט, ווייל אונדזער הונגערן איז נישט געווען פאראורזאכט דורך די אביעקטיווע באדינגונגען, נאר איז געווען א רעזולטאט פון פארנאכלעסיקייט און בייזוויליקייט פון אונ־דזער קאמאנדיר. קארטאפל זיינען אין די ווייסרוסישע דערפער געווען איבערגענוג און די פויערים האבן זיי גערן געגעבן, און עס איז נישט געווען קיין שום שטערונג זיי צו ברענגען אין לאגער. צו דער זעלבע־ציַיט האט דער „שטאב" געשאפן פאר זיך און דער סוויטע א באזונדערע קיך, ווו מען האט געקאכט געשמאקע מאכלים און געגעסן אומבאגרע־נעצט. די אויסדערוויילטע פלעגן זיך אוועקזעצן ארום א עמער מיט גע־שמאקע עסן, פעט פארשמאלצן און די איבעריקע האבן געקוקט, גע־שלונגען דאס שפיַיעכץ. אז זיי האבן זיך שוין אנגעפרעסן, אז עס איז מער נישט אריַין אין זיי האבן זיי דאס איבערבליַיבעכץ צוגעווארפן פאר די דערנעבן שטייענדיקע, ווי פאר ווארטנדיקע הינט בייַם זאטן טיש פון באלעבאס. די הונגעריקע האבן זיך געווארפן דערויף ווי ווילדע און אויסגעקראצט דעם עמער. דאס דאזיקע עקלהאפטע בילד — ווירדיק פאר א דייַטשן קאצעט־לאגער — האט זיך איבערגעחזרט צוויי מאל טעגלעך. איך וויל דא באמערקן, אז דאס אפיציעלע קיך־עסן פון די אויסדער־וויילטע איז נישט געווען זייער איינציקע באשפייַזונג. זיי האבן נאך א חוץ דעם געהאט גענוג ברויט, פוטער און אנדערע פראדוקטן. דער גרעסטער טייל פון אונדז האט אויסגעדריקט דעם ווילן און גרייטקייט צו גיין נאך פראדוקטן. נאר ביאלאוסאוו און דער פאליטרוק האבן כסדר געשיקט די זעלבע דורך זיי צוגעקליבענע פערזאנען —, אזוי, אז דאס גיין נאך פראדוקטן איז געווארן א מאנאפאל פון א באזונדערער קליקע, און ס'האט זיך געשאפן ארום דעם א נישט געזונטע אטמאספער — פון שפעקולאציע און אייגננוץ. אין דער זעלבער ציַיט ווען דער גרעסטער טייל האט געהונגערט צוליב א קארטאפל, האט מען גערויבט בייַ דער דארפישער באפעלקערונג — פארן נוצן פון א קליינער צאל פריווילעגיר־טע — טייַערע שטיוול, מלבושים און בראנפן. בייַ ביאלאוסאוון איז געווען הויך־קאניוקטור, אזוי, אז ער האט זיך אפילו געקאנט דערלויבן צו קויפן א ווייַב... — די געשיכטע דערפון איז א קורצע.

געוועזן מיט אונדז א יונג, שיין יידיש מיידל, ראזא האט מען זי גערופן. זי איז ערשט נישט לאנג געקומען פון מינסקער געטא. זי איז געווען שלעכט אנגעטאן און געטראגן צעריסענע שיך. אין ווערעביאווער וואלד איז ראזא מיטאמאל געווארן אויפגעריכט. זי גייט אנגעטאן אין א פאר טייַערע שטיוועלעך און טראגט א שיין געפוצט פעלצל. עסט פון דער בעסערער קיך און געהערט צו די פריווילעגירטע. פון דעמלט אן שלאפט שוין ביאלאוסאוו מער נישט אליין און האט א פייַן אנציענד וויַבל. די לאגע איז דערווייַל געווארן וואס אמאל ערגער. די דעמאראליזאציע גרעסער און די אנטיסעמיטישע טענדענצן בולטער. די זאך איז באשטאנען אין דעם: — די גרעסטע טייל פון אונדזער גרופע זיינען געוועזן יידן, נאר געשיקט נאך פראדוקטן האט ביאלאוסאוו אויסשליסלעך נישט־יידן. די וואס זיינען געגאנגען אין דארף נאך פראדוקטן, זיינען — פארשטייט זיך — במילא געווען זאט, אזוי אז עס איז אויסגעקומען, אז ביאלאוסאווס אויסהונגערונגס־פאליטיק איז דער עיקר געווען געווענדן קעגן דער יידישער טייל פון דער גרופע. לעצטנס האבן פאסירט פאקטן פון אן ערגערן מין, וואס האבן געצוואונגען ערנסט זיך צו פארטראכטן.

— די קעלט איז געווארן שטארקער, עס איז געווארן אויף אן אמת ווינטער — און די פון אונדז, וועלכע האבן פון פריער פארמאגט עפעס א ווארעמע שמאטע זיך איינַצודעקן דערמיט, זיך איינַצוטוליען דעריַן, האבן דאס פארלוירן אין וועג. די געגנט איז געווען א זומפיקע און דאס ארט, ווו מיר האבן זיך געפונען א פארווארפנס (צוגעפאסט פאר ביאלאוסאווס קעניגרייַך). ערגעץ אונטער די הרי חושך, ווו די זון איז קיינמאל נישט צוגעקומען. מיר, נישט דערעסענע, דערשלאגענע און פארביטערטע האבן באזונדערס שווער פארטראגן די קעלט. אונדזער דערהאלטונג און דערקוויקונג איז געווען דאס פייַער, וועלכן מיר האבן כסדר אונטערגעהאלטן אן איבעריַים. יעדעס גרופקעלע — פון אייגענע צוגעקליבענע מענטשן — האט געהאט אן אייגענעם „קאסטיאר", וועלכן זיי האבן געדארפט היטן. עס פלעגט טרעפן, אז מיטגלידער פון איין גרופקעלע זאלן גיין צו גאסט צו אן אנדערן „קאסטיאר", נאר יעדער איינער

האט געמוזט זײַן א מיטשותף פון אן אייגענעם „קאסטיאר" פאר וועלכן ער האט געדארפט זארגן, ווי אײַנוווינער פאר א בשותפותדיקער דירה. צום שלאפן האבן מיר זיך אויסגעלייגט אין א ראד ארום דעם „קאס־טיאר" אזוי, אז איינעמס קאפ איז אויסגעקומען אויפן צווייטנס פוס. די צרה איז אבער געווען, וואס פון איין זײַט האט געבריט דאס פײַער און פון דער צווייטער זיינען מיר געפרוירן געווארן. צוליב דעם האבן מיר זיך זייער אפט איבערגעדרייט פון איין זײַט אויף דער צווייטער. איינמאל בעת אזא מאניפולאציע, ווען עוזר מאזא האט צופיל געטר־ליעט צום פײַער דעם אויסגעפרוירענעם טייל קערפער האבן זיך אנגע־צונדן זײַנע וואטענע הויזן און זײַנע אינגאנצן פארברענט געווארן. מיר האבן זיך גענוג אויסגעלאכט און געוויצלט אויף מאזאס חשבון, אבער סוף כל סוף האבן די וויצן זיך אויסגעלאזט, די פריילעכקייט האט זיך געענדיקט און מאזא איז געבליבן אן הויזן. ער האט זיך געווענדט צו ביאלאוסאוו, אז ער זאל אים דערלויבן צו גיין אין דארף זיך שאפן א פאר הויזן. ביאלאוסאוו האט דערפון נישט געוואלט הערן, מאזא האט פאראדירט א גאנצן טאג אן הויזן, אזוי ווי אויף א פליא־זשע. אויף צומארגנס פארטאג האט ער געהאלטן וואך צוזאמען מיט נאך א חבר נישט ווײַט פון דארף. נאכן ענדיקן די וואך זיינען זיי דארטן ארײַן אין א כאטע און באקומען א פאר אלטע שטארק אפגע־נוצטע הויזן. ביאלאוסאוו, דערוויסנדיק זיך וועגן דעם, האט געמאכט א סקאנדאל, פארוואס זיי האבן בארויבט א פויער און פאר דעם חטא בייביידן צוגענומען די ביקסן און אוועקגעגעבן נישט־יידן. אונדז האט שטארק באומרואיקט דער פאקט, ווײַל ס'זײַנען ארומגעגאנגען קלאנגען, אז ביאלאוסאוו האט בדעה אייניציקווײַז —אונטער פארשיידענע פרע־טעקסטן— צוצונעמען דאס געווער ביי די יידן און מיר האבן געהאט א גרונט דעריין צו גלויבן. אונדזער לאגע איז געווארן אומדערטרעגלעך. מיר האבן געלעבט אין כסדרדיקער נערוון־שפאנונג און אומצוטרוי צו אונדזער אייגענעם „שטאב" — און האבן באשלאסן, וואס עס זאל נישט זײַן — דאס געווער נישט אוועקצוגעבן.

מיר האבן פארשטאנען, אז אויב ביאלאוסאוו מיט „גאספאדין ווי־

שי" וועלן לאַנג זיין אונדזערע באַלעבאַטים, וועט דער סוף זיין נישט קיין גוטער און מיר האָבן געזוכט אַ וועג צו געפינען גילטשיקן מיט די איבעריקע פון אונדזער אַטריאַד, און אונטערן פּרעטעקסט פון אוועקפירן אַ קינד אין דאָרף — זיינען צוויי פּערזאָן פון אונדז אַוועק אויפזוכן דעם אַטריאַד.

מיט דריי טעג שפּעטער איז געקומען אַ שליח פון גילטשיקן מיט אַ באַפעל צו קומען אין לאַוועל וואַלד, ווו ער געפינט זיך צוזאַמען מיט נאָך אַנדערע אַטריאַדן פון אונדזער פּאַראַייניקונג. ביאַלאָסאַוו איז באַלד געוואָרן אַן אַנדער מענטש, נישט צו דערקענען. ער איז געווען אַ ביטערער און פּאַרזיכטיקער — אַ געוועזענער סערזשאַנט פון דער גרעניץ־וואַך — האָט ער גוט געקאַנט דעם סאָוויעטישן שטראָף־אַפּאַראַט און געוווּסט, ווי ווייט ער מעג זיך דערלויבן און ווען מען מוז זיך צוריקציען. ער האָט באַלד צוריקגעגעבן די ביקסן די חברים און האָט אָנגעהויבן זאָרגן, מיר זאָלן זיין זאַט.

אין לאַוועל וואַלד האָבן זיך געפונען אַ גרעסערע צאָל אַטריאַדן, וואָס האָבן פּאַרלאָזט דעם סטאַריצער וואַלד. דאָרט האָט זיך אויך געפונען דער שטאַב פון אונדזער פּאַראַייניקונג מיט זיין קאָמאַנדיר קאַפּוסטאַ. אין מיטן וואַלד, אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן מיט פּאַרטיזאַנער־אַטריאַדן, האָט זיך געפונען דאָס דאָרף יאַווישטשע, און אין דעם דאָרף איז געווען איינגעאָרדנט אונדזער אַטריאַד. גלייך נאָך אונדזער קומען אַהין האָט מען אונדז איינגעקוואַרטירט אין דאָרפישע כאַטעס און מיר האָבן זיך דערפילט אַזוי ווי מען וואָלט זיך צוריקגעקערט אין אַן אייגענער היים, ווו עס זיינען פאַראַן מענטשן, וואָס זאָרגן פאַר אונדז און שיצן אונדז. די גערעכעניש פון דער צייט, פאַרבראַכטע אין ווערעביאָוער וואַלד אונטער דער אַפּוטרופּסות פון ביאַלאָסאַוון איז געבליבן אין מיין זכרון ווי אַ בייזער קאָשמאַר.

אויף צומאַרגנס — וואָס איז גראָד אויסגעפאַלן זונטיק — האָט זיך אונדזער אַטריאַד צוזאַמענגעקליבן אינעם בנין פון דער דאָרפישער שול אויף אויסצוהערן אַ באַריכט וועגן דער לאַגע אויף די פראָנטן און אויך וועגן די לעצטע קאַמפּס־טעטיקייט פון אונדזער פּאַראַייניקונג. מיר האָבן זיך דערוווּסט, אַז די דייטשן, וואָס זיינען אויף אונדז אָנגעפאַלן

אין סטאריצע האבן שוין אויף זייער צוריקוועגס פון דער „דערפאלגרייכער" אקציע קעגן פארטיזאנער — שכור פון זיג און פון בראנפן — באקומען זייער פארדינטן פסק און זיינען שנעל ניכטער געווארן. דאס איז געשען אויף אזא אופן: — בעת די דייטשן זיינען געפארן אויף זייערע מאשינען און טאנקעטקעס צופרידענע און זיכער אין זיך, — האבן פון וואלד — פוןביידע זייטן שאסיי — אויף זיי געלויערט די דונאיאוועצעס און גלייכצייטיק מיטן אויפרייסן פון א מינע געעפנט א פייער. דער סך־הכל איז געווען: פיר הונדערט טויטע דייטשן, און פינף פארניכטעטע טאנקעטקעס. די דונאיאוועצעס האבן פארלוירן אין דעם קאמף פינף פערזאן, צווישן זיי איז געפאלן דער קאמאנדיר פון אטריאד דונאיעוו. צווישן זיך האט מען דערציילט, אז דער קאמיסאר וויעלושין מיט נאך איינציקע פערזאן זיינען אוועק פון אטריאד און האבן בדעה צו שאפן א פרישן אטריאד.

אין דארף יאווישטשע האבן מיר פארבראכט צוויי וואכן און גענאסן פון דעם גרויסן פארגעניגן צו וווינען אין כאטעס. דא האב איך אויך געהאט די מעגלעכקייט צו באקענען דעם קאמאנדיר פון אונדזער פאראייניקונג, גענעראל מאיאר קאפוסטא. דאס איז געווען אין א בלאטעדיקער נאכט, ווען ס'האט געשיט א נאסער שניי פון וועלכן עס איז גלייך געווארן בלאטע און מיר זיינען געשמאק געשלאפן אין די ווארעמע כאטעס, וועד אויפן ווארעמען אויוון און ווער אויסגעבעט ווייך אויף שטרוי. מיטאמאל האט מען אונדז אויפגעוועקט — אליארם!... — נאר אין דער לופט האט זיך נישט געפילט קיין געפאר. די דארפישע באפעלקערונג איז געבליבן גלייכגילטיק און רויק ווייטער געשלאפן אין די כאטעס. אין ארומיקן וואלד, וווּ עס האבן זיך געפונען פארטיזאנער האבן מיר אויך נישט באמערקט קיין שום באוועגונג, וואס זאל אליארמירן וועגן געפאר. עס האט גענוג לאנג געדויערט ביז מיר האבן זיך צוזאמענגעקליבן. אז דער אטריאד איז שוין געווען אויסגעשטעלט, איז געקומען צו גיין קאפוסטא אין דער געזעלשאפט פון גילטשיקן. קאפוסטא — א הויכער, אן אטלעטיש־געבויטער, האט געקוקט אויפן זייער און גוטמוטיק אבער מיט פארוואורף געזאגט: — איר ווייסט וויפל צייט עס איז שוין פארביי פון דער מאמענט, וואס מיר האבן דערקלערט

אליארם? — צוואנציק מינוט!... צו דעם ארט, ווו מיר געפינען זיך פירן גוטע וועגן און די דייטשן געפינען זיך גאר נישט ווייט פון דאנען, אזוי אז זיי קאנען דערגרייכן צו אונדז אויף מאשינען — פון דריי זייטן — אין פארלויף פון 25 מינוט. דער היינטיקער אליארם... איז נאר געווען א פרוּוו, אבער צו יעדן מאמענט קאן דאך קומען א פאקטישער אליארם... — נעמט זיך דאס גוט אין זינען אריין! — דער פאטער־לעבער פארווורף האט אלעמען טיף גערירט, האט געווירקט שטארקער, ווי געשרייען און דראונגען און מיר האבן זיך פארשעמט פאר אונדזער נישט פינקטלעכקייט. גענעראל קאפוסטא האט זיך איבערהויפּט באַ־צווּיגן צו אונדזער אטריאד מיט זארג און פארשטענדעניש. ער האט פאר־שטאנען אז מען קאן נישט פארלאנגען פון אונדזער אטריאד — אין וועלכן עס האבן זיך געפונען א סך פרויען, קינדער און עלטערע מענטשן — אזויפיל, ווי פון אנדערע אטריאדן אין וועלכע עס האבן זיך געפונען בלויז יונגע, געזונטע מיליטעריש־אויסגעשולטע מענטשן — און דאס איז מן הסתם געווען די סיבה פארוואס ער האט — צווישן אזויפיל אט־ריאדן, וועלכע האבן זיך געפונען אין לאוועו וואלד — אונדז באזעצט אין דארף.

מיט אייניקע טעג שפעטער זיינען מיר אליארמירט געווארן אויף אן אמת. דער אליארם איז דאסמאל פארגעקומען אונטערן אקאמפאניא־מענט פון א שטארקער שיסעריי. צווישן דער ארטיקער באפעלקערונג האט געהערשט אומרו און פאניק. די שיסעריי איז דערוויל נאך געווען ווייטלעך פון אונדז, נאר עלטערע און דערפארענע פארטיזאנער האבן פארשטאנען, וואס עס קומט פאר און זיי האבן אונדז דערקלערט, אז דאס קעמפן אונדזערע ערשטע וואכן מיטן שונא. אלע אטריאדן האבן זיך באלד געפונען מיטן געווער קאמפס־גרייט. די וועגענער זיינען גע־ווארן געשפאנט און פארלאדנט אין איילעניש. די קראנקע און פאר־וווּנדעטע ארויסגעפירט אויף א זיכער ארט, ווו עס דראט נישט קיין געפאר. רייטער, שליחים האבן גאלאפירט אהין און צוריק און די בעס־טע ראטעס האבן אפמארשירט צום קאמף מיטן שונא.

מיט אייניקע שעה שפעטער האט דער גוט ארגאניזירטער קאמף קעגן די דייטשן זיך פארוואנדלט אין א געוויינלעכער שלאכט און די

געראַנגל שפּאַנונג איז אָפּגעטרעטן. דערמאָנט האָבן מיר זיך דערוווּסט פּרטים וועגן דעם דראַמאַטישן פאַרלויף פונעם הערואישן קאַמף, וואָס עס האָבן געפירט די ערשטע וואַכן מיט די דײַטשן. 18 מאַן זײַנען זיי געווען, וועלכע האָבן געהאַלטן אַ „זאַסאַדע" 7 קילאָמעטער אָפּגערוקט פון אונדזערע פּאַרטיזאַנער־לאַגערן אויף אַן אָרט, וווּ עס קרייצן צוויי וועגן. פּלוצלינג זײַנען אָנגעפאַלן פון ביידע זײַטן טויזנטער דײַטשן אויף מאַשינען און טאַנקעטקעס באַוואָפנט מיט מאָדערן געווער. זיי האָבן געוואָלט אומגעריכט און בליצאַרטיק אָנפאַלן אויף אונדזערע לאַגערן, כדי צו טרעפן אונדזערע אָטריאַדן נישט צוגעגרייטע צום קאַמף. נאָר זיי זײַנען געוואָרן אָפּגעהאַלטן דורך די וואַכזאַמע און העלדישע פּאַר־טיזאַנער פון דער „זאַסאַדע", וועלכע האָבן זיי באַגעגנט מיט אַ פײַער פון מאַשין־געווער און אויטאָמאַטן. נאָכן אויסשיסן ביזן לעצטן קויל, האָבן זיי, כדי ס'זאָל נישט אַרײַנפאַלן אין דײַטשישע הענט, פאַרגראָבן דאָס געווער און מיט די האַנט־גראַנאַטן — גרייט געוואָרט ס'זאָל זיך דערנענטערן דער שונא. 17 פון זיי זײַנען אומגעקומען — בלויז איי־נעם איז געלונגען זיך אַדורכצורײַסן דורך די דײַטשן און איבערצוגעבן וועגן העלדישן טויט פון זײַנע חברים.

די צײַט, וואָס די דײַטשן זײַנען געוואָרן אויפגעהאַלטן דורך די, וועלכע האָבן מקריב געווען זייער לעבן — איז גענוג געווען פאַר די אָטריאַדן, זיך צוצוגרייטן צום קאַמף און דאָס באַגראָבענע געווער האָבן איבערגענומען אַנדערע פּאַרטיזאַנער, וועלכע האָבן ווײַטער דערמיט גע־קעמפט קעגן זעלבן שונא.

אָ נ ה י י ב ד ע צ ע מ ב ע ר 1942. מיר זײַנען אָנגעקומען אין אָרליקער וואַלד. די געגנט איז געווען אַ טרוקענע, און מיר האָבן זיך אײַנגעאָרדנט אויף אַ הויך, זוניק אָרט. עס איז געווען אַ שטאַרקער פראָסט, נאָר דאָס וועטער איז געווען אַן אָנגענעמס, אַ מחיהדיקס. עס איז געלעגן אַ טרוקענער שניי און עס איז געווען אַ גוטער שליטוועג. איך האָב געהאַט וואָך אָפּגערוקט פון לאַגער אויף אייניקע קילאָמעטער נישט ווײַט פון אַ דאָרף. דאָס אָרט איז געווען אַן אויפגעלעבטס, אַ היימלעכס. עס זײַנען כסדר פאַרבײַגעגאַנגען פּאַרטיזאַנער און עס האָבן

זיך געהערט די אָפּקלאַנגען פֿונעם גאַנצן דאָרף. איך בין געשטאַנען און זיך אײַנגעקוקט אין דער וואַלדיקער ווײַטקייט פֿון וואַנען עס האָבן זיך געהערט פֿערדישע טריט, וואָס זײַנען געוואָרן וואָס אַ מאָל דײַטלעכער, נאָענטער. עס האָט נישט לאַנג געדויערט, ווי פֿון דער געדיכטעניש פֿון וואַלד האָט זיך באַוויזן אַ שליטעלע אין וועלכן עס האָבן זיך געפֿונען פֿיר פּערזאָן און איך האָב זיך שוין געגרייט זיי אָפּצושטעלן, כּדי צו פֿאַרלאַנגען אַ „פּראָפּוסק”. נאָר, אַז זיי זײַנען צוגעקומען נאָענט, האָב איך געזען, אַז דאָרטן געפֿינט זיך אויך וויעלושין און איך האָב זיך בלויז אויסגעגלײַכט אין דער געהעריקער פּאָזיציע, ווי עס פֿאָדערט זיך פֿאַר אַ נאַטשאַלניק. וויעלושין האָט זיך געגריסט און זיי זײַנען אַוועק ווײַטער. עס האָט נישט לאַנג געדויערט, ווי פֿון דער זײַט, וווּ עס האָט זיך געפֿונען אונדזער לאַגער — זײַנען אָנגעפֿאָרן אין אַ שנעלן טעמפּאָ — דרײַ שליטעלעך מיט באַוואָפֿנטע פּאַרטיזאַנער פֿון אונדזער אָטריאַד מיט ביעלאָוסאָוון בראָש. ער האָט מיך געפֿרעגט צי עס איז פֿאַרבײַגעפֿאָרן וויעלושין, און באַקומענדיק מײַן ענטפֿער, האָט ער, נישט פֿאַרלירנדיק קיין איין סעקונדע אין איין אָטעם געיאָגט ווײַטער. איך בין געווען נײַגעריק צו וויסן, וואָס קומט דאָ פֿאָר אָזעלכעס ? ! נאָר מיר איז נישט אײַנגעפֿאַלן, אַז דאָס איז אַ געיעג נאָך וויעלושינען מיט זײַנע חברים, ווײַל ערשט נעכטן אָוונט איז ער דאָך געווען בײַ אונדז אין לאַגער, גערעדט מיט גילטשיקן, וועלכן ער האָט פֿאַרבעטן צו זיך אויף פּיש.

בײַ דער פֿאַרשיידנאַרטיקייט פֿון די געשעענישן זײַנען שנעל פֿאַרבײַגעלאָפֿן מײַנע צוויי שעה דינסט און איך בין פֿאַרביטן געוואָרן דורך אַ צווייטן פּאַרטיזאַן. צוריקגעגאַנגען אין לאַגער בין איך לאַנגזאַם, נישט געאײַלט זיך און האָב הנאה געהאַט פֿון דער זעלטענער מעגלעכקייט — אין פּאַרטיזאַנער לעבן — צו קאָנען שפּאַצירן איינער אַליין, דורך קיינעם נישט געשטערט אָן קיינעמס קאָמאַנדע. דאָס מאַרשירן גרופּנווײַז מושטירטערהייט, ווען איך האָב תּמיד געהאַט פֿאַר זיך די רוקנס פֿון מײַנע חברים און הינטער זיך זייערע בייזע בליקן, אויב איך האָב זיך פֿאַרגעסן און נישט אָנגעהאַלטן דעם ריטם פֿון די טריט, און דאָס באַוועגן זיך ווי אַ ווילנסלאָזער אויטאָמאַט — לויט אַ קאָמאַנדע — איז מיר

נמאס געוואָרן. דערפאר האָב איך זיך איצט געפרייט און זיך געקוויקט מיט דעם פרײַען שטח, וואָס איך האָב פאר זיך און מיט דער מעגלעכ־קייט, נישט געשטערט פון גאָרנישט זיך צו קאָנען פארטיפן אין מײַנע געדאַנקען.

קומענדיק אין לאַגער בין איך געוואָרן איבערראַשט דערפון, וואָס די פאַראַנענע דאָרט קאָלעגן זײַנען נישט געזעסן, ווי געוויינלעך, בײַ די „קאַסטיאָרן”, — נאָר זײַנען געווען פארזאַמלט אויף איין אָרט און האָבן געקוקט דערשראָקענע אין איין ריכטונג, אַזוי ווי זיי וואָלטן עמיצן דערוואַרט פון דאָרטן. אַז איך האָב זיך דערנענטערט צו זיי, האָב איך געזען, אַז פון דער זײַט וואַלד, עס זיינען געוואָנדן זייערע בליקן קומט אָן וויעלושין מיט צוויי פון זײַנע חברים — מיט וועלכע ער איז געפאָרן צוזאַמען — געפירט אונטערן געווער פון אונדזערע פארטיזאַנער מיט ביאַלאָסאָוון אין דער שפיץ. זיי זיינען געווען האַלב־אויסגעטוענע, די הענט געבונדן אויף הינטן און האָבן געטרעטן פאַמעלעך מיט די באָר־וועסע פיס אינעם שניי.

וויעלושין, אַ צעשויבערטער אין בלויזן העמד האָט כסדר געשאָקלט מיטן קאָפּ און עפּעס געדעדט צו זיך. בעת ער איז פארבײַגעגאַנגען נאָענט פון מיר, איז מיר געלונגען אויפצוכאַפּן עטלעכע אָפּגעהאַקטע ווערטער זײַנע, וועלכע ער האָט איבערגעחזרט אָן אויפהער: — „כ׳קום אום! — און דורך וועמען?”... מען האָט זיי אַוועקגעפירט אַ ביסל אין דער זײַט צווישן די קוסטעס און עס האָט געדויערט בלויז אַ קורצע ווײַלע ביז אַלע דרײַ זײַנען געלעגן דערשאָסענע.

איך בין צוריקגעגאַנגען פון דעם אָרט, ווו עס זײַנען געלעגן זייערע טויטע קערפערס און איך האָב געקוקט אויף די צייכנס אויסגעטרעטענע אין שניי. וואָס זיינען געבליבן נאָך זייערע באָרוועסע טריט און איך האָב זיך באַמיט צו דערקענען, וועלכע צווישן די פוס־אָפּדרוקן אין שניי זײַנען נאָך — וויעלושינען.

לעבן אַ קאַסטיאָר איז געלעגן אַ געבונדענער מיט די הענט אויף הינטן אַ יונגער מענטש פון אַ יאָר עטלעכע און צוואַנציק — דאָס איז געווען לייטענאַנט דאַווידאָוו — דער פערטער פון וויעלושינס גרופּע. ער איז אָפּגעקומען בלויז מיט שרעק... ער איז איבערהויפּט געווען אַ

מזלדיקער, ווײַל מיט א צײַט שפּעטער, איז אים אויסגעקומען נאָכאַמאָל צו ליגן א גאַנצע נאַכט א געבונדענער, א פאַרמשפּטער צום טויט, און ער איז ווײַטער ניצול געוואָרן און געבליבן לעבן.

ביאַלאָסאָוו איז איצט געוואָרן אַן אייגנטימער פון אַן אויטאָמאָט מיט א פּיסטאָלעט און ס'האָט נאָך געדויערט א לאַנגע צײַט ביז עס זײַנען אײַנגעשטילט געוואָרן די אַמפּערנישן צווישן אים און זײַנע געהילפן, וועגן איבעריקן טייל ירושה נאָך די דערשאָסענע.

דער אָטריאַד האָט אָנגעהויבן זיך אײַנאָרדענען אויפן פרישן אָרט און זיך געגרייט דאָ איבערצווווינטערן. מיר האָבן געבויט ערד־שטיבלעך, ברונעמער און אײַנגעאָרדנט די קיך. אין שיכות דערמיט איז בײַ דער סטאָלפּצער גרופּע אַרויסגעשוווּמען אויפסנײַ די פראַגע — וואָס האָט אונדז געמאַטערט די גאַנצע צײַט פון אונדזער זײַן אין וואַלד — וועגן באַפרייען די ייִדן פון שוויערזשנער און באַראַנאָוויטשער לאַגערן און זיי ברענגען אין אָטריאַד. מיר האָבן זיך שוין צו דעם געגרייט נאָך אין סטאָריצער וואַלד, נאָר צוליבן איבערפאַל פון די דײַטשן אויף אונדז איז אַלץ איבערגעריסן געוואָרן. אַזוי לאַנג, ווי דער אָטריאַד איז געווען אונטערוועגנס און מיר זײַנען געווען היימלאָז האָט, פאַרשטייט זיך, קיין רייד נישט געקאָנט זײַן וועגן אײַנאָרדענען פרישע מענטשן און מיר האָבן דערווײַל געמוזט רעזיגנירן פון העלפן אונדזערע ברידער. איצט איז דער ענין ווידער געוואָרן אַקטועל. צום שטאַרקסטן האָבן זיך געריסן דערצו, דערמאָנט און געמאָנט די, וואָס האָבן דאָרטן געהאַט אייגענע פאַמיליע. צוממייננסטן אַקטיוו אין דער אַקציע פון באַפרײַען די ייִדן פון די אויבן־דערמאָנטע לאַגערן זײַנען געווען: — הערשל פּאָסעסאָרסקי, וועלכער האָט געהאַט אין שוויערזשנער לאַגער א ברודער, א שוועסטער מיט א שוואָגער, און ישראל מאַכטיי, וועמענס א ברודער עס האָט זיך געפונען אין באַראַנאָוויטשער לאַגער. וואָס שײַך פּאָסעסאָרסקין, וויל איך אונטערשטרײַכן, אַז אין זײַנע האַנדלונגען האָט זייער אָפט איבערגעוויגן דער נאַציאָנאַלער און געזעלשאַפטלעכער מאָמענט איבער דער פאַמיליע־צוגעבונדנקייט. גילטשיק האָט אונטערשטיצט דאָס ברענגען פון ייִדן אין אָטריאַד און ווײַנער האָט אַלעמען אונטערגעוואָרעמט און אונטערגעיאָגט דערצו מיטן גאַנצן ברען פון זײַן ייִדישער נשמה.

סוף דעצעמבער 1942 זײַנען אוועק פון אונדזער אָטריאַד אייניקע פערזאָן קיין באַראַנאָוויטש, צווישן וועלכע עס האָבן זיך געפונען: ישראל מאכטיי, הערשל פּאַסעסאָרסקי און משה ווײַנשטיין. דער רעזולטאַט איז געווען פאָלגנדיקער: זיי האָבן געבראַכט צו אונדז אין אָטריאַד 21 ייִדן, וועלכע האָבן געהאַט מיט זיך: איין מאַשין־געווער, פינף ביקסן, אייניקע האַנט־גראַנאַטן און אייניקע טויזנט קוילן. די אָנפירער פון דער גרופּע זײַנען געווען: אַנטשל לים, און ייִדל ווישנער. צווישן דער גרופּע האָבן זיך געפונען באַראַנאָוויטשער און סטאָלפּצער, דערונטער פינף פרויען פון באַראַנאָוויטש. צווישן די סטאָלפּצער זײַנען געווען: טוניק מיט צוויי זין, די צוויי ברידער אײַנזעלמאַן, מאַכטיי, קובע אַלטמאַן און די צוויי „בעזשענצעס" פון לאָדזש, מענדל ראָזענגאַם מיט זײַן זון. די גרופּע איז גלײַך אײַנגעגלידערט געוואָרן אין אונדזער אָטריאַד און אַנטשל לים איז געוואָרן „פּולעמיאָטשיק" און קאָמאַנדיר פון אַן אָפּטייִ־לונג אין דער ערשטער ראָטע. אין דער זעלבער צײַט האָבן זיך דערשלאָגן צו אונדזער אָטריאַד נאָך צוויי באַראַנאָוויטשער ייִדן, פּנחס לאַכאָוויצקי און קומאַק. די געשיכטע זייערע איז געווען אַזאַ: אייניקע פאַמיליעס — צוזאַמען צוואַנציק נפשות — זײַנען אוועק פון באַראַנאָוויטשער געטאָ און האָבן געלעבט אין וואַלד. צווישן זיי האָבן זיך געפונען אייניקע ענערגישע מענטשן, באַהאָפטענע מיט דער נאַטור און אויך צוגעפּאַסטע צו קאָנען זיך אַן עצה געבן אין וואַלד. זיי האָבן זיך אויסגעבויט אַ גוט פאַרמאַסקירטע „זעמליאַנקע" און האָבן דאָרט געלעבט אַזוי לאַנג, ביז אויסוואורפן פון דער אָרטיקער באַפעלקערונג האָבן אויסגעשפּירט זייער באַהעלטעניש און אוועקגעפירט אַהין דײַטשן, וועלכע האָבן אַלעמען — אַחוץ די צוויי, וואָס איז עס פּי נס געלונגען זיך צו ראַטעווען — אויס־געשאָסן. פּנחס לאַכאָוויצקי — „אַ יונגל מיט בלוט" — ווי ס'האָבן אים באַצײַכנט די באַראַנאָוויטשער — אַ ייִד אַ גבור, וואָס האָט געקאָנט דערהרגענען אַ מענטש מיט „אַ טרוקענעם קלאַפּ" — האָט זיך נוקם געווען אין די אויסוואורפן. ער איז אוועק צו די, אויף וועמען מען האָט געהאַט אַ חשד און געפינענדיק בײַ זיי מלבושים פון זײַן פרוי און קינ־דער, האָט ער זיי אויפן אָרט דערשאָסן.

מיט אייניקע טעג שפּעטער האָט מען אײַנגעגלידערט אין אונדזער

אַטריאַד נאָך אייניקע ייִדן, וואָס האָבן געלעבט ביז איצט אויף אייגענער האַנט אין די וועלדער. צווישן זיי האָט זיך געפונען לאָזער סעגאַל, אַ וואַלד־סוחר און אַ בראַקער פון שטעטל האַנצעוויטש, וועלכער האָט אויסגעצייכנט געקענט די ווײַסרוסישע וועלדער. צוזאַמען זײַנען דעמלט אײַנגעגלידערט געוואָרן אין אונדזער אַטריאַד ביז אַ דרײַסיק ייִדן. פון ברענגען נאָך ייִדן האָט מען דערווײַל געמוזט רעזיגנירן, ווײַל דער אַטריאַד האָט צום ערשטן געמוזט פאַרדייען די געבראַכטע. ייִדן זיינען איבערהויפּט געווען אַ שווערער שטאָף צום פאַרדייען און האָבן שלעכט געווירקט אויף דער לעבער פון מאַנכע, נישט־ייִדישע פּאַרטיזאַנער.

30 דעצעמבער 1942. הײַנט איז פאָרגעקומען די לוויה פון פיר פּאַרטיזאַנער פון אונדזער אַטריאַד, וועלכע זײַנען אומגעקומען בײַ פאָלגנדע אומשטענדן: — פינף זײַנען זיי געווען אויף אַן אויסשפּירונג אין אַ דאָרף, ווען עס זײַנען פּלוצים אָנגעפאַרן דײַטשן און ווײַסרוסישע פּאָליציי פון אַ פּאָר ערטער מיטאַמאָל און זיי זײַנען געוואָרן ארומגערינגלט פון אַלע זײַטן. בלויז איינעם פון זיי, אַ ייִדישן שנײַדער — נאָכן דערשיסן אַ דײַטש — איז געלונגען צו אַנטרינען. די איבעריקע, נישט וועלנדיק אַרײַנפאַלן קיין לעבעדיקע צום שונא אין האַנט, האָבן זיך אויפגעריסן מיט האַנט־גראַנאַטן. מיר האָבן זיי קובר געווען מיט מיליטערישן כבוד און אויפן קבר אוועקגעשטעלט אַן אָנדענקונגס־טאָוול מיט אַ סאָוועטישן שטערן. צווישן די געפאַלענע האָט זיך געפונען עזריאל מוניק פון סטאָלפּצע.

1 יאַנואַר 1943. הײַנט איז פאָרגעקומען די צערעמאָניע פון אָפּגעבן די פּאַרטיזאַנער־שבועה, וועלכע איז פאָרגעקומען אויף אַזאַ אופן: — מיר זײַנען געווען אויסגעשטעלט אין ראָטעס און דער קאָמיסאַר פון אַטריאַד האָט יעדן אויסגערופן בײַם נאָמען. דער ארויסגערופענער איז צוגעגאַנגען צו אַ טיש און אַרויסגעלייענט פון אַ פּאַפּיר אויפן קול די שבועה. די שבועה האָט זיך אָנגעהויבן מיט די ווערטער: — „איך אַ בירגער פון ראַטנפאַרבאַנד, אַ זון פון העלדישן ווײַסרוסישן פאָלק" — די טייל פון דער שבועה האָבן מיר ייִדן אָפּגעזאָגט בחפזון און האָבן

געשלונגען די ווערטער ווי ביטערע פילן. דאַקעגן די ווײַטערדיקע טייל האָבן מיר געזאָגט מיט כוונה, מיט טרערן אין די אויגן און אונדזערע נישט־ייִדישע קאָלעגן האָבן באַשטימט נישט געפילט דאָס, וואָס מיר, זאָגנדיק די דאָזיקע ווערטער: — „איך שווער זיך נוקם צו זײַן פאַר אונדזערע מוטערס, פאַר אונדזערע קינדער, שוועסטער און ברידער, פאַר אונדזער פאָלק"...

אין דער אָנפירונג פון אונדזער אָטריאַד זײַנען פאָרגעקומען ענדערונגען: — אַלס שטאַב־נאַטשאַלניק איז באַשטימט געוואָרן קאַפּיטאַן וואָלאַשקיעוויטש, אַ מענטש פון אַ יאָר עטלעכע און פערציק. אַ שווײַגנדער, און מרה־שחורהדיקער, נאָר מיט געהעריקע קוואַליפיקאַציעס פאַרן דאָזיקן אַמט. אַלס נאַטשאַלניק פאַר באַזונדערע ענינים איז באַשטימט געוואָרן פאַטאַפּענקאַ — אַ הויכער, געזונטער פאַרשוין מיט אַן אויסזען פון אַ וואַלד־גזלן.

דער געוועזענער נאַטשאַלניק פאַר באַזונדערע ענינים, ווײַנער, איז באַשטימט געוואָרן אַלס פּאָליטרוק פון דער צווייטער ראָטע און „גאַספּאַדין ווישע" האָט ווײַטער געשפּײַזט מיט זײַן „וויסן" די ערשטע ראָטע. אַלס קאָמאַנדיר פון דער ערשטער ראָטע — אויפן אָרט פון פישן — איז באַשטימט געוואָרן מאַיאָר קאַרלאָוויטש, אַן אײדעלער און נישט קיין שלעכטער מענטש, נאָר אַ צעקראָכענער און כאַראַקטערלאָזער. פיש איז באַשטימט געוואָרן אַלס גילטשיקס פאַרטרעטער צו ווירטשאַפטלעכע ענינים.

אין קורצן האָט געדאַרפט געביטן ווערן דער קאָמיסאַר מאַרטינאָוו. אין דער אָרגאַניזאַציאָנעלער סטרוקטור פון דער פאַראייניקונג זײַנען אויך פאָרגעקומען ענדערונגען: — אַלע אָטריאַדן זײַנען געוואָרן פאַרמירט אין בריגאַדעס. דרײַ אָטריאַדן האָבן געבילדעט אַ בריגאַדע. אונדזער אָטריאַד האָט געהערט צו דער טשאַפּאַיעווסקער בריגאַדע, וועלכע איז באַשטאַנען פון פאָלגנדע אָטריאַדן: — דונאַיעווסקער, שוסטאַפּאָוולאָוסקער און אונדזער אָטריאַד. קאָמאַנדיר פון דער בריגאַדע איז געוואָרן שוסטאַפּאָוולאָוו. אַלע אָטריאַדן פון אונדזער בריגאַדע האָבן זיך געפונען נישט ווײַט איינער פון אַנדערן, אָפּגערוקט פון זיך אויף אייניקע הונדערט מעטער. די שוץ איבער אַלע דרײַ אָטריאַדן איז געווען אַ געמיינזאַמע,

אָרגאַניזירט דורכן שטאַב פון דער בריגאַדע. לעבן דער שטאַב־בריגאַדע האָבן זיך שטענדיק געפונען פאַרבינדלער פון אַלע דרײַ אָטריאַדן און דער „קאָסטיאָר" האָט דאָרט געברענט אַן איבערײַס אַזוי ווי, אַ נר־תמיד, וואָס איז כסדר אונטערגעהאַלטן געוואָרן דורך די זיך בײַטנדיקע פּאַרטיזאַנער.

די פראַגע פון שאַפן געווער איז איצט געווען די שווערסטע זאָרג פאַר דער אָנפירונג פון אונדזער בריגאַדע. די אָטריאַדן האָבן זיך כסדר פאַרגרעסערט, עס זײַנען צוגעקומען פרישע מענטשן און קיין געווער איז נישט געווען פאַר אַלעמען. אחוץ דעם איז געווען אַ באַפעל פון אויבן צו מאָביליזירן די יוגנט פון דער אַרומיקער געגנט, וועלכע מען האָט אויך געדאַרפט באַוואָפענען. אַ געוויסע צײַט האָבן מיר געלעבט מיט דער האָפענונג, אַז אָט־אָט וואַרפט מען אונדז אַראָפּ געווער פון אַעראָפּלאַנען, נאָר נאָך דעם ווי אונדזער נאַטשאַלסטוואָ האָט זיך איבערצײַגט, אַז עס איז נאָך פריצײַטיק צו וואַרטן אויף דעם, איז געבוירן געוואָרן דער פּלאַן פון אַן אָפּעראַציע דורך וועלכער מיר זאָלן זיך אַליין באַזאָרגן מיט געווער. דער פּלאַן איז באַשטאַנען אין דעם: — אָנצופאַלן אויף דײַטשע מיליטער, וואָס פאָרן מיט דער קלײנבאַן וואָס קורסירט צווישן די שטעטלעך: לודוויקאָ־דעניטשקעוויטש, און בײַ זיי דעראָבערן געווער. די אָפּעראַציע האָט געדאַרפט אַדורכגעפירט ווערן דורך אונדזער אָטריאַד צוזאַמען מיט די דונאַיאָוצעס. אונדזער אָטריאַד האָט זיך געדאַרפט געפינען אויף איין זײַט באַנליניע, און די דונאַיאָוצעס פון דער צווייטער זײַט.ביידע אָטריאַדן צוזאַמען האָבן געדאַרפט אָנפאַלן גלײַכצײַטיק אויף די דײַטשן און זיי נעמען מיט שטורעם. אונדזער אָטריאַד איז אַוועק אונטער דער אָנפירונג פונעם קאָמיסאַר מאַרטינאָוו, וועלכער האָט אויך אַלס מיליטערישער אָנפירער ארויסגעוויזן זײַן טאַלאַנט. ער האָט קודם־כל אויסגעפונען אַ זייער געלונגען אָרט פון וואַנען אָנצופאַלן אויף די דײַטשן און דער עיקר, ער האָט פּסיכאָלאָגיש געהעריק צוגעגרייט דעם אָטריאַד צום קאַמף. איבער אַ מעת־לעת האָבן מיר געלויערט אויפן שונא. ענדלעך איז אָנגעפאָרן מיט אַ לאַנגזאַמען גאַנג די לאַנג־דערוואַרטעטע קלײנבאַן געפּאַקט מיט דײַטש מיליטער. די רעלסן זײַנען אויפן אָרט, ווו מיר האָבן געלויערט, פון פריִער דורך אונדז באַ־

שעדיקט געוואָרן און מיר האָבן דערהערט אַ שטאַרקן טראַסק פון די זיך צוזאַמענקלאַפּנדיקע וואַגאָנעס, וואָס איז פאַראורזאַכט געוואָרן דורכן האַסטיקן האַמעווען פון לאָקאָמאָטיוו. אין דעם אויגנבליק, האָט אונדזער אָטריאַד געעפנט אַ קאָנצענטרירטן פייער אויף די דייטשן און עס זיינען גלייך געפאַלן עטלעכע צענדליק טויטע פון זיי. די אומגעריכטקייט און פּלוצימדיקייט פונעם אָנפאַל האָט די דייטשן צעמישט, און זיי האָבן זיך אײַנגאַנצן פאַרלוירן. וואָלט צו דער זעלבער צייט געקומען פון דער צווייטער זייט דער אָנגריף מצד די דונאַיאָווצעס — אַזוי ווי עס איז געווען באַשטימט — וואָלט דער שונא באַזיגט געוואָרן, נאָך איידער ער וואָלט זיך באַוויזן צו פאַרטיידיקן. נאָר ליידער איז דאָס נישט געשען און די דייטשן זיינען דערוויַיל געקומען צו זיך און האָבן אונדז באַוואָרפן מיט אַ האָגל פון האַנט-גראַנאַטן און באַשאָסן פון שווער מאַשין-געווער.

פאַר אונדז איז נישט געבליבן קיין אַנדער אויסוועג, ווי זיך צוריק־צוציען אָן פאַרלוסטן. מיר האָבן נישט געוווסט, וואָס עס איז געשען מיט אונדזערע קאָלעגן פון דער צווייטער זייט ליניע און זיינען געווען באַ־אומרויִקט וועגן זייער גורל, ווייל מיר זיינען געווען זיכער, אַז מיט זיי האָט פּאַסירט עפּעס שלעכטס, וואָס מיר האָבן נישט פאַרויסגעזעען. ווי עס האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן, איז די סיבה, פאַרוואָס די דונאַיאָוו־צעס האָבן נישט אָנגעגריפן, געווען אַ גאַנץ איינפאַכע. בעת אונדזער אָטריאַד האָט געעפנט אַ שיסעריי אויף די דייטשן, האָבן זיי זיך דער־שראָקן און אַנטלאָפן. אָט צו אַזאַ ירידה זיינען דערגאַנגען די באַרימטע און העלדישע דונאַיאָווצעס... נאָך אַ קורצער צייט אָן דונאַיעוון. עס איז בדאי צוצוגעבן, אַז די דונאַיאָווצעס זיינען געווען אַ סך בעסער באַוואָפנט פאַר אונדזער אָטריאַד. זיי האָבן געהאַט אַ גענוגנדיקע צאָל מאַשין-געווער און אויטאָמאַטן אין וואָס עס האָט זיך געפילט ביי אונדז אַ מאַנגל.

אונדזער אָטריאַד האָט געהייסן „זשוקאָוו" (אויפן נאָמען פון זשו־קאָוון). נאָר פאַרטיזאַנער פון אַנדערע אָטריאַדן פלעגן אונדז אָנרופן „אַביסינטשיקי" (אַביסיניער). טייל האָבן אַרויסגעזאָגט דאָס וואָרט „אַבי־סינטשיק" אין גוטן מוט, נישט מיינענדיק קיין שלעכטס דערמיט, אָבער פאַר מאַנכע, האָט עס געדינט ווי אַ סינאָנים פאַרן וואָרט „זשיד" און

זיי האָבן עס אַרויסגעזאָגט מיטן זעלבן גיפטיקן חוזק און שינאה, ווי דאָס וואָרט „זשיד". איצט נאָכן פאַל פון דער געמיינזאַמער אָפּעראַציע פון אונדזער אַטריאַד מיט די דונאַיאַווצעס — האָבן אַמווייניקסטן די פּאַרטיזאַנער פון דער טשאַפּאַיעווסקער בריגאַדע — אויפגעהערט אונדז צו רופן „אַביסינטשיקי".

אינמיטן פון חודש יאַנואַר 1943 יאָר זײַנען פאָרגעקומען צוויי געשעענישן, וואָס האָבן געהאַט שלעכטע פאָלגן פאַר די ייִדן פון אונדזער אַטריאַד. דאָס זײַנען געווען: — דאָס פאַרלאָזן דעם וואַלד דורך דעם גענעראַל קאָפּוסטאַ, וועלכער איז געפלויגן נאָך מאָסקווע אויף אַ לענגערער צײַט און דאָס פאַרבײַטן דעם קאָמיסאַר מאַרטינאָוו אויף אַ צווייטן. דער נײַער קאָמיסאַר — מאַראָזאָוו איז געווען אין אַלעם דער היפּוך פון שטילן און באַשיידענעם מאַרטינאָוו. אַ פּרעטענסיאָנעלער, אַ שרײַענדיקער האָט ער אַלעמען מיד געמאַכט און דערעסן מיט זײַנע שטענדיקע פּלאַכע, שאַבלאָנע און לאַנגווײַליקע רעדעס, מיט וועלכע ער האָט אונדז מהנה געווען צו יעדער צײַט. מאַרטינאָוו, כאָטש ער איז געווען אַ ליידנשאַפטלעכער טרינקער, האָט ער זיך שטענדיק געהאַלטן אין די ראַמען, מיט ווירדע, ווי עס פּאַסט פאַר אַ גײַסטיקן פירער פון אַטריאַד. מאַראָזאָוו האָט זיך שטענדיק געזידלט אויף אַן אָרדינערן אופן, און אַפילו ווען ער איז געווען ניכטער האָט ער זיך אויך פאַרהאַלטן ווי אַ שיכור. די הייך און דיק איז בײַ אים געווען די זעלביקע ווי בײַ פּאַטאַפּיענקאָ און די כאַראַקטערן זיינען בײַ זיי אויך געווען ענלעכע. פאַרן אַוועקגיין פון מאַרטינאָוו האָבן מיר נאָך געהאַט דאָס פאַרגעניגן אויס־צוהערן זײַנעם אַ פאָרטראַג וועגן דער מפּלה פון דײַטש־איטאַליענישן מיליטער אין אַפריקע. מיט דער הילף פון אַ מאַפּע וואָס איז געווען צוגע־טשעפּעט צו אַ בוים האָט ער אונדז, מיט אַ סך קענטעניש און אינטע־ליגענץ, דערקלערט דעם פאַרלויף פון די קאַמפן און די באַדײַטונג פונעם פאַריאָגן פון דאָרטן דאָס דײַטש־ איטאַליענישע מיליטער פאַרן אויסגאַנג פון דער מלחמה. מיר האָבן אויסגעהערט מיט אינטערעס זײַנע קלוגע רייד, וועלכע מיר האָבן שפּעטער, מיט באַדויערן פאַרגליכן מיט די באַ־נאַלע און גאָרנישט־זאָגנדיקע רעדעס פון מאַראָזאָוון. דער ערשטער אויפטו פון פרישן קאָמיסאַר אין אונדזער אַטריאַד איז געווען, דאָס פאַרטרײַבן

פון אַטריאַד די ייִדן, וואָס האָבן זיך געראַטעוועט מיט זייערע פאַמיליעס — און פאַרשיקן זיי קיין „סיביר". אַזוי האָבן מיר אָנגערופן דאָס אָרט פיר קילאָמעטער אָפּגערוקט פון אונדזער לאַגער, וווּהין עס האָבן זיך געמוזט איבערטראָגן די דאָזיקע פאַמיליעס. דאָס אָרט איז געווען אַ פאַרוואָרפנס, אַ פּײַכטס און עס האָט זיך דאָרטן כסדר געהערט דאָס געוואָי פון וועלף. דאָרטן האָט מאַראַזאָוו באַפוילן אויסצובויען דרײַ ערד־שטיבלעך, וווּ ער האָט באַזעצט די פאַרטריבענע ייִדישע פאַמיליעס פון אונדזער אַטריאַד. מאַראַזאָוו האָט באַגרינדעט די נויטווענדיקייט פון אי־זאָלירן די ייִדישע פאַמיליעס פונעם אַטריאַד דערמיט, — ווײַל זיי ווירקן דעמאָראַליזירנדיק אויף די איבעריקע פאַרטיזאַנער און שוואַכן אָפּ זייער קאַמפּסווילן. מאַראַזאָוס פּראָטעקטאָר און אונטערשטיצער פון אַלע זײַנע מעשים איז געווען שוסטאָפּאַוולאָוו, דער קאָמאַנדיר פון אונדזער ברי־גאַדע, וועלכער איז איצט — נאָך קאַפּוסטאַס אוועקפאָרן — געווען אַן אָפּטער גאַסט אין אונדזער לאַגער און האָט אַרויסגעוויזן גרויס אויפ־מערקזאַמקייט צו אונדזער אַטריאַד. דאָס איז געווען אַ מיטליעריקער מענטש פון אַ יאָר עטלעכע און פערציק. אַ געוועזענער אויספאָרשונגס־ריכטער און נישט קיין שלעכטער רעדנער, וועלכע האָט זיך שוין אַ ביסל צו אָפּט באַנוצט מיט זײַן טאַלאַנט. ער האָט געהאַלטן זײַנע רעדעס בײַ יעדער געלעגנהייט. דער עולם פאַרטיזאַנער האָט אין אָנהייב זיי אויס־געהערט געגוג גערן, נאָר שוסטאָפּאַוולאָוו פלעגט זיך אָפּט פאַרגעסן, אַז ער רעדט נישט צו קיין פאַרברעכער נאָר צו פאַרטיזאַנער — און מיט זײַן נישט טאַקט און אַראָגאַנץ — אַרויסגערופן בײַ אַלעמען ווידערווילן צו זיך. אַזוי האָט ער איין מאָל אין זײַנער אַ רעדע געהאַלטן פאַר אונ־דזער אַטריאַד געזאָגט מיט שאָדן־פרייד: — „זאָל זיך קיינער פון אײַך נישט אײַנריידן, אַז ער וועט דאָ אין וואַלד איבערלעבן די מלחמה. 95% פון אײַך וועלן סײַ ווי סײַ אומקומען"! — די דאָזיקע אומגעלומפּערטע רייד זײַנע — וואָס זײַנען אַ באַווײַז פון אייגענער קליינמוטיקייט און פחדנות — האָבן אַרויסגערופן פאַרביטערונג און איבערגעלאָזן אַ נישט אָנגענעם בײַגעשמאַק צו זיך. איינער האָט געפרעגט בײַם צווייטן, צוליב וואָס ער האָט דאָס געזאָגט? — אונדזער אויפגאַבע איז דאָך נישט אומצוקומען, צו שטאַרבן, נאָר צו קעמפן! — און עס האָבן זיך געפונען

צווישן אונדז אַזעלכע, וואָס האָבן גוט געקענט שוסטאַפּאַוולאָוון און האָבן געוווּסט, אַז ער ציטערט גאַנץ שטאַרק פאַר זײַן אייגן לעבן און ביליק איז נאָר ביי אים יענעמס לעבן.

צו יענער צײַט איז שוין דער אַטריאַד צוריק געווען נישט שלעכט אײַנגעאָרדנט. מיר האָבן געוווינט אין באַהייצטע ערד־שטיבלעך. יעדע ראָטע האָט געהאַט אַן אייגענע קיך, וואָס האָט געקאָכט צוויי מאָל אין טאָג עסן, און מיר האָבן געפירט — אויב מען קען זיך אַזוי אויסדריקן — אַ נאָרמאַל פּאַרטיזאַנער לעבן. צו די שטענדיקע פונקציעס אין אַטריאַד האָבן געהערט: דאָס האַלטן די וואַך, ברענגען פּראָדוקטן און דאָס פאַרנעמען זיך מיט דערווירטשאַפט. דער גרעסטער טייל פּאַרטיזאַנער פלעגן זיך געוויינלעך תמיד געפינען מחוץ דעם לאַגער אין פאַרשיידענע שליחותן און אויף קאַמפּס־אָפּעראַציעס. דער טייל וואָס איז געבליבן אין לאַגער האָט געהאַט אַרבעט איבערן קאָפּ און עס פלעגט אָפט טרעפן, אַז אַ פּאַרטיזאַן וואָס איז נאָרוואָס געקומען אין לאַגער נאָך אַ געפער־לעכער און אויסמאַטערנדיקער שליחות האָט — נישט אָפּרוענדיק זיך געהעריק — גלײַך געדאַרפט גיין אויף וואַך אָדער טאָן עפּעס אַנדערע אַרבעטן אין לאַגער. די וואַכן האָבן פאַרנומען אַ וויכטיק אָרט צווישן די פונקציעס פונעם אַטריאַד און האָבן פאַרשלונגען אַ סך פּאַרטיזאַנער כוחות. אָפּערירנדיק אין הינטערלאַנד פונעם שונא און זײַענדיק אַרומ־גערינגלט דורך אים פון אַלע זײַטן — גאַנץ אָפט אָפּגערוקט סך הכל אויף אַ מהלך פון אייניקע קילאָמעטער — האָט זיך געפאָדערט אַ באַ־זונדערע וואַכזאַמקייט און אַ גוט אָרגאַניזירטע שוץ, כדי זיך נישט צו לאָזן איבערראַשן פונעם שונא. די שוץ איז געווען אײַנגעטיילט אין צוויי טיילן: — ערשטנס, פון באַוואַכן דעם נאָענטן שטח אַרום דעם אייגע־נעם פּאַרטיזאַנער לאַגער פון יעדן אַטריאַד באַזונדער, און צווייטנס — דאָס באַוואַכן דעם גאַנצן שטח אַרום אַלע לאַגערן פון דער בריגאַדע און שיצן אַלע וועגן, דורך וועלכע דער שונא וואָלט געקענט אויף אונדז אָנפאַלן. צו דעם צוועק האָבן געדינט „זאַסאַדעס", וועלכע זײַנען באַ־שטאַנען פון אַ גרעסערער גרופּע פּאַרטיזאַנער, וואָס האָבן געמוזט האָבן מיט זיך, אַמוניציקסטנס, כאָטש איין מאַשין־געווער. די „זאַסאַ־דעס" זײַנען געווען צעשטעלט (דורכן שטאַב בריגאַדע) אויף אַלע

פונקטן, דורך וועלכע מען האָט געקענט צוקומען צו אונדזערע לאַגערן און זיינען געווען אָפּגערוקט אויף אַ גרויסן מהלך פון זיי (טייל מאָל ביז 10 קילאָמעטער) זייער אויפגאַבע איז געווען, אויפצוהאַלטן דעם שונא וואָס לענגער אין פאַל פון אַן איבערפאַל און באַצייטנס אַלאַרמירן די אָטריאַדן. די „זאַסאַדע" פון אונדזער אָטריאַד האָט זיך געפונען זעקס קילאָמעטער אָפּגערוקט פונעם לאַגער אויפן ראַנד פון וואַלד לעבן אַ דאָרף. צוליב דעם, וואָס נישט ווייט פון אונדזער „זאַסאַדע" האָבן זיך געפונען דייטשן, האָבן מיר נישט געטאָרט דאָרטן ברענען ביינאַכט קיין פייער, כדי זיך נישט צו דעמאַסקירן. דער פראָסט איז דערגאַנגען ביז 35 גראַד. די „זאַסאַדעס" האָבן זיך געביטן יעדן מעת־לעת און יעדערער באַטייליקטער האָט געדאַרפט דורך דער צייט צו שטיין אויף וואַך 8 שעה, פיר מאָל צו צוויי שעה און אַזאַ צאָל שעהן צו „באַדרעוון" (רוען וואַכנדיק און קאַמפּסגרייט). די איבעריקע צייט האָט מען געמעגט שלאָפן. נאָר די צרה איז געווען וואָס אַן „קאָסטיאָר" אויפן פראָסט איז דאָס רוען געווען פונקט אַזוי מאַטערנדיק ווי דאָס שטיין אויף וואַך. דערפאַר האָבן מיר אונטערגעהאַלטן די וואַרעמקייט פון אָרגאַניזם מיט פלייש און פעטס — וועלכע עס איז געוואָרן צוגעטיילט אין אַ גענוגנדיקער צאָל פאַר די, וואָס זיינען געגאַנגען אויף „זאַסאַדעס". אחוץ די וואַכן און „זאַסאַדעס" זיינען ביינאַכט אַרומגעגאַנגען פּאַרטיזאַנער־פּאַטרולן, וועלכע האָבן אויסגעמאָסטן דעם גאַנצן שטח אויף וועלכן עס זיינען געווען צע־שטעלט די „זאַסאַדעס" פון אונדזער בריגאַדע.

צום סיסטעם וואָס האָט געבילדעט דעם שוץ פון די פּאַרטיזאַנער דאַרף מען נאָך צורעכענען די ספּעציעלע אויסשפּירער וואָס האָבן זיך געפונען לעבן שטאַב־בריגאַדע און לעבן יעדן שטאַב פון די אָטריאַדן, באַזונדער — און דער עיקר — די פאַרבינדלער און פריינט צווישן דער אַרומיקער באַפעלקערונג. לויט דעם זעלבן בוי און טעכניק דורך וועלכע עס זיינען געווען פאַרבונדן מיט זיך די אָטריאַדן פון איין בריגאַדע — זיינען געווען פאַרבונדן מיט זיך די בריגאַדעס פון איין פאַראייניקונג.

דאָס באַזאָרגן מיט פּראָדוקטן דעם אָטריאַד האָט אויך נישט גע־הערט צו די לייכטע זאַכן, ווייל פּראָדוקטן האָט מען נישט געטאָרט נע־מען פון די נאָענטע דערפער וואָס האָבן געהערט צו דער פּאַרטיזאַנער־

זאָגע, נאָר מען האָט זיי נעדאַרפט ברענגען פון די ווײַטע דערפער, בײַם שונא אונטערן נאָז. דאָס איז געווען פאַרבונדן מיט סכנות־נפשות און האָט געקאָסט נישט ווייניק קרבנות. צו דערווירטשאַפט, ווי צום באַדי־נען די קיך און צום „אַבאַז", זײַנען געווען באַשטימט ספּעציעלע מענטשן, וועלכע זײַנען געווען באַפרײַט פון אַלע אַנדערע דינסטן אין אַטריאַד. אחוץ דעם, האָבן בײַ אונדז פון צײַט צו צײַט געאַרבעט פאַכלײַט: — שוסטער, שנײַדער און געווער־מײַסטער.

כדי צו פאַרהיטן די ווײַסרוסישע יוגנט, אַז זיי זאָלן נישט ווערן אוועקגעשיקט קיין דײַטשלאַנד אויף אַרבעט, זײַנען זיי — דאָרט וווּ עס איז מעגלעך געווען — מאָביליזירט געוואָרן דורך די פּאַרטיזאַנער און גילטשיק האָט באַשלאָסן דעם מאָביליזאַציע־באַפעל אויך לגבי יידן. אין שיכות דערמיט איז געוואָרן אַקטועל דאָס ברענגען די יידן פון שוויערזש־נער לאַגער צו אונדז אין אַטריאַד. די צווייטע העלפט פון חודש יאַנואַר זײַנען אַוועק לויטן באַפעל פון אונדזער שטאַב, אַ גרופּע פון אייניקע פּערזאָן, צווישן וועלכע ס'האָט זיך אויך געפונען הערשל פּאַסע־סאָרסקי, אין דער געגנט פון סטאָלפּצע מיטן ציל דאָרטן צו פאַרברענגען אַ סמאָליאַרניע. אחוץ די דאָזיקע אָפיציעלע אויפגאַבע האָבן זיי באַקומען פון ווײַנערן און פון גילטשיקן, אין איין וועגס, נאָך אַן אויפגאַבע אויס־צופירן, — צו העלפן באַפרײַען די יידן פונעם שוויערזשנער לאַגער און זיי ברענגען מיט זיך. מיט אייניקע טעג שפּעטער נאָכן אויספירן די אָפיציעלע אויפגאַבע זײַנען אַלע פון דער גרופּע — אחוץ פּאַסעסאָרסקין — צוריקגעקומען און האָבן דערקלערט: — אַז עס איז זיי נישט גע־לונגען צו פאַרשטענדיקן זיך מיט די יידן פון שוויערזשנער לאַגער און האָבן דערווײַל געמוזט רעזיגנירן פון זייער אויפגאַבע.

28 יאַנואַר 1943. הײַנט בין איך אויף גילטשיקס באַ־פעל אַוועק אין שטאַב פון דער פאַראייניקונג צו אַרבעטן שנײַדערײַ. איך בין געווען צופרידן פון דעם, ווײַל איך האָב געהאַט די מעגלעכקייט זיך צוצוקוקן פון דער נאָענט צום פּריוואַטן לעבן פון נאַטשאַלסטוואָ. געאַרבעט האָב איך אין דער גערוימער און ליכטיקער זיעמליאַנקע פון שטאַב, ווו ס'האָבן געוווינט: — די פרוי פון גענעראַל קאַפּוסטאַ און דער שטאַב־נאַטשאַלניק פּיאָטר זאַכאַראָוויטש מיט זײַן פרוי.

פּיאָטר זאַכאַראָוויטש — אַ הויכער, שלאַנקער ברונעט מיט אַן אינטעליגענט פּנים און פיינע מאַניערן, זיין פרוי — אַ יונגע, סאָפּריזנע פּרעטענציאָנעלע דאַמע, צו וועלכער, ווי איך האָב באַמערקט, פּיאָטר זאַכאַראָוויטש האָט זיך באַצויגן מיט גרינגשעצונג. אחוץ דעם האָבן זיך דאָרטן געפונען אַלס געסט, אַ וווּנדערבאַר שיין יונג פּאָרל, ערשט געקומענע מיט אַן עראָפּלאַן פון מאָסקווע, וועלכע האָבן מיט זייער אויסזען און האַלטונג געמאַכט אַן איינדרוק פון אַריסטאָקראַטן, געקומענע אין וואַלד אויף יאַגד. די האַלטונג פון די איינוווינער — אחוץ די פרוי פונעם שטאַב־נאַטשאַלניק — איז געווען אַן איינפאַכע, אַ באַשיידענע און איך האָב זיך געוווּנדערט זעענדיק, ווי די פרוי פונעם קאָמאַנדיר פון דער פאַראייניקונג אַרבעט אַ גאַנצן טאָג און טוט אַלץ אַליין אין דער צייט, ווען די ווייבער פון די ראָטעס־קאָמאַנדירן און אַפילו פון די וויזוואָדס־קאָמאַנדירן ביי אונדז אין אָטריאַד זיינען גאַנצע דאַמען און דאַרפן, אַז מען זאָל זיי באַדינען. צו מיר האָבן זיך אַלע באַצויגן איידל און העפלעך, איך האָב געגעסן מיט אַלעמען צוזאַמען ביי איין טיש און פּיאָטר זאַכאַראָוויטש האָט פאַר מיר אַריינגעגאָסן דאָס ערשטע גלעזל און האָט מיך באַהאַנדלט מיטן געהעריקן כבוד וואָס פאַדערט זיך פאַר אַ גאַסט. קומענדיק נאָך דער אַרבעט אין לאַגער, בין איך געוויינלעך געווען אַ פרייער פויגל. די קאָמאַנדירן פון מיין ראָטע האָבן מיר נישט געקאָנט באַפעלן אויסצופירן וועלכע עס איז דינסט, ווייל מיך האָט איבערגענומען צו דער דיספּאָזיציע פון שטאַב דער קאָמאַנדיר פון אָטריאַד, און אַזוי לאַנג ווי ער נעמט מיך נישט צוריק פון דאָרטן האָט קיינער נישט געהאַט קיין שליטה איבער מיר. היינט איז געווען אַנדערש — מיין קאָמאַנדיר־וויזוואָדא באַבעריעקאַ האָט מיר פאַרגעלייגט, אַז איך זאָל אויסנאַמסווייז צוליב דעם, וואָס עס זיינען נישט פאַראַן קיין פרייע מענטשן פון אונדזער ראָטע אין לאַגער — היטן אַן אַרעסטירטן פּאַרטיזאַן. דער אַרעסטירטער איז געווען וולאַדימיר סולימאַוו, אַן אַלטער און אויסגעצייכנטער פּאַרטיזאַן פון מיין ראָטע. דאָס איז געווען אַ ריזיקער יונג פון אַ יאָר עטלעכע און צוואַנציק, אַ הויכער, געזונטער סיביריאַק, וואָס אַפילו אין די גרעסטע פרעסט איז ער געגאַנגען אָן אַן אויבער־מלבוש און מיט אַן אָפענעם האַלדז. ער איז געווען אַ

פולבלוטיקער און טעמפּעראַמענטפולער, אַ גוטער און אויסערגעוויינלעך דרײַסטער פּאַרטיזאַן. אָבער אַ שטאָלצער און אײַנגעשפּאַרטער, און האָט געהאַט אַ טבע אײַנצורײַסן מיט נאַטשאַלסטוואָ און זאָגן הויך אויפן קול דאָס, וואָס ער האָט געטראַכט וועגן זיי. ווען נישט אָט דער טבע זײַנער, וואָלט ער אַליין געקאָנט ווערן אַ נאַטשאַלניק. ער האָט זיך אַ סך מאָל אויסגעצייכנט אין קאַמף מיטן שונא. איינמאָל האָט פּאַסירט מיט אים אַזאַ זאַך: — זײַענדיק אין אַ דאָרפישע כאַטע מיט נאָך אייניקע פּאַר־טיזאַנער איז דאָרט פּלוצים אָנגעקומען פּאָליציי. אַזוי ווי דער שטח איז געווען אַ קליינער אויף צו קעמפן מיט געווער, איז אויסגעבראָכן אַ נאָענ־טער האַנט־געראַנגל צווישן די פּאַרטיזאַנער און דער פּאָליציי. דעמלט האָט סולימאָוו זיך אײַנגעביסן מיט די ציין אין אַ פּאָליציאַנט און האָט אים — ווי אַ וואָלף אַדורכגעביסן דעם גאָרגל. הײַנט, האָבנדיק אַ ביסל צופּיל אויסגעטרונקען, האָט ער זיך דערלויבט צו באַליידיקן די „פּרוי" פון נאַטשאַלניק פאַר באַזונדערע ענינים פּאַטאַפּענקאָ. ער האָט איר אָנ־גערופן „בליאַד". דאָס איז געווען אַ ייִדיש מיידל, וועגן וועלכער עס איז אַרומגעגאַנגען אַ ווערטל בײַ אונדז אין אָטריאַד — „אַ יונג מיידל —און אַלטע נקבה"... עס האָט זיך אַרײַנגעמישט דער ראָטע־קאָמאַנ־דיר קאַרלאָוויטש, האָט ער אים אויך נישט געשוינט און געדראָט מיט אַ גראַנאַט, וועלכער איז אָגב געווען אָן אַן אָנצינדער. דער סוף איז געווען מען האָט אים אַרעסטירט און איך האָב צוליב דעם באַקומען אי־בעריקע אַרבעט און נישט געקאָנט שלאָפן.

דאָס פּראָבלעם פון שטראָף, איז אין פּאַרטיזאַנער־לעבן געווען קאָמפּליצירטער ווי אין רעגולערן מיליטער. אַ רעגולערע מיליטערישע פאָרמאַציע האָט פאַרשיידענע מעגלעכקייטן צו באַשטראָפן אַ באַשולדיקטן זעלנער. זי קאָן אים באַשטראָפן מיט אַרעסט, מיט שיקן אויף דער ערשטער ליניע אין אַ שטראָף־באַטאַליאָן אאַז"וו. אַנדערש איז געווען אין פּאַרטיזאַנער, ווו די דאָזיקע שטראָפן האָבן צוליב די ספּעציפישע באַ־דינגונגען אָנגעוואָרן יעדן זין און כאַראַקטער פון שטראָף. אַזוי אַז די איינציקע פּאַקטישע און ווירקזאַמע שטראָף איז געווען טויטשטראָף. די ערשטע צײַט פון מײַן אָנקומען אין פּאַרטיזאַנער איז נאָך געוואָרן באַנוצט די שטראָף פון „שאָמפּעלס", דער פּאַרזינדיקטער האָט באַקומען

אַ פּאָר שמיץ מיט אַ „שאַמפּעל" (די דראָט צו רייניקן די לופּע פון ביקס). די דאָזיקע שטראָף איז שפּעטער מער נישט אָנגעוואָנדן געוואָרן. ביז אַ צײַט איז אויך באַנוצט געוואָרן דאָס באַשטראָפן מיט שיקן דעם פּאַרזיני־דיקן אויסער דער ריי אויף וואַך. נאָך נאָך דעם, ווי עס איז אויסגע־בראָכן אַ סקאַנדאַל צוליב דעם, איז די דאָזיקע שטראָף אָפּגעשאַפן גע־וואָרן. די געשיכטע דערפון איז אַזאַ: — אַ פּאַרטיזאַן, וואָס איז פאַר אַ שטראָף געווען אויסער דער ריי אויף דער וואַך איז דאָרט פון צופיל פאַרמאַטערטקייט אַנטשלאָפן געוואָרן. די זאַך איז דערגאַנגען צו דער העכערער נאַטשאַלסטוואָ, וואָס האָט אויפגעקלערט, אַז עס איז נישט דערלויבט צו האַלטן קיינעם אויף וואַך מער, ווי עס זעט פאָר דער רעגור־לאַמין און דערמיט שטעלן אין געפאַר די אַלגעמיינע זיכערקייט. עס איז איבערהויפּט נישט דערלאָזבאַר צו מאַכן פון דער וואַך — וואָס ווערט באַטראַכט ווי אַן ערנדינסט — אַן אָביעקט פון שטראָף. קיין ספּעציעלע תפיסה האָט פאַרשטייט זיך אין פּאַרטיזאַנער־באַדינגונגען אויך נישט געקענט עקזיסטירן. זומערצײַט פלעגט דער אַרעסטירטער זיצן אויף דער פרײַער לופט אונטער אַ בוים און לעבן אים איז געשטאַנען אַ באַוואָפנ־טער פּאַרטיזאַן און ביידע האָבן זיך אונטערהאַלטן. ווינטער, בעת מיר האָבן געוווינט אין ערדשטיבלעך האָט אַן אַרעסטירטער פּאַרטיזאַן צוזאַ־מען מיט זײַן שומר זיך געפונען אין ערשטן בעסטן ערדשטיבל, וואָס איז צײַטווײַליק געווען פאַרלאָזט דורך די אײַנוווינער. וועלכע האָבן זיך גע־פונען אויף דינסט מחוץ דעם לאַגער. לויט די פאַרשריפטן האָט אַן אַרעסטירטער געדאַרפט זײַן אויף אַ דיעטע, וועלכע איז באַשטאַנען פון 300 גראַם ברויט אַ טאָג. נאָר עס האָט געהערשט אַ מנהג בײַ די פּאַר־טיזאַנער וואָס איז געווען כמעט ווי אַ געזעץ, אַז אַן אַרעסטירטער פּאַר־טיזאַן איז געוואָרן באַזאָרגט, דורך פאַרשיידענע אופנים, מיט עסן דורך זײַנע קאָלעגן. בכלל האָבן מיר זיך באַצויגן מיט ביטול צום גאַנצן ענין פון אַרעסט, וואָס האָט געדינט פאַר אַ טעמע פון וויצלען זיך. ערנסט האָט מען זיך באַצויגן צו אַרעסטירטע פּאַרטיזאַנער ערשט דעמלט, ווען זיי זײַנען געווען געבונדענע, ווײַל די זײַנען אין גרעסטן טייל געווען קאַנדידאַטן אויף דערשאָסן צו ווערן.

סולימאָוו איז נישט געווען קיין געבונדענער, דעריבער האָב איך אויס־

געפירט מײַן פונקציע פון אַ שומר אויף אַזאַ אופן: — איך בין געזעסן בײַם אײַוועלע אונטערגעהאַלטן דאָס פײַער און צו ביסלעך געדרעמלט, און ער איז באַקוועם געשלאָפן אויף דער פּריטשע.

אויף צומאָרגנס אין דער פרי איז געקומען דער נאַטשאַלניק פאַר באַזונדערע ענינים פּאַטאַפּענקאַ און האָט זיך אַרײַנגעלאָזט אין אַ פּרײַוואַט־לעבן שמועס מיט סולימאַוון, און אין זײַער אַ מילדער פאָרעם, מיט פּאַטערלעכער זאָרג האָט ער אים אויסגערעדט און פאָרגעוואָרפן, פאַרוואָס ער איז נישט באַהערשט און לאָזט זיך מיטרײַסן פון זײַנע לײַדנשאַפטן און אויסברוכן, וואָס קענען נאָך אַ מאָל חלילה ברענגען אויף אים, סולי־מאַוון, — אַן אומגליק. דערנאָך האָט ער באַזאָרגט פאַר סולימאַוון עסן און זיי האָבן נאָך צוזאַמען פאַרבראַכט געמיטלעך אַ לענגערע צײַט. בלויז איין מאָל איז אַ ביסל געשטערט געוואָרן די האַרמאָניע אין דעם טאָן פון זײַער פרײַנדלעכן שמועס. דאָס איז געווען דעמאָלט, ווען סולימאַוו האָט געפּרוּווט אויסטײַטשן פּאַטאַפּענקאָן, אַז ער האָט אייגנטלעך גאָר־נישט געטאָן קיין שלעכטס, בלויז אָט די „בליאַד"... דעמאָלט האָט אים פּאַטאַפּענקאַ שאַרף איבערגעריסן און געזאָגט — „זי איז נישט קיין „בליאַד" — זי איז מײַן פרוי"! פּאַטאַפּענקאַ איז אַוועק און איך האָב געהאַלטן סולימאַוום ענין שוין פאַר אַ ליקווידירטן, און כ'האָב זיך גע־טראַכט „מײַן שווער געמיט און מײַנע ווילדע חלומות אויף אײַערע ביידנס קעפּ, וואָס צוליב אײַער שיכורן און ווײַבערישע אַוואַנטורעס, האָב איך געפּטרט אַ נאַכט". נאָר עס האָט נישט לאַנג געדויערט און פּאַטאַ־פּענקאַ איז צוריקגעקומען און האָט מיר באַפוילן, אַז איך זאָל אַוועקפירן סולימאַוון אין ערדשטיבל פון ראָטע־קאָמאַנדיר קאַרלאָוויטש. בעת מיר זײַנען דאָרטן אַרײַן האָט שוין געוואַרט אויף אונדז דער נאַטשאַלניק פאַר באַזונדערע ענינים פון שטאַב־בריגאַדע. אין אָנהייב האָט ער אויסגע־פרעגט דעם אַרעסטירטן וועגן זײַנע פּערסאָנאַליען און שפּעטער ווען ער איז צוגעטרעטן צו דעם עצם אויספאָרשונג, האָט ער מיך געהייסן פאַרלאָזן דאָס ערדשטיבל און וואַרטן אין דרויסן אויפן אַרעסטירטן. איך בין געשטאַנען לעבן טיר און האָב גאָרנישט געהערט וואָס עס קומט פאָר אינעווייניק. אין אַ געוויסן מאָמענט זײַנען דערגאַנגען צו מײַן אויער עפּעס געשרייען, נאָר איך האָב זיך נישט באַוויזן פונאַנדערצונע־

מען וועגן וואָס עס האַנדלט זיך, ווײַל עס איז באַלד ווידער שטיל גע־וואָרן. עס האָט נישט לאַנג געדויערט ווי עס איז פון דאָרטן אַרויסגעקומען פּאַטאַפּענקאָ אַ שטאַרק פּאַרטוועגנער און האָט געזוכט אַ שטריק. ווען איך האָב צוריקגעפירט סולימאַוון אין אַרעסט האָט ער שוין געהאַט פאַרבונדן די הענט אויף הינטן. בעת איך בין געבליבן מיט אים אַליין אין ערד־שטיבל, איז כאָטש ער איז געווען אַ געבונדענער, בין איך פונדעסטוועגן געווען שטאַרק וואַכזאַם און נישט אַראָפּגענומען די אויגן פון אים, ווײַל — ווער קאָן וויסן... אין וואָס פאַר אַ פּאָרעם ער קאָן וועלן אויס־לאָדענען זײַן ריזיקן כוח בײַם מאַכן דעם לעצטן חשבון מיט דער וועלט דער דאָזיקער פולבלוטיקער יונג אין דער לעצטער שעה פון זײַן 24־יאָריקן לעבן.

נאָר סולימאַוו איז געווען רויק און אַ רעזיגנירטער האָט ער כסדר איבערגעחזרט: — „כ׳קום אום — און פאַרוואָס?” — איך האָב אים געפּרוווט טרייסטן, אַז עס קאָן נאָך אַלץ צוריק גוט ווערן, נאָר ער האָט מיר דערווידערט און מיט אַ טאָן פון אַן עלטערן און מער דערפאַרענעם פּאַרטיזאַן, האָט ער מיר פאַרזיכערט — „ניין, כ׳בין פאַרלוירן”...

אַ געווויסע צײַט איז ער געשטאַנען פאַרטראַכט מיטן קאָפּ אָנגעלענט אין וואַנט, נאָר מיטאַמאָל האָב איך באַמערקט, ווי ער האָט זיך אינגאַנצן געענדערט. דאָס פּנים איז בײַ אים געוואָרן אויסגעקרימט און פאַרגאָסן מיט בלוט, און די אָדערן אָנגעשוואָלן, רויט און געשפּאַנט, ווי אָנגעגליטע דראָט. די אויגן זײַנען בײַ אים געווען ברייט אויפגעריסענע און האָבן געשפּראָצט מיט פײַער און איך האָב געפילט — ווען אַט די געוואַלדיקע, צאָרנדיקע ענערגיע און בונט, וואָס רײַסן זיך איצט אין אים זאָלן פאַר־וואַנדלט ווערן אין טאַט, קאָן עפּעס שרעקלעכס געשעען... — נאָר ער האָט בלויז דורך די שטאַרק צוזאַמענגעקוועטשטע ציין אַרויסגעזי־משעט: — אַ־אַ־אַך! — פאַרוואָס האָב איך זיך נישט געוואָרפן אויף זיי און ווי אַ הונט זיי נישט צעביסן? נאָך דעם דאָזיקן אָנמעכטיקן אַטאַק פון צאָרן איז ער אָוועקגעפאַלן אַן אויסגעשעפּטער און אַן אָפּגע־שוואַכטער אויף דער פּרימשע, און איז שוין געלעגן רויק.

אין אַ ווײַלע אַרום איז אַרײַנגעקומען פּאַטאַפּענקאָ מיט צוויי באַ־וואָפנטע פּאַרטיזאַנער און מיט אַ לאַנגן שטריק, וועלכן ער האָט צוגע־

בונדן צום שטריק מיט וועלכן עס זײַנען געווען פאַרבונדן סולימאָווס הענט, און אויף מײַן גורל איז אויסגעפאַלן די נישט דאַנקבאַרע ראָל — צו פירן סולימאָווון אויפן שטריק אַזוי ווי מען פירט אַן אָקס צו דער שחיטה.

מיר האָבן אים צוגעפירט ביז צו דעם אָרט, וווּ עס איז שוין געשטאַנען אויפגעשטעלט דער גאַנצער אַטריאַד און געוואַרט. דאַן האָט דער קאָמיסאַר מאַראַזאָוו געהאַלטן אַ רעדע אין וועלכער ער האָט געזאָגט: אַז וולאַדימיר סולימאָוו איז שוין פון לאַנג אַ דײַטשער שפּיאָן, נאָר ער האָט זיך ביז איצט גוט מאַסקירט, און נאָר אַ דאַנק דער באָלשעוויסטישער וואַכזאַמקייט, פאַר וועלכער עס איז גאָרנישט מעגלעך צו פאַרהוילן... סולימאָוו האָט געפּרוּווט צו פּראָטעסטירן, נאָר מען האָט אים באַלד שטיל געמאַכט, און מאַראַזאָוו האָט ווײַטער פאָרגעזעצט זײַן רעדע.

סולימאָוו האָט שוין מער נישט דערווידערט, נאָר שטיל פאַר זיך האָט ער געזאָגט: — „או נאַם וסיא נאַכאַלנאַ" (בײַ אונדז איז אַלץ נאַכאַלנע). מאַראַזאָוו האָט געענדיקט מיט זײַן געוויינלעכן נוסח און דער עולם איז זיך פונאַנדערגעגאַנגען שטילערהייט מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ. פּאַטאַפּענקאָ האָט איצט צוריק אָפּגעבונדן בײַ סולימאָוון די לאַנגע שטריק אויף וועלכער מען האָט אים געפירט, און איך מיט נאָך צוויי קאָלעגן און פּאַטאַפּענקאָ — מיטן נאַגאַן אין האַנט — האָבן אים געפירט צום אָרט פון דער עקזעקוציע.

סולימאָוו איז געגאַנגען פאָרויס, איך מיט פּאַטאַפּענקאָן פון הינטן און די אַנדערע צוויי קאָלעגן פון ביידע זײַטן. מיר האָבן קוים באַוויזן אָפּצוגיין אייניקע מעטער אין דער זײַט צווישן די קוסטעס, ווי פּאַטאַפּענקאָ האָט זיך פאַרמאַסטן אויף אים מיטן נאַגאַן. סולימאָוו האָט אינסטינקטיוו זיך אָפּגעשטעלט און אויסגעדרייט דעם קאָפּ, דאַן האָט אים פּאַטאַפּענקאָ באַרוּקט מיט די דאָזיקע ווערטער: — „גיי ווײַטער — זיי רוּיק דאָ וועל איך דיך נישט שיסן!" — נאָר סולימאָוו האָט קוים באַוויזן צוריק אויסצודרייען דעם קאָפּ, ווי פּאַטאַפּענקאָ האָט אים אַרײַנגעזעצט אַ קויל אין שאַרבן און ער איז געפאַלן ווי אַ שטיין אויף הינטן מיטן פּנים אַרויף און אין אינגאַנצן בלוי געוואָרן. דאָס אַלץ האָט געדויערט בלויז אַן אויגנבליק (פּאַטאַפּענקאָ איז אָפּנים געווען גוט געאיבט

אין דעם אָרט „ספּאָרט") — און געשען אזוי פּלוצים און אומגעריכט, אַז איך מיט די אַנדערע צוויי באַגלייטער זײַנען געבליבן שטיין צעמישט און פאַרגאַפּטע, זיך אײַנגעקוקט אינעם ליגנדיקן מת. נאָר פּאַטאַפּענקאָ האָט אונדז באַלד דערמאָנט וועגן אונדזערע פליכטן און דראָענדיק מיטן נאַגאַן האָט ער אונטערגעיאָגט שנעל אויסצוטאָן דעם טויטן. בעת מײַנע קאָלעגן האָבן זיך פאַרנומען מיטן אָראַפּציִען די שטיוול און די הויזן פונעם מת האָב איך זיך שנעל אַוועקגעדרייט פון דאָרטן מורא האָבנדיק אַז פּאַטאַפּענקאָ קאָן אַ מאָל אַרויסווײַזן „גרויסמוטיקייט", און מיר וועלן שענקען עפּעס פון סולימאַוונס זאַכן. נאָר ווי עס האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן, איז מײַן מורא געווען אַן אומזיסטע, ווײַל עס האָבן זיך געפונען געגנוג בעלנים, וואָס האָבן רעפלעקטירט אויף דער ירושה נאָך וולאַדימיר סולימאַוון.

30 יאַנואַר 1943. הײַנט איז הערשל פּאָסעסאָרסקי צוריקגעקומען פון וועג, און האָט געבראַכט מיט זיך 135 ייִדן באַפרײַטע פון שוויערזשנער אַרבעטס־לאַגער. באַפרײַט פון לאַגער זײַנען געוואָרן ביז 250 ייִדן, נאָר בײַם אַנטלויפן האָבן אַ טייל זיך פאַרלוירן און זײַנען אַוועק אין אַן אַנדער ריכטונג (אַ געוויסע צאָל פון זיי זײַנען אומגעקומען אין וועג און די איבעריקע האָבן זיך דערשלאָגן אין אָטריאַד פון ביעלסקען). צווישן די געבראַכטע צו אונדז אין אָטריאַד האָבן זיך אויך געפונען: — פּאָסעסאָרסקיס אַ שוואָגער, אַ שוועסטער און דאָס 12־יאָריקע ברודערל זײַנס, סימעק (געראָטן אין הערשן), וועלכער האָט בעת דער ערשטער סטאָלפּצער שחיטה פון אייגענער איניציאַטיוו זיך געראַטעוועט, אַנטלויפנדיק דורך דער געטאָ־פּאַרצוימונג און אַרײַנבאַקומענדיק זיך אין שוויערזשנער אַרבעטס־לאַגער.

די געשיכטע פון באַפרײַען די ייִדן פונעם שוויערזשנער לאַגער איז אינטערעסאַנט און באַלערנדיק, צוליב דער באַזונדערקייט פון דעם אופן און טעכניק מיט וועלכער פּאָסעסאָרסקי האָט זיך דערבײַ באַנוצט. דאָס רוב איז דאָס העלפן ראַטעווען ייִדן, וועלכע האָבן זיך געפונען אין לאַגערן אָדער אין געטאָס, דורך זייערע ברידער, וואָס האָבן זיך שוין געפונען אין פּאַרטיזאַנער פאַרגעקומען אויף דעם אופן, וואָס מיט דער הילף

פון אַ פאַרבינדלער איז געוואָרן מיטגעטיילט, דאָס מען וואַרט אויף זיי אויף אַ באַשטימטן אָרט, וווהין די דאָזיקע ייִדן דאַרפן קומען. אַרויסבאַקומען זיך פון דאָרטן האָבן זיי געדאַרפט מיט אייגענע כוחות. דאָס אַרויסבאַקומען זיך פון די לאַגערן און געטאָס איז נישט געווען די הויפּט־שוועריקייט. דאָס האָבן זיך ווי אַהינצוטאָן שפּעטער שוין נאָכן אַנטלויפן פון דאָרטן, כדי נישט ווײַטער אַרײַנצופאַלן אין הענט פון שונאים איז געווען די הויפּטזאָרג. די עיקר־אויפגאַבע פון די ייִדן פּאַרטיזאַנער איז באַשטאַנען אין פאַרזיכערן די דאָזיקע הילף זייערע ברידער. אויף אַזאַ אופן האָט מען געהאָלפן זיך ראַטעווען פון די דײַטשן דער באַראַנאָוויטשער גרופּע, און אויף אַן ענלעכן אופן איז געווען געפּלאַנט דאָס העלפן באַפרײַען זיך פונעם לאַגער די שוויערזשנער ייִדן. בעת עס איז אַוועק אין סטאָלפּצער געגנט די גרופּע פּאַרטיזאַנער צוזאַמען מיט פּאַסעסאַרסקין, האָבן זיי זיך טאַקע נוהג געווען אויף דעם זעלבן אופן. זיי האָבן איבערגעשיקט אַ בריוו דורך אַ פאַרבינדלער צו די שוויערזשנער ייִדן אין וועלכן מען האָט זיי צוּוויסן געגעבן, אַז מען וואַרט אויף זיי אין נאָענטסטן וועלדל (אויף אַן אָפּגערעדט אָרט), און געעצהט ווי אַזוי זיי זאָלן זיך בײַנאַכט אַרויסבאַקומען פונעם לאַגער. נאָר פון דעם איז גאָרנישט אַרויסגעקומען צוליב פאָלגנדע טעמים: נישט אַלע ייִדן פון שוויערזשנער לאַגער זיינען געווען אײַנשטימיק צו אַנטלויפן — טייל האָבן געהאַלטן, אַז מען דאַרף נאָך אונטערוואַרטן, ביז עס וועט וואַרעם ווערן. אַנדערע האָבן געהאַלטן, אַז מען דאַרף אינגאַנצן נישט אַנטלויפן נאָר בלײַבן אויפן אָרט און צוליב דעם (מחמת קאָלעקטיווע פאַראַנטוואָרטלעכקייט) האָבן זיי געשטערט און געמאַכט פאַר אוממעגלעך דאָס אַנטלויפן אויך פאַר די, וואָס האָבן דאָס יאָ געוואָלט. דער סוף איז געווען, אַז נאָכן אָפּוואַרטן צוויי טעג אַן רעזולטאַט, האָבן אַלע פון דער גרופּע, אַחוץ פּאַסעסאַרסקין, רעזיגנירט פון דער אויפגאַבע און זיינען צוריק אַוועק אין אָטריאַד מיט גאָרנישט. בלויז פּאַסעסאַרסקי איז נישט אָפּגעטרעטן. ער איז געווען אײַנגעשפּאַרט, האָט נישט געוואָלט רעזיגנירן פון זײַן אויפגאַבע און ער האָט איינער אַליין גענומען רעאַליזירן דאָס, וואָס איז געווען צו שווער אַדורכצופירן פאַר אַלע צוזאַמען. ער איז אַוועק אין סטאָלפּצע אויף דער באַן־סטאַנציע און בײַ די פּוילי־

שע אַרבעטער באַקומען אַלע נויטיקע ידיעות און אינפֿאָרמאַציעס וועגן שוויערזשנער לאַגער. עס איז פֿאַר אים געווען אַ גרויס פֿאַרגעניגן און סאַטיספֿאַקציע צו באַגעגענען זיך אַלס פֿרײַער מענטש און שטאָלצער קעמפֿער מיט די, וועלכע האָבן אים געקענט אַלס דערנידעריקטער שקלאַף בײַ די דײַטשן. די דײַטשן זײַנען באַלד געוואָרן אַלאַרמירט וועגן דעם. נאָר אין דער צײַט ווען די גאַנצע סטאָלפּצער זשאַנדאַרמעריע און ווײַסרוסישע פּאָליציי איז געשטעלט געוואָרן אויף די פֿיס, כּדי צו כאַפּן דעם „געפֿערלעכן באַנדיט" — האָט זיך פּאַסעסאָרסקי שוין געפֿונען אין שוויערזשנער מאַרטאַק צווישן די ייִדישע אַרבעטער פֿון דער טישלערײַ. ער האָט זיך דאָרטן אַרײַנבאַקומען מיט אַ שפּיצל. ער האָט אײַנגערעדט דעם דײַטש, וואָס איז געשטאַנען אויף וואַך, אַז ער איז געקומען קויפֿן ברעטער און האָט אים צוגעזאָגט אַז ער וועט אויך פֿאַרדינען פֿון דער טראַנזאַקציע, בראַנפֿן און „שפּעק".

נאָך דער אַרבעט איז פּאַסעסאָרסקי אַוועק צוזאַמען מיט די ייִדישע אַרבעטער אין לאַגער און דאָרטן האָט ער נאָך געמוזט פֿירן אַ שווערן קאַמף מיט די ייִדן, קעגנער, וועלכע האָבן געוואָלט שטערן דאָס אַנטלויפֿן. נאָר סוף־כּל־סוף האָט ער זיי אַוועקגעשטעלט אין אַזאַ לאַגע, אַז זיי האָבן נישט געהאַט קיין אַנדערן אויסוועג און האָבן זיך געמוזט פֿאַראייניקן מיט דער מערהייט און צוזאַמען מיט זיי פֿאַרלאָזן דעם לאַגער. טייל פֿון די דאָזיקע קעגנער זײַנען דערנאָך געוואָרן אויסגעצייכנטע און פֿאַרדינסטפֿולע פּאַרטיזאַנער. כ'דערמאָן וועגן דעם, ווי אַ בײַשפּיל פֿאַר די וואָס פֿאַרנעמען זיך מיט דער געשיכטע פֿון די ייִדן בעת דער דײַטשער אָקופּאַציע — ווי ווײַט קאָמפּליצירט ס'איז דער ענין פֿון קאָנען באַוועגן אַ גאַנצע עדה צו גרויסע מעשים. יעדע מענטשלעכע געזעלשאַפֿט איז צוזאַמענגעשטעלט פֿון פֿאַרשיידענע עלעמענטן, פֿון וועלכע ס'רוב האָבן נישט קיין דעצידירטע כאַראַקטער־אייגנשאַפֿטן און פֿאַרבאָרגן אין זיך פֿאַרשיידענע מעגלעכקייטן. בלויז אַ טייל זײַנען ד ע צ י ד י ר ט ע פּחדנים אָדער העלדן. נאָר אויב מען שטעלט אַוועק אַפֿילו אַ פּחדן אין אַ לאַגע ווי ער האָט נישט קיין אויסוועג און מוז קעמפֿן פֿאַרן לעבן, קאָן ער ווערן אַ העלד. וואָלטן זיך געפֿינען צווישן די ייִדישע אָרגאַניזאַציעס אַ סך מענטשן פֿון דעם שניט ווי הערשל פּאַסע־

סאַרסקי, וואָס וואָלטן געהאַט אַ ווײַטן בליק וואָס וואָלטן פאַרויסגעזען און וואָלטן געהאַט מוט אַוועקצושטעלן די ייִדישע געזעלשאַפט אין אַ לאַגע, זי זאָלט געצווונגען זײַן צו קעמפן — וואָלט די געשיכטע פונעם אומקום פון די ייִדן גאַנץ אַנדערש אויסגעזען... דאָרטן ווו אַזעלכע מענטשן האָבן זיך געפונען איז די געשיכטע טאַקע אַן אַנדערע. נאָר דאָס איז אַ טעמע פאַר אַ גרינטלעכער שטודיע וועלכע וועט — ווי איך גלויב נאָך — געפינען איר אויטאָר.

דאָס אַנטלויפן פון די שווערזשנער איז זיך צונויפגעפאַלן מיט די גרעסטע קעלטן, וואָס האָבן געהערשט אין דעם דאָזיקן ווינטער. די מערהייט פון זיי זײַנען געווען זייער שלעכט אָנגעטאָן, אַזוי אַז אַ סך זײַנען געקומען צו אונדז אין אָטריאַד מיט אָפּגעפרוירענע פיס אָדער אַנדערע אבֿרים, בלויז אַ טייל פון די געקומענע האָבן מיר געהאַט די מעגלעכקייט אויפצונעמען אין אונדזערע ערד־שטיבלעך, די איבעריקע האָבן דערווײַל געמוזט נעכטיקן אונטערן פרײַען הימל ביז וואַנען זיי האָבן נישט אויסגעבויט פאַר זיך אייגענע ערד־שטיבלעך. עס איז נישט געווען קיין לײַכטע אַרבעט צו גראָבן — אויף אייניקע מעטער טיף — די געפרוירענע ערד, בײַ 35 גראַד פראָסט. אייניקע פון די שווערזשנער זײַנען אײַנגעגלידערט געוואָרן אין דער צווייטער ראָטע און פון די איבעריקע איז אַנטשטאַנען אַ באַזונדערע ראָטע. די דריטע ראָטע מיט עפּשטיינען אַלס קאָמאַנדיר. צו דער זעלבער צײַט איז פון די מאָביליזירטע ווײַסרוסן פאָרמירט געוואָרן אַ פערטע ראָטע אין אונדזער אָטריאַד.

נאָכן באַפרײַען זיך פון די שווערזשנער ייִדן האָבן די דאָרטיקע דײַטשן דורך פאַרשיידענע צוזאָגן און פאַרזיכערונגען אַרײַנגענאַרט אין זייער נעץ אַ פּאָר צענדליק ייִדן פון די אַנטלאָפענע, וועלכע האָבן זיך נאָך אַרומגעבלאָנקעט אין יענער געגנט, כדי מיט אייניקע טעג שפּעטער זיי אויסצומאָרדן. דערמיט איז פולשטענדיק ליקווידירט געוואָרן דער אַרבעטס־לאַגער אין שווערזשנע. נאָך דעם זײַנען נאָך געבליבן לעבן דרײַ ייִדישע פאַמיליעס, צוזאַמען אַנדערהאַלבן צענדליק נפשות, וועלכע די דײַטשן האָבן אויסגעטיילט פון כלל שווערזשנער ייִדן. די אומגליקלעכע האָבן געלעבט מיט דער פאַלשער האָפענונג, אַז זייער גורל וועט זײַן אַן אַנדערער, ווי דער גורל פון אַלע אַנדערע ייִדן, און דערפאַר

האָבן זיי אַדורכגעלאָזן דעם גוטן שאַנס זיך צו ראַטעווען צוגלייך מיט די אַנדערע יידן. דאָס זיינען געווען: די מירסקיס, לעווינס און גרינ־בערגס — די קעפּ פון די דאָזיקע פאַמיליעס זיינען געווען די הויפּט־ספּעציאַליסטן פונעם שוויערזשנער טאַרטאַק נאָך פון פאַר דער מילחמה. זייער קענטעניש און דערפאַרונג איז דערווייל נאָך געווען נויטיק פאַר דער דײַטשער קריגס־מאַשין. דערפאַר האָבן זיי זיך געפונען אין אַ פּרי־ווילעגירטער לאַגע און האָבן גענאָסן פון דײַטשער „גוטסקייט". זיי זיינען נישט געווען פאַרמאַכט צוזאַמען מיט די איבעריקע שוויערזשנער יידן אין לאַגער, נאָר האָבן געוווינט צוזאַמען מיט זייערע פאַמיליעס אויפן שטח פון טאַרטאַק אין באַקוועמע דירות און זיינען געוואָרן באַ־זאָרגט דורך די דײַטשן מיט גענוג שפּײַז. דער סוף איז געווען, אַז אין חודש יוני 1943 האָבן זיי געטיילט דעם זעלבן גורל וואָס אַנדערע יידן, פון וועלכע די דײַטשן האָבן נישט געהאַט אַזעלכע גרויסע נוצן ווי פון זיי.

פּאַסעסאַרסקי האָט אויך געבראַכט אַביסל ידיעות וועגן דעם, ווי אַזוי עס האָט אויסגעזען דאָס פאַרענדיקן די רעשטלעך יידן פון סטאָלפּצע:

דעם 21טן נאָוועמבער 1942 איז פאָרגעקומען די צווייטע „אַקציע" אין וועלכער עס זיינען אומגעבראַכט געוואָרן 350 יידן צוזאַמען מיטן עלטסטן פון יודנראַט, דאָבראַשקלאָ און זיין פאַרטרעטער לעווינסקי. זיי האָבן ביידע — דורך דער קורצער צײַט פון זייער אַמטירן — געטרײַ געדינט די דײַטשן און האָבן מיט דער גאַנצער ענערגיע זייערע אונ־טערגעיאָגט די יידן צו דער אַרבעט און אַלץ געטאָן עס זאָל חלילה קיי־נער נישט אַנטלויפן. אין דער צײַט פון דער דאָזיקער שחיטה איז בלויז פאָרגעקומען אַ קליינער אינצידענט וועלכער האָט אַביסל דערמאָנט די דײַטשע רוצחים אין דעם, אַז זיי האָבן פאַר זיך נישט קיין בהמות. עס איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס בערטאַ באַגען האָט געגעבן אַ פּאַטש און געשפּיגן אין פּנים אַרײַן דעם אָנפירער פון די מערדער שולצן. פון דער קליינער צאָל איבער 100 נאָך לעבנגעבליבענע יידן איז געוואָרן „עלט־סטער יודע" גאַדניק און דעם 25טן יאַנואַר 1943 זיינען די דאָזיקע יידן צוזאַמען מיט זייער עלטסטן אויך ליקווידירט געוואָרן, און סטאָלפּ־צע איז געוואָרן ענטגילטיק „יודען ריין". — מיט מער ווי אַ האַלב

יאָר שפּעטער ווי די שכנותדיקע שטעטלעך: קלעצק, ניעסוויעזש, טורעץ, מיר און אַנדערע.

דעם לעצטן „עלטסטן" פון די סטאָלפּצער ייִדן אין וועמענס אומקומען איך פיל זיך — אין אַ געוויסער מאָס — שולדיק, וויל איך דאָ ווידמען אַ שטיקל אָרט.

דאָס איז געווען אַן אינטעליגענטער און ספּריטנער יונגערמאַן פון אַ יאָר 28, אַ וועבער־מײַסטער פון לאָדזש און מײַנער אַ גוטער באַקאַנטער. בעת די דײַטשן האָבן אײַנגעפירט צוואַנג־אַרבעט פאַר ייִדן, האָט זיך גאָרניק תמיד אײַנגעאָרדנט אַזוי, אַז ער זאָל נישט טאָן קיין פיזישע אַרבעט. אין אָנהויב איז ער געווען אַן איבערזעצער, פאַרטײַטשער, דערנאָך איז ער געוואָרן אַ ציילער און פאַרשרײַבער פון די אַרבעטער, וואָס די דײַטשן האָבן געשיקט אויף אַרבעט. דערנאָך אַן אַרבעטס־אויפזעער, און צום לעצט אַ פּאָליציאַנט אין געטאָ. ער האָט זיך נישט שלעכט אויפגעפירט אויף די דאָזיקע אַמטן זײַנע, און אַז עס האָט זיך געלאָזט פלעגט ער טאָן אַ טובה אויך. אין אָנהויב בעת דער „פּאַטשער" פלעגט נאָך שיקן אויף אַרבעט, האָב איך אַ סך מאָל אָפּגענאַרט די דײַטשן און אנשטאָט צו גיין אויף זייער אַרבעט האָב איך זיך אַרײַנגעכאַפּט צו אַ באַקאַנטן אַריער אַרבעטן שנײַדערײַ, באַקומענדיק באַצאָלט פאַר דער אַרבעט מיט פּראָדוקטן. גאָנדיק, וועלכער האָט זיך דעמלט פאַרנומען מיטן ציילן און פאַרשרײַבן די אַרבעטער, האָט מיר נישט געשטערט דערין און טיילמאָל פלעגט ער נאָך צוהעלפן. איך האָב אים אָפּגעדאַנקט דערמיט, וואָס איך האָב געזאָרגט דערפאַר, אַז ער זאָל האָבן וואָס צו רויכערן. אחוץ מיר האָבן זיך נאָך געפונען אַנדערע, וואָס האָבן געהאַט אַ גרונט אים דאַנקבאַר צו זײַן און האָבן אויסגעדריקט זייער דאַנקבאַרקייט אויף אַן אַנדער אופן ווי איך, און אין רעזולטאַט איז גאָרניק געווען נישט שלעכט באַזאָרגט מיט פאַרשיידענע גויטיקע זאַכן. נאָר די אײַדיליע האָט נישט געקאָנט דויערן אייביק. גאָרניק איז דאָך נישט געווען אָפּהענגיק בלויז פון זײַן אייגענעם גוטן ווילן — ער האָט דאָך געהאַט אַ באַלעבאָס איבער זיך, וועלכער האָט אים אַרײַנגערוקט אַ גומענעם שטעקן אין האַנט. עפּעס טאָן מוז מען דאָך, יעדער „יודע" מוז דאָך אַרבעטן, נוצלעך זײַן פאַר די דײַטשן. — ווילסט נישט קיין לאָפּאַטע?..

טאַ נעם אַ גומענעם שטעקן אין האַנט אַרײַן... אין שיכות דערמיט, איז צווישן מיר מיט גאַדניקן פאָרגעקומען פאָלגנדער אינצידענט:

שולץ איז ווי געוויינלעך געשטאַנען פאַרן געטאָ־טויער און אָב־מערווירט ווי פון אינעווייניק מאַכן אָרדענונג די יידישע פּאָליציאַנטן, צווישן וועלכע עס האָט זיך געפונען גאַדניק. ער האָט זיך פאַרנומען מיטן אויסשטעלן אין קאָלומנעס די אַרבעטער און דערבײַ געפּאַכעט מי־טן שטעקן איבער זייערע קעפּ. איך זענדיק דאָס — בין האַסטיק צוגע־לאָפן צו אים גאַנץ נאָענט, אַזוי אַז ער איז געבליבן שטיין מיטן אויפגע־הויבענעם שטעקן איבער מײַן קאָפּ און איך האָב אים געזאָגט אַ פּאָר ביטערע ווערטער.... — וואָס האָסטו זיך אַזוי צעהיצט — ער האָט זיך געוווּנדערט — „איך האָב דאָך דערווײַל נאָך קיינעם נישט געגעבן קיין קלאַפּ" —. אמת ער האָט קיינעם נישט געשלאָגן, ער האָט נאָר בלויז געפּאַכעט מיטן שטעקן, כדי זײַן באַלעבאָס, שולץ זאָל פון דער ווײַטנס מיינען אַז ער שלאָגט, נאָר פאַר מיר איז דאָס גענוג געווען, אַז כ'זאָל מיט אים מער קיין מגע־ומשא נישט האָבן, ווײַל איך האָב שוין געזען אין דמיון, ווי ער לאָזט אויך אַראָפּ דעם שטעקן אויף די קעפּ.

דעם 23־טן סעפּטעמבער 1942 בעת דער ערשטער „אַקציע" האָבן די יודנראַט־באַאַמטע נישט געזוכט קיין וועג זיך צו ראַטעווען, נאָר האָבן זיך געטוליעט צו פראַסן מיט דער האָפענונג, אַז ער וועט זיי באַשיצן, און דער סוף איז געווען, אַז זיי זיינען אַלע אומגעקומען צוזאַמען מיט אים. נאָר בלויז גאַדניק האָט זיך נישט פאַרלאָזט אויף פראַסענס שוץ און האָט זיך באַצײַטנס אַרויסבאַקומען פון געטאָ און זיך געהאַלטן צו־זאַמען מיט זײַן פרוי, וועלכע האָט געאַרבעט אויף דער באַן־סטאַנציע אין שכנות מיט מיר. אויף צומאָרגנס איז ער געקומען צו מיר און פאַר־געלייגט, אַזוי ווי ער ווייסט דאָס איך מיט פּאַסעסאַרסקין קלויבן זיך אַוועקצוגיין אין וואַלד מיט אַ גאַנצער גרופּע, וויל ער דאָס מיר זאָל אויך אים מיט דער פרוי — וואָס האָבן ביידע פּיסטאָלעטן — נעמען מיט זיך. איך האָב אים נישט געהאַלטן פאַר קיין פּאַסיקן חבר צו אונ־דזער אונטערנעמונג און פּאַסעסאַרסקי איז אויך געווען מיט מיר אײנ־שטימיק. דער סוף איז געווען, די פרוי זײַנע איז אומגעקומען בעת דער צווייטער „אַקציע" דעם 12־טן נאָוועמבער, און ער אַ דערשלאָגענער און

א רעזיגנירטער אין דער ראָל פֿון געטאָ־עלטסטן, האָט מיט זײַן האַל־טונג זיך אינגאַנצן רעהאַביליטירט. ער האָט כּסדר געוואָרנט פֿאַר דעם אומפֿאַרמײַדלעכן סוף, וואָס דערוואַרט אַלעמען בלײַבנדיק מיט די דײַ־טשן און געעצהט אַז דער איינציקער אויסוועג זיך צו ראַטעווען, איז אַוועקצוגיין אין וואַלד. ער אַליין איז געווען אין אַזאַ פּסיכישן צושטאַנד אַז ער האָט נישט געהאַט קיין חשק דערצו.

פּאַסעסאַרסקין איז אויסגעקומען אויסצושטיין אַ סך אומאָנגענעמ־לעכקייטן און שיקאַנעס צוליב זײַן פּיסטאָלעט. כּדי צו פֿאַרשטיין די סי־בות דערפֿון מוזן מיר זיך אַביסל באַקאַנען מיט די מאַניערן און „באָנ־טאָן", וואָס האָבן געהערשט אין וואַלד צווישן דער „בעסערער" געזעל־שאַפֿט. ס׳וועט אפֿשר זײַן אַביסל מאָדנע, נאָר אין וואַלד האָט זיך אַנט־וויקלט אַן אייגנאַרטיקער סנאָביזם מיט געמאַכטע העלדן, וואָס האָבן ליב געהאַט זיך צו צירן און פּוצן אין רעקוויזיט פֿון העלדן, ווי קליינ־בירגער צו גרויסן זיך מיט הערבן פֿון אַדעל געקויפֿטע פֿאַר געלט. צום בײַשפּיל: — פּאַראַדירן אין דײַטשע מיליטערישע מלבושים (אַ סימן פֿון דערלאַבערטע אין קאַמף טראָפֿייען), איז געווען אין גוטן טאָן און צו־געגעבן חשיבות און אָנזען. נאָר דער העכסטער אויסדרוק פֿון עלעגאַנץ און אַריסטאָקראַטיזם איז אין פּאַרטיזאַנקע געווען דאָס האָבן „ליטשנע אָרוזשיע" (פּערזענלעך געווער), און דער חלום און שטרעבונג פֿון יעדן זיך אַכטנדיקן קאָמאַנדירל, איז געווען, טראָגן אַ פּיסטאָלעט בײַם זײַט. די וואָס האָבן שוין געהאַט פֿאַר זיך אַזאַ, האָבן געזוכט צו דערלאַנגען אַזעלכע פֿאַר זייערע מעטרעסעס, ווײַל דאָס איז געווען די טײַערסטע מתּנה אין פּאַרטיזאַנקע, פֿאַר וועלכן מען האָט געקאָנט געווינען דאָס האַרץ פֿון יעדער פֿרוי. פּאַסעסאַרסקים פּיסטאָלעט האָט געהאַט אַ באַ־זונדערן רייץ פֿאַר די פּסעודאָ־העלדן, צוליב זײַן דײַטשער אָפּשטאַמונג. פּאַסעסאַרסקי איז אַפֿילו געווען באַשיידן, און כּדי נישט אויפֿצורײַצן די אויגן בײַ קיינעם, האָט ער געטראָגן דעם פּיסטאָלעט באַהאַלטן אין דער הויזן־טאַש. דאָס האָט אויך נישט געהאָלפֿן און מען האָט זיך כּסדר געטשעפּעט צו אים און געוואָלט אים צווינגען ער זאָל אַוועק־געבן דעם פּיסטאָלעט. מיט דעם האָבן זיך פֿאַרנומען: — פּאַטאַפּענקאָ, מאַראַזאָוו, און דער קאָמאַנדיר ראַטע, ביאַלאָוסאָוו פֿון וועלכן ער האָט

געהאַט אויסצושטיין געברענטע צרות. אַביסל געהאַמעוועט די אַמאָטאָרן אויף לײַכט דעראָבערטע דײַטשע געווער און געשיצט פּאָסעסאָרסקין האָט גילטשיק. אַזוי האָט איינמאָל פּאַסירט, ווען דער קאָמיסאַר מאַראַזאָוו האָט געדראָט פּאָסעסאַרסקין, אויב ער וועט אין משך פון צוויי שעה נישט אָוועקגעבן דעם פּיסטאָלעט — וועט ער געמשפּט ווערן פאַר נישט וועלן אויספירן די באַפעלן פון העכערער נאַטשאַלסטוואָ. ווען פּאָסעסאַרסקי איז אַוועק אַ פאַרזאָרגטער צו גילטשיקן פרעגן אַן עצה, וואָס ער זאָל טאָן, האָט ער אים באַרויִקט און געזאָגט: — „טי דאַי יעמו״ ... (גיב אים....) — און האָט פאַרענדיקט מיט אַ וואָרט — וואָס איז אָפט גענוצט געוואָרן אין פּאַרטיזאַנקע.

3 פעברואַר 1943. הײַנט האָט מען געבראַכט צו פירן אין לאַגער מײַן קאָמאַנדיר וווואַדאַ באַבעריעקאַ אין אַ שרעקלעכן צושטאַנד — אַ קוים זשיפּענדיקן, אַ צעשלאָגענעם, אַ צעקאַליעטשעטן אינגאַנצן באַדעקט מיט ווונדן. עס איז אינגאַנצן נישט געווען מעגלעך צו דערקענען, אַז דאָס איז באַבעריעקאַ דער הויכער, געזונטער דאָרפישער יונג. עס איז נישט געווען מעגלעך צו דערקענען אין דער דאָזיקער בלוטנדיקער און דעפאָרמירטער מאַסע קיין מענטשלעך פּנים, קיין מענטשלעכע אברים. דאָס האָבן אים אַזוי צורעכט געמאַכט די ווײַסרוסישע פּאָליציי, אין וועמענס הענט ער האָט געהאַט דאָס אומגליק אַרײַנצופאַלן לעבעדיקערהייט. די געשיכטע דערפון איז אַזאַ:

נעכטן איז אונדזער אָטריאַד אונטער דער אָנפירונג פון גילטשיקן אַוועק מיטן ציל צו צעקלאַפּן דעם פּאָליצייאישן גאַרניזאָן פונעם דאָרף שמולעוויטשע, וואָס האָט זיך געפונען 12 קילאָמעטער אָפּגערוקט פון אונדזער לאַגער. שוין זײַענדיק נישט ווײַט פון דאָרטן זיינען אַוועק אויף אַן אויסשפּירונג פיר פּערזאָן, צווישן וועלכע עס האָט זיך אויך געפונען באַבעריעקאַ. זייער אויפגאַבע איז געווען — דערנענטערן זיך גאַנץ נאָענט צום שונא און ברענגען פון דאָרטן גענויע ידיעות. זיי האָבן זיך אָנגעטראָפן אויף אַ שטאַרקער אָפּטיילונג פּאָליציי, דורך וועלכע זיי זיינען געוואָרן אַרומגערינגלט. דרײַ פון די אויסשפּירער האָבן מיט דער הילף פון האַנט־גראַנאַטן זיך געמאַכט אַ וועג און עס איז זיי געלונגען

צוריקצוקומען אויפן אָרט, ווו עס האָט געוואַרט דער אַטריאַד און ברענ־
גען מיט זיך די ידיעות, וועלכע עס זיינען געווען נויטיק פאַרן דערפאָלג
פון דער אַקציע. דער פערטער — באַבעריעקאַ, איז פאַרפאַלן געוואָרן.
גילטשיק — נישט פאַרלירנדיק קיין צייט — האָט גלייך געגעבן אַ באַ־
פעל צו שטורמען די פאַשיסטישע נעץ און זיך נוקם צו זיין פאַר אונ־
דזער קאָלעגע און קאָמאַנדיר ווזוואַדאַ. זיין באַפעל איז געוואָרן אויסגע־
פירט אַזוי בליצאַרטיק און מיט אַזאַ פאַרביסנקייט, אַז קיין איינער פון
די פּאָליציייאישע אויסוואָרפן איז נישט אַרויס קיין לעבעדיקער. איינער
פון די ערשטע, וועלכע עס האָבן זיך דערנענטערט צו דער פאַשיסטי־
שער נעץ איז געווען עוזר מאַזאַ — בעת ער האָט זיך שוין געהאַט פאַר־
מאָסטן אַריינצוּוואַרפן אַ האַנט־גראַנאַט אין דער פּאָליציי־שטוב, האָט
ער דערהערט פון דאָרטן אַ באַקאַנטן קרעכצן און ער האָט זיך דערפון אָפּ־
געהאַלטן אין דער סאַמע לעצטער סעקונדע. דאָרטן איז געלעגן באַבע־
ריעקאַ אַ געבונדענער, וועמען היטלערס בלוטיקע הינט האָבן געוואָלט
צווינגען דורך פייניקן צו פאַרראַטן זיינע אייגענע חברים. די פייניקער
זיינע זיינען שוין דאָרט נישט געווען, זיי זיינען אין פּחד נאָך פריער
אַנטלאָפן פון דאָרטן און געזוכט אַ וועג צו ראַטעווען זיך, נאָר דאָס איז
זיי נישט געלונגען...

19 פעברואַר 1943. היינט איז פאַרגעקומען אַ שטיקל
שמחה ביי גילטשיקן. אין אָנהויב האָט עס געזאָלט זיין אַ באַשיידן „באַ־
גיסן" דעם נייעם קאָסטיום פונעם פאַרשטייער פון צ. ק. ביי אונדזער
פאַראייניקונג, וולאַדימיר איוואַנאָוויטש. שפּעטער איז עס פאַרוואַנדלט
געוואָרן אין אַ פיערלעכער מאָלצייט אויף וועלכער עס זיינען געווען אָנ־
וועזנד די העכסטע פאַרשטייער פון אונדזער פאַראייניקונג. נעכטן, בעת
וולאַדימיר איוואַנאָוויטש האָט געמאָסטן דאָס לעצטע מאָל, האָט ער צו־
געזאָגט, אַז קומענדיק היינט נאָכן פאַרטיקן קאָסטיום וועט ער ברענגען
מיט זיך בראָנפן, כדי אויסצוטרינקען צוזאַמען מיט די שניידער און מיט
גילטשיקן. ער האָט אָפּגערעדט, אַז ער זאָל צוגרייטן פאַרבייסן. אין
אָוונט — אַריינקומענדיק — לויטן באַפעל — אין גילטשיקס ערד־
שטיבל, בין איך געוואָרן איבערראַשט און כ'האָב זיך געפילט זשענירט,

ווייל אחוץ גילטשיקן און וולאדימיר איוואנאוויטשן האבן זיך דארטן געפונען: פיאטר זאכאראוויטש, מיט די מאסקווער געסט, שוסטאפאוולאוו און נאך אייניקע קאמאנדירן פון בריגאדעס. אחוץ מיר האט זיך דארטן געפונען נאך א שניידער, מיין קאלעגע קלעשטשיק פונעם שטעטל טינקאוויטש. דער טיש איז געווען באשטעלט מיט פארשיידענע געשמאקע מאכלים, צוגעגרייטע דורך מאריא מיכאילאוונא, וואס האבן געקאנט באטראכט ווערן — אין די באדינגונגען פון וואלד — פארן העכסטן אויסדרוק פון קולינארער קונסט.

די שטימונג איז געווען א יום־טובדיקע. און מאריא מיכאילאוונא האט אויסגעפירט די ראל פון א באלעבאסטע מיט עלעגאנץ און ווירדע. איך ווייס נישט, צי גילטשיק, אדער ווער פון די געסט האבן געוווסט וועגן דעם, נאר פיאטר זאכאראוויטש און מארי מיכאילאוונא האבן געוויס געוווסט וועגן דעם, אז די היינטיקע שמחה, איז נישט בלויז א „באגינען" דעם נייעם קאסטיום פון וולאדימיר איוואנאוויטש, נאר איז אויך א צעשיידונגס־מאלצייט צווישן מאריא מיכאילאוונא און גילטשיקן — און גלייכצייטיק א חתונה־מאלצייט צווישן איר און פיאטר זאכאראוויטשן. אויף צומארגנס האבן שוין אלע געערדט וועגן דער סענסאציע, אז מאריא מיכאילאוונא איז אוועק פון גילטשיקן און האט „אוואנסירט", ווערנדיק די פרוי פון שטאב־נאטשאלניק פון דער פאראייניקונג, פיאטר זאכאראוויטש. נאר בעת דעם מאלצייט האט קיינער נישט דערמאנט וועגן דעם. דאקעגן, האט מען אויסגעטרונקען לכבוד די שניידער און וולאדימיר איוואנאוויטשן האט אונדז געווונטשן, דאס מיר זאלן דערלעבן דעם זיג און זוכה זיין צו נייען פאר די רויטע גענעראלן. זיין ברכה איז מקוים געווארן — נאר טיילווייז — בלויז צו מיר — מיין קאלעגע און פריינט קלעשטשיק האט ליידער נישט דערלעבט צו נייען פאר די רויטע גענעראלן. ער איז אומגעקומען אין וואלד אין קאמף מיטן שונא. אונדז האט מען כסדר אנגעגאסן די גלעזלעך, ווייל אלע האבן געהיטן דאס מען זאל חלילה נישט „אבידיען" (באעוולען) די שניידער. איך בין זיך מודה, אז דאס טרינקען דאס שטינקענדיקע פלימיקייט, וואס מ'האט גערופן „סאמאגאנקא", און וואס זייער אסך פארטיזאנער האבן באצאלט דערפאר מיטן לעבן האט מיר נישט פארשאפט קיין

שום פאַרגעניגן און איז מיר אַפילו געווען דערווידער. איך האָב אָבער געטרינקען, כדי זיך נישט קאָמפּראָמיטירן אין די אויגן פון נאטשאַל־סטווא. בעת דער חשובער עולם האָט זיך שוין געהאַט אויף אַן אמת צע־וואַרעמט און די באַלעבאָסטע האָט אַלעמען איבערראַשט מיטן דערלאַנ־גען צום טיש אַ פרישן מאכל איז די שמחה געוואָרן געשטערט דורך אַ קלאַפּ אין טיר. עס איז אַרײַן דער אַדיוטאַנט פון אונדזער „קאָמבריג" און שטילערהייט אים עפּעס געמאָלדן. שוסטאַפּאַוולאָוו האָט מיט קאַרגע ווערטער, מער מיט ווונק, ווי מיט רייד זיך פאַרשטענדיקט מיט די אי־בעריקע חשובע געסט. און אין איין אויגנבליק האָט זיך אַלץ געענ־דערט. אַלע זיינען גלײַך געוואָרן ערנסט און די אַטמאָספער איז געוואָרן אָנגעפולט מיט אומרו, און אָנגעשטרענגטקייט. כאָטש אויסערלעך האָ־בן זיי זיך פאַרהאַלטן רויק און פאַרענדיקט די שוין אָנגעגאָסענע גלעז־לעך. עס זיינען כסדר געקומען פרישע שליחים מיט מעלדונגען און עס איז שוין פאַר מיר אויך געוואָרן קלאָר, אַז דער שונא איז נאָענט, און אַז די לאַגע איז ערנסט.

דער ערשטער איז אַוועק שוסטאַפּאַוולאָוו און באַלד נאָך אים פּיאָטר זאַכאַראָוויטש און די איבעריקע.

בעת איך בין אַרויס פון גילטשיקס ערד־שטיבל, איז שוין דער גאַנ־צער אַטריאַד געווען אין אַליאַרם־גרייטקייט. דער „אָבאָז" איז געווען גרייט און אַלע זיינען געווען אונטערן געווער. איך האָב געשפּאַנט צווי־שן די מיט שניי־באַדעקטע ערד־שטיבלעך, און די פיס האָבן זיך בײַ מיר באַוועגט נישט ווי פון מײַן ווילן, נאָר געטריבן דורך אַ מאָטאָר. אַלץ אַרום מיר — דער וואַלד —, די פערד מיט די וועגנער און די מענטשן, וואָס האָבן זיך געשלענגלט אין דער פינצטערניש צווישן די ביימער — האָט זיך מיר אויסגעוויזן פאַר נישט נאַטירלעך, פאַר נישט רעאַל, נאָר ווי דעקאָראַציע, רעקוויזיט, אַקטיאָרן און סטאַטיסטן, וואָס דאַרפן זיך באַטייליקן אין עפּעס אַ מיסטעריעזער שוישפּיל, וואָס דאַרף באַלד גע־שפּילט ווערן אויף אַ ריזיקער סצענע.

10 פעברואַר 1943. באַלד אינדערפרי, ווען אַ טייל פאַר־טיזאַנער האָבן נאָך געקעמפּט מיטן שונא, שיצנדיק די וועגן, וועלכע

האבן געפירט צו די פארטיזאנער־לאגערן פון אונדזער פאראייניקונג, האבן מיר, צוזאמען מיט צענדליקער אנדערע אטריאדן, וועלכע האבן זיך געפונען אין שכנות מיט אונדז, פארלאזט די ארליקער וועלדער. מיר האבן זיך לאנג נישט געהאלטן ביים וואלדוועג. נאר זיינען ארויס אויף אן אפן פעלד, ווו די קעלט האט זיך פריי איינגעגעסן אין אונדז פון אלע זייטן. דאס איז געווען א גרויסער זומפיקער שטח, צו וועלכן עס האט נישט געפירט קיין שום וועג פון וואנען דער שונא זאל קענען צוקומען צו אונדז. זומער וואלט דא נישט מעגלעך געווען זיך צו באַוועגן. אבער איצט זיינען די זומפן און קאלוזשעס געווען טיף פארפרארן און דער „אבאז" איז געפארן דורך זיי ווי אויף א שטאלענער בריק. דער פראסט איז געווען אזוי שטארק, אז ביים צורירן זיך צום שלאס פון דער ביקס פלעגן זיך די פינגער צוקלעפן צום שטאל. אין וואלד, וועלכן מיר האבן פארלאזט זיינען געבליבן אונדזערע, מיט שטרוי אויסגעבעטע, געלעגערס און נאך נישט אפגעקילטע אייוועלעך אין די זעמליאנקעס, וועלכע מיר האבן געגראבן און געבויט מיט אזוי פיל שווערער מי, האפנדיק צו קענען איבערווינטערן אין זיי. מיר האבן שוין פון לאנג געוווסט, אז די דייטשן גרייטן זיך צו א גרויסער מיליטערישער אקציע קעגן אונדזער פאראייניקונג, סימנים דערויף האבן מיר געהאט א סך, און די רעזולטאטן האבן מיר לעצטנס גאנץ שטארק געפילט. נאך זייענדיק אין ארליקע. מיר האבן געמיינט, אז די דייטשן וועלן, ווי געוויינלעך אנהייבן זייער אנגריף קעגן אונדז ערשט אין פרילינג.

די אויסשפירער און אונדזערע פארבינדלער צווישן דער באפעלקערונג, ווי אויך פארטיזאנער, וועלכע זיינען געקומען פון פארשיידענע שליחותן פארן אטריאד, האבן איבערגעגעבן וועגן א קאנצעטנטראציע פון גרויסע פיינטלעכע כוחות אין דער גאנצער געגנט. עס זיינען אפילו פארגעקומען עטלעכע צוזאמענשטויסן מיט די דאזיקע כוחות, ביי וועלכע עס זיינען געווען קרבנות אויף פון אונדזער זייט. די דייטשן זיינען נאך דערווייל נישט אריינגעדרונגען אין דער אייגנטלעכער פארטיזאנער־זאנע, אבער ארום איר איז געווען פול מיט זיי, מיר זיינען געווען כמעט ווי בלאקירט. דאס באזארגן זיך מיט פראדוקטן איז געווארן א שווער פראבלעם פאר די אטריאדן, און עס האט אויך געקאסט א סך קרבנות.

אַ חוץ קאַרטאָפל און אַ קלײנעם סכום אַנדערע פּראָדוקטן, װעלכע מיר האָבן גענומען פון דער אײגענער זאָנע, האָבן מיר דער עיקר זיך געמוזט באַזאָרגן מיט אַלעם איבעריקן פון אױסער דער זאָנע, ד״ה, פון דאָרטן, װוּ עס איז געװען קאָנצענטרירט דער שונא. צוליב דעם זענען לעצטנס באַנוצט געװאָרן פאַר װירטשאַפטלעכע אָפּעראַציעס די פּעןק־סטע און מוטיקסטע פּאַרטיזאַנער. זײ פלעגן אַװעק אין גרעסערע גוט־באַװאָפנטע גרופּן, און גאַנץ אָפט האָט פּאַסירט, אַז זײ זענען מער נישט צוריקגעקומען. מיט אײנער אַזאַ גרופּע פון צען פּערזאָן האָט אָנגעפירט דער קאָמאַנדיר פאַר װירטשאַפטלעכע ענינים, משה פּיש, אַליין. די דאָזיקע גרופּע האָט זיך אָנגעשטויסן אויף אַ באַהאַלטענע פײַנטלעכע אָפּטײלונג, און זײ זענען אַלע אומגעקומען, שטעלנדיק אַ פאַרביסענעם װידערשטאַנד דעם שונא, און קעמפנדיק ביז דער לעצטער קויל.

נאָך מער באַפּעסטיקט אונדזער איבערצײַגונג, אַז איצט האָט זיך שוין אָנגעהויבן די אײגנטלעכע, לאַנג־צוגעגרייטע אַקציע קעגן אַלע פּאַרטיזאַנער אין גאַנצן קאַפּוליער ראַיאָן, האָט דאָס, װאָס עס האָט זיך בסדר פאַרגרעסערט די צאָל פון אָפּטרעטנדיקע אָטריאַדן, און אויך דאָס, װאָס עס האָבן זיך געפונען צוזאַמען מיט אונדז די העכסטע נאַ־טשאַלניקעס פון דער פאַראײניקונג און פון די באַזונדערע בריגאַדעס, װעלכע האָבן פון צײַט צו צײַט פאַרבײַגעלאָפּירט פאַר אונדזערע רײען רײַטנדיק און אויף שליטעלעך. פּאַרטיזאַנער האָבן זיך פּיל־זאָגעװדיק איבערגעװוּנקען, װען אויף אַ שליטעלע האָבן פאַרבײַגעלאָפּירט דער שטאַב־נאַטשאַלניק פון דער פאַראײניקונג, פּיאָטר זאַכאַראָװיטש, מיט מאַריאַ איװאַנאָװנאַ. זי האָט אַװאַנסירט... און האַלט זיך שוין מער נישט צוזאַמען מיט אונדזער אָטריאַד און מיט זײַן קאָמאַנדיר ליאָװע גילטשיק.

מיר זענען געגאַנגען אָן שום שטערונגען און אָן אָפּרו ביז נאָך האַלבער נאַכט. קלײנע אָטעם־פּויזעס האָבן מיר געהאַט נאָר דעמאָלט, װען דער װעג איז „פאַרפּראַפּט״ געװאָרן דורך הונדערטער װעגענער און שליטנס פונעם „אָבאָז״, װעלכער האָט זיך באַװעגט צוזאַמען מיט אונדז. פאַרטאָג האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט, נישט װײַט פון אַ דאָרף, רוען. אָבער נישט באַװײַזנדיק פונאַנדערצולײגן קײן פּײַער, האָבן מיר

זיך אַנגעשלאָגן אויפן שונא, מיט וועלכן עס איז אויסגעקומען צו קעמפן אייניקע שעה.

דאָס זענען נישט געווען די הויפּט־כּוחות פונעם שונא. די דײַטשע מאָטאָריזירטע אָפּטיילונגען מיט טאַנקען און אַרטילעריע האָבן אָפּערירט אויף די טראַקטן און שאָסייען. אויף די הינטערוועגן און אומוועגן, וווּ זיי האָבן נישט געקענט צוקומען מיט מאָטאָרן, האָבן די דײַטשן אָרגאַניזירט צום קאַמף קעגן די פּאַרטיזאַנער דעם גאַנצן ערב־רב פונעם אָפּפאַל פון פאַרשיידענע פעלקער, ווי ליטווינער, לעטן, וולאַסאָווצעס, אונגאַרן, ווײַסרוסישע פּאָליציי און אַנדערע באַנדעס. זיי, אונטער דער אָנפירונג פון די דײַטשן, זענען געווען אומעטום און האָבן פּרובירט צו בלאָקירן אַלע מעגלעכע וועגן, דורך וועלכע מיר האָבן זיך געדאַרפט באַוועגן. כּמעט יעדן טאָג פלעגן מיר זיך אַנשטויסן און קעמפן מיט זיי. אָבער אומעטום זענען זיי צעקלאַפּט און פאַרטריבן געוואָרן דורך אונדזער אַוואַנגאַרד, וועלכער האָט פרײַ געמאַכט דעם וועג פאַרן ווײַטערדיקן מאַרשרוט.

25 פעברואַר 1943. הונגעריקע, פאַרמאַטערטע און אויסגעשעפּטע פון די כּוחות האָבן מיר זיך הײַנט אָפּגעשטעלט רוען אין וואַלד בור, פּאָליעסער געגנט. מיר זיינען שוין געווען אויסער דער דײַטשער בלאָקאַדע און האָבן געהאַט זיך דאָ אָפּצורוען ווי געהעריק. דער נאָמען פון וואַלד, „בור", איז געווען צוגעפּאַסט צו זײַן אויסזען, און ווען מיר האָבן זיך אַרומגעקוקט האָט אונדז אָנגעהויבן טרייסלען, נישט נאָר פון קעלט, נאָר אויך פון נישט־היימלעכקייט און שלעכטע דערוואַרטונגען. בורררר... שרעקלעך וועט זײַן צו לעבן אין דעם דאָזיקן וואַלד!!!...

„דאָ איז געווען דעם אשמדאים קעניגרײַך, וועלכן ער האָט אוודאי פאַרלאָזן צוליב מורא פאַר די דײַטשן" — האָט געזאָגט שערמאַן, אַ חבר פון מײַן וזוואָד, וועלכער האָט ליב געהאַט צו זאָגן אַ גלײַכוווערטל אַפילו אין דער גרעסטער עת־צרה. עס האָט דאָ באמת אויסגעזען ווי אַ נעסט פאַר שדים, ווײַל אין ערגעץ איז נישט נאָר נישט געווען קיין סימן, אַז דעם וואַלד האָבן ווען עס איז באַזוכט מענטשן, נאָר אַפילו

קיין שפור פון אַ פויגל אָדער חיה איז אויך נישט געווען צו געפינען. דער דיקער שניי־צודעק איז אין ערגעץ נישט געווען אַדורכגעלעכערט פון אַ פוס. ווײַזט אויס, אַז אַלע לעבעדיקע באַשעפענישן האָבן אויסגע־מיטן דעם וואַלד.

געלעגן איז ער אין אַ טאָל, וווּ קיין פּיצל זונענשטראַל איז נישט צוגעקומען. די הויכע, אומגעלומפּערטעביימער מיט שלאַבעריק אַראָפּ־הענגענדיקע צווײַגן, וועלכע האָבן געשמעקט מיט צעפּוילטקייט און בית־הקברות, האָבן אויסגעזען בייז אָנגעכמאַרעט און נישט צוטריטלעך. דאָס זיינען זיי מן־הסתם געווען פאַרביטערט, ווײַל זייער פינצטערער גורל איז געווען צו שטיין אין שטענדיקער נאַסקייט און זיך נערן מיט דער שמוציקער, עיפּושדיקער פליסיקייט פון די זומפּן. קוים האָט זיך עמיצער פון מידקייט אָנגעשפּאַרט אָן זיי, איז ער באַשאָטן געוואָרן מיט אַ שנײַדיקן קאַלטן שניי, וועלכער האָט זיך אַרײַנבקומען אונטער די מלבושים און האָט געשטאָכן דאָס לײַב ווי מיט שפּילקעס. די ווײַס־קייט פון דעם שניי איז אויך נישט געווען קיין עכטע און איז נישט מסוגל געווען צו דערקוויקן דאָס אויג, ווײַל ער איז געווען אויסגע־מישט מיט דער פאַרבלאָזער גרויקייט פון די זומפּן און האָט אײַנגעזאַפּט אין זיך זייער עיפּושדיקן געשמאַק.

עפּעס האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז אונטער זײַן צודעק געפינען זיך אָן אַ שיעור פּגרים פון עקלדיקע שרצים און איך האָב נישט געקענט פועלן ביי זיך צוצונעמען צום צונג דעם דאָזיקן שניי בכדי צו לעשן מיט אים דעם דורשט. — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

אפילו די אָרעמסטע, די שמוציקסטע, די עלנסטע מענטשלעכע היים ווערט אויפגעלעבט און פאַרלירט אַ סך פון איר עלנט, ווען דאָרטן ברענט אַ פײַער און עס קאָכט זיך אַ מאָלצײַט — מעג דאָס געקעכטס זײַן דאָס סאַמע נעבעכדיקסטע.

דאָס זעלבע איז געשען מיט דעם אויבן באַשריבענעם וואַלד, וועלכן מיר זײַנען געצוווּנגען געווען צו נוצן פאַר אַ היים. געווען איז דאָס דעמלט, ווען עס זײַנען צוריקגעקומען די חברים, וועלכע מען האָט גע־

האָט געשיקט נאָך פּראָדוקטן און זיי האָבן מיטגעבראַכט מיט זיך פֿלייש און קאַרטאָפֿל. מען האָט באַלד אויפֿגעהאַנגען דעם קעסל צווישן צוויי ביימער, אויף אַ דראָנג, פֿון אונטן האָט מען פֿונאַנדערגעלייגט אַ פֿײַער — און די קיך איז געווען טעטיק. דאָס האָט צוגעגעבן קוראַזש, געהויבן די שטימונג, געוועקט צו זײַן אַקטיוו. און מען האָט זיך גענומען אײַנאָרדענען. עס האָבן אָנגעהויבן אַרבעטן זעגן און העק און עס האָט זיך דערהערט דאָס ברעכן פֿון צווײַגן. עס האָבן זיך פֿאַנאַנדערגעפֿלאַקערט פֿײַערן, געמאַכטע דורך באַזונדערע גרופּקעלעך פּאַרטיזאַנער, אין פֿאַרשיידענע פּונקטן פֿונעם וואַלד. דער שנייאיקער צודעק איז אַדורכגעריסן געוואָרן אויף אַ סך ערטער, צעשמאָלצן פֿון די פֿײַערן, און עס האָבן זיך באַוויזן טונקעלע ערדפֿלעקן. דער וואַלד האָט דורך דעם פֿאַרלאָרן זײַן אײנטאָניקייט, אײנפֿאַרביקייט, און דערמיט אויך זײַן שטרענגקייט און האָט אָנגעהויבן צו ווערן היימישער און צוטריטלעכער. אָבער נאָך אַלץ נישט אויף אַזוי פֿיל, אַז מען זאָל זיך קענען ערגעץ ווו אַוועקלייגן נאָך אַזוי פֿיל נישט געשלאָפֿענע נעכט. דאָס מאַכט זיך נישט אַזוי שנעל!... דערווײַל האָט מען נאָך אין ערגעץ נישט געקענט געפֿינען אַ טרוקן שטיקל ערד. אָבער פּאַרטיזאַנקע איז אַ גוטע שולע, און אין אונדזער אַטריאַד זײַנען געווען גוטע לערער. ביי וועמען זיך צו לערנען ווי אַזוי זיך אַן עצה צו געבן אין שווערע באַדינגונגען. בײַ אַ פּאַרטיזאַן, וועלכער האָט געלעבט אין סיביר, האָב איך זיך אויסגעלערנט אויסצובעטן אַ וואַרעם געלעגער אויף קאַלטער און נאַסער ערד. און איך צוזאַמען מיט שערמאַנען האָבן אויסגעבעט פֿאַר זיך אַזאַ געלעגער. געמאַכט האָבן מיר דאָס אויף פֿאָלגנדן אופֿן: מיר האָבן פֿאַנאַנדערגעלייגט אַ פֿײַער, נישט אויף אַ קליין שטיקל אָרט, אין דער הויך, נאָר אויף אַ גרעסערן שטח און אין דער פֿלאַך. דאָס האָבן מיר דערגרייכט דורך פֿאַנאַנדערלייגן האָלץ אין דער פֿאָרם פֿון לייטערס אויף אַ שטח פֿון עטלעכע מעטער. ווען דאָס האָלץ פֿלעגט זיך אויסברענען אויף קויל, האָבן מיר די גליענדע קוילן פֿאַרשאָטן מיט אַש און דאָס אַש האָבן מיר פֿאַרדעקט מיט אַ „לײַלעך" פֿון צווײַגלעך.

ליגנדיק אויף אַזאַ געלעגער, ווו דער קערפּער האָט געהאַט אונטער זיך טרוקן און וואַרעם, איז ער געווען ווייניקער פֿילבאַר אויך אויף דער

אַרומיקער קעלט, קעגן וועלכער ער איז מיט גאָרנישט נישט געווען באַשיצט.

26 פעברואַר. היינט זיינען 18 פּערזאָן פון שוויערזשנער לאַגער, צעטיילט אין צוויי גרופּן, אַוועק שאַפן געווער פאַרן אַטריאַד. איין גרופּע פון צען פּערזאָן איז געווען אונטער דער אָנפירונג פון הערשל פּאַסעסאַרסקי און די איבעריקע זיינען געווען אונטער דער אָנפירונג פון עוזר מאַזאָ. בלויז פּאַסעסאַרסקי און מאַזאָ האָבן געהאַט מיט זיך געווער. די איבעריקע זיינען נישט געווען באַוואָפנט. פּאַסעסאַרסקי מיט זיין גרופּע איז געגאַנגען פּריוויליק און פון אייגענער איניציאַטיוו. זיי זיינען גע־גאַנגען מיט אַ פּאַרטיקן פּלאַן און לויט אַ באַשטימטן אַדרעס: זיי האָבן געוווּסט, אַז אין טייך ניעמאַן, נעבן שוויערזשנע, איז אין 1941 אַריינגעוואָרפן געוואָרן אַ גרויסע צאָל געווער דורך די רוסן, וועלכע זיינען דעמאָלט אַרומגערינגלט געוואָרן פון די דייטשן. זיי האָבן זיך געוואָנדן צום שטאַב פונם אַטריאַד, אַז מען זאָל זיי אַהינשיקן ברענגען דאָס געווער פון דאָרטן. דאַקעגן מאַזאָס גרופּע, וועלכע איז נישט גע־גאַנגען פּריוויליק נאָר אויף אַ באַפעל, איז נישט באַזאָרגט געוואָרן דורכן שטאַב מיט קיין שום פּלאַן און מיט קיין אַדרעס ווו צו גיין. מען האָט סתם געשיקט אין דער וועלט אַריין אַ גרופּע נישט באַוואָפנטע און ווייניק דערפאַרענע פּאַרטיזאַנער, אונטער דער אָנפירונג פון אַ מענטש, וועלכער האָט נישט געהאַט קיין קוואַליפיקאַציעס צו זיין אַ קאָמאַנדיר אין אַ וועג, ווו מען איז אָפּגעריסן פונעם אַטריאַד און מען איז אָנגעוויזן אויף זיך אַליין. דער שטאַב האָט גענומען די זאַך נישט ערנסט. דער עיקר־ציל איז געווען פּטור ווערן פון אַ ביסל נישט באַוואָפנטע יידן. דער איניציאַטאָר פון שיקן די נישט באַוואָפנטע יידן נאָך געווער איז געווען דער קאָמיסאַר מאַראָזאָוו. ער האָט מיט אייניקע טעג פריער אויך פאַרטריבן 2 יידן, מיטן אויסרייד, אַז זיי זאָלן גיין ברענגען געווער פאַר זיך.

די דאָזיקע מעטאָדע איז אָנגעווענדעט געוואָרן נאָר בנוגע יידן. קיינעם פון דער פּערטער ראָטע, וועלכע זיינען מאָביליזירט געוואָרן

אין קאַפּולער ראַיאָן און וועלכע זײַנען אויך נישט געווען באַוואָפנט, איז אים גאָר נישט אײַנגעפאַלן צו שיקן נאָך געווער...

2 אַפּריל 1943. שוין אַ וואָך ווי מיר געפינען זיך אין טשור־טשעוויטשער וואַלד. נאָך דעם אָרליקער וואַלד איז דאָס דאָס ערשטע אָרט, וווּ מיר האַלטן זיך אויף אַזאַ לאַנגע צײַט. די גאַנצע צײַט ביז מיר זײַנען אַהער געקומען האָבן מיר נישט געהאַט קיין מנוחה און האָבן זיך געמוזט בסדר באַוועגן פון אָרט צו אָרט. קוים האָבן מיר באַוויזן אַ ביסל אָנצוּוואַרעמען און אויסצוטריקענען די נאַסע און קאַלטע ערד פון אַ געוויס אָרט און צו ווערן היימיש מיטן אַרום, זענען מיר גלײַך געצוווּנגען געווען צו פאַרלאָזן דאָס אָרט און ווײַטער צו וואַנדערן. מיר זײַנען שוין איצט נישט געגאַנגען, ווי אין די אַמאָליקע גוטע צײַטן, דורך באַוווּנטע פּונקטן, וווּ מען האָט זיך געקענט אָפּשטעלן בײַ דער אָרטיקער באַפעל־קערונג. איצט האָבן מיר אויסגעמיטן באַוווּנטע ערטער, און אויב מען האָט זיך שוין יאָ אַ מאָל באַוועגט דורך אַ מענטשלעכן ישוב, האָבן מיר דאָס געטאָן אין דער גרעסטער אײַלעניש און עס איז אונדז פאַרווערט געווען אַרײַנצוגיין אין די שטובן, אַזוי, אַז מיר האָבן די גאַנצע צײַט נישט געפילט דעם טעם פון האָבן אַ דאַך איבערן קאָפּ. און די שטיוול פלעגן מיר אַראָפּנעמען נאָר דעמלט, ווען עס איז געווען אַ מעגלעכקייט צו טריקענען די אָניצעס. מאַנכע פון אונדז האָבן זיך פון צײַט צו צײַט געוואַשן מיט שניי, אַנדערע — דאָס אויך נישט. צום טרינקען און קאָכן האָבן מיר אויך, אין גרעסטן טייל, גענוצט שניי. סיסטעמאַטיש געהונ־גערט האָבן מיר נישט, אָבער צווישן איין מאָלצײַט און דעם צווייטן, האָבן מיר געהאַט אַ ביסל צו לאַנגע הפסקות, אָפּטמאָל פון אייניקע טעג.

ערשט דאָ, אין טשוטשעווימשער וואַלד זײַנען מיר געקומען צו זיך און זיך אָפּגערוט ווי געהעריק. קיין שטאַרקע פרעסט זײַנען שוין נישט געווען, כאָטש עס איז נאָך געווען גענוג קאַלט. דער עיקר בײַנאַכט. איז אָבער די ערד שוין געווען ווייכלעך און מיר האָבן זיך געקאָנט אויפ־שטעלן בײַדלעך פון צווײַגן און אויך גראָבן ברונעמס.

דער אָטריאַד האָט שוין געהאַט אין זײַן באַלעבאַטישקייט אַ צענדליק בהמות און גענוג קאַרטאָפל. די קיך האָט ווידער געאַרבעט נאָרמאַל און

געקאָכט צוויי מאָל אין טאָג עסן. קיין ברויט האָבן מיר נישט געהאַט, ווײַל פון דעם מין איז אויף פּאָלעסיע געווען זייער ווייניק, צוליב דעם, וואָס דאָ איז פאַראַן זייער ווייניק ערד פאַר תבואות־פּאַרזיי. עס זײַנען אָבער פאַראַן אַ סך פּאַשע־פעלדער און די באַפעלקערונג האָדעוועט דאָ אַ סך בהמות.

אין זעלבן וואַלד, אין שכנות פון אונדזער אָטריאַד, האָבן זיך געפונען נאָך צוויי אָטריאַדן פון אונדזער (טשאַפּאַיעווסקער) בריגאַדע. פון די איבעריקע בריגאַדעס פון אונדזער פאַראייניקונג זײַנען מיר איצט געווען אָפּגעריסן און נישט געהאַט קיין קאָנטאַקט מיט זיי. אונדזער בריגאַדע איז געווען די שוואַכסטע בריגאַדע פון דער גאַנצער פאַראייניקונג, און אונדזער אָטריאַד איז געווען (צוליב די פרויען, קינדער, עלטערע מענטשן און נישט־באַוואָפנטע) דער שוואַכסטער פון אונדזער בריגאַדע.

אין דער צײַט ווען די פאַראייניקונג איז געווען קאָנצענטרירט אין איין געגנט, האָבן מיר געהאַט אַן איינהייטלעכן סיסטעם פון קאַמף און פאַרטיידיקונג פאַר אַלע בריגאַדעס און אָטריאַדן. איצט איז אונדזער בריגאַדע געווען אַן אָפּגעזונדערטע איינהייט, און אין פאַל פון אַן אָנפאַל מצד דעם שונא איז זי געווען אָנגעוויזן נאָר אויף זיך אַליין. די אַקציע פון די דײַטשן קעגן אונדז איז נאָך נישט געווען פאַרענדיקט און מיר האָבן געוווּסט, אַז זיי וועלן אונדז לאַנג נישט לאָזן זיצן אין די טשוטשעווויטשער וועלדער. דער פראָסט האָט שוין געלאָזט און מיר זײַנען געווען שטאַרק באַזאָרגט, אַז קוים וועט דער שונא אָנפאַלן אויף אונדז און וועט בלאָקירן די שאָסייען, וועלן מיר נישט קענען אַרויספירן דעם „אבאז" דורך די שוין אויפגעטײַעטע זומפּן. אונדזער לאַגע, איז אָן שום ספק, געווען אַ שווערע און אַ קאָמפּליצירטע.

די ראַזיקע אָביעקטיווע שווערע לאַגע האָט מאַראַזאָוו, בײַ דער פולער אונטערשטיצונג פון שוסטאַפּאַלאָוון, אויסגענוצט אויף צו שאַפן אַ טעאָריע פון אייגנאַרטיקער טאַקטיק, וועלכע איז דער עיקר געווען געוואַנדן קעגן די נישט־באַוואָפנטע יידן פון אונדזער אָטריאַד, און איז באַשטאַנען פון פאָלגנדיקן:

„פאַר דער פּאַרטיזאַנער באַוועגונג שטייט פאַר איבערצולעבן אַ שווער שטיקל צײַט. דער פיל שטאַרקערער און באַוואָפנטער מיטן נײַסטן

געווער, שונא וויל אונדז נעבן א טויטקלאפ און פארניכטן. אין איצטיקן מאמענט זיינען מיר נישט בכוח אויפצונעמען א קאמף מיט אים. אונדזער אויפגאבע איז דעריבער, זיך נישט לאזן פיזיש פארניכטן און אפנהאלטן די קאדרען אויף שפעטער, אויף גינסטיקערע צייטן, צום קאמף מיטן שונא".

דאס איז די טעארעטישע באגרינדונג. און איצט די אויספירן:

„דער אטריאד מוז ווערן לייכט־באוועגלעך און אפעראטיוו־פעיק. כדי ער זאל דאס קענען ווערן מוז ער זיך באפרייען פונעם איבעריקן באלאסט, וואס מאכט אים שווער. קודם־כל דארף מען באזייטיקן פונעם אטריאד פרויען, קינדער, עלטערע מענטשן און שוואכע. אחוץ דעם דארף ליקווידירט ווערן דער „אבאז" און אויפן ארט פון די פערד, דארף געשאפן ווערן א גרופע טרעגער, פון די נישט באוואפנטע, וואס יעדער פון זיי זאל קענען טראגן 50 קילא".

פארשטייט זיך, אז פאר טרעגער האט ער זיך אויסגעקוקט די יידן, וועלכע וועלן האבן דאס גליק קלאסיפיצירט צו ווערן, אז זיי קענען בלייבן אין אטריאד. מאראזאוו איז געווען שטארק ביטער. פונדעסטוועגן האט ער נישט געקענט מאסקירן די אנטיסעמיטישע צילן פון זיין פלאן, ווייל אין אונדזער אטריאד איז דאך געווען א גאנצע ראטע פון 70 ווייסרוסן, פון וועלכע קיין איינער איז נישט געווען באוואפנט, און קיין איינעם פון זיי האט מאראזאוו נישט ארייגערעכנט אין זיין אריגינעלן פלאן. זיי זיינען דאך נישט קיין יידן, פאר וועלכע פארטריבן ווערן פון וואלד, הייסט געשיקט ווערן צום שונא אויף טארטורן און פארניכטונג. זיי קען מען נישט דראען מיט באזייטיקן פונעם אטריאד, ווייל זייער הייסטער באגער איז געווען, אז מען זאל זיי באפרייען און אפלאזן צו זייערע היימען וואס שנעלער.

גילטשיק האט זיך גענוג ענערגיש אנטקעגנגעשטעלט די דאזיקע פלענער און צוליב דעם זיינען פארגעקומען אפטע קאנפליקטן צווישן אים און דער איבעריקער נאטשאלסטווע. איינמאל איז אפילו דערגאנגען דערצו, אז ער מיט שוסטאפאוולאוו האבן זיך הויך אויף א קול, אזוי אז מען האט געהערט איבערן גאנצן לאגער, ארייגעזאגט איינער דעם

ט‏ַייטן אין דער מאַמעס מאַמען אַרײַן... דאָס האָט געצוווּנגען מאַ־ראַזאָוון צו זײַן אײַנגעהאַלטענער בײַם אַדורכפירן זײַנע פּלענער.

פונדעסטוועגן האָט ער געטאָן וואָס עס האָט זיך געלאָזט. — דעם „גראַזשדאַנסקי״ לאַגער (בירגער־לאַגער), וועלכער האָט געציילט אין אַרליקער וואַלד בלויז צען פּערזאָן, האָט ער איצט פאַרגרעסערט ביז עטלעכע פופציק פּערזאָן. אייניקע ייִדן, וועלכע האָבן זיך געהאַט פאַר־אייניקט צו אונדז אין וועג, האָט ער פאַריאָגט פונעם אָטריאַד. דאָס זיינען דער עיקר געווען ייִדן, וועלכע האָבן געמוזט אַנטלויפן פון שוויע־טיטשער געגנט, צוליב די זשאַרקינצעס — אַ פּאַרטיזאַנער אָטריאַד, וועלכער האָט זיך באַרימט געמאַכט מיט פאַרפאָלגן און אומברענגען ייִדן, וועלכע האָבן זיך געראַטעוועט פון היטלערן. צוויי פרויען פון צווישן די, וועלכע האָבן זיך פאַראייניקט מיט אונדז, איז געלונגען צו בלײַבן אין אָטריאַד, אַ דאַנק דעם, וואָס מיט איינער האָט חתונה געהאַט געלער און מיט דער צווייטער האָט צוגעזאָגט חתונה האָבן מאָטל פּעדיוק.

יאַנקל געלער, אַ קלעצקער סוחר פון חזיר־האָר, איז געווען אַ פּאָ־פּולערער פּאַרטיזאַן, נישט נאָר אין אונדזער אָטריאַד, נאָר אויך אין דער גאַנצער פאַראייניקונג. ער איז געווען דער, וואָס האָט אַנגעוואָרפן אַ פּחד אויף די אַלע פון קלעצקער ראַיאָן, וועלכע זיינען רײַך געוואָרן פון דער אויסראָטונג פון ייִדן. פאַר זײַן קאָפּ האָט די דײַטשע מאַכט באַשטימט אַ הויכע געלט־פּרעמיע. בײַ יעטוועדער אַקציע פון פּאַרטיזאַנער קעגן די דײַטשן אין קלעצקער ראַיאָן, איז ער געווען דער אויספירער און וועג־ווײַזער. מיט אַ סך פון דער דאָרטיקער באַפעלקערונג האָט ער געהאַט אַ באַזונדערן חשבון, ווײַל זיי האָבן אויסגעהרגעט הונדערטער ייִדן, צווישן וועלכע עס האָט זיך געפונען אויך זײַן אייגענע פאַמיליע, שוין נאָכדעם ווי זיי זײַנען אַנטלאָפן פון געטאָ און זיך געראַטעוועט פון די דײַטשע מערדער. ער איז געווען דער גרעסטער ספּעציאַליסט פון דער פאַראייניקונג אויף אַרויסצובאַקומען גאָלד און אַנדערע ווערטזאַכן בײַ די, וועלכע זײַנען רײַך געוואָרן פון ייִדישן רויב און אַנדערע מאַכינאַציעס מיט די דײַטשן. נאָר ער אַליין האָט געוווּסט דעם סוד, ווי אַזוי צו צווינגען זיי אַרויסצונעמען, די אין דער ערד באַהאַלטענע, טויזנטער גאָלד־רובלס, וועלכע ער האָט אָוועקגעגעבן דעם שטאַב פון דער פאַראייניקונג אויף

איבערצושיקן קיין מאָסקווע, פאַר דער אונטערשטיצונג פון קאַמף קעגן די דײַטשן. עס זײַנען אין אונדזער פאַראייניקונג געווען גענוג פּאַרטיזאַנער וועמען עס האָט נישט געפעלט קיין מוט, העלדישקייט, הפקרדיקייט און אויך אכזריות — ווען עס איז נייטיק געווען. פונדעסטוועגן האָט קיינער פון זיי נישט געקענט אויף דעם געביט באַווײַזן דאָס וואָס יאַנקל געלער האָט באַוויזן. מען דאַרף קענען די גיריקייט פון אַ ווײַסרוסישן פויער, וועלכער איז גרייט געווען צו פטרן דאָס לעבן צוליב אַ פּאָר שטיוול, כדי צו פאַרשטיין, וואָס פאַרא טאַלענט עס האָט זיך געפאָדערט, כדי אים צו צווינגען אָוועקגעבן אַן אוצר, וועלכן ער האָט געהאַט באַהאַלטן אין דער ערד. דערפאַר אויב אַ שטאָב פון אַ בריגאַדע אָדער פון דער פאַראייניקונג האָט זיך גענייטיקט אין אַ גוט רײַטפערד, אַ זאָטל, מעדיקאַמענטן אָדער אַנדערע קעגנשטאַנדן, וועלכע מען האָט נישט געקאָנט אײַנשאַפן אַליין, האָט מען זיך געוואָנדן צו יאַנקל געלערן. ער פלעגט אויך פון צײַט צו צײַט ברענגען געווער פאַרן אָטריאַד, אָבער דאָס איז געווען בײַ אים אַ נעבן־באַשעפטיקונג. זײַן עיקר־ספּעציאַליטעט איז געווען — גאָלד. מאָטל פעדריוק איז געווען גילטשיקס אַדיוטאַנט.

6 אַפּריל 1943. מאַראַזאָווס פּלאַן האָט אויפגעהערט צו זײַן אַקטועל, ווײַל הײַנט איז ליקווידירט געוואָרן דער אַבאַז, נישט נאָר פון אונדזער אָטריאַד, נאָר אויך פון די אַנדערע אָטריאַדן פון אונדזער בריגאַדע. דאָס איז געשען שפּעט אין טאָג אַרײַן, שוין לאַנג נאָך פרישטיק, ווען מיר האָבן געמיינט, אַז אין דעם דאָזיקן טאָג זײַנען מיר שוין אַסעקורירט פון סיורפּריזן און קיין שום בייז קען אונדז נישט געשען. געוויינלעך פלעגט דער שונא אָנפאַלן אויף אונדז אין די פרימאָרגנס, און דערפאַר האָט דאָס זײַן פאַרקנעפּלט אויף אַלע קנעפּלעך אין דער דאָזיקער צײַט פון טאָג, געהערט צו אונדזער טאָג־טעגלעכער באַשעפטיקונג. נאָך דער צײַט האָט די שפּאַנונג נאָכגעלאָזט, ווײַל מיר האָבן געוווסט, אַז דער טאָג געהער שוין צו אונדז און יעטווידער קען זיך רויִק פאַרנעמען מיט זײַן באַשעפטיקונג. נאָר די דײַטשן האָבן געענדערט זייער טאַקטיק און אונדז איבערגעראַשט. דאָס מאָל האָט זיך דער אַלאַרם נישט אָנגעהויבן מיט דעם גוט־באַקאַנטן באַפעלערישן רוף פון די קאָמאַנדירן: „צום

געווער", נאָר מיט וואָרענונגס־רופן פון איבערראַשטע און צעטומלטע לוי־פנדיקע פּאַרטיזאַנער: „דײַטשן, דײַטשן!!!" וועלכע האָבן זיך געהערט פון אַלע זײַטן. אין ערשטן אויגנבליק האָבן אַלע אַנגעהויבן לויפן נישט־אָרגאַניזירטערהייט, נאָר אויפן באַפעל פון די קאָמאַנדירן, וועלכע זײַנען שוין געהאַט געקומען צו זיך איז מען באַלד שטיין געבליבן און זיך פאַר־מירט אין ווזוואָדן און אין ראָטעס, און מיר האָבן ווײַטער שוין מאַרשירט אין מיליטערישער אָרדענונג. דער אבאַז איז ווי געוויינלעך געווען אין דער מיט און פאַר אים און נאָך אים זײַנען געגאַנגען באַוואָפנטע פאַר־טיזאַנער. פאַר אונדזער אָטריאַד זײַנען געגאַנגען די אַנדערע צוויי אָט־ריאַדן פון אונדזער בריגאַדע, וועלכע האָבן געהאַט מיט זיך 4 האַרמאַטן. צום סוף פון אונדזער אָטריאַד האָט זיך געפונען דער „גראַזשראַנסקי לאַגער", וועלכער האָט געהאַט מיט זיך אייניקע פורן פאַרן אבאַז און פאַר די קראַנקע.

לויט די ידיעות וואָס מיר האָבן געהאַט איז דער שונא געגאַנגען אויף אונדז פון צוויי זײַטן: הינטער אונדז מיט דעם זעלבן שאָסיי, מיט וועלכן מיר זײַנען אָפּגעטראָטן זײַנען געגאַנגען דײַטשע מאָטאָריזירטע אָפּטיילונגען, און פון דער זײַט צופּוס, דורך פעלדער און לאַנקעס — וולאַסאָווצעס און אַנדערע באַנדעס, בכדי אונדז אָפּצושנײַדן דעם וועג. מיר האָבן דעריבער מאַרשירט אין גרויס אײַלעניש, כדי זיי נישט געבן קיין מעגלעכקייט אויסצופירן זייער פּלאַן. אַרויסגעוויזן האָט זיך אָבער, אַז פאַר אונדז זײַנען שוין אויך געווען דײַטשע מאָטאָריזירטע אָפּטיילונ־גען, וועלכע האָבן געעפנט אַ שיסערײַ אויף אונדזערע פאָדערשטע רייען. די אָטריאַדן, וועלכע זײַנען געווען פאַר אונדז, זײַנען געלאָפן אויף צוריק און עס האָבן זיך אויסגעמישט אין אומאָרדענונג מענטשן, פערד און וועגענער, וועלכע האָבן זיך געשטופּט אויף אַ קליינעם שטח פונעם נישט־ברייטן שאָסיי. פון איין זײַט פון דעם דאָזיקן וועג האָט זיך געפונען אַ זומפּיק פעלד, וואָס איז געלעגן מיט אייניקע מעטער נידעריקער ווי דער שאָסיי, און האָט זיך געצויגן ביז צו די גרויסע פּאָליעסער זומפּן. דאָס איז געווען דער אײנציקער וועג, וועלכער איז אונדז נאָך געבליבן. מען איז געשטאַנען אַ מאָמענט נישט דעצידירט און געוואַרט אויף אַ באַפעל. די אַרטילעריסטן האָבן דערווײַל געאַרבעט אין אײַלעניש בײַ

די האַרמאַטן, און נאָך דעם ווי זיי האָבן אַרויסגענומען די שלעסער פון דאַרטן, האָבן זיי אַראָפּגעשטויסן מיט אימפּעט די האַרמאַטן פון שאָסיי אין זומפּ אַרײַן.

דאָס איז געווען דער סיגנאַל. און אין איין אויגנבליק האָבן זיך אַלע געלאָזט לויפן מיטן זומפּיקן פעלד, איבערלאָזנדיק דעם אַבאַז אויף הפקר. קראַנקע, וועלכע האָבן זיך געפונען אויף די פורן, האָבן אין אַנבליק פון דער גרויסער געפאַר באַקומען כח אויף צו קענען זיך ראַטעווען און זיי זײַנען געלאָפן גלײַך מיט אַלעמען. בלויז צוויי זײַנען געווען, וועמען די גרעסטע געפאַר האָט נישט געקענט צווינגען, אַז זיי זאָלן זיך באַוועגן. איינער איז געווען דער פאָטער פון אַ וווזוואָד־קאָמאַנדיר פון דער צווייטער ראָטע, וועלכער האָט זיך אָנגעגעבן פאַר אַ פּאָלאַק און איז פאַקטיש געווען אַ געשמדטער ייִד פון וואַרשע. אים האָט זײַן זון אַרײַנגעשטעלט מיט דער פור צווישן דיביימער און אַליין איז ער אַוועק מיטן וווזוואָד. דער צווייטער קראַנקער איז געווען אַ בחור פון די שוויערזשנער ייִדן. אויפן וועג בײַם אַנטלויפן פון דאַרטן, האָט ער זיך אָפּגעפרוירן די פיס, און די גאַנצע צײַט וואָס ער איז געווען בײַ אונדז (אין „גראַזשדאַנסקי לאַגער"), איז ער געלעגן און זיך נישט געקענט באַוועגן. צוזאַמען מיט אים זײַנען געווען זײַנער אַ פאָטער און אַ ברודער. זיי האָבן אים אַרויפגעזעצט אויף אַ פערד און אויף אַזאַ אופן געפירט אים עטלעכע צענדליק מעטער. נאָר ווײַטער זײַנען די זומפּן געווען וואָס אַ מאָל טיפער און דאָס פערד איז געבליבן שטעקן און זיך נישט געקענט מער אַרויסקריגן פון דאַרטן. דער שונא איז דערווײַל צוגעקומען גאַנץ נאָענט פון אונדז און האָט אונדז באַשאָסן מיט פאַרשיידענע מינים געווער. דער וועג איז געווען פול מיט שטרויכלונגען און שטערונגען און מען איז בעצוווּנגען געווען אַוועקצוּוואַרפן די סאַמע נייטיקסטע זאַכן, וועלכע מען האָט געטראָגן מיט זיך. מאַנכע האָבן אַראָפּגעוואָרפן פון זיך אַפילו די אויבער־מלבושים. דער פאָטער מיטן ברודער האָבן מיט איבערמענטשלעכער אָנשטרענגונג געטראָגן מיט זיך דעם קראַנקן נאָך אייניקע צענדליק מעטער. ביז זיי זײַנען שטיין געבליבן הילפלאָזע און פאַרצווייפלטע, אָן כוחות. ווײַל דער וועג איז געוואָרן אַזאַ, אַז פאַר זיי איז געוואָרן אוממעגלעך, אַפילו בײַ דער גרעסטער אָנשטרענגונג, צו טראָגן מיט זיך דעם קראַנקן,

באַטש אויף אַ קלײנעם מהלך. עס איז אויסגעקומען צו גײן דורך טײַכן, אויף קלאָדקעס געמאַכטע פון דינינקע ביימעלעך, וועלכע פלעגן זיך באַוועגן בעתן גײן אויף זײ, און עס האָט זיך געפאָדערט אַקראָבאַטישע געניטקייט און געשיקטקייט צו קאָנען באַלאַנסירן, כדי נישט אַרײַנ־צופאַלן אין טײַך. הינטער אונדז און איבער אונדזערע קעפּ האָבן גע־פײַפט די קוילן, און מיר זײַנען געלאָפן אין איין אָטעם, געטריבן דורך פּאַנישער שרעק און דורך אַן אומגעהויערן לעבנסווילן. דאָס ווילן לעבן איז איצט געוואָרן מער, ווי סתם ווילן לעבן אין געוויינלעכע צײַטן. עס איז געוואָרן אַ מין האַזאַרד פון לײַדנשאַפטלעכע שפּילער, ווען עס ווילט זיך פאַר יעדן פּרײַז איבערלעבן היטלערן, דערלעבן די מפּלה פון די דײַטשן און זען דעם סוף פון דער שרעקלעכער שפּיל. מען איז געלאָפן דורך זומפּן, קאַלוזשעס און בלאָטעס. מען האָט זיך צעדראַפּעט דאָס פּנים ביז בלוט, פאַרטשעפּענדיק זיך אין די ווילד־שטאַרצנדיקע צווײַגן און מען האָט נישט געפילט קיין ווייטיק. עמיצער האָט פאַרלוירן דעם טריט גייענדיק איבער אַ קלאָדקע בײַם אַדורכגיין אַ טײַך און איז אַרײַנ־געפאַלן אין וואַסער. ער האָט זיך מיט די לעצטע כוחות אַרויסגעדראַפּעט פון דאָרטן און איז ווײַטער געלאָפן מיט די לעצטע אָנשטרענגונגען. עמיצער איז געבליבן שטעקן מיט אַ פוס אין אַ טיף־געדיכטן זומפּ און נאָך גרויס מאַטערניש האָט ער אים אַרויסגעצויגן פון דאָרטן, נאָר אָן שטיוול, וועלכער איז געבליבן שטעקן אין זומפּ. און אַזוי איז ער ווײַטער געלאָפן — מיט איין פוס אַ באָרוועסן און דעם צווייטן אַ באַשטיוולטן. פאָרויס! פאָרויס! נאָר נישט פאַרלירן פונעם אויג דעם לעצטן לויפנדן פאַר זיך און אַזוי אַרום האַלטן זיך בײַ אַ רינג פון דער קייט, וועלכע פאַרבינדט מיט אָטריאַד. אָפּשטיין, בלײַבן אַליין, אַרײַנפאַלן אין די הענט פון די דײַטשן — דאָס איז שרעקלעך! דאָס איז מער ווי טויט דורך טאָרטורן — דאָס איז אַן איבערמענטשלעכע שרעק פאַר עפּעס, וואָס האָט נישט קיין פאָרם און האָט נישט קיין אויסדרוק, פאַר עפּעס אַ מחבל, וואָס איז אין זיך כולל דאָס שלעכטס פון אַלע צײַטן און אַלע וועלטן...

דער פאָטער און ברודער פונם קראַנקן האָבן מיך פאַרהאַלטן און געוואָלט וויסן מײַן עצה צי זיי זאָלן לויפן מיטן אָטריאַד, אָדער בלײַבן

מיטן קראַנקן. — „פּרעגט אַנער אייגן געוויסן און דעם אינסטינקט פון אַ פאָטער און אַ ברודער" — האָבן איך געזאָגט און בין ווײַטער געלאָפן — — — — — — — — — — — — — — — —

לאַנגע צײַט אויף אַ ישוב־הדעת איז זיי נישט געבליבן, ווײַל איך בין געווען דער לעצטער לויפנדער רינג פון דער קייט, וואָס האָט פאַרבונדן מיטן אָטריאַד און זיי... האָבן איבערגעלאָזט דעם קראַנקן און זײַנען געלאָפן נאָך מיר.

10 אַפּריל. שוין דעם פערטן טאָג ווי מיר געפינען זיך אין די זומפּן, אָפּגערוקט סך הכל אַ צען קילאָמעטער פון אונדזער געוועזענעם לאַגער. מיט אייניקע טעג צוריק, נאָך אין לאַגער איז מיר אַרײַנגעפאַלן אין האַנט אַ בלעטל אַרויסגעגעבן דורך די דײַטשן פאַר דער ווײַסרוסישער באַפעלקערונג, וווּ זיי האָבן געשריבן: „מיר האָבן פאַריאָגט די פּאַרטיזאַנער טיף אין די פּאָליעסער זומפּן, וווּ זיי וועלן אומקומען פון הונגער, קעלט און שמוץ". דעמאָלט האָבן מיר געלאַכט פון זיי. אַרום אונדז זײַנען טאַקע געווען זומפּן, אָבער מיר האָבן זיך געפונען אויף אַ הויך און טרוקן אָרט. מיר האָבן געהאַט אַ ברונעם, פון וועלכן מיר האָבן געקענט שעפּן וואַסער, וויפל מיר האָבן נאָר געוואָלט. מיר האָבן געהאַט אַ קיך, וווּ עס האָט אַרויסגעזעצט אַ מחיהדיקע פּאַרע פון די קעסלען, און אויך אַ צענדליק בהמות.

איצט האָבן מיר ערשט פאַרזוכט דעם טעם, וואָס הייסט זײַן „פאַריאָגט אין די זומפּן" און דאָס אָן עסן. נאָר מיר האָבן זיך געטרייסט, אַז דאָס וועט לאַנג נישט דויערן. אַ פּאַרטיזאַנס גורל ענדערט זיך שנעל. מאָרגן דאַרפן מיר פאַרלאָזן דאָס אָרט און מאַרשירן ווײַטער. מיר וואָלטן נאָך נעכטן אַוועק פון דאַנען, ווען נישט דאָס, וואָס מיר האָבן געוואַרט אויפן ווזוואָד־קאָמאַנדיר פון דער צווייטער ראָטע. אויף צומאָרגנס נאָכן אָנפאַל איז ער אַוועק מיט אַ גרופּע פּאַרטיזאַנער פון זײַן ווזוואָד אויף דעם אָרט, וווּ עס איז איבערגעבליבן, בעתן אַנטלויפן פאַרן שונא, זײַן קראַנקער פאָטער, און אים געטראָפן דאָרטן שוין אַ דערשאָסענעם. די דײַטשן, דערוואַרטנדיק, אַז עס וועלן קומען פּאַרטיזאַנער אויף דעם אָרט, האָבן דאָרט געלויערט שוין פון פריער און זײַנען אויף זיי אָנגע־

פאלן. א טייל פון דער גרופע, פארטיידיקנדיק זיך מיט האנט־גראנאטן, איז ניצול געווארן און צוריקגעקומען צום אטריאד. וועגן די איבעריקע, צווישן וועלכע עס האט זיך געפונען דער וזוואד־קאמאנדיר, האט מען נישט געהאט קיין שום ידיעה, און מיר האבן געווארט א טאג, טאמער לעבן זיי און וועלן צוריקקומען.

די דייטשן האבן אויך געווארט אויף די ערטער ווו עס זיינען געבליבן אונדזערע פראדוקטן, נאר נישט קוקנדיק דערויף, איז א טייל פארטיזאנער דאך געלונגען צו נעמען פראדוקטן פון דארטן. אייניקע מאל איז געקומען צו שיסערייען צוליב דעם. א יידישע פארטיזאנקע איז פארוווּנדעט געווארן ביי אזא אפעראציע.

פון דעם קראנקן מיט די אפגעפרארענע פיס איז קיין שום סימן, וואס זאל עפעס דערציילן וועגן זיין גורל, נישט געבליבן. לויט אלעמענס השערות, האט ער זיך אוודאי אליין דערטרונקען אין איינע פון די פיל קאלוזשעס, וועלכע האבן זיך געפונען אויפן ארט, ווו ער איז געבליבן.

13 אפריל. היינט איז אונדז באשערט געווען צו האבן א שטיקל פארגיטיקונג פאר די צרות, וואס דער שונא האט אונדז אנגעטאן.

בעת א גרעסערן צוזאמענשטויס מיט די דייטשע בלוטיקע דינער, אין וועלכן עס האט זיך באטייליקט א גרופע אטריאדן פון יערמיענקעס בריגאדע, איז געלונגען צו נעמען אין געפאנגענשאפט פיר וולאסאווצעס.

יערמיענקא איז געווען דער יינגסטער „קאמבריג" פון אונדזער פארייניקונג. סך הכל 23 יאר אלט איז ער שוין געווען בארימט אלס פארטיזאנער־העלד און אויסגעצייכנטער קאמאנדיר. זיין בריגאדע איז געווען די בעסטע אין אונדזער פאריייניקונג.

די געפאנגענע וולאסאווצעס, רוסן פון מאסקווע און לענינגראד, זיינען געפארשט געווארן דורך דעם שטאב פון אודזער אטריאד. די אויספארשונג האט לאנג נישט געדויערט. אלץ איז געווען קלאר. דאס זיינען געווען נעבעכדיקע מענטשן, אן שום איבערצייגונגען, וועלכע האבן זיך נישט אפגעגעבן קיין חשבון פון דעם וואס זיי טוען. זיי האבן נישט

ליב געהאַט די דײַטשן און נישט פֿײַנט געהאַט זייער פֿאָטערלאַנד. נאָר גאַנץ אײַנפֿאַך — די דײַטשן האָבן זיי אָנגעטאָן אין גאַנצע שטיוול און אין וואַרעמע שינעלן און האָבן זיי געגעבן אַ שטיק וווּרשט מיט אַ פֿלאַש בראָנפֿן צוזאַמען מיט אַ ביקס אין דער האַנט אַרײַן — האָבן זיי גענומען. אַז פֿון דער ביקס האָבן זיי געשאָסן אין אייגענע ברידער — וועגן דעם האָבן זיי אינגאַנצן נישט געטראַכט.

נאָך דעם ווי דער שטאַב האָט געהאַט פֿאַרענדיקט די אויספֿאָרשונג, זיינען זיי איבערגעגעבן געוואָרן צו דער דיספּאָזיציע פֿונעם גאַנצן אָטריאַד. אַרומגערינגלט דורך אַ פּאַרטיזאַנער־מחנה, וועלכע האָט גערעדט צו זיי אויף דער אייגענער מוטערשפּראַך, האָבן זיי אויסגעזען נאָך מער נעבעכדיק און האָבן בײַ מיר געוועקט בלויז טיפֿן עקל. ווען איך זאָל זיך מוזן מיט זיי פֿאַרנעמען, וואָלט איך דאָס געטאָן מיט ווידערווילן, וואָס גיכער, און וואָלט זיך געהאַלטן וואָס ווײַטער פֿון זיי, ווי בײַם אָנוועקרוימען אומריינקייטן. אָבער פֿאַר דעם גרעסטן טייל פּאַרטיזאַנער זײַנען זיי געווען אַ פּאַסיקער אָביעקט אויף אויסצולאָדענען די גערעכטע פֿאַרביטערונג און דעם נקמה־דורשט. עס האָט נישט לאַנג געדויערט און די וולאַסאָווצעס זײַנען געלעגן געבונדענע און פּאַרטיזאַנער האָבן געסמאַליעט זייערע קערפּערס מיט ברענענדיקע שטרוי. אין דער צײַט איז אָנגעקומען צו רײַטן יערמיענקאָ און זיך צוגעקוקט צו דעם בילד. ער האָט געפּרוווט עפּעס ריידן צום צעיושעטן עולם, נאָר קיינער האָט אים נישט געהערט, ווײַל סײַ די, וועלכע האָבן זיך דירעקט פֿאַרנומען מיט די וולאַסאָווצעס, סײַ די, וואָס האָבן זיך באַטייליקט אַלס צושויער פֿון דער שפּיל, זײַנען געווען אַזוי פֿאַרטאָן, אַז זיי האָבן גאָרנישט געזען און גאָרנישט געהערט, וואָס עס טוט זיך אַרום זיי. ערשט דעמאָלט, ווען יערמיענקאָ האָט אַרויסגעלאָזט אַ סעריע פֿון זײַן אויטאָמאַט איבער זייערע קעפּ, זײַנען זיי געקומען צו זיך און אָנגעהויבן אײַנהערן זיך צו דעם, וואָס ער האָט גערעדט.

— „וואָס פּראָוועט איר דאָ פֿאַראַ אָרגיעס" — האָט ער אויסגערופֿן און צוגעגעבן מיט סאַרקאַזם און פֿאַראַכטונג — „העלדן"! — „לויט אונדזער סאָוויעטישן זאַקאָן" — האָט ער ווײַטער געזאָגט — „האָבן מיר קוילן פֿאַר די דײַטשן און פֿאַר פֿאַרעטער פֿונם פֿאָטערלאַנד

— אַ באַגנעט. טאָ דערשטעכט זיי אין אײַנקלאַנג מיטן געזעץ און אַ סוף זאָל נעמען צו דער עקלהאַפטער שפּיל"...

אויף צוזאַמענס אינדערפֿרי האָבן מיר פֿאַרלאָזט דאָס אָרט. מיר האָבן געוווּסט, אַז דער שׂונא וועט זיך וועלן נוקם זײַן פֿאַר דער נעכ־טיקער מפּלה און וועט אונדז ווידער אָנגרייפֿן מיט נאָך גרעסערע כּוחות ווי ביז איצט. מיר האָבן זיך נישט געקענט פֿאַרגינען אויף אַזאַ לוקסוס, ווי אויפֿנעמען אַ שלאַכט. קוילן האָבן מיר געהאַט גאָר ווייניק, און יעדער פּאַרטיזאַן האָט געציילט דאָס ביסל, וואָס ער האָט געהאַט, ווי מען ציילט גאָלדענע רענדלעך און געהיטן, ווי אַן אויג אין קאָפּ. די גרעסערע צאָל פּאַרטיזאַנער פֿון אונדזער פֿאַרייניקונג, וועלכע האָבן זיך געהאַט קאָנ־צענטרירט אויף איין אָרט, כּדי צו געבן אַ קלאַפּ דעם שׂונא און געבן אים צו פֿילן, אַז מיר לעבן נאָך, זײַנען זיך פֿאַנאַנדערגעגאַנגען אויף באַזונדערע וועגן. אונדזער בריגאַדע האָט זיך אויך צעטיילט. אַזוי אַרום אַז דער אָטריאַד איז איצט געווען אָנגעוויזן אויסשליסלעך אויף זיך אַליין. דאָס איז נישט געווען לײַכט פֿאַר אונדז. אַ רעגולערע אַרמיי איז קאָמבינירט פֿון פֿאַרשיידענע פֿאָרמאַציעס, וועלכע העלפֿן זיך איינע די אַנדערע. יעדע פֿאָרמאַציע האָט צוגעקליבענע מענטשן — לויטן עלטער, געזונט־צושטאַנד און פֿעיִקייטן — צוגעפּאַסט צו דער געגעבע־נער פֿונקציע, וואָס זיי דאַרפֿן אויספֿירן. פּאַרטיזאַנער זײַנען אין כּלל גענומען, מיליטערער פֿון דער ערשטער ליניע, פֿאַר וועלכן עס זײַנען נייטיק יונגע און געזונטע מענטשן. די מערסטע טייל אָטריאַדן, וועלכע האָבן זיך רעקרוטירט פֿון געבליבענע זעלנער אין אַרומרינגלונג און פֿון אַנט־לאָפֿענע פֿון קריגסגעפֿאַנגענשאַפֿט — זײַנען באַשטאַנען פֿון אַזעלכע. די נישט־ייִדן פֿון אונדזער אָטריאַד זײַנען אַלע געווען געזונט, יונג און מיליטעריש אויסגעשולט. צווישן דעם ייִדישן טייל פֿונם אָטריאַד זײַנען אָבער געווען אַזעלכע, וועלכע האָבן אײַנגאַנצן נישט געטויגט צום מילי־טער־דינסט, אַפֿילו צו דער לײַכסטער פֿונקציע. איצט איז זיי אויסגע־קומען צו געפֿינען זיך אין אַ לאַגע פֿון מיליטער אויף דער ערשטער ליניע, בײַ די ערגסטע און שווערסטע באַדינגונגען וואָס קענען נאָר זײַן. דער „בירגער־לאַגער", וועלכער איז באַשטאַנען פֿון עלטערע, פֿון שוואַכע, פֿון פֿרויען און קינדער האָט דאָס געמוזט מיטמאַכן, און אײַנ־

האַלטן דעם טעמפּאָ אין מאַרש, וואָס עס איז געווען שווער אפילו פאַר יונגע און שמאַרקע מענער. סימעק פּאָמעסאַרסקי, משה־פּיניע וויני־קאָווסקי און אַנדערע קינדער זײַנען אַדורכגעגאַנגען הונדערטער קילאָ־מעטער אין די פּאַליעסער זומפּן. משה־פּיניע, אַ װוּנדערבאַר שיין ייִנגע־לע פון 8 יאָר, איז געקומען מיט זײַן פּאָטער פון באַראַנאָוויטש, נאָכדעם ווי זײַן מוטער איז דערמאָרדעט געוואָרן דורך די דײַטשן. עס איז גע־ווען אַ רירנד בילד, וואָס האָט פאַרכאַפּט דאָס אויג און פאַרקלעמט דאָס האַרץ, קוקנדיק ווי דער פּאָטער האָט אים געטראָגן אויף די אַקסלען, צו־זאַמען מיט דער ביקס און דעם רוקזאַק, ווען מען איז געווען אין אַ געפאַר.

איך האָב שוין דערמאָנט וועגן דעם, אַז די פאַרזאָרגונג פון די פּאַרטיזאַנער מיט שיך און מלבושים איז נישט געווען קיין קאָלעקטיווע, נאָר יעדער האָט זיך געהאַנדלט אויף זײַן האַנט און האָט זיך פאַרזאָרגט אַזוי ווי ער האָט געקענט. פאַרשטייט זיך, אַז נישט יעדער האָט געהאַט די זעלבע שאַנסן. אַמווייניקסטן שאַנסן האָבן געהאַט די נישט באַוואָפנ־טע. נאָכן ליקווידירן די קיך, האָט זיך געשאַפן אַן ענלעכע לאַגע אויך מיט עסן. אמת, נישט אינגאַנצן אַזוי ווי מיט אָנטאָן, ווײַל פון צײַט צו צײַט זיינען פאַנאַנדערגעטיילט געוואָרן טרוקענע פּראָדוקטן פאַר אַלע־מען, דאָך האָט געהערשט אַ געוואַלטיקע נישט־גלײַכהייט אינעם באַ־שפּײַזן זיך פון די פּאַרטיזאַנער פון אונדזער אָטריאַד. עס איז שוין מער נישט געווען קיין אַלגעמיינער קעסל, פון וועלכן אַלע האָבן געגעסן, נאָר יעדער האָט געקאָכט פאַר זיך באַזונדער. דאָס האָט אַרײַנגעבראַכט כאַאָס און געשאַפן באַדינגונגען פאַר דעמאָראַליזאַציע.

אַ שלעכטן בײַשפּיל האָט געגעבן די נאַטשאַלסטווע. דער קאָמאַנדיר פון דער ערשטער ראָטע קאַרלאָוויטש — צום בײַשפּיל — האָט באַ־שעפטיקט אַזש צוויי פּאַרטיזאַנער, בלויז כדי צו פאַרזאָרגן זיך און זײַן מעטרעסע מיט שפּײַז. ער האָט זיך נישט זשעניִרט צו עסן — פאַר אַלע־מען אין די אויגן — געפּרעגלטע שפּעק מיט אייער און בלינצעס, אין דער צײַט ווען די פּאַרטיזאַנער פון זײַן ראָטע האָבן נישט געהאַט קיין טרוקענע קאַרטאָפל צו דער זעט. מאַראָזאָוו, וועמען דער טשוטשעווי־טשער פאַל האָט איבערגעצײַגט, אַז מען קען נישט שאַפן אַן אָבאָז מיט קיין פּעקל־טרעגער, ווײַל דעמלט, ווען עס זיינען נישט פאַראַן קיין באַ־

דינגונגען צו קענען האָבן פערד, מוז מען וואַרפן די פּעקלעך פון די פּלייצעס אויך, האָט דאָך נישט רעזיגנירט פון זײַן פּלאַן. ער האָט גע־שאַפן פאַר זיך פּערזענלעך, כאָטש איין פּעקל־טרעגער, אַ ייִד וועלכער האָט שטענדיק געשלעפּט אין וועג אַ פּאַק מיט שפּײַז פאַר אים. אַנדערע נאַטשאַלניקעס האָבן זיך אויך נישט אויפגעפירט בעסער. אַמבאַשיידנסטן און אָממערסטן צוריקגעהאַלטן אין דער הינזיכט איז געווען דער קאָמאַנ־דיר פונעם אָטריאַד — ליאָווע גילטשיק.

אָממערסטן געליטן פון מאַנגל אין שפּײַז האָבן די נישט־באַוואָפנטע און שוואַכערע, דער עיקר די פון „בירגער־לאַגער”, ווײַל די באַוואָפנטע, שטאַרקע און הפקרדיקע האָבן זיך גיכער געקענט אַן עצה געבן. אַזוי אַרום איז אויסגעקומען, אַז די שוואַכע, האָבנדיק ווייניק שפּײַז אויף אונטערצוהאַלטן די כוחות, זיינען געוואָרן נאָך שוואַכער, און די פּראַ־פּאָרץ פון קענען אויסהאַלטן די איבערמענטשלעכע אָנשטרענגונגען צווי־שן זיי און די איבעריקע איז געוואָרן נאָך גרעסער. נאָר קלאָגן זיך האָבן זיי נישט געטאָרט, ווײַל זיי זיינען אַזוי אויך געווען אײַנגעבעטענע געסט, וועמען מען האָט כּסדר געדראָט מיט פּאַריאָגן פונעם אָטריאַד. פונדעסט־וועגן האָבן אַלע אויסגעהאַלטן. קיינער איז נישט געשטאָרבן און קיינער איז נישט אָפּגעשטאַנען און נישט צוריקגעבליבן פונעם אָטריאַד. פאַר־קערט, עס איז געשען אַ נס: די קראַנקע זיינען געזונט געוואָרן און די לאָמע זיינען געוואָרן גייענדיק. עס איז געווען אין „בירגער־לאַגער” אַ ייִנגל פון צען יאָר, אַ שוואַכינקער, אָן אויסגעדאַרטער, הויט און ביין, מיט אינגאַנצן אָפּגעפרוירענע פיס. קיינער האָט נישט געגלויבט דערין, אַז דאָס ייִנגל זאָל נאָך אַמאָל קענען גיין. בלײַבנדיק אַליין בעתן אָפּ־טרעטן פון טשוטשעוויטשע, איז ער אַראָפּ פון דער פור אַ באָרוועסער און געלאָפן נאָך די לויפנדע. טרעטן אויף די טריט האָט ער נישט גע־קענט, איז ער געשפּרונגען אויף די שפּיצן פון די פינגער. אָפּשפּרינגענ־דיק אַזוי הונדערטער קילאָמעטער צוזאַמען מיטן אָטריאַד, האָבן זיך אים די פיס, סוף כּל סוף, אויסגעהיילט. אַן ענלעכער נס איז מיט מיר — אין דעם דאָזיקן שווערסטן פּעריאָד פונעם פּאַרטיזאַנער־לעבן אַליין געשען:

איך בין געלעגן מיט הויכער טעמפּעראַטור און געפּיבערט, ווען

דער אַטריאַד איז אַלאַרמירט געוואָרן. מיט גרויסע אָנשטרענגונגען האָב איך זיך קוים געשטעלט אויף די פיס און געגאַנגען וואַקלענדיק זיך ווי אַ שכור. דער קאָפּ האָט זיך געדרייט און פאַר די אויגן האָט מיר גע־שווינדלט. די זומפּן זיינען דעמלט געווען פאַרצויגן מיט אַ דין הייטעלע פראָסט, וואָס פלעגט פּלאַצן ביים אַרויפשטעלן אַ פוס אויף דעם. די פיס פלעגן אריין טיף אין דער קאַלטער נאַסקייט, וואָס האָט געשניטן דעם גליענדן קערפּער, ווי מיט מעסער. עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז איך פיל ממש, ווי עס ווערן אָנגעגריפן מיינע לונגען און עס ווערט אַ תל פון מיין גאַנצן אָרגאַניזם. איך בין געווען זיכער, אַז איך וועל סיי ווי סיי נישט קענען איינהאַלטן דעם טעמפּאָ פון די גייענדיקע ביזן סוף, און איך האָב שוין געקלערט אויפצוגעבן דעם קאַמף. עס האָט זיך שטאַרק גע־וואָלט נאָכגעבן דעם באַגער פון קראַנקן קערפּער — אַוועקצופאַלן אַ פּאַרחלשטער.... נאָר דער באַוווסטזיין, אַז קיינער וועט מיר נישט העלפן, און די פאָרשטעלונג פון דעם, וואָס עס דערוואַרט מיך — האָט מיך געהאַלטן אויף די פיס. איך האָב אָנגעשטרענגט די לעצטע כוחות, וועלכע איך האָב נאָך געהאַט, אַלע קעמערלעך פון מיין אָרגאַניזם זיינען אַקטיוויזירט געוואָרן און איך האָב געשטעלט נאָך אַ טראָט און נאָך אַ טראָט מיט דער האָפענונג, אַז אָט אָט באַלד וועלן מיר זיך אָפּשטעלן רוען. דאָס איז אָבער נישט געשען. מיר זיינען ווייטער געגאַנגען אָן איבעררייס. ביסלעכווייז איז מיר לייכטער געוואָרן צו גיין און איך האָב זיך אָנגעהויבן צו פילן בעסער. עס האָט מיך מער נישט געטרייסלט פון דער קעלט, פאַרקערט — עס איז מיר געוואָרן וואַרעם און שפּעטער אַפילו הייס. דער גאַנצער קערפּער מיינער האָט געפּאַרעט און מיינע מלבושים זיינען אַדורכגעווייקט געווען פון שוויים. אין די שטיוול האָב איך געהאַט וואַסער, נאָר דאָס וואַסער אין זיי איז איצט געווען וואַרעם, ווי געקאָכט און עס איז אָנגענעם געווען צו ווייקן די פיס אין דעם.

נאָכן אַדורכמאַכן אַ מאַרש פון אַן אַנדערהאַלבן צענדליק קילאָמע־טער האָבן מיר זיך געשטעלט אָפּרוען. איך האָב זיך נישט אַוועקגעלייגט, ווענן וואָס איך האָב אַזוי שטאַרק געחלומט אין אָנהויב פון מאַרש. נאָר איך בין געגאַנגען זוכן עפּעס צום עסן. איך בין שוין מער נישט געווען קראַנק, נאָר טויט־הונגעריק.

איך ווייס נישט, צי אין דער מעדיצין איז פאראן א ראציאנעלע אויפקלערונג פאר אזעלכע פאלן. לויט ווי מיר דאכט זיך איז מעגלעך, אז ספעציעלע סיטואציעס זיינען מסוגל ארויסצורופן — אפילו ביי גע־ווינלעכע מענטשן — אזא אויסערגעוויינלעכע אנשטרענגונג פון ווילן און לעבנסשפאנונג, וואס מאכט זיי פעיק צו היילן זיך — נישט באַ־וווסטזיניקערהייט — מיט אויטאהיפנאז.

16 אפריל 1943. היינט איז געווען א שלעכטער טאג פארן נאטשאלניק פאר באזונדערע ענינים, פאטאפיענקא, און פארן קאמאנ־דיר פון דער צווייטער ראטע, ביאלאסאוון. די סיבה דערפון איז געווען אזא:

מיט אייניקע טעג צוריק, ווען מיר האבן זיך געפונען אויף אן אנדער ארט, איז א גוט־באוואפנטער וווואד פון דער צווייטער ראטע, אונטער דער אנפירונג פון פאטאפיענקא און ביאלאסאוון, אוועק אויף א „קאמפס־אפעראציע". די אנפירער פון דער אפעראציע זיינען געווען זייער אויפגערוימט און זיי האבן געהאט שטאלצע און געהיימניספולע מינעס, אזוי ווי זיי וואלטן געהאט אויסצופירן עפעס א גרויסע און וויכטיקע שליחות לטובת דעם פאטערלאנד. אין אטריאד האט מען גע־רעדט מיט ביטול אז סך־הכל האנדלט זיך דא וועגן צוויי באנדיטן, וועל־כע — אונטערן מאנטל פון פארטיזאנער — טעראריזירן און בארויבן די ציווילע באפעלקערונג. מען האט זיך געוווּנדערט דערויף, וואס פא־טאפיענקא האט גענומען מיט זיך אזש א גאנצן וווואד צו דעם דא־זיקן צוועק, און א טייל פארטיזאנער האבן זיך געוויצלט אויפן חשבון פון די „געראיען" (העלדן).

א פאר שעה שפעטער זיינען זיי צוריקגעקומען זיגרייך פון דער דאזיקער אפעראציע מיט קריגס־טראפייען, וועלכע זיינען באשטאנען פון 2 אויטאמאטן, 2 פיסטאלעטן, א קאווקאזער מעסער און אנדערע קליי־ניקייטן. מיינער א חבר, וועלכער האט געהערט צו דער צווייטער ראטע און האט זיך אויך באטייליקט אין דער אפעראציע און איז צוריקגעקומען פון דארט אין א גאר שלעכטער שטימונג, האט מיר איבערגעגעבן בסוד, אז דאס זיינען בכלל נישט געווען קיין באנדיטן, נאר פארטיזאנער, וועל־

כע מען האָט דערמאָרדעט אויף אַ פאַרטעטערישן אופן. פּאַטאַפּיענקאַ מיט ביאַלאָוסאָוו — האָט ער געזאָגט — האָבן מיט זיי געטרונקען בראָנפן, בעת מיר זיינען זיי באַפאַלן פון הינטן אַרום און געבונדן. גע־בונדענערהייט, פאַרן שיסן, האָבן זיי געזונגען דעם „אינטערנאַציאָנאַל".

היינט זיינען געקומען צו אונדז אַ גרופּע פּאַרטיזאַנער פון וואַסי־לאָווס אָטריאַד, באַוואָפנט מיט אויטאָמאַטן און מאַשין־געווער. ווען זיי זיינען נאָך געווען פון ווייטן, האָבן פּאַטאַפּיענקאַ און ביאַלאָוסאָוו שנעל זיך אָפּגעטראָגן און זיי האָבן זיך ערגעץ באַהאַלטן. אַלע פּאַרטיזאַנער איז שטילערהייט איבערגעגעבן געוואָרן אַ באַפעל צו זיין בײַם געווער. די וואַסילאָווצעס האָבן בלויז אַ קורצע צײַט קאָנפערירט מיט דער נאַ־טשאַלסטווע פון שטאַב און דערנאָך האָבן זיי, אָן שום אינצידענטן, פאַר־לאָזט אונדזער לאַגער, טראָגנדיק מיט זיך, די ערשט נישט לאַנג דערטראַ־בערטע דורך אונדזערע „געראָיען", קריגס־טראָפייען. נאָך זייער אוועק־גיין האָבן שוין אַלע געוווּסט, אַז די צוויי „באַנדיטן", וועלכע פּאַטאַ־פּיענקאַ האָט אַנטדעקט, זיינען זייערע חברים, און האָבן זיך גראַד דעמלט ווען מען האָט זיי דערשאָסן, געפונען אין אַ וויכטיקער שליחות פאַר זייער אָטריאַד. עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן אָרגאַניזירן סאַבאָ־טאַזש־אַקטן, אויסנוצנדיק די מיטהילף פון אייגענע מענטשן, וועלכע זיינען געווען אין דער פּאָליציי און אויף אַנדערע אַמטן בײַ די דײַטשן. עס האָט זיך אויך געהאַנדלט וועגן פירן אַן אַרבעט צווישן דער פּאָליציי, כדי זיי איבערצוצױען אויף דער זײַט פון די פּאַרטיזאַנער. אין דער צײַט איז דער גלויבן אין דער אומבאַזיגבאַרקייט פון די דײַטשן שוין נישט גע־ווען אַזוי שטאַרק, און אַ טייל פון זייערע פריִערדיקע דינער האָבן זיך געוואָלט אַסעקורירן אויף שפּעטער, דורך אַן אַליבי, אַז זיי האָבן גע־האָלפן די פּאַרטיזאַנער. עס זיינען אפשר געווען אויך אַזעלכע, וועלכע האָבן אויף אַן אמת געוואָלט אויסקויפן זייערע שווערע זינד לגבי די אייגענע ברידער און דעם אייגענעם פאָטערלאַנד.

אָט די דעליקאַטע אַרבעט איז אָנפאַרטרויט געוואָרן צו טאָן די צוויי דערשאָסענע אַלס באַנדיטן, דורך זייער אָטריאַד, וועלכער האָט זיך גע־רעכנט צו די העלדישסטע און קולטורעלסטע פּאַרטיזאַנער־אָטריאַדן.

די גאַנצע געשיכטע וואָלט אפשר קיינמאָל נישט אויפגעדעקט גע־

ווארן און מען וואלט נישט געוווּסט ווו זייער געביין איז אהינגעקומען, ווען נישט דאס, וואס עס איז געשען ממש אַן אומגלויבלעכע זאך: די צוויי פּאַרטיזאַנער זיינען געשאָסן געוואָרן, האָבנדיק די הענט געבונדן אויף הינטן. געשאָסן האָט מען זיי אין דער פּאַטילניצע און געטאָן האָבן עס אַזעלכע קינסטלער מיט אַזוי פיל פּראַקטיק אויף דעם געביט, ווי פּאַטאַפּיענקאָ און ביאַלאָוסאָוו און דאָך — זיינען זיי געבליבן לעבן.

וואָלטן אונדזערע „געראָיען" נישט געווען אַזוי שלעכט דערצויגן, און וואָלטן זיי אַמווייניקסטן כאָטש געזאָרגט, אַז זייערע קרבנות זאָלן באַגראָבן ווערן, נאָכדעם ווי זיי האָבן געהאַט צוגערויבט זייער געווער און אַראָפּגעצויגן די שטיוול פון זיי — וואָלטן זיך די אומגליקלעכע אפשר איבערגעדרייט אין קבר און געשטאָרבן מיט אַ קללה אויף די ליפּן פאַר זייערע מערדער, דער פאַרברעכן גופא, וואָלט אָבער געבליבן נישט אַנטדעקט. געשען איז אָבער אַנדערש און די באַפעלקערונג, צווישן וועלכע די געשאָסענע פּאַרטיזאַנער האָבן געהאַט אַ סך פריינט האָבן אַלץ געטאָן, כדי זיי צו ראַטעווען.

ווען איך וואָלט אַזאַ געשיכטע געלייענט אין אַ קרימינעלן ראָמאַן, אָדער געזען אין אַ פילם, וואָלט דאָס ביי מיר אַרויסגערופן בלויז אַן איראָנישן שמייכל, אָבער געגלייבט אין דעם וואָלט איך קיינמאָל נישט. דאָך האָט אַזאַ זאַך פּאַסירט, כאָטש דאָס איז אומגלויבלעך און לייגט זיך נישט אויפן שכל.

מיר איז אין אַ קורצער צייט אַרום אויסגעקומען צו זיין אין דער געזעלשאַפט פון די צוויי פּאַרטיזאַנער און הערן פון זיי אַליין דערציילן די געשיכטע, ווי אַזוי מען האָט זיי געשאָסן. דאָס איז געווען זייער אינטערעסאַנט, אָבער נאָך מער... געפערלעך.

22 אַ פּ ר י ל. היינט האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט רוען אין מאָ־ראַטשאַנקער וואַלד. דער וועג אַהער איז געווען אַ לאַנגער און אַ שווע־רער. דאָס איז געווען דער לענגסטער מאַרש, וואָס איך האָב ביז איצט אַדורכגעמאַכט ביי די פּאַרטיזאַנער. די לעצטע טעג האָט דער שונא אונדז כסדר געטראָטן אויף די פּיאַטעס און זיך באַמיט אונדז אַרומצו־רינגלען. מיר האָבן דערפאַר געמוזט שטאַרק זיך צואיילן, כדי וואָס שנע־

לער ארוים פון דעם געפערלעכן שטח, ווו עס האט געדראט די דאזיקע געפאר. לויט דער מיליטערישער טערמינאלאגיע, זיינען מיר שוין אייגנטלעך ארומגעררינגלט געווען דורכן שונא. נאר דער רינג ארום אונדז איז נאך געווען גענוג גרויס און מיר האבן זיך געקענט באוועגן אין אים. דער שונא האט זיך טאקע באמיט ענגער צו מאכן דעם קרייז ארום אונדז כדי אונדז קענען דערשטיקן. נאר מיר האבן זיך ארויסבאקומען פון דארטן דורך שפארונקעס און געגאנגען דורך אומוועגן, ווו קיין מענטשלעכער פוס איז שוין נישט געטראטן מי יודע ווי לאנג.

היינט זיינען מיר ענדלעך אדורך דעם אזוי לאנג באגערטן טייך מאראטשאנקע, וואס איז געווען אונדזער ציל. דא זיינען מיר געווען אויסער יעדער געפאר. מיר זיינען נאך נאכדעם אפגעגאנגען אייניקע קילאמעטער אין וואלד, ווו מען האט געמוזט קלעטערן דורך אומגעווארפענעביימער, וועלכע זיינען דארט געלעגן אין די טויזנטער, ווייל זייערע ווארצלען האבן זיך נישט געהאט אויף וואס צו האלטן — אזוי נאס און ווייך איז דארט געווען די זומפיקע ערד.

עס איז פארביי א היפשע צייט נאך דעם, ווי דער אטריאד האט שוין גערוט אויף א טרוקן ארט, ווען עס זיינען אנגעקומען אהין די רעשטלעך פונעם „בירגער־לאגער", וועלכע זיינען געבליבן הינטערשטעליק אין וועג. זיי האבן קוים באוויזן א ביסל אפצורוען זיך און קומען צו זיך פון דעם שרעקלעכן וועג, ווי מען האט זיי מודיע געווען די שלעכטע בשורה, אז דער „בירגער־לאגער" מוז פארלאזן דעם אטריאד און זיך אריבערטראגן אויף אן אנדער ארט. ביז איצט פלעגט דער „בירגער־לאגער" זיין אפגערוקט פונעם אטריאד בלויז אויף אייניקע הונדערט מעטער, אזוי, אז ער איז בכסדר געווען אין קאנטאקט מיטן אטריאד, און איז אינפארמירט געווען וועגן אלעם וואס דארט קומט פאר. פארטיזאנער פון אטריאד, וועלכע האבן געהאט נאענטע אין „בירגער־לאגער", פלעגן אפט אהינגיין און העלפן מיט וואס זיי האבן געקאנט. אין דער צייט פון א סכנה, האט אונדזער שטאב נישט געדענקט וועגן „בירגער־לאגער" און נישט געזארגט וועגן זיין שוץ. אבער די מענטשן פון לאגער האבן אליין גוט געהיטן דעם אטריאד און זיי האבן זיך שטענדיק באוועגט צוזאמען מיט אים. מאראזאוו מיט זיין קאמפאניע האבן גוט אכטונג געגעבן דערויף,

אַז די מענטשן פון „בירגער־לאַגער" זאָלן זיך נישט אויסמישן מיטן אַטריאַד, און אַז זיי זאָלן זיך געפינען אָפּגערוקט פון אים אויף אַ געוויסע דיסטאַנץ, אויך אין צײַט פון מאַרש. אָבער פּרוּוון זיי צו גיין נאָכן אַטריאַד, האָט ער נישט געהאַט קיין מאַכט. איצט איז אַרויס אַ גזירה, אַז דער „בירגער־לאַגער" מוז אינגאַנצן איזאָלירט ווערן פונעם אַטריאַד, און דאָס איז מעגלעך נאָר דעמלט, ווען ער וועט זיך געפינען גאַנץ ווײַט פון אים. די ידיעה וועגן דעם, האָט אַרויסגערופן אַ גרויסע בהלה צווישן די מענטשן פון „בירגער־לאַגער" און האָט געמאַכט אַ שווערן אײַנדרוק אויף די ייִדן פונעם אַטריאַד. מען האָט פּראָטעסטירט, מען האָט געבעטן, מען האָט אינטערווענירט בײַ גילטשיקן — אָבער עס האָט גאָר־נישט געהאָלפן. די גזירה איז געווען אַ געחתמעטע.

אויף צומאָרגנס, האָבן באַוואָפנטע פּאַרטיזאַנער אַוועקגעפירט דעם „בירגער־לאַגער" אויף אַ מהלך פון 8 קילאָמעטער פון דעם אָרט, וווּ עס האָט זיך געפונען דער אַטריאַד און דאָרטן זיי איבערגעלאָזט. דאָס הייסט גאַנץ איינפאַך אַוועקגעוואָרפן אויף הפקר און איין מאָל פאַר אַלע מאָל פּטור געוואָרן פון דעם איבעריקן באַלאַסט.

ווען איך האָב אַמאָל געלייענט וועגן אוראַלטע ווילדע שבטים, וועלכע פלעגן איבערלאָזן זייערע אַלט־געוואָרענע מיטגלידער אויף אַ וועג לעבן אַ שטיין, אַז זיי זאָלן דאָרטן שטאַרבן, האָט זיך דאָס נישט געלאָזט משיג זײַן, און הײַנט ווען איך וואָלט באַגעגנט אַזאַ ווילדן מענטש, וואָלט איך זיך אַוועקגעזעצט מיט אים לעבן שייטער בראָטן פלייש אויף אַ פּאָר־שפּיצטן פלאָקן, און מיר וואָלטן גערעדט צווישן זיך ווי אייגענע. מיר וואָלטן זיך גוט פאַרשטאַנען, נישט געקוקט אויפן אונטערשיד אינעם גראַד פון ציוויליזאַציע צווישן אונדז. אָבסערווירנדיק דאָס לעבן אין וואַלד, האָב איך זיך איבערצײַגט, אַז עס דאַרף גאָרנישט לאַנג דויערן פאַר די הײַנטצײַטיקע, ציוויליזירטע מענטשן, אַרײַנצוּוואַקסן אין די באַ־גריפן פון די ווילדע אור־אור־עלטערן אונדזערע. דעמלט ווען זיי ווערן געצוווּנגען צו לעבן אין ענלעכע באַדינגונגען, ווי מען האָט דעמלט געלעבט. איך בין זיכער, אַז אַ רעדע געהאַלטן דורך אַן עלטסטן פון אַזאַ שבט, וועלכער האָט פּערמאַנענט געלעבט אין ענלעכע באַדינגונגען פון אונדזער אַטריאַד, וואָלט געקענט דינען פאַר אַ קאָנספּעקט צו אַ רעדע פון קאָמיסאַר

מאַראַזאַוו, אָדער פאַרן קאַמבריג שוסטאָפּאָוולאָוו, אויף צו באַגרינדן זייער מעזן פאַרוואָס דער אַטריאַד מוז זיך „באַפרייען״ פונעם „בירגער־לאַגער״. ווען איך האָב זיך צוגעקוקט צו דעם, מיט וואָס פאַרא איינגע־שפּאַרטקייט פאַרטיזאַנער האָבן זיך ליב צו צירן אין זאַכן פון די דייטשן, האָב איך פאַרשטאַנען, פאַרוואָס די ווילדע פלעגן טראָגן אויף זיך שאַרבנס פון דורך זיי דערהרגטע פיינט. וויפל מאָל האָט מען ביי די פאַרטיזאַנער גערעדט וועגן דעם, אַז עס איז אַ חרפה צו טראָגן אויף זיך רימענס מיט דער „פאַסקודסטווע״, דעם האַקנקרייץ, פונדעסטוועגן האָבן פאַרטיזאַנער זיך געצירט אין די דאָזיקע פּאַסקעס. עס זיינען אָפט פאָרגעקומען קו־ריאָזע צוזאַמענשטויסן, וועלכע האָבן זיך טיילמאָל טראַגיש געענדיקט. צוליב דעם, וואָס פאַרטיזאַנער אָנגעטאָן אין דייטשע מונדירן זיינען דורך אַנדערע פאַרטיזאַנער אָנגענומען געוואָרן פאַר דייטשן. אָבער נישט געקוקט אויף דעם האָט מען ווייטער געטראָגן די דאָזיקע מונדירן מיט שטאָלץ. ווען די ווילדע וואָלטן נאָך זייערע פיינט דעראָבערט טראָ־פייען אין וועלכע מען וואָלט זיך געקענט צירן אויב זיי וואָלטן געהאַט מעדאַלן און אָרדערס צו טראָגן, וועלכע זאָלן באַצייכענען זייער העלדיש־קייט, וואָלטן זיי נישט געשלעפּט מיט זיך די שאַרבנס פון זייערע פיינט. און פאַרקערט, ווען אונדזערע היינטצייטיקע העלדן זאָלן נישט האָבן קיין אַנדערע טראָפייען נאָכן שונא, וואָלטן זיי זיך אויך געצירט אין זיינע שאַרבנס. וואָס שייך מענטשן־פרעסעריי איז אין וואַלד נישט געווען קיין באַדינגונגען פאַר דער דאָזיקער פּראַקטיק, אָבער אַנדערשוווּ, איז דאָס אויך פּראַקטיצירט געוואָרן אין צייט פון דער מלחמה, דורך ציוויליזירטע מענטשן. נאָר וועגן דעם, וועל איך איצט נישט דערציילן אויף דעם אָרט, ווייל עס געהערט נישט צו מיין טעמע.

24 **אַפּריל.** עס איז געווען נאָך מיטאָג. די פרילינגס־זון האָט שוין צו ביסלעך געוואָרעמט אין מיטן טאָג. ווען זי איז געשטאַנען הויך, אמת נאָך נישט אויף אַזוי פיל, אַז מען זאָל נישט דאַרפן ברענען קיין פייער. די לעצטע חדשים זיינען מיר צופיל אָדורכגעפרווירן געוואָרן, אַז עס זאָל פאַר אונדז גענוג זיין די נאָך שוואַכע וואַרעמקייט פון דער זון. הערפאַר איז געווען אַ גרויס פאַרגעניגן צו קענען געניסן איינצייטיק, סיי

פון דער ברייענדיקער ווארעמקייט און פריידיקן פלאקער פון פייער, סיי פון דער מילדער ווארעמקייט פון די זונשטראלן. אלע די וואס זיינען געווען פריי פון דינסט, האבן זיך געקוויקט מיט די דאזיקע צוויי טייערע מתנות פון גאט. טייל האבן געריייניקט דאס געווער, טייל האבן גע־טריקנט די שטענדיק נאס־ווערנדיקע אניצעס, אנדערע האבן „געקעמפט מיטן שונא" — דאס האט געהייסן ביי אונדז דעזינפעקצירן די וועש אויף אן אייגנארטיקן אופן — האלטנדיק עס איבערן פלאם פון ברענענדיקן פייער, כדי צו פארניכטן די לייז, וועלכע האבן זיך לעצטנס אזוי שטארק פארנעסטעט ביי אונדז. דער גרעסטער טייל אבער, האט אויסגענוצט די פרייע צייט צו שלאפן. מען איז אפגעשלאפן דעם „רעפיציט" וועלכן מיר האבן נעהאט און מען איז געשלאפן אויף „זאפאס", ווייל מיר האבן קיינמאל נישט געוווסט, ווען עס וועט זיך מאכן א געלעגנהייט צו שלאפן. עס איז געווען א צייט, ווען די איינציקע געלעגנהייט צו שלאפן איז געווען גייענדיק אין מארש. דאס איז אבער געווען זייער מאטערנדיק, ווייל מען איז כסדר אויפגעוועקט געווארן, מיט א שטורך אין זייט און מיט א... אין דער מאמעס מאמען אריין, דורך די וועמען מען האט געשטערט בעתן גיין.

א ווארענונגס־שאס פון אונדזערס א וואך האט מיט איינמאל ארויס־גענומען אלעמען פונעם דרימלענדיקן צושטאנד. מען איז געווארן וואך און געווארט מיט אנגעשפיצטע אויערן אויף דעם, וואס עס וועט ווייטער קומען... בלויז עטלעכע מינוט האט געדויערט דאס ווארטן, און באלד איז געקומען די באקאנטע פאר אונדז מוזיק, פונעם שונא, וועלכער איז שוין געווען אזוי נאענט, אז מיר האבן געהערט, ווי עס ארבעטן די שלעסער ביים פארלאדענען דאס געווער.

מיר האבן פארלאזט מאראטשאנקע, לויפנדיק דורך א געדיכטן וואלד, וועלכער האט אונדז געשיצט פאר די קוילן פון שונא. פון דעמלט אן האבן מיר פארלוירן יעטווערן קאנטאקט מיטן „בירגער־לאגער".

27 אפריל. היינט איז געקומען צו אן אינצידענט צווישן גיל־טשיקן און פאטאפענקא, וועלכער האט זיך שיעור נישט גענעדיקט גאנץ ערנסט. דעם נאטשאלניק פאר באזונדערע ענינים האט זיך נישט שלעכט

געלעבט ביי אונדז אין אַטריאַד. עס האָט אים קיינמאָל נישט אויסגע־פעלט קיין טרונק בראַנפן און גוט צו פאַרבייסן. פאַר דעם האָבן געזאָרט מאַנכע פּאַרטיזאַנער, וועלכע האָבן געהאַלטן, אַז עס איז בעסער צו לעבן גוט מיטן נאַטשאַלניק פאַר באַזונדערע ענינים, כאָטש זיי האָבן אים נישט שטאַרק ליב געהאַט. קיין שום פליכטן פאַרן אַטריאַד האָט ער נישט געהאַט און ער איז פון גאָרנישט נישט געווען פאַראַנטוואָרטלעך. קיין געלעגנהייטן צו פטרן די סולימאָווס, אָדער אַנדערע פאַרדינסטפולע פּאַרטי־זאַנער, ווי אַ שטייגער די אַנדעקטע דורך אים „באַנדיטן", האָט זיך נישט געמאַכט יעדן טאָג, איז ער דערפאַר אַרומגעגאַנגען אָן אַ שטאָך אַרבעט. אומעטום האָט ער אַריינגעשטעקט זיין שפּיצלאָווסקע נאָז, צו אַלעמען האָט ער זיך געטשעפּעט, זוכנדיק אַ מעגלעכקייט אויסצולאָדענען אויף עמיצן זיינע רוצחישע נייגונגען. אָבער הײַנט האָט ער באַקומען דעם פאַרדינטן פּסק. די סיבה דערפון איז געווען אַזאַ:

אַ יידישער פּאַרטיזאַן פון דער ערשטער ראָטע האָט עובר געווען קעגן די דיסציפּלין־פאַרשריפטן דערמיט, וואָס ער האָט גענומען אַ ברויט אין אַ פּויערישער כאַטע, גייענדיק אויף פּאַטראָל. עס איז די זאַך פון ראָטע־קאָמאַנדיר אָדער פון שטאַב צו פאַרנעמען זיך מיט אַזעלכע ענינים. אָבער פּאַטאַפּענקאָ, וועלכער איז אגב נישט געווען אינגאַנצן ניכטער, האָט געפונען פאַר זיך אַ באַשעפטיקונג, אַרויספירנדיק דעם פאַרשולדיקטן ערגעץ אין אַ זייט צווישן די קוסטעס, און אים גענומען שלאָגן. גילטשיק, געוואָר ווערנדיק וועגן דעם, איז שנעל געקומען צו לויפן, און כאָטש פּאַטאַפּענקאָ איז מיט אַ קאָפּ העכער פאַר אים, האָט ער אים אַזוי דער־לאַנגט אין דער מאָרדע, אַז ער האָט זיך באַלד אויסגעצויגן אויף ערד מיט זיין שווערער און מאַסיווער פיגור. אויפהייבנדיק זיך פון דאָרטן, האָט ער זיך געכאַפּט פאַרן נאַגאַן, נאָר אין דעם זעלבן אויגנבליק, איז שוין אויף אים אָנגעשטעלט געווען די לופע פון גילטשיקס פּיסטאָלעט...

דער נאַטשאַלניק פון שטאַב, וואָלאָשקעוויטש, האָט זיי קוים צעשיידט.

דאָס איז געווען דער איינציקער פאַל, וואָס איז מיר באַוווסט, ווען גילטשיק האָט אויפגעהויבן אויף וועמען אַ האַנט. ער האָט נישט געהערט צו די „העלדן", וואָס האָבן אַ טבע זיך צו וואָרפן אויף שוואַכע.

אַ ביסל שפּעטער, האָב איך געהערט, ווי פּאַטאַפּענקאָ, אַ פאַר־

שעמטער, געבראָכענער, האָט געזאָגט צום נאַטשאַלניק פון די אויסשפּי־רער, וועלכער איז געווען אַ באַוווּסטער אַנטיסעמיט און איז שפּעטער דערשאָסן געוואָרן פאַר רויב און כוליגאַניזם: — „טשוט, טשוט, ניע אוביל טאָווא זשידאַ" (שיעור נישט דערהרגעט דעם „זשיד").

דעם 2טן מאַי זיינען מיר אָנגעקומען אין די מישיקער וועלדער, וווּ עס האָט זיך געפונען די גרופּע פון סעגאַלן.

די לעצטע טעג זיינען פאַרגעקומען ענדערונגען אין אָטריאַד, וועלכע זיינען באַשטאַנען אין פאָלגנדיקן:

די דריטע ראָטע, וועלכע איז באַשטאַנען אין גרעסטן טייל פון די שוויערזשנער און האָט געהאַט זייער ווייניק געווער, איז געשיקט געוואָרן, אונטער דער אָנפירונג פון ראָטע־קאָמאַנדיר עפשטיין אין קאַפּולער געגנט, ווו עס האָט זיך שוין געפונען דער שטאַב פון אונדזער פאַראייני־קונג. די מאָביליזירטע פון דער פערטער ראָטע, זיינען אָפּגעלאָזט געוואָרן אַהיים אויף אורלויב און דערנאָך האָבן זיי געדאַרפט אַריבערגיין אינעם ניי־געגרינדעטן אָטריאַד פון מאַרטינאָוון. אַזוי אַרום האָט זיך אין אונדזער אָטריאַד פאַרקלענערט די צאָל נישט־באַוואָפנטע פּאַרטיזאַנער. מיט דעם האָט עס זיך אָבער נישט געענדיקט. מען האָט זיך געגרייט פּטור צו ווערן, לויט מאָראַזאָווס אויסדרוק, פון אַלע נישט „קעמפנדיקע". מיר זיינען שוין אַרויס פון פּאַלעסיע און מיר האָבן זיך געפונען אין קלענערער געגנט. איצט האָבן מיר מער נישט שוין געטאָפּטשעט אין די זומפּן, נאָס ביזן גאַרטל, נאָר געהאַט דאָס פאַרגעניגן צו טרעטן אויף האַרטע און טרוקענע ערד. מיר האָבן אויך געהאַט די מעגלעכקייט צו קוויקן זיך מיט דעם וווּנדערבאַרן טעם פון וואַסער, פון עכטן, פרישן וואַסער, געשעפּט מיט אַן עמער פון אַ דאָרפישן ברונעם.

די לעצטע חדשים, האָבן מיר אַנשטאָט וואַסער, גענוצט דעם שמוץ פון די קאַלוזשעס, אָדער גאַנץ איינפאַך — דאָס שיטערע פון די זומפּן. די מער אָפּגעהיטענע אין הילכות ריינקייט, צווישן אונדז, פלעגן די דאָ־זיקע געדיכטע פליסיקייט אַדורכזיפּן דורך אַ שמאַטע, כדי אַזוי אַרום פּטור ווערן לכל־הפחות פון די גרעסערע ווערעם. אפילו שוין אין סוף אַפּריל, ווען די בעריאָזע־ביימער האָבן אַרויסגעגעבן פון זיך זאַפט, וועל־כער איז געווען מהיהדיק און ריין ווי טרערן, האָבן מיר אויך נישט געהאַט

די מעגלעכקייט אָנצוטרינקען זיך מיט דעם צו דער זעט, ווײַל עס האָט געדראַפּט צו לאַנג געדויערן, ביז עס האָט זיך פון די איינצלנע טראָפּנס, וועלכע האָבן געקאַפּעט פּאַמעלעך, אָנגעזאַמלט אַ טרונק. דערפאַר, אַז מיר האָבן זיך צוגעכאַפּט דאָס ערשטע מאָל צום וואַסער, וועלכעס האָט געהאַט פאַר אונדז דעם טעם גן־עדן, האָבן מיר געטרונקען פערדישע פּאָרציעס און זיך נישט געקענט אָנטרינקען.

מיר זענען איצט געגאַנגען דורך וועלדער, פעלדער און לאָנקעס, וועלכע זענען באַלעבט געווען דורכן געזאַנג און געפּילדער פון פייגל און אַנדערע באַשעפענישן, וואָס האָבן מיט זייער היימישקייט דערמאָנט אין אַלטע, גוטע צײַטן, פאַרבראַכטע אויף דער נאַטור, צוליב גענוס און אָפּרו. ארום אונדז האָט געשמעקט מיט דער רייצנדיקער פרישקייט פון פרילינג, אָבער מיר האָבן נאָך געשלעפּט אויף זיך דעם שמוץ און פאַר־בלאָזן גרוי פון די פאַליעסער זומפּן און בעת די זון האָט געוואַרעמט און פון אונדזערע מלבושים און נישט־געוואַשענע לײַבער האָט אַרוים־געפּאַרעט אַ נישט־אַנגענעמער ריח, האָב איך געפילט שאַרף דעם קאָנ־טראַסט צווישן דער אייגענער, שמוציקער אָפּגעלאָזנקייט און דער נחת־דיקער פרישקייט און יום־טובדיקע דערהויבנקייט פון דער אַרומיקער נאַטור. אַנדערע פּאַרטיזאַנער האָבן אויך געמוזט פילן ענלעך ווי איך, ווײַל זיי זײַנען איצט געוואָרן מער אויפמערקזאַם צום אייגענעם קער־פּער, צום אייגענעם אויסזען. מען האָט זיך אָנגעהויבן רייניקן, פּוצן און קריטיקירן די, וועלכע זײַנען ווײַטער געבליבן אָפּגעלאָזן. „טו אוים די שוואַרצע הענטשקעס" — אַזאַ ווערטל איז איצט אַרומגעגאַנגען בײַ אונדז.

גענומען האָט זיך דאָס ווערטל דערפון, וואָס אַ וויצלער פון די אויסשפּירער האָט דערציילט, אויפן חשבון פון אונדזערע שמוציקע הענט, אַז די דאָרפישע באַפעלקערונג האָט אים געפרעגט פאַרוואָס די פּאַרטי־זאַנער טראָגן שוואַרצע הענטשקעס.

עס איז אונדז אויסגעקומען צו רוען אַ גאַנצן טאָג לעבן אַ שטראָמיק און קוואַליק טײַכל, אַרומגענומען מיט פּרעכטיקע ברעגעס פון גרינס, בלומען און וואַלד, וועלכער האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אינעם קרישטאַל־ריינעם און דורכזיכטיקן וואַסער, ווי אַ פאַרכישופטער פּאַלאַץ.

מיר האָבן אויסגענוצט דאָס אָרט אויף צו באָדן זיך, וואַשן די וועש און אָראָפּצוואַרפן פון זיך דעם אָנגעזאַמלטן שמוץ. מיר זײַנען גע־שווומען און זיך געפּלעסקעט אין דעם נאָך קאַלטן און שמעקעדיקן וואַסער פון אָנהייב פרילינג, וועלכעס האָט געקרעפטיקט אונדזערע אויסגעמאַ־טערטע גופים, אַרויסגערופן פרישע כוחות און ענערגיע פאַרן לעבן און קאַמף. ליגנדיק נאַקעטע אונטער די זונשטראַלן, האָבן מיר זיך געפילט ווי רעקאָנוואַלעסצענטן, נאָך אַ שווערער קראַנקייט. מען האָט געאָטעמט אינטענסיווער און טיפער ווי פריִער און מען האָט געפילט, ווי עפּעס דערפרישנדיקס און היילנדיקס צעפליסט זיך איבער אַלע קאַנאַלן און קאַנאַלעכלעך פונעם אָרגאַניזם.

פאַרשיידענע ריחות, קלאַנגען און פאַרבן האָבן זיך צונויפגעגאָסן און באַהאַפטן אין אַ האַרמאָניש־וווּנדערבאַרער גאַנצקייט. און כאָטש דאָס רוב פּאַרטיזאַנער האָבן מיטן באַוווּסטזײַן נישט באַנומען די דאָזיקע שיינ־קייט, זײַנען זיי דאָך געווען באַווירקט פון דעם צויבער פון דער לײַדנ־שאַפטלעך־אויפגעוואַכטער נאַטור. פון אָפּגעריסענע פּיצעלעך, צופעליקע ידיעות, האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז די דײַטשן גייט עס בכלל גאָרנישט אַזוי גלענצנדיק און נישט אומעטום האָבן זיי דערפאָלגן, כאָטש עס איז זיי געלונגען צו פאַרטרײַבן אויף אַ שטיקל צײַט, אַ געוויסע צאָל פּאַר־טיזאַנער אין די פּאַליעסער זומפּן. דאָס האָט אונדז צוגעגעבן מוט און נאָך מער פאַרשטאַרקט דעם גלויבן אינעם שונאס מפּלה.

דעם גרעסטן טייל ייִדן, איז לײַדער, די ענדערונג צום בעסערן נישט ווויל באַקומען, צוליב דער מורא פאַר דער נײַער צרה — פאַרטריבן צו ווערן פונעם אָטריאַד.

נאַטשאַלסטווע האָט שוין אפילו געהאַט געמאַכט אַ גאַנץ כיטרען און נישט אָנשטענדיקן פּרווו, ווי אַזוי פּטור צו ווערן פון די „נישט קאַמפּס־פּעזיקע" (אַ גרויסער טייל פון זיי, זײַנען שפּעטער געוואָרן אויסגעצייכנטע פּאַרטיזאַנער, אַנדערע, זײַנען געפאַלן אין דער רויטער אַרמיי, אָדער דער־דינט זיך צו הויכע מיליטערישע אויסצייכענונגען), וועלכער האָט זיך אָבער נישט אײַנגעגעבן צוליבן בונט פון די מעטרעסעס פון מאַנכע נאַ־טשאַלניקעס.

דאָס איז פאָרגעקומען אין דער ערשטער נאַכט פונעם חודש מאַי

וואַלד אין פלאַמען

אין אַ וואונדערבאַר שיינעם וואַלד. נאַטשאַלסטווע האָט געהאַט אָפּגעקליבן אַ 60 פּערזאָן, צווישן וועלכע עס האָבן זיך געפונען פרויען און נישט באַוואָפנטע, און באַפוילן זיי דאָרט צו בלײַבן. די איבעריקע האָבן געזאָלט אַוועק אַנדערשווו. עס האָט געהייסן, אַז דער אָטריאַד גייט אויף אַ קאַמף־אָפּעראַציע און נאַטשאַלסטווע האָט צוגעזאָגט, אַז אויף צומאָרגנס וועלן זיי זיך אומקערן אַהין. אָבער דאָס מאָל האָבן זיך צווישן די, וועלכע מען האָט געוואָלט אָפּנאַרן אויף אַ פּחדנישן און געמיינעם אופן, אויך געפונען די מעטרעסעס פון די נאַטשאַלניקעס, וועלכע זײַנען גוט אינ־פאָרמירט געווען, וועגן דעם, אַז די געשיכטע מיט דער „קאַמפּס־אָפּעראַ־ציע" איז בלויז אַ ביטערע שפּיצל, צוגעטראַכט דורך מאָראָזאָוון, כדי זיך אַוועקצודרייען און איבערלאָזן אויף הפקר די נישט־באַוואָפנטע. און צוליב דעם איז דער פּלאַן טאַקע קאַליע געוואָרן. די מעטרעסעס האָבן אויפגעהויבן אַ בונט, קעמפנדיק מיט זייער אייגן געווער. דער וואַלד און די רייצנדיקע נאַכט זײַנען געווען זייערע געטרײַע פאַרבינדעטע, וועלכע האָבן צוגעהאָלפן, אַז זיי זאָלן מנצח זײַן. נאַטשאַלניקעס האָבן פאַרנאַכ־לעסיקט זייערע פליכטן און זײַנען זיך אַוועקגעגאַנגען מיט זייערע האַרץ־דאַמעס אין דער זײַט. און פון צווישן די ביימער האָבן זיך געהערט שטילע און לײַדנשאַפטלעכע געפּליסטערס און אויך געשטיקטע געוויינען. דער מאַיאָר קאַרלאָוויטש, אַ סענטימענטאַלער מענטש, איז אין ליבע־עקסטאַז צו ווײַט פאַרקראָכן אין וואַלד, פאַרבלאָנדזשעט, און די ערשטע ראָטע איז אַ גאַנצן מעת־לעת געבליבן אָן אַ קאָמאַנדיר, ביז ער האָט זיך אָפּגעפונען. דער סוף איז געווען, אַז מען האָט קיינעם נישט איבערגעלאָזט.

דער אָטריאַד האָט ווײַטער מאַרשירט און אין דער פרי זײַנען מיר אָנגעקומען אין די מישיקער וועלדער. דאָ איז די פראַגע פון די „נישט קעמפספעיִקע" דערליידיקט געוואָרן, אָבער גאָר אויף אַן אַנדער אופן. אין די מישיקער וועלדער האָבן מיר אָפּגעפונען אַ גרופּע פון אונדזער אָטריאַד, וואָס איז אָפּגעשיידט געווען פון אונדז זינט פעברואַר. די דאָזיקע גרופּע, פון פופצן פּערזאָן, איז צו יענער צײַט געשיקט געוואָרן אין באַראַנאָוויטשער געגנט אויסצופירן דאָרט אַן אויפגאַבע, און פון דעמלט אָן, האָבן מיר, צוליב די כסדרדיקע אָנגריפן פונעם שונא, פאַר־לוירן דעם קאָנטאַקט מיט זיי. אַ דאַנק דעם, האָבן זיי אויסגעמיטן מיט־

צומאַכן די אַלע צרות, וועלכע מיר האָבן מיטגעמאַכט, אין דער דאָזיקער פּאַרן אַטריאַד שווערער צײַט.

די מערהייט פון דער גרופּע איז באַשטאַנען פון דרייסטע און אויסגעצייכנטע פּאַרטיזאַנער. דער קאָמאַנדיר איז געווען לייזער סעגאַל, אַ פּעזיקער, ענערגישער און פּראַקטישער מענטש. אַלס אַ פאַכמאַן פון דער וואַלד־בראַנזשע, האָט ער גוט געקענט די וועלדער פון קלעצקער געגנט, ווו ער האָט יאָרנלאַנג געאַרבעט אַלס בראַקער. עס איז אים געלונגען זיך צו ראַטעווען, ווען די דײַטשן האָבן ליקווידירט די ייִדן פון זײַן היימשטאָט האַנצעוויטש, צווישן וועלכע עס האָט זיך אויך געפונען זײַן פאַמיליע. ער האָט נאָך דעם געלעבט אַ לאַנגע צײַט צוזאַמען מיט נאָך אַ ייִדן, אין די מישיקער וועלדער, איידער ער איז אָנגעקומען אין אַטריאַד. בײַ אונדז אין אַטריאַד איז ער שנעל פּאָפּולער געוואָרן, אַלס גוטער פּאַרטיזאַן און ספּעציאַליסט פאַר ווירטשאַפטלעכע אָפּעראַציעס.

האָבנדיק אויסגעפירט די אויפגאַבע אין באַראַנאָוויטשער געגנט און פּאַרלירנדיק דעם קאָנטאַקט מיטן אַטריאַד, האָט ער אַוועקגעפירט די גרופּע אין די מישיקער וועלדער, ווו ער האָט געהאַט אַ סך פרײַנט צווישן דער אָרטיקער באַפעלקערונג, פון וועלכע ער האָט באַקומען אינפאָרמאַציעס און הילף. נישט קוקנדיק דערויף איז די גרופּע כסדר באַדראָט געווען פון דער געפאַר פאַרניכטעט צו ווערן. אייניקע מאָל האָבן זיי זיך געפונען אין קריטישע סיטואַציעס, פון וועלכע זיי זײַנען אַרויס לעבעדיקע, נאָר אַ דאַנק געוואַגטקייט און קלוגער האַנדלונג.

איין מאָל, בעת אַ טייל פון דער גרופּע האָט זיך געפונען בײַנאַכט אין אַ פּויערישער כאַטע, כדי צו באַזאָרגן שפּײַז, זײַנען זיי אַרומגערינגלט געוואָרן דורך אַ גרויסער צאָל שטאַרק־באַוואָפנטע דײַטשן, וועמען עס האָט געבראַכט צו פירן פון אַ דערנעבנדיקן שטעטל אַ פּויער, וועלכן עס איז געלונגען אַרויסצובאַקומען זיך פון דאָרף רײַטנדיק. די לאַגע זייערע איז דעמלט געווען אַ האָפנונגסלאָזע. נאָר אַ טרעפלעך געוואָרפענער האַנט־גראַנאַט, פון וואָס די דײַטשן זײַנען צעמישט געוואָרן און האָבן זיך פאַרלוירן אויף אַ מאָמענט, האָט זיי געגעבן אַ שאַנס זיך צו ראַטעווען. זיי האָבן דאָס אויסגענוצט און האָבן זיך אַרויסבאַקומען פון דער אַרומרינגלונג, מיטנעמענדיק מיט זיך אַ שווער פאַרוווּנדעטן חבר מיטן

נאָמען סטאַקליצקי. דער פאַרעטערישער פויער האָט שפּעטער באַקומען דעם פאַרדינטן פּסק פון די זעלבע פּאַרטיזאַנער.

די גרופּע איז איצט באַשטאַנען פון בלויז ייִדן. די צוויי נישט־ייִדישע פּאַרטיזאַנער, וועלכע זײַנען צוזאַמען מיט זיי אַוועק האָבן געפעלט, און עס איז געווען אויפפאַלנדיק, וואָס וועגן זייער גורל און וועגן דער סיבה פון זייער פעלן האָט מען עפנטלעך אינגאַנצן נישט גערעדט און גאָרנישט נישט מיטגעטיילט, ווי עס פלעגט געוויינלעך געטאָן ווערן אין אַזעלכע פאַלן. בלויז צווישן זיך, שטילערהייט, האָט מען גערעדט וועגן דעם און געפּרוּווט דערקלערן די סיבה דערפון. טייל האָבן געזאָגט, אַז די צוויי פּאַרטיזאַנער האָבן פאַראַטן און זײַנען אַריבער צו די דײַטשן און געפינען זיך איצט אין דינסט פון דער קלעצקער פּאָליציי. אַנשטאָט דעם, אַז זיי זאָלן דערקלערן פון וואַנען זיי ווייסן דאָס, האָבן זיי געמאַכט געהיימ־ניספולע מינעס און זשעסטן.

איינעם פון די צוויי פאַרשווּנדענע האָב איך נעענטער נישט גע־קענט. אָבער דעם צווייטן, אַסטראַוכאָוו, וועלכער איז געווען אַ קאָמאַנ־דיר פון אַ וווזוואָד אין מײַן ראָטע, האָב איך גוט געקענט און עס איז פאַר מיר אוממעגלעך געווען פאַרצושטעלן זיך אים אין דער ראָל פון אַ פּאָלי־ציאַנט. די גאַנצע געשיכטע איז פאַר מיר געבליבן אַ רעטעניש, און דאָס, וואָס מען האָט עפנטלעך נישט דערמאָנט וועגן דעם, האָט געשטאַרקט מײַן חשד, אַז עפּעס איז דאָ נישט גלאַטיק...

נאָך דרײַ טעג כּסדרדיקע „פּאַסטראַיעניעס”, אויף וועלכע נאַטשאַל־סטווע האָט יעדן באַטראַכט און באַקוקט, זײַנען אויסגעקליבן געוואָרן 50 פּערזאָן, וועלכע זײַנען קוואַליפיצירט געוואָרן פאַר נישט קאַמפּספּעניק און זיי זײַנען אָפּגעטיילט געוואָרן פונעם אָטריאַד. אויף צו בלײַבן מיט זיי, כּדי צו שיצן און באַזאָרגן זיי מיט פּראָדוקטן, האָט גילטשיק צוגע־טיילט צו זיי איינציקע באַוואָפנטע און ענערגישע פּאַרטיזאַנער מיט סעגאַלן אַלס קאָמאַנדיר.

די דאָזיקע גרופּע, צווישן וועלכע עס האָט זיך אויך געפונען איין רוס, אַ קאָמאַנדיר פון אַ וווזוואָד, וועלכער האָט זיך נישט געוואָלט שיידן מיט זײַן ייִדישער פרוי, איז געבליבן אין די מישיקער וועלדער און דער אָטריאַד איז אַוועק, מיטנעמענדיק מיט זיך דעם פאַרוווּנדעטן סטאַקליצקי.

17 מאַי 1943. דער קאָמבריג שוסטאפאלאָוו איז געקומען פון קאפּוליער געגנט, ווו עס האָט זיך געפונען דער שטאַב פון דער פאַר־אייניקונג און האָט געבראַכט פאַר אונדזער אָטריאַד אייניקע ביקסן, אַן אויטאָמאַט און אַ ביסל קוילן. דאָס געווער איז געווען נײַ, ערשט פון דער פאַבריק אַרויס. אַלע האָבן זיך דערמיט געפרייט, גיריק עס באַטאַפּט פון אַלע זײַטן און מיט הנאה באַקוקט די פאַבריקס־מאַרקע, דעם לויפנומער און דאָס יאָר, ווען עס איז פאַבריצירט געוואָרן. די שטימונג בײַ אונדזערע פאַרטיזאַנער איז געוואָרן אַ געהויבענע. מען האָט זיך געפילט עפּעס חשובער — דאָס גרויסע פאָטערלאַנד האָט נישט פאַרגעסן וועגן אונדז און האָט געשיקט געווער דורך אַעראָפּלאַנען. דער קאָמבריג האָט אויך געבראַכט פרישע אינסטרוקציעס פאַרן אָטריאַד און אַ באַפעל צו קומען אין קאפּולער געגנט צום שטאַב פון דער פאַראייניקונג ביז צום טערמין פון ערשטן יוני. די קורצע צײַט, וואָס עס איז נאָך געבליבן ביז דערמלט האָט די נאַטשאַלסטווע געוואָלט אויסנוצן דערויף, כדי כאָטש אַ ביסל צו פאַרבעסערן דעם מאָגערן באַלאַנס פון זייער קאַמפּס־טעטיקייט. זיי האָבן געוווסט, אַז דאָרט וועט מען דאַרפן אָפּגעבן אַ דין־וחשבון פון דעם וואָס מען האָט געטאָן און זיי האָבן זיך באַמיט פאַר יעדן פרײַז אַדורכצופירן אַ געלונגענע קאַמפּס־אָפּעראַציע, כדי דאָס צו קאָנען וואַרפן אויפן וואָג־שאָל ווען מען וועט וועגן זייערע מעשים. מאַראָזאָוו האָט פאַר אונדז פאָרגעלייענט סטאַלינס לעצטן „פּריקאַז", אויפגעפאָדערט דעם אָטריאַד צום קאַמף. ער האָט אונדז דערבײַ דערציילט וועגן אַ פאַלסיפיקאַט פון אַן אויפרוף צו פאַרטיזאַנער, וועלכער איז פאַבריצירט געוואָרן דורך די דײַטשן און דורך זיי אַראָפּגעוואָרפן געוואָרן פון אַעראָפּלאַנען. אין דעם דאָזיקן אויפרוף, וועלכער איז געווען אונטערגעשריבן דורך דער הויפּט־קאָמאַנדע פון דער פאַרטיזאַנער־באַוועגונג, איז געווען אַ ווענדונג צו די פאַרטיזאַנער, אַז זיי זאָלן זיך נישט לאָזן פּראָוואָצירן דורך די דײַטשן צו קליינע קאַמפן, נאָר זיי זאָלן זאַמלען די כוחות, כדי צו זײַן גרייט דעם קומענדיקן ווינטער צו קאָנען געבן אַן ענטגילטיקן קלאַפּ דעם שונא בײַ דער פּוילישער הויפּטשטאָט. מאַראָזאָוו האָט צוגעגעבן פון זיך — „די דײַטשן, נישט קאָנענדיק באַזיגן אונדז דורך געווער, האָבן געוואָלט דורך פּראָוואָקאַציעס אָפּהאַלטן אונדז פון קאַמף און אַזוי אַרום פאַראַ־

ליזירן אונדזער טעטיקייט". ער האָט אפשר שוין פאַרגעסן, אַז — „אָפּ־וואַרטן און זאַמלען כוחות", זײַנען די ווערטער, וועלכע ער האָט פאַר אונדז געפּריידיקט אָן אַ שיעור מאָל. אָבער עס האָבן זיך געפונען אינעם אָטריאַד פאַרטיזאַנער, אויך אַחוץ מיר, וועמען דער זכרון האָט נישט פאַרלאָזט און זיי האָבן זיך דערמאָנט אין שוסטאָפּאַלאָווס רעדעס, וועגן טאַקטיק אין פאַרטיזאַנער־קאַמף, וועלכע זײַנען אידענטיש געווען מיט דעם, וואָס עס איז געווען אָנגעשריבן אין דעם פאַבריצירטן דורך די דײַטשן אויפרוף. זעט אויס אַז אונדזער קאָמבריג מיטן קאָמיסאַר האָבן פאַרמאָגט גענוג ביטרעקייט, כדי דורך קליינלעכע קאָמבינאַציעס אָפּצו־נאַרן אייגענע — זיי האָט אָבער אויסגעפעלט שכל, כדי נישט צו לאָזן כאַפּן זיך אויף דער וועדטקע פון דײַטשע פּראָוואָקאַציעס.

25 מאַי 1943. בלויז אַ טייל פונעם אָטריאַד האָט זיך דעמלט געפונען אין אָסטראָווער וואַלד. די איבעריקע זײַנען געווען אויף פאַרשיידענע אויפגאַבן. די לעצטע טעג איז אונדזער אָטריאַד געוואָרן זייער רירעוודיק און אונטערנעמעריש. די אָנפירונג האָט ענערגיש גע־אַרבעט און אַליין זיך באַטייליקט אין אַלע אַקציעס. אָבער כאָטש עס זײַנען געמאַכט געוואָרן דרײַסטע פּרוּוון איז קיין גרויסעם דערוווּל נישט געלונגען אויפצוטאָן. נישט זײַענדיק אין טראַנס פון אָנגריף, האָט אונ־דזער נאַטשאַלסטווע אויסגעפעלט די געהעריקע אינטואיציע, כדי צו קאָנען אויסגעפינען דאָס ריכטיקע אָרט און די געהעריקע צײַט אויף צו געבן אַ פילבאַרן קלאַפּ דעם שונא. איצט זײַנען דרײַ גרופּן געווען אין אַקציע. איינע איז אַוועק מיטן ציל אויפצורײַסן אַ באַן, די צווייטע, מיטן ציל אונטערצוצינדן אַ ספּירט־פאַבריק, און די לעצטע, די גרעסטע און שטאַרקסטע גרופּע, מיט וועלכער עס האָבן זיך געפונען דער קאָמאַנדיר פונעם אָטריאַד און דער קאָמיסאַר, זײַנען געווען אויף אַ „זאַסאַדע". וואָס האָט געלויערט לעבן אַ וועג, דורך וועלכן עס האָבן געדאַרפט אַדורכפאָרן וויכטיקע דײַטשע מיליטערישע אָפּטיילונגען.

דאָס זײַנען געווען די לעצטע פּרוּוון, נאָך וועלכע דער אָטריאַד האָט זיך באַדאַרפט צונויפקומען אין אָסטראָווער וואַלד, כדי פון דאָרטן אָפּ־מאַרשירן אין די קאַפּוליער וועלדער. עס האָט זיך געוואָלט זײַן דאָרט

וואס שנעלער, לעבן שטאב פון דער פאראייניקונג, ווו מיר וועלן געוואר ווערן די לעצטע נייעס פון דער מלחמה און וועלן האבן די מעגלעכקייט צו הערן יעדן טאג די באריכטן פון די פראנטן. מען איז אויך געווען נייגעריק צו וויסן, ווי אזוי עס וועט ווייטער זיין מיטן אטריאד, ווייל מען האט געשמועסט, אז עס דארפן פארקומען ענדערונגען אין דער אנפירונג.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

מיטאגצייט, ווען איך בין געווען אויף דער וואך, זיינען געקומען צו לויפן פארסאפעטע צוויי קליינטשיקע פאסטוכער און איבערגעגעבן, אז דייטשן אויף מאשינען פארן אין אונדזער ריכטונג. כאטש פון דער פראקטיק האבן מיר געוווסט, אז מען דארף נישט לייגן צופיל געוויכט אויף אזעלכע ידיעות, פונדעסטוועגן האט דער שטענדיק פארזיכטיקער און געוויסנהאפטער וואלאשעוויטש, אונדזער שטאב־נאטשאלניק, וועלכער האט פארטראטן דעם אפוועזנדיקן קאמאנדיר פונעם אטריאד, נאך איידער ער האט נאכקאנטראלירט די ריכטיקייט פון דער ידיעה דורך די אויס־שפירער, גלייך דערקלערט אן אלארם און באפוילן, אז מיר זאלן זיך אפרוקן אויף אייניקע הונדערט מעטער פון דעם ארט ווו מיר האבן זיך געפונען און דארטןווארטן ביז די לאגע וועט אויפגעקלערט ווערן. ערשט נאכן ארויסגעבן דעם דאזיקן באפעל, איז ער אליין אוועק מיט די אויס־שפירער, און זיין פולמאכט אלס קאמאנדיר איבער אונדז איז איבער־געגאנגען צו ביאלאוסאוון, צו דעם העכסטן נאטשאלניק, וואס האט זיך געפונען מיט אונדז. אבער איידער ער האט נאך באוויזן צוריקצוקומען זיינען די דייטשן אונדז באפאלן. דאס מאל האבן זיי אונדז מכבד געווען מיט אזויפיל פייער, וואס וואלט גענוג געווען איינצונעמען א פעסטונג. דער גוטער וועג, וואס האט געפירט צו אונדזער לאגער האט זיי געגעבן א מעגלעכקייט צו באנוצן קעגן אונדז פארשיידענע מינים פון שווערן געווער. די פערד פון אונדזער אבאז, וועלכע זיינען נישט געוווינט געווען צו אזא קאנאנאדע, זיינען ווילד געווארן און מאנכע האבן זיך אפגעריסן פון די געשפאנען און באפרייטע פון לאסט זיינען זיי ווייטער געלאפן. דאס האט גורם געווען דערצו, אז א טייל וועגענער האט מען געמוזט

איבערלאָזן. איך, געפינענדיק זיך אויף א וואך־פּאָסטן אָפּגערוקט אויף אייניקע הונדערט מעטער פון אלעמען, האָב בעתן אנטלויפן פארלאָרן דעם קאָנטאקט מיט די איבעריקע פּארטיזאנער פונעם אָטריאד. כאָטש עס איז געווען זייער נישט היימלעך און אויך געפערלעך צו בלײַבן אליין, פונדעסטוועגן האָב איך נישט געהאט גענוג חשק אָנצושטרענגען אלע מײַנע כוחות כדי זיך ווידער פאראייניקן מיט זיי. די פּערספּעקטיוו צו בלײַבן מיט ביאלאָוסאָוון, דעם העלד פון די וואָראָביעווער וועלדער, האָט מיך נישט שטארק געלאָקט. דערפאר האָב איך נאָכן ארײַנבאקומען זיך צווישן דער געדיכטעניש פון די ווילדע געוויקסן אָפּגעאָטעמט נאָך דער שווערער אָנשטרענגונג. איך האָב זיך איצט באוועגט לאנגזאם. די קוילן וואָס זײַנען געפלויגן איבער מיר, האָבן מיך נישט געשראָקן, דעמלט ווען איך האָב געהאט א זיכערקייט, אז די דײַטשן קענען זיך נישט דער־נענטערן צו מיר. איך האָב געפילט, אז ערגעץ נאָענט פון מיר געפינען זיך נאָך אונדזעריקע, כאָטש עס איז נישט געווען קיין שום סימן דערויף. נאָך א געוויסער צײַט האָב איך געהערט ווי עס באוועגט זיך עפּעס צווישן די קוסטעס. איך האָב לײַכט א פײַף געגעבן און איך האָב באלד באקומען אן ענטפער. עס האָט זיך ארויסגעוויזן, אז דאָס איז א ייִדישער פּארטיזאן פון מײַן ווזוואָד, וועלכער האָט זיך אויך געפונען אויף א וואך־פּאָסטן און אזוי ארום איז ער אויך געבליבן פון הינטן. מיר האָבן זיך דערפרייט פון דער באגעגעניש און אָפּגערעדט זיך צו האלטן צוזא־מען, ביז מיר וועלן זיך פאראייניקן מיטן אָטריאד. מיר זײַנען שוין געהאט אָפּגעגאנגען א שפּאָר שטיק וועג צוזאמען, ווען מיר האָבן אָנגע־טראָפן אויף אייניקע פּארטיזאנער פון דער דיווערסאנטן־גרופּע, וועלכע האָט זיך לעצטנס געהאלטן צוזאמען מיט אונדזער אָטריאד. מיט זיי איז געווען נאָך א פּארטיזאן פון אונדזער ראָטע, א שגץ פון א יאָר זיבעצן, א האלב־משוגענער און א גאנצער אנאלפאבעט. צוזאמען זײַנען מיר איצט געווען 8 פּערזאָן. די דיווערסאנטן האָבן געהאט מיט זיך גענוג שפּײַז און זיי האָבן אונדז פרײַנטלעך אײַנגעלאָדן אָפּצועסן מיט זיי צו־זאמען. מיר האָט זיך אײַנגעאָרדנט צווישן א געדיכטן ביימער־קראַנץ און האָבן געמיטלעך פארבראכט. די דיווערסאנטן־גרופּע, וועלכע האָט געציילט א מאן 50, איז באשטאנען פון אינטעליגענטע און קולטורעלע

מענטשן. זיי זײַנען געווען גוט באַוואָפנט און האָבן זיך אויסגעצייכנט בײַם אויפרײַסן באַנען. דער גרעסטער טייל פון זיי זײַנען געווען סטודענטן פון מאָסקווער און לענינגראַדער הויכשולן. אין 42טן יאָר האָבן זיי זיך אַדורכגעקראָגן דורכן פראָנט, טראָגנדיק מיט זיך אַ סך אויפרײַס־מאַטעריאַלן. די עטלעכע, וועלכע מיר האָבן געטראָפן, זײַנען הינטערשטעליק געבליבן פון זייערע חברים, כדי צוריק צו דערגרייכן אַ היפּש ביסל אויפרײַס־מאַטעריאַל, וועלכע זיי זײַנען געצוווּנגען געווען איבערצולאָזן, צוליב אַ נישט פאָרויסגעזעענעם צופאַל, בעת דעם אָנפאַל פון די דײַטשן, און זיי האָבן אונדז פאַרגעלייגט מיטצוהעלפן זיי דערין. מיר האָבן דערויף אײַנגעשטימט, און ווען עס איז געוואָרן פינצטערלעך האָבן מיר זיך אַלע געלאָזט אין וועג אַרײַן. די שיסערײַ האָט שוין פון לאַנג געהאַט אויפגעהערט. אָרום איז געווען שטיל און מיר זײַנען זיכער געווען, אַז די דײַטשן זײַנען שוין צוריק אַוועק. פונדעסטוועגן זײַנען מיר געווען פאָרזיכטיק און געגאַנגען אײנציקווײַז, נישט מיט די אויסגעטראָטענע וואַלד־וועגן, נאָר צווישן קוסטעס און געדיכטן וואַלד. מיר האָבן באַדאַרפט צוריקצוגיין אויף דעם אָרט, וווּ מען איז אויף אונדז אָנגעפאַלן, און די פאַרשיידענע זאַכן פון די פּאַרטיזאַנער, וועלכע זײַנען צעוואָרפן געווען אַרום, האָבן עדות געזאָגט, אַז מיר זײַנען בײַם ציל. מיר האָבן זיך גוט אַרומגעקוקט און אײַנגעהערט. אונדזערע שפּירעוודיקע אויערן און געניטע אויגן, וועלכע זײַנען שוין געוווינט געווען צו זען אַפילו אין דער פינצטערניש, האָבן נישט באַמערקט קיין שום סימנים, וואָס זאָלן פאַראַטן די אַנוועזנהייט פונעם שונא אין דער נאָענט. דעמאָלט האָבן מיר זיך פאָרזיכטיק אַרויסגעשאַרט פון דער וואַלדיקער געדיכטעניש צום וועג צו און איינער פון די דיווערסאַנטן האָט אונדז אָנגעוויזן, אויף דעם הינטערשטן טייל פון אַ וואָגן, וועלכער איז אַן איבערגעקערטער געלעגן אין מיטן וואַלדוועג, און געזאָגט: „דאָס איז ער". די פערד מיטן פאָדערשטן טייל — האָט ער אונדז דערקלערט — האָבן זיך אָפּגעריסן בעת דער שיסערײַ, וואָס מיר האָבן אין ערשטן אויגנבליק נישט באַמערקט, און אַזוי אַרום איז געשען אַזאַ באַדויערנסווערטער און נישט דערלאָזבאַרער פעלער פון איבערלאָזן אַזאַ טײַערן פאַר אונדז קעגנשטאַנד, ווי דאָס איז אויפרײַס־מאַטעריאַל, וואָס עס איז נישט דערלויבט

אַפּילו איר דער גרעסטער געפאַר. עס איז שוין געווען גוט פינצטער, ווען מיר האָבן פּרובירט דערנענטערן זיך צו דעם אָרט ווו עס איז געלעגן דער האַלבער וואָגן, נאָר אין דעם מאָמענט זיינען מיר געדיכט באַשאָסן געוואָרן פון מאַשין־געווער און באַוואָרפן מיט האַנט־גראַנאַטן. מאָמענ־טאַל האָב איך זיך געוואָרפן אויף דער ערד און צוּעגדיק זיך אויפן בויך צוריק אַרײַנבאַקומען זיך אין דער וואַלדיקער געדיכטעניש, און דאָרטן, שוין אַן אויסגעגלײַכטער, געלאָפן ווײַטער. בעת דער דאָזיקער אָפּעראַ־ציע האָב איך זיך פאַרלוירן פון די איבעריקע, בלײַבנדיק בלויז מיט דעם אויבנדערמאָנטן, נישט אינגאַנצן נאָרמאַלן שגץ, וועלכן מען האָט גע־רופן וואַנקאַ. מיר זיינען דערנאָך אַרומגעגאַנגען אייניקע שעהן איבערן וואַלד, זוכנדיק די נאַר־וואָס פאַרלוירענע, אָבער לײדער אָן רעזולטאַטן. איך האָב געהאַט גרויס עגמת־נפש דערפון, וואָס איך בין צעשיידט גע־וואָרן פון אַזעלכע סימפּאַטישע און אויסגעצייכנטע פּאַרטיזאַנער.

פּאַרטאָגס, בין איך מיט וואַנקען אַוועק נאָך אַ מאָל אויף דעם אָרט, ווו מיר זיינען נעכטן באַשאָסן געוואָרן. איך בין געווען איבערצײַגט, אַז אהין וועלן אויך קומען די אַנדערע פּאַרטיזאַנער, און אויב נישט, האָבן מיר באַשלאָסן, פאַר יעדן פּרײַז צו דעראָבערן אַליין דעם אויפרײַס־מאַטעריאַל, וואָס עס האָט זיך אונדז נעכטן נישט אײַנגעגעבן צו טאָן. מיר האָבן אויסגעפונען דאָס אָרט, ווו עס איז געלעגן דער האַלבער וואָגן און קיינעם דאָרט נישט באַגעגנט. דער אויפרײַס־מאַטעריאַל איז לײדער אויך שוין נישט געווען. פון געווער האָבן מיר דאָרט געפונען בלויז צוויי האַנט־גראַנאַטן. מיר האָבן אָבער געפונען נישט ווײַט פון דאָרטן, אויף אַן אַנדער אָרט, צוויי וועגענער מיט פּראָדוקטן און פאַרשיידענע אַנ־דערע זאַכן, וועלכע האָבן געהערט צו אונדזער אָטריאַד. מיר זיינען נאָך לאַנג אַרומגעגאַנגען אויף די ערטער, ווו עס זיינען געבליבן סימנים פון אונדזערע אַנטלאָפענע פּאַרטיזאַנער. אַרום זײַנען געווען צעוואָרפן פאַר־שיידענע פּעקלעך מיט וועש, מלבושים, דעקן און אַנדערע זאַכן. דאָס אַלץ איז געווען אַלט, אָפּגענוצט און האָט נישט פאַרגעשטעלט מיט זיך קיין שום ווערט, בײַ נאָרמאַלע באַדינגונגען. אָבער אין וואַלד איז אַזאַ קעגנ־שטאַנד געווען אָפטמאָל אַ לעבנסוויכטיקייט בײַ אַ פּאַרטיזאַן. פאַר די וואָס האָבן דאָס געזאַמלט איז דאָס געווען אַן איבעריקער באַלאַסט, פון

וועלכן מען האָט נאָר געקענט האָבן צרות. פונדעסטוועגן זיינען געווען א סך ביי אונדז, וועלכע האָבן נישט געוואָלט אוועקגעבן אזא שמאַטע, אין וועלכער זיי אַליין האָבן זיך נישט גענויטיקט, צו אזא איינעם, וועל־כער האָט זיך שטאַרק גענויטיקט אין איר. איך בין זיך מודה, אז דאָס בילד פון צעוואָרפענע פעקלעך בעתן אנטלויפן אין א געפאַר, האָט ביי מיר שטענדיק ארויסגערופן א געפיל פון שאָדן־פרייד און סאַטיספאַק־ציע. טיילמאָל האָב איך מיר פון די דאָזיקע זאכן צוקאָמפּלעטירט מיין אייגענעם קליינעם באַגאַזש, אָבער שטענדיק, אָבסערווירנדיק אזעלכע פאַלן, האָב איך זיך געפרעגט — צוליב וואָס זאמלען, די פּראַקטישע אין אנדערע היניזיכטן, מענטשן מיט אזא אייפער די דאָזיקע ווערטלאָזע שמאַטעס ?... טראַכטנדיק וועגן דעם, בין איך געקומען צו דער מסקנא, אז דער דראַנג ביי מענטשן צו זאמלען און באַזיצן, מוז זיין מער, ווי חשק צו גענוס און באַקוועמלעכקייט, וואָס מען קען דערקלערן מיטן שכל, נאָר דאָס איז עפּעס אזא קרענק, וועלכע איז שטאַרקער פאַרן שכל־הישר, און איז דערפאַר דער גרעסטער גורם פון אַלע אומגליקן אין דער מענטשלעכער געזעלשאַפט. דערביי האָב איך פעסטגעשטעלט גע־וויסע אונטערשיידן אין כאַראַקטער פון גיריקייט צווישן ייִדן און נישט־ייִדן. די רוסן זיינען נישט אָפּגעשטאַנען אין היניזיכט פון גיריקייט, פון די ייִדן — פאַרקערט, זיי האָבן זיי נאָך פּילפּאָך איבערגעשטיגן. עס האָט אָפט פּאַסירט, אז מאַנכע פון זיי האָבן, מיט דער גרעסטער לייכט־זיניקייט און אָן דעם מינדסטן ישוב־הדעת, געשטעלט אין סכנה דאָס אייגענע לעבן און געפּטרט אנדערע, כדי צו דעראָבערן א זאַך פון קליי־נעם ווערט. א ביסל שפּעטער, האָבן זיי אָבער געקענט אוועקגעבן דאָס דעראָבערטע, מיט דער גרעסטער לייכטקייט, כדי צו באַפרידיקן דעם מינדסטן קאַפּריז זייערן. פאַר אריינגייען א רויט בענדל אין די הויזן, האָט א רוסישער פּאַרטיזאַן אוועקגעגעבן מיר א פּעלצל, א פּאָר וואַרעמע וועש און נאָך אנדערע קלייניקייטן. עס איז דעמלט געווען א 35 גראַ־דיקער פראָסט, און פאַר מיר זיינען די דאָזיקע זאכן געווען א לעבנס־וויכטיקייט. אָבער דער פּאַרטיזאַנער איז גליקלעך געווען פון דער גע־לונגענער טראַנזאַקציע און האָט זיך געפרייט מיט די רויטע בענדלעך, ווי א קינד מיט שפּילצייג. פון דעמלט אָן האָט ער זיך כסדר באַצויגן

צו מיר מיט סימפאטיע און דאנקבארקייט. ער איז נישט געווען קיין אויס־נאם אין דעם פרט פון לייכטער און לייכטזיניקער באציונג צום ווערט פון זאכן. אנדערש זיינען געווען די יידישע פארטיזאנער. זיי האבן זיך נישט געלאזט צופיל באהערשן און צו ווייט פארפירן פון דער גיריקייט־ליידנ־שאפט, זיי האבן זיך אויך אבער נישט געלאזט פירן דורכן קאפריז ביים אויעקגעבן דאס שוין־דעראבערטע.

עס איז שוין געווען אין מיטן טאג, ווען מיר האבן באגעגנט א דארפישן איינוווינער, פון וועלכן מיר האבן זיך דערוווסט, אז היינט אינדערפרי האבן פארטיזאנער פארביימארשירט דורך זייער דארף, וועל־כעס געפינט זיך סך־הכל 5 קילאמעטער פון דאנען. פון די סימנים, וועל־כע ער האט אונדז איבערגעגעבן, האבן מיר פארשטאנען, אז דאס זיינען געווען גילטשיק מיט זיין גרופע מיר האבן נישט פארלירנדיק קיין צייט זיך געלאזט אין וועג אריין. מיר האבן פארשטאנען, אז גילטשיק ווייס שוין מן־הסתם וואס עס איז געשען מיט אונדזער גרופע, און דערפאר גייט ער גלייך אין קאפולער געגנט. מיר זיינען געגאנגען אין איין אטעם, מיט פארגיכערטע טריט, און זיינען אנגעקומען קיין אסטראוו, ווען די זון איז נאך געשטאנען גאנץ הויך. דאס דארף איז געווען ארומגענומען מיט א ים ליכט און מיר האבן זיך געפונען אין מיטן, ארומגערינגלט פון פארוואונדערטע און נייגעריקן בליקן, וועלכע זיינען אנגעשטעלט געווען אויף אונדז פון אלע דארפישע ווינקעלעך. מיר, וועלכע זיינען געוווינט געווען צו געפינען זיך אונטערן שוץ פונעם וואלדיקן שאטן און צו שלייכן זיך דורך דארפישע וועגן נאר אונטערן צודעק פון ביינאכטיקער פינצ־טערניש, ווען אלץ ארום איז פארזונקען אין שלאף, זיינען מאדנע איבע־ראשט געווארן פון דער פלוצימדיקער ענדערונג. איך האב זיך געפילט, אזוי ווי איך וואלט, נישט ריכטנדיק זיך דערויף, ארויסגעשטויסן גע־ווארן אויף א סצענע, מיט אנגעשטעלטע אויף מיר רעפלעקטארן, פאר א נייגעריקן פובליקום. קיינער פון דער דארפישער באפעלקערונג איז אונדז נישט אנטקעגן געקומען, קיינער האט אונדז נישט באגריסט, ווי עס פלעגט געוויינלעך געשען, ווען פארטיזאנער האבן זיך באוויזן אין א דארף

דא האט מען אונדז אויסגעמיטן. קיינער האט אונדז גארנישט גע־

פֿרעגט און קיינער האָט גאָרנישט געזאָגט. אַלע האָבן זיך אָפּגערוקט פֿון דער גאַס, זײַנען אַרײַן אין די כאַטעס, הינטער די פּלויטן און פֿון דאָרטן באַהאַלטענערהייט אונדז נאָכגעקוקט. איך האָב פֿאַרשטאַנען, אַז דאָ מוז זײַן עפּעס נישט גלאַטיק און איך האָב געפֿילט, אַז מיר געפֿינען זיך אין אַ געפֿאַר. איך האָב זיך געמאַכט פֿאַרוואָרפֿן פֿאַר דער לײַכטזיניקייט און נישט־פֿאָרזיכטיקייט און חרטה געהאַט, וואָס מיר זײַנען אַהער געגאַנגען. אָבער צוריקציִען זיך איז שוין געווען צו שפּעט און מיר זײַנען געגאַנגען ווײַטער מיט אויסגעגלײַכטע, מיט פֿעסטע און געמאָסטענע מיליטערישע טריט פֿאָרויס. עס האָט נישט לאַנג געדויערט און די דאָרפֿישע כאַטעס זײַנען געבליבן הינטער אונדז און מיר האָבן זיך געפֿונען אויף אַ ברייטן וועג, אַרומגענומען פֿון ביידע זײַטן מיט צעבליטע, שמעקנדיקע פֿעלדער. פֿאַר אונדז, אָפּגערוקט אויף אייניקע קילאָמעטער, האָט זיך געזען אַ וואַלד. אינעם שטויב פֿון וועג האָבן מיר באַמערקט פֿרישע אָפּדרוקן פֿון ברייטע גומענע רעדער, וואָס האָט עדות געזאָגט, אַז דורך זיי זײַנען נישט לאַנג פֿאַרבײַגעפֿאָרן שווערע דײַטשע מאַשינען. דערגרייכנדיק דעם וואַלד, האָבן מיר פֿאַרלאַנגזאַמערט אונדזערע טריט און פֿרײַער אָפּגעאָטעמט. אָפֿענער שטח און ליכטיקייט זײַנען שונאים פֿון פּאַרטיזאַן, צווישן וועלכע ער פֿילט זיך ווי אַ פֿיש אויף דער טריקעניש. דער וואַלד איז אונדזער פֿאַרבינדעטער, אונדזער פֿרײַנד און באַשיצער.

איצט זײַנען מיר געגאַנגען באַרויִקטע און זיכערע אין זיך און האָבן זיך באַמיט צו געפֿינען צווישן די גראָזן און וואַלד־געוויקסן סימנים פֿון אונדזערע פֿאַרבײַגעגאַנגענע חברים. אַרום איז געווען שטיל און צו אונדזערע אויערן איז פֿון צײַט צו צײַט דערגאַנגען דער שוואַכער עכאָ פֿון אַ ווײַטער שיסערײַ. מיר האָבן זיך דערמיט נישט איבערגענומען, זײַענדיק זיכער, אַז עס האָט נישט קיין שום שייכות מיט אונדז. מיר האָבן געוווּסט, אַז נאָענט פֿון אונדז געפֿינען זיך דײַטשן. מיר האָבן אָבער אויך געוווּסט וועגן דעם, אַז מיט יעדן טראָט וואָס מיר מאַכן, דערווײַטערן מיר זיך פֿון זיי און דערנענטערן זיך צו דער פּאַרטיזאַנער־זאָנע, וואָס איז באַזעצט און באַשיצט דורך די אָטריאַדן פֿון אונדזער פֿאַראייניקונג. דערפֿאַר זיינען מיר געווען זיכער, אַז גייענדיק ווײַטער, וועלן מיר זיך וואָס אַ מאָל מער דערווײַטערן פֿון דעם אָרט, ווו עס קומט פֿאָר די שיסערײַ.

פאַר זײַנען מיר געווען זיכער, אַז גייענדיק ווײַטער, וועלן מיר זיך וואָס פאָרויס, האָט זיך די שיסערײַ געהערט אַלץ דײַטלעכער און נעענטער פון אונדז. מיר האָבן געוווּסט, אַז אויפן וועג צו אונדזער ציל, נישט ווײַט פון דאַנען, מוזן מיר אַדורך דורך אַ טײַך, ווו די בריק איז אויפגעריסן געוואָרן דורך די פאַרטיזאַנער.

די דײַטשן האָבן שוין רעזיגנירט פון צוריק אויפבויען די דאָזיקע בריק, ווײַל יעטוועדער פרווו זייערער איז באַלד צעשטערט געוואָרן דורך די פאַרטיזאַנער. אויף דער אַנדערער זײַט טײַך, האָבן מיר געוווּסט, געפינט זיך דער שטח, וואָס איז באַהערשט דורך די פאַרטיזאַנער און מיר האָבן זיך געאײַלט וואָס שנעלער אַהין אָנצוקומען. אַזוי ווי מיר זײַנען אַרויס פונעם וואַלד און געוואָלט זיך דערנענטערן צום טײַך, האָבן מיר פון דער ווײַטנס באַמערקט דײַטשן. עס האָט געדויערט בלויז אַ קליינע ווײַלע ביז זיי האָבן געלענקט דאָס פײַער אין אונדזער זייט, אָבער מיר האָבן זיך שוין דעמלט צוריק געפונען אין וואַלד. מיר זײַנען איצט געלאָפן שנעל אויף צוריק, כדי אַרײַנצובאַקומען זיך אינעם אָסטראָווער וואַלד, איידער די דײַטשן וועלן צוריקפאָרן אין דאָרף און אַזוי אַרום אָפּשנײַדן דעם דורכגאַנג פאַר אונדז. נאָענט פון דאָרף, בײַם ראַנד פונעם וואַלד, האָבן מיר באַגעגנט פאַסטוכער, וועלכע האָבן זיך געגרייט אַהיימצופירן די בהמות. וואַנקאַ, וועלכער האָט פון קינדווײַז אָן געדינט בײַ ווירטסלײַט אַלס פאַסטוך, האָט באַלד געווונען זייער פרײַנטשאַפט און צוטרוי. ער האָט מיט זיי גערעדט מיט פראָפעסיאָנעלע שפּראַך־אויסדרוקן וועגן ענינים פון זייער פאַך און אויך וועגן היימישע זאַכן און זיי האָבן אונדז געוואָרנט נישט צו גיין דורכן דאָרף, ווײַל עס געפינען זיך דאָרט זשאַנדאַרמעריע און פאָליציי, וועלכע זײַנען נאָך־מיטאָג אַהין אָנגעקומען. זיי האָבן אויסגעדריקט די גרייטקייט צו ווײַזן אונדז אַ וועג, ווו מיר וועלן קענען אַרײַנבאַקומען זיך אין די אָסטראָווער וועלדער אויסמײַדנדיק דאָס דאָרף. איינער פון זיי האָט איבערגעגעבן דעם אַנדערן זײַנע בהמות אַהיימצופירן און אַליין איז ער געגאַנגען מיט אונדז. ער האָט אונדז געפירט דורך פאַרשיידענע אומוועגן, טייל מאָל גאַנץ נאָענט פונעם דאָרף, אַזוי אַז מען האָט געקענט הערן יעדן גערויש פון דאָרטן. צוערשט זײַנען מיר געגאַנגען דורך אַ זומפּיק אָרט ביז מיר זײַנען צוגע־

קומען צו אַ סאַדזעווקע, דורך וועלכער מיר האָבן זיך אַדורכגעשיפט מיט אַ שיפל, וועלכעס האָט זיך דאָרט געפונען.

דערנאָך זײַנען מיר געקראָכן דורך אַ פּלויט פון אַ גאָרטן ביז מיר זײַנען אַרויס אויף אַ קאַרטאָפל־פעלד, פון וואַנען מיר האָבן זיך אַרײַנ־באַקומען אין וואַלד אַרײַן. אויפן וועג האָט אונדז דער פּאַסטוך דערציילט, אַז אייניקע שעה נאָך דעם, ווי די פּאַרטיזאַנער זײַנען פאַרטאָג אַדורך דורך זייער דאָרף, זײַנען אָנגעקומען אַ סך דײַטשן אויף מאַשינען און זײַנען אַוועק נאָך זייערע שפּורן. דערפאַר האָט מען געהערט שיסן אין וואַלד. מיר האָבן אָפּגערעדט מיט אים, אַז אין דער פרי זאָל ער קומען צום ראַנד פונעם וואַלד, ווו מיר וועלן וואַרטן אויף אים און ער וועט פון אונדז באַקומען אַ מתּנה.

עס איז שוין געווען גוט פינצטער און מיר זײַנען געווען שטאַרק מיד. מיר האָבן אויסגעזוכט אַ געדיכטן קוסט, אַרונטערגעלייגט אונדזערע באַגאַזש־זעקלעך אונטער די קעפּ, איך האָב שטאַרק אַרומגעוויקלט דעם רימען פון מײַן ביקס אַרום דער האַנט, און ליגנדיק האַרט איינער לעבן צווייטן זײַנען מיר גלײַך אײַנגעשלאָפן. פאַרטאָג האָבן מיר זיך אויפגע־כאַפּט אויסגערוטע און אָפּגעפרישטע. אין וואַלד איז שוין אָנגעגאַנגען אַ לײַדנשאַפטלעך איבעררופן זיך פון די פייגל. מיר האָבן אַרויסגענומען פון אונדזערע זעקלעך ברויט און חזיר־פעטס און געגעסן מיט אַפּעטיט. בײַם ראַנד פונעם וואַלד האָט שוין געוואַרט אויף אונדז דער פּאַסטוך. ער איז געקומען רײַטנדיק, כדי צו האָבן מיט וואָס אַהיימצופירן דעם וואָגן. פאַר אונדז האָט ער מיטגעבראַכט אַ פלאַש מיט מילך. מיר זײַנען אַוועק צוזאַמען מיט אים צום אָרט, ווו עס האָבן זיך געפונען די איבערגעבלי־בענע פונעם אַטריאַד זאַכן. מיר האָבן זיי נעכטן גוט פאַרמאַסקירט מיט צווײַגן, כדי זיי זאָלן נישט אַרײַנפאַלן אין די הענט פון די שונאים. דאָרט זײַנען געווען אייניקע פוד חזיר־פעטס און פאַרשיידן אַלטוואַרג, וועלכעס האָט געקענט צונוץ קומען אַ דאָרפישן אײַנוווינער. צווישן דעם „באַראַכ־לאָ" האָב איך געפונען אַ פּאָר ריינע וועש, וועלכע איך האָב גלײַך פאַר־ביטן אויף מײַנע שמוציקע און וואַנקאַ האָט זיך איבערגעטאָן אין אַ רויטאַרמייאישן שינעל, פון וואָס ער איז געווען זייער צופרידן און שטאָלץ. מיר האָבן אויך גענומען אַ ביסל חזיר־פעטס פאַר זיך און אַלץ איבעריקע

אוועקגעגעבן דעם פּאַסטוך. ער איז געוואָרן אַ ביסל צעטומלט און האָט אונדז אָנגעקוקט מיט אַ פראַגע... צי גיבן מיר אים טאַקע אויף אַן אמת אַוועק אַזאַ פאַרמעגן? נאָר מיר האָבן אים צוגעגעבן מוט זאָגנדיק:

— נעם און פאַרנוץ געזונטערהייט, בעסער, אַז דו זאָלסט דערפון געניסן, איידער עפּעס אַ סוואָלאַטש.

מיר האָבן אים אויך געפרעגט ווי עס וועט גוט זײַן צו נעמען אַ „פּאַדוואָדע" אויף צו פירן אונדז די נאַכט, און ער האָט אָנגעוויזן אויף אַ כוטאָר נישט ווײַט פונעם וואַלד. בײַ אים איז פאַראַן אַ גוט פערד, און אים דאַרפט איר נישט זשאַלעווען, — האָט ער געזאָגט — ער איז רײַך און האָט ליב די דײַטשן.

פאַרנאַכט זײַנען מיר דאָרט אַוועק. ווען מיר האָבן געעפנט דאָס טירל פונעם גאָרטן, איז אונדז אַנטקעגן געגאַנגען דער באַלעבאָס און אונדז אײַנגעלאַדן צו גיין צו אים אין שטוב אַרײַן נאָר מיר, שטיצנדיק זיך אויף די אינפאָרמאַציעס פונעם פּאַסטוך, האָבן זיך באַצויגן צו אים מיט פאַרדאַכט און וואָנקע האָט שטרענג אַ זאָג געטאָן — „כאָזאַין זאַפּריאַגאַי לאָשאַד" (באַלעבאָס, שפּאַן דאָס פערד). „איך האָב די וואָך שוין צוויי מאָל געפירט פּאַרטיזאַנער — האָט ער רויִק געענטפערט — איך האָב געמיינט, אַז מאָרגן וועל איך שוין קענען עפּעס טאָן אין דערווירטשאַפט מיטן פערד, נאָר אַז מען דאַרף, וועל איך פאָרן. איר זײַט וויכטיקער, עס איז מלחמה". „ווײַט דאַרפט איר?" — האָט ער געפרעגט. אַ צוויי צענדליק קילאָמעטער — האָבן מיר אים געטרייסט. „טאָ גייט אַרײַן אין כאַטע, די באַבאַ וועט אײַך געבן אָפּצועסן און איך וועל דערווײַל שפּאַנען".

די באַלעבאָסטע, אַ דיקלעכע, גוטמוטיקע פרוי, האָט אונדז גאַסט־פרײַנדלעך דערלאַנגט עסן און האָט זיך פאַרענטפערט, אַז לײדער קאָן זי אונדז נישט מכבד זײַן מיט בראָנפן, ווײַל נעכטן זײַנען בײַ איר געווען פּאַרטיזאַנער, וועלכע האָבן אַלץ אויסגעטרונקען. באַלד איז אַרײַנגעקומען דער באַלעבאָס און האָט זיך אַוועקגעזעצט בײַם טיש עסן מיט אונדז. איך האָב זיך אויפמערקזאַם צוגעקוקט צו די אָפענע פרײַנטלעכע פּנימער פון דעם פּאַרפּאָלק און איך האָב נאָכגעפאָלגט יעדע באַוועגונג זייערע, נאָר איך האָב נישט באַמערקט קיין שפּור פון פאַלשקייט אין זיי. אין

זכרון זײַנען בײַ מיר אײַנגעקריצט געװען די װערטער פונעם פּאַסטוך — „זיי האָבן ליב די דײַטשן", נאָר איך האָב זיך פאַר קיין פאַל נישט געקאָנט פאָרשטעלן, אַז די דאָזיקע איינפאַכע מענטשן זאָלן קענען אַזוי גלענצנדיק מאַסקירן זיך. װען מיר זײַנען שוין געזעסן אויף דער פור, האָבן מיר געהייסן פאָרן נאָך מישיקי. דאָרטן האָבן מיר געהאָפט צו געפינען די דיװערסאַנטן־גרופּע און אויך סעגאַלס גרופּע, װעלכע װעלן אונדז זיכער קענען געבן ידיעות װעגן אונדזער אָטריאַד. אַ צײַט זײַנען מיר געפאָרן מיטן װאַלדװעג, נאָר שפּעטער, װען עס איז שוין געװען אַ שטיק אין דער נאַכט אַרײַן, זײַנען מיר אַרוים אויף אַ ברייטן אָפענעם שאָסיי.

באַטש דער פאַרדאַכט צום פורמאַן איז שוין בײַ מיר געהאַט פאַרשװונדן, דאָך בין איך אַרײַן אין אַ כאַטע, װען מיר זײַנען אַדורכגעפאָרן אַ באַװױנט אָרט, כדי צו פאַרזיכערן זיך צי מיר פאָרן ריכטיק. נאָך האַלבער נאַכט זײַנען מיר אָנגעקומען קיין מישיקי.

מישיקי איז אַ גרויס דאָרף, װעלכעס ליגט נאָענט פונעם שאָסיי, און מיר האָבן באַדאַרפט פאָרן צו די מישיקער כוטאָרן, װעלכע זיינען אָפּגערוקט פונעם דאָרף אויף אַן ערך 4—5 קילאָמעטער און געפינען זיך נעענטער צום װאַלד. דאָס איז געװען אַ כוטאָר פונעם „ברודער" און דאָרט אַהין האָבן מיר טאַקע געדאַרפט גיין. דער „ברודער" איז אַ פרײַנד און אַ פאַרבינדלער פון די פאַרטיזאַנער. אָבער נאָך אַ גרעסערער און מער מסירות־נפשדיקער פרײַנד פון די פאַרטיזאַנער איז זײַן פאָטער, אַ װאַלדװעכטער פון די מישיקער װעלדער און אַ דאַנק אים טאַקע האָט ער באַקומען אַזאַ בכבודיקן נאָמען װי דער „ברודער".

דער מישיקער װאַלד־װעכטער איז פאַרליבט אין סעגאַלן און רופט אים נישט אַנדערש, װי מײַן זון, און ער באַציט זיך צו אים נישט בלויז װי אַ פאָטער צו אַ זון, נאָר װי אַ גוטער פאָטער. נאָך איידער סעגאַל איז געװען אין פאַרטיזאַנער אָטריאַד, באַלד נאָכן ראַטעװען זיך פונעם געטאָ, איז ער געװען בײַ אים. איצט איז ער אַן איבערגעגעבענער פרײַנד פון דער גאַנצער גרופּע, װעלכע געפינט זיך מיט סעגאַלן און אַלע רופן אים „פאָטער" און זײַן זון „ברודער". װען מיר זײַנען אַרײַן צום „ברודער" האָט ער אין אָנהייב נישט געװאָלט באַקענען זיך צו דעם, אַז ער

האָט עפּעס אַ שייכות מיט די פּאַרטיזאַנער, נאָר נאָך דעם, ווי איך האָב אים געזאָגט אַ סימן און ער האָט זיך דערמאָנט, אַז איך בין שוין געווען בײַ אים, צוזאַמען מיט גילטשיקן האָט ער זיך געקראַצט אין קאָפּ און געזאָגט — „אַ שאָד, ערשט נישט לאַנג, ווי זיי זײַנען אַוועק פון דאַנען און איצט קאָן דויערן אַ פּאָר טעג ביז זיי וועלן ווידער קומען". די דיווערסאַנטן און סעגאַלס גרופּע געפינען זיך שוין נישט אויף דעם זעלבן אָרט, ווו דעמלט, בעת מיר זײַנען דאָ געווען. ער איז מיט זיי אין קאָנטאַקט און בײַ דער ערשטער מעגלעכקייט וועט ער זיי צוווויסן געבן וועגן אונדז. ער האָט אונדז געעצהט, בײַטאָג זיך נישט ווײַזן אין ערגעץ, ווײַל גאַנץ אָפט קומען די דײַטשן אויך אַהער אויף די כוטאָרן. באַקומענדיק די געהעריקע אינפאָרמאַציעס פונעם „ברודער" האָבן מיר אים נישט געוואָלט מער שטערן דעם שלאָף און זײַנען אַוועק. אין דרויסן איז געווען שטיל און לער. פון איין זײַט האָט זיך געזען דער ריזיקער וואַלדמאַסיוו, שאַרף אויסגעשניטן, אין דער פאָרעם פון אַ ווינקל און פון דער אַנדערער זײַט צעשטעלטע אין נישט קיין גלײַכער ליניע, כוטאָרן. פאַר יעדן פון זיי האָבן זיך געפונען בײַמער מיט רייפן בעז. איך האָב זיך אײַנגעקוקט אין די פעסט־פאַרהאַמערטע פון אַלע זײַטן טירן און פענצטער און איך האָט געהערט דאָס שנאָרכן פון די שלאָפנדיקע אינעווייניק. נאָר דאָס מאָל בין איך זיי נישט מקנא געווען מיטן דאַך איבערן קאָפּ. דער דרויסן איז געווען אַזוי פּרעכטיק און דער אַרום איז אָנגעפילט געווען מיט וווּנדערבאַרע ריחות, אַז איך האָב נישט געהאַט קיין שום חשק צו געפינען זיך אינעווייניק.

30 מאַי. איך געפין זיך נאָך אַלץ אַליין מיט וואַנקען. עס איז אונדז נאָך נישט געלונגען זיך צו באַהעפטן מיט די פּאַרטיזאַנען־גרופּן, וועלכע מיר זוכן. בײַטאָג פאַרברענגען מיר אין וואַלד און ווען עס פאַלט צו די נאַכט און ווען עס „שײַנט אויף די פּאַרטיזאַנען־זון" — ווי עס זאָגט זיך אין אַ פּאָפּולערן פּאַרטיזאַנען ליד — פּאַרלאָזן מיר אים. דאָס ערשטע גייען מיר אַוועק ווײַט אין דאָרף, און קלאַפּן אָן אין די פּויערישע שטובן כדי צו נעמען אַ ביסל שפּײַז אויפן מאָרגנדיקן טאָג און אויך צוליב היימלעכקייט און צעשטרײַונג. פאַרשלאָפענע און איבערגעשראָ־

קענע שטימען פרעגן — „קטאַ טאַם" און מיר ענטפערן — „סוואָי, פּאַרטיזאַני, אָטקרוי." שווער און אָן חשק קריכט ווער אַראָפּ פונעם גע־לעגער, טרעט מיט באָרוועסע פיס, און מאַכט אויף דעם הילצערנעם ריגל פונעם פּאַדערהויז. אין יעטוועדן טראָט, אין יעטוועדער באַוועגונג פון די דאָזיקע מענטשן פיל איך אַ שטומען און געצוימטן פּראָטעסט — פאַרוואָס מען האָט זיי אַרויסגעריסן פון שלאָף, פאַרוואָס מען שטערט זייער רו. נאָר צו אונדז מאַכט מען אַ גוט פּנים און מען נעמט אונדז אויף מיט איבערגעטריבענער גאַסטפרײַנטלעכקייט. אָבער די נאַכט האָבן די דאָרפישע אײַנוווינער געהאַט פון אונדז מנוחה, צוליב אַ זייער אינ־טערעסאַנטער באַגעגעניש, וועלכע מיר האָבן געהאַט בײַם „ברודער" אין שטוב. בעת מיר זיינען אַהין אַרײַן, האָבן זיך דאָרטן געפונען, אַ חוץ די שטוביקע און אייניקע פויערים פון די שכנותדיקע כוטאָרן אויך 4 פּאַרטיזאַנער. אויפן טיש איז געווען בראָנפן מיט פאַרבײַסעכץ און איינער פון די פּאַרטיזאַנער האָט עפּעס דערציילט און אַלע אַרום האָבן זיך אויפמערקזאַם צוגעהערט. זיי האָבן געמוזט זײַן זייער שטאַרק פאַר־אינטערעסירט מיט דער דערציילונג, ווײַל זיי האָבן אינגאַנצן נישט געלייגט קיין אַכט אויף אונדזער אַרײַנקומען און דער דערציילער האָט ווײַטער פאָרגעזעצט. איך האָב זיך שטיל צוגעשאַרט צום טיש און זיך אויך אײַנגעהערט ווי ער דערציילט: „מיר זיצן און פאַרברענגען און טרינקען מיט זיי ווי מיט פּאַרטיזאַנער און זיי פאַלן אָן אויף אונדז פון הינטן אַרום און בינדן אונדז". דאָ האָט ער איבערגעריסן און זיך געוואַנדן צו אונדז: „און איר בירגער פון וואָסער אָטריאַד זײַט איר?" צו אונדזער גליק האָב איך זיך שנעל אָריענטירט און געענטפערט מיט אַ ליגן: „מי פּאַרמאַנאַוועצי, 112טי אָטריאַד". מען האָט אונדז דער־לאַנגט גלעזלעך בראָנפן און ער האָט ווײַטער דערציילט: „מיר ליגן געבונדענע און פּעטיאַ זאָגט צו מיר — מען וועט אונדז שיסן, סאַ־שענקאַ! לאָמיר עפּעס זינגען, סאַשאַ, וועט זײַן פרייליכער צו שטאַרבן. וואָס זאָלן מיר זינגען — פרעג איך פּעטיען. — זאַפּאיעם אינטערנאַ־ציאָנאַל, עטאָ כאַראָשאַיאַ פּיעסניאַ. (לאָמיר זינגען דעם אינטערנאַציאָ־נאַל, דאָס איז אַ גוט ליד). מיר זינגען דעם אינטערנאַציאָנאַל און זיי שיסן אונדז דערווײַל פון הינטן. אין ערשטן מאָמענט האָב איך פאַר־

לויר'ן דעם באַוווסטזײַן, נאָר אַ ביסל שפּעטער בין איך געקומען צו זיך און איך האָב געפילט, ווי מען נעמט מיר אַרויס מײַן קאַווקאַזער מעסער. איך האָב געפילט, ווי מען ציט פון מיר אַראָפּ די שטיוול און די הויזן. איך האָב געהערט ווי זיי האָבן גערעדט צווישן זיך און זייַנען אַוועקגעגאַנגען. ווען עס איז געוואָרן אינגאַנצן שטיל אַרום אונדז האָב איך געזאָגט צו פּעטיען — פּעטיע דו לעבסט? — און ער ענטפערט — איך מיין, אַז יאָ, און דו סאַשאַ לעבסט — שיסן קענען זיי נישט די סוואָלאָטשעס. — זאָג איך. שפּעטער האָב איך ווײַטער פאַרלויר'ן דעם באַוווסטזײַן, און ווען איך בין ווידער געקומען צו זיך, בין איך שוין געווען צווישן אייגענע". ער האָט נאָך ווײַטער דערציילט, ווי מען האָט זיי געהיילט אין אַ שפּיטאָל בײַ די דײַטשן, אַלס קרבנות פון די פּאַר־טיזאַנער. דאָ האָט זיך אַרײַנגעמישט פּעטיא: — „מיר האָבן דאָך נישט אָפּגענאַרט, סאַשאַ, מיר זייַנען דאָך ווירקלעך געווען." „דאָס זייַנען נישט קיין פּאַרטיזאַנער, דאָס זייַנען סוואָלאָטשעס, באַנדיטן!" — האָט אים סאַשאַ איבערגעריסן אַן אויפגערעגטער, און עס האָט זיך אָנגע־הויבן צווישן זיי אַ לאַנגע דיסקוסיע, צי זיי האָבן אָפּגענאַרט די דײַטשן, אָדער נישט. דאָס איז אָבער געווען דער איינציקער פאַל, ווען סאַשאַ האָט זיך אויפגערעגט בעתן דערציילן די דאָזיקע טראַגישע געשיכטע. פאַר־קערט, די גאַנצע צײַט האָט ער דערציילט געמיטלעך, מיט הומאָר, אַזוי ווי עס וואָלט גאָרנישט נישט געהאַט קיין שייכות מיט אים פּער־זענלעך. פונדעסטוועגן וואָלט געווען אָך און וויי צו אונדז, ווען זיי ווייסן, אַז מיר זייַנען זשוקאָווצעס.

1 יוני. עס איז געווען אין מיטן טאָג. וואַנקאַ האָט זיך דערמאָלט געפונען נאָענט פונעם וואַלדוועג, כדי אָפּצוהיטן, טאָמער וועלן דאָרט פאַרבײַגיין אונדזערע פּאַרטיזאַנער, און איך בין געווען טיפער אין וואַלד. מיטאַמאָל הער איך, ווי מען רופט מיך הויך אויפן גאַנצן קול. ווען איך בין צוגעקומען צו אים, האָב איך דאָרט געטראָפן צוויי אָנגע־פּרעסטע און גוט אָנגעטאָענע שקצים, באַוואָפנטע מיט ביקסן און פּיס־טאָלעטן און איינער פון זיי האָט געהאַלטן אַ זאַק אין דער האַנט. וואַנ־קאַ האָט מיט פרייד געזאָגט: „די פּאַרטיזאַנער ווילן דיך באַקענען." זיי האָבן מיך דורכדרינגלעך באַטראַכט, און איינער פון זיי האָט מיך

געפֿרעגט פֿאַרוואָס איך בין אַזוי מאָגער און האָב אַזאַ טרויעריקן אויס־זען. אַ פּאַרטיזאַן, האָט ער געזאָגט, דאַרף גוט אויסזען, זײַן פֿײַן אָנגעטאָן און שטענדיק זײַן פֿריילעך. דעמאָלט האָט ער אויטאָריטעט בײַ דער אַרומיקער באַפֿעלקערונג און מען האָט פֿאַר אים דרך־ארץ. אָט זעט איר, מיר האָבן שוין הײַנט אויסגעטרונקען אַ „ביסעלע" און דאָ האָבן מיר מיט זיך נאָך אַכט ליטער, און ער האָט דערבײַ אויפֿגעמאַכט דעם זאַק, כּדי מיך איבערצוצײַגן, אַז ער זאָגט אמת. הײַנט בײַנאַכט, וועלן מיר דאָס אויסטרינקען אויף אַ כוטאָר, צוזאַמען מיט נאָך צוויי חברים אונדזערע, וועלכע געפֿינען זיך איצט דאָרטן. קומט צוגיין אַהין אין אָוונט, וועט איר אויך טרינקען מיט אונדז. מיר זיינען זשאַרקינצעס. אונדזער אָטריאַד איז באַרימט. איר האָט שוין אפֿשר געהערט וועגן אים? מיר איז געוואָרן פֿינצטער אין די אויגן, הערנדיק ווער זיי זיינען. ער האָט ווײַטער געזאָגט, אַז איצט אײַלן זיי זיך שטאַרק, ווײַל זיי האָבן אַ וויכטיקע „דיעלאָ" צו דערליידיקן הײַנט, און האָט אונדז פֿאַרגעלייגט, אַז מיר זאָלן זיי באַגלייטן אַ ביסל. כּדי זיך נישט פֿאַראַטן בין איך מיטגעגאַנגען, נאָר איך האָב זיך כּסדר געהאַלטן הינטער זיי און איך האָב אַכטונג געגעבן אויף יעדער זייערע באַוועגונג. מיט איין האַנט האָב איך געהאַלטן דעם רימען פֿון מײַן ביקס, און די צווייטע פֿאַררוקט אין טאַש, וווּ עס איז בײַ מיר געלעגן אַ האַנט־גראַנאַט.

זײַענדיק בײַם „ברודער" אין אָוונט, האָט ער אונדז מיטגעטיילט, אַז מאָרגן וועט מען קומען נאָך אונדז. קיין באַשטימטע שעה ווייס ער נישט, נאָר דאָס קען געשען דעם גאַנצן טאָג. עס איז געווען שבת צונאַכט און מיר האָבן אָפּגעשמועסט מיט זײַן ווײַב, אַז מאָרגן וועלן מיר עסן צוזאַמען מיט זיי אַ יום־טובדיק מיטאָק, וואָס זי וועט צוגרייטן. צוליב דעם זיינען מיר אַוועק אין אַ ווײַט דאָרף, אויף דער אַנדערער זײַט שאָסיי און געבראַכט אַ הון פֿון דאָרטן. צוריקוועגס, שוין לאַנג נאָך האַלבער נאַכט, זײַנען מיר פֿאַרבײַגעגאַנגען נעבן כוטאָר, וווּ די זשאַרקינצעס האָבן געהוליעט. נאָך דעם ווי איך האָב אַרײַנגעקוקט דורכן פֿענצטער און איך האָב זיך איבערצײַגט, אַז זיי געפֿינען זיך שוין אין אַזאַ צושטאַנד, אַז זיי קענען נישט זײַן געפֿערלעך פֿאַר מיר, האָב איך נאָכגעגעבן וואַנקעס בקשה און מיר זיינען אַהין אַרײַן. אויס־

טרינקענדיק צו גלעזלעך זיינען מיר גלייך אַוועק פון דאָרטן און האָבן זיך געלייגט שלאָפן ביים „ברודער“ אין שייער. באַלד אין דער פרי זיינען מיר אויפגעוועקט געוואָרן דורך אַ טומל און אַ הויך געדערעריי. ווען איך בין אַרויס אין דרויסן, האָב איך דאָרט געטראָפן די זשאַרקינצעס. איינער פון זיי האָט געהאַלטן אַ פערד פאַרן צוים און דער אַנדערער האָט געזידלט און געשריגן אויף אַ פויער, וועלכער איז נעבן אים געשטאַנען אַ דערשראָקענער און געקוקט אויף אים מיט הכנעהדיקע און בעטנדיקע אויגן. „דו אַזעלכער און אַזעלכער אין דיין מאַמעס מאַמען אַריין!“ — האָט דער זשאַרקיניעץ אַריינגעשריגן אין אים. „פאַר די דייטשן וועסטו האָלץ פירן, כדי זיי זאָלן האָבן פון וואָס צו בויען עראָפּלאַנען, פון וועלכע זיי וועלן וואַרפן באָמבעס אויף אונדז און חרוב מאַכן אונדזערע שטעט. מיר פאַרגיסן אונדזער בלוט — האָט ער ווייטער געזאָגט און צוגעוווּנקען צום צווייטן מיט אַ קוים באַמערקבאַרן שמייכעלע און האָט ווייטער פאָרגעזעצט מיט אַ געמאַכטער אויפרעגונג — און דו, סוואָלאָטש איינער, אַ סאָוויעטישער בירגער, העלפסט אונדזערע שונאים, שיסן ווי אַ הונט וואָלט מען דיך באַדאַרפט!“ —

„וואָס רעדסטו, טאָוואַרישטש קאָמיסאַר — האָט דאָס פויערל דערווידערט, בעטנדיק — איך וווין סך הכל נאָר 6 קילאָמעטער פון דאַנען, אַלע קענען מיך דאָ און ווייסן, אַז די דייטשן האָבן פאַרברענט מיין כאַטע. מיין פרוי און דריי קליינע קינדער געפינען זיך אָן אַ דאַך איבערן קאָפּ — בין איך געקומען אַהער נאָך האָלץ, כדי צו קענען אויפשטעלן פאַר זיך כאָטש אַ זעמליאַנקע. פרעג ביי מענטשן וואָס שטייען דאָ, — האָט ער אָנגעוויזן אויפן „ברודער“ און אויף נאָך אַנדערע — צי איך זאָג נישט דעם אמת, אויב נישט, דערשיסט מיך אויפן אָרט“.

„מיר וועלן אויספאָרשן דעם ענין“ — האָט געזאָגט דער „קאָמיסאַר“ שוין אַ ביסל ווייכער — „דאָס וועט דויערן איין־ציקע טעג און ביז דעמלט וועלן מיר פאַרהאַלטן דאָס פערד“. דער פויער האָט געפּרוּווט נאָך עפּעס זאָגן, נאָר דער קאָמיסאַר האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און געזאָגט „דיעלאָ קאָנטשענאָ“ (דער ענין איז דערליידיקט) און איז אַוועק. נאָך זייער אַוועקגיין, האָבן די אַרומיקע אויפגעקלערט דעם פויער, אַז ער איז נישט דער איינציקער קרבן. די זעלבע קאָמעדיע שפּילן זיי

שוין אָפּ זייט אייניקע טעג, און אויב ער וויל האָבן דאָס פערד האָט ער נאָר איין עצה, אויסצוקויפן עס מיט בראָנפן. וואנקא האָט געהאָלפן אַדורכפירן די טראַנזאַקציע פאַר 8 ליטער בראָנפן און איין ליטער האָט ער באַקומען פאַר זיך, פאַר דער פאַרמיטלונג. נאָך מיטאָג איז וואנקא ערגעץ פאַרשווונדן אויף א היפּשע צײַט, נישט זאָגנדיק מיר ווו אהין ער איז געגאַנגען. ווען ער איז צוריקגעקומען האָב איך באַמערקט, אַז ער איז עפּעס נישט מיט אַלעמען, נאָר איך האָב אים גאָרנישט נישט געפרעגט. בכלל איז וואנקא נישט געווען קיין שלעכטער פון דער נאַטור, נאָר א כאַראַקטער האָט ער געהאַט א צעפּלויגענעם. טייל מאָל האָט ער געקענט אָנטאָן אַלדאָס בייז, און טייל מאָל, ווען ער האָט געהאַט אָנפאַלן פון גוטסקייט איז ער געווען פעיק אוועקצוגעבן די נשמה. ער איז געווען א גנב און ער האָט אָפּט געכאַפּט קלעפּ דערפאַר. אָבער געטאָן האָט ער דאָס נישט צוליב פּראַקטישע טעמים. ביי איינעם פלעגט ער צונעמען און אוועקגעבן א צווייטן. די נאַכט, צום בײַשפּיל, האָט איך געהאַט מיט אים אַזאַ געשיכטע. מיר זײַנען געווען אויף אייניקע ערטער און אַלץ נישט געקענט באַקומען א הון פאַר זיך. אויף איין אָרט האָבן די דײַטשן אַלץ צוגענומען. אויף א צווייטן אָרט האָבן דאָס זעלבע געטאָן די פּאַרטיזאַנער און אויף א דריט אָרט איז געווען אַן עפּידעמיע און אַלע הינער זײַנען אויסגעפּגרט. סוף כל סוף האָט זיך אונדז אײַנ־געגעבן צו באַקומען א הון אין אַ כאַטע וואָס איז געלעגן האַרט נעבן שאָסיי. דאָרטן אהין זײַנען זעלטן געקומען פּאַרטיזאַנער און דער באַ־לעבאָס האָט זיך מיט אונדז פאַנאַנדערגערעדט, געוואָלט עפּעס געוואָר ווערן וועגן דער מלחמה. מיר האָבן אים געפרעגט וויפל ערד ער פאַר־מאָגט, צי ער האָט א פערד, וויפל בהמות ער פאַרמאָגט און מיר האָבן זיך דערפון דערוווסט, אַז ער איז נישט רײַך. דעמלט האָט זיך וואנקא אײַנגעשפּאַרט, אַז מיר זאָלן נישט נעמען די הון. עס האָט נישט גע־האָלפן, וואָס דער באַלעבאָס האָט אונדז שפּעטער אויסגעטײַטשט, אַז ער איז נישט אַזוי אָרעם, אַז ער זאָל זיך נישט קענען דערלויבן צו געבן א הון פאַר די פּאַרטיזאַנער און געבעטן, אַז מיר זאָלן אים נישט באַליי־דיקן. עס האָט גאָרנישט געהאָלפן. וואנקא איז געבליבן בײַ דאָס זײַניקע און מיר האָבן נישט גענומען. איצט איז ער געלעגן א שווײַגנדיקער

און אַ טרויעריקער אַ געוויסע צײַט. מיט איין מאָל האָט ער זיך פאַנאַנדערגעוויינט, אַרויפגעפאַלן אויף מיר און אַרויסגעכליפּעט: „בײַ גאָט, איך קען נישט, מיר לעבן דאָך ווי ברידער". און ער האָט מיר דערציילט, אַז די זשאַרקינצעס האָבן אים אָנגערעדט, אַז ער זאָל מיך פאַרנאַרן אין וואַלד, וווּ זיי וועלן מיך דערשיסן און אים וועלן זיי אַוועקגעבן מײַן ביקס און מיטנעמען מיט זיך אין אָטריאַד אַרײַן. פאַרנאַכט זײַנען געקומען צו אונדז 5 פּערזאָן פון דער דיווערסאַנטן־גרופּע און איך האָב זיי דערציילט וועגן די זשאַרקינצעס. זיי האָבן זיך גלײַך אַרויסגעלאָזט אין אַ געיעג נאָך זיי. אָבער יענע זײַנען שוין ערגעץ פאַרשוווּנדן.

6 יוני. דער פינפטער טאָג ווי איך געפין זיך בײַ די דיווערסאַנטן און איך פיל זיך זייער גוט צווישן זיי. דאָ האָב איך זיך איבערצײַגט, אַז רויקייט און גראָבקייט מוזן נישט זײַן אַ באַשטאַנדטייל פון פּאַרטיזאַנער לעבן. ביז איצט בין איך געוווינט געווען, אַז אַ פּאַרטיזאַן צווישן אַ טוץ אַרויסגעזאָגטע ווערטער באַנוצן דרײַ זידלווערטער. און עס זײַנען געווען אַזעלכע מײַסטער, וועלכע האָבן אַרײַנגעפּאַקט צווישן אַ טוץ אַרויסגעזאָגטע ווערטער, גאַנצע פינף זידלווערטער. עס זיינען אין אונדזער אָטריאַד אויך געווען ייִדן, וואָס האָבן זיך ממש געשטיקט מיט די זידלווערטער, נאָר זיי האָבן זיך באַמיט מיט אַלע כוחות זיי צו באַנוצן, כדי נישט אָפּצושטיין אין הילכות זידלען זיך פון זייערע נישט־ייִדישע קאָלעגן. זיי האָבן געמיינט, אַז אָן דעם קען מען גאָר נישט זײַן קיין גוטער פּאַרטיזאַן. די דיווערסאַנטן וואָלטן געקענט זײַן אַ גוטער בײַשפּיל פאַר זיי, אַז צו זײַן אַ גוטער פּאַרטיזאַן איז נישט נויטיק צו מאַכן פונעם מויל אַ מיסטקאַסטן. דאָס קאָלעקטיווע צוזאַמענלעבן פון דער גרופּע בײַ די דיווערסאַנטן שטייט אויך אויף אַ הויכן ניוואָ. עס עקסיסטירט נישט בײַ זיי קיין אונטערשייד אינעם אופן פון באַשפּײַזן זיך. אַלע עסן פון איין קעסל. קיינער פון זיי האָט אויך נישט געזאַמלט פאַר זיך פּערזענלעך קיין „באַראַכלאָ". איבעריקע מלבושים, אָדער שוכוואַרג איז געווען דאָס אייגנטום פונעם גאַנצן קאָלעקטיוו און ווער עס האָט זיך דערין גענויטיקט, האָט זיך גענומען. מיר איז נישט באַשערט געווען צו בלײַבן לאַנג מיט דער גרופּע. הײַנט

איז געקומען סעגאַל און מיר פאַרגעלייגט, אַז איך זאָל אַריבער צו אים אין גרופּע. דעם אמת זאָגנדיק, האָב איך נישט געהאַט קיין חשק דערצו. סעגאַל האָט דאָס באַמערקט און ער האָט מיר געזאָגט, אַז ער וווּנדערט זיך גאָרנישט דערויף. ער ווייס, אַז בײַ די דיווערסאַנטן איז בעסער און אינטערעסאַנטער ווי אין זײַן גרופּע. ער אַליין וואָלט בעסער געוואָלט זײַן מיט זיי צוזאַמען „נאָר זיי קענען זיך באַגיין אָן מיר" — האָט ער געזאָגט „און דאָרטן בין איך נויטיק. די פרויען, קינדער און עלטערע מענטשן קענען זיך אָן מיר נישט באַגיין. די דיווערסאַנטן קענען זיך באַגיין אָן אײַך, אָבער מיר דאַרפן אײַך האָבן. מיר דאַרפן אײַער ביקס". ער האָט מיר אויך דערציילט, אַז עס אָרגאַניזירט זיך איצט בײַ אים אַ קאַמפּס־גרופּע. קאַמפּפעןקע, האָט ער געזאָגט, האָט ער גענוג, ער דאַרף זיי אָבער באַוואָפענען. איצט גייט ער טאָקע אויף אַן אָרט, אַ צוועלף קילאָמעטער פון דאַנען, וווּ ער דאַרף באַקומען אַ ביקס, און ער האָט מיר פאַרגעלייגט, אַז איך זאָל גיין מיט אים. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז סעגאַל איז גערעכט און איך בין מיט אים געגאַנגען. אין מישיקער וואַלד האָט זיך געפונען אַ באַזונדער יידישע גרופּקעלע פון 8 פּערזאָן, וועלכע זיינען אַהין געקומען פון די ביאַלאָוויעזשער וועלדער. דאָס זיי־נען געווען געראַטעוועטע פון די שטעטלעך האַראַדייע און מיר. די דאָזיקע אַכט פּערזאָן, וועלכע האָבן זיך געהאַלטן צוזאַמען די גאַנצע צײַט, האָבן געהאַט זייער אייגענע אינטערעסאַנטע געשיכטע, פול מיט געפערלעכע און שטורמישע איבערלעבונגען, וועלכע האָט זיך געצויגן ביז דעם חודש יוני 1943. פון דעמלט אָן האָבן זיי אויפגעהערט צו עקזיסטירן ווי אַ באַזונדערע אייני־הייט, אַרײַנגיסנדיק זיך אין סעגאַלס גרופּע. פון די מירער האָב איך זיך דערוווּסט אַלע פּרטים, וועגן דער געשיכטע מיטן געווער, וואָס די דאָרטיקע יידן האָבן באַקומען פונעם יידישן פּאָליציי־קאָמענדאַנט אָס־וואַלד (שמואל רופאייזן). וועגן דער דאָזיקער אינטערעסאַנטער געשיכטע האָב איך צונויפגעזאַמלט אַ סך ידיעות, וועלכע געפינען זיך צווישן מײַנע נאָטיצן. נאָר נאָכן באַקענען זיך מיט די מאַטעריאַלן פון דער היסטאָרישער קאָמיסיע אין לאָדזש, וועגן דער זעלבער געשיכטע ווי

די פאקטן שטימען, און גרעבערע שטריכן מיט מײַנע נאָטיצן איז נישטאָ קיין באַדערפעניש זיי צו פאַרעפנטלעכן. איך האַלט אָבער פאַר נויטיק אויפמערקזאַם צו מאַכן אויף די פּסיכאָלאָגישע אויסטײַטשונגען פון מאַנכע פאַקטן אין דער גבית־עדות פון שלמה כאַרכאַס (פאַרעפנטלעכט אין דער פּוילישער שפּראַך), וועלכע שטימען נישט מיט מײַנע ידיעות. אויף דער אויסטײַטשונג פון איין פאַקט, וויל איך זיך באַזונדערט אָפּשטעלן. עס זאָגט זיך דאָרט, אַז דער ייִד סטאַניסלאַווסקי, וועלכער האָט געאַרבעט אין דער זשאַנדאַרמעריע אַלס פורמאַן, האָט פאַראַטן, אַז אַס־וואַלד האָט געבראַכט געווער אין געטאָ אַריין, ווײַל דער שעף פון דער זשאַנדאַרמעריע האָט אים צוגעזאָגט צו לאָזן לעבן. פון וואַנען ווייס ער, כאַרכאַס, וואָס דער שעף פון דער זשאַנדאַרמעריע האָט צוגעזאָגט סטאַניסלאַווסקין? דאָס איז בלויז זײַנס אַ השערה, אַ פּסיכאָלאָגישע אויסטײַטשונג. לויט מײַנע ידיעות, כאָטש זיי פאַרלייקענען נישט דעם עצם פאַקט פון כאַרכאַסעס גבית־עדות, זעט די זאַך אויס אַנדערש. „60 באַוואָפנטע און 150 נישט־באַוואָפנטע ייִדן זענען זונטיק דעם 9טן אויגוסט 1942 בײַנאַכט אַרויס פון מירער געטאָ. 500 זײַנען געבליבן. דינסטיק האָט די פּאָליציי שוין געוווּסט, אַז די ייִדן וואָס זיינען אַנטלאָפן, זיינען געווען באַוואָפנט. דעם זעלבן טאָג, איז דער שעף פון דער זשאַנדאַרמעריע געקומען אין געטאָ, האָט פאַרזאַמלט די געבליבענע ייִדן און האָט אין אַ האַרציקן טאָן זיי איבערצײַגט, אַז עס איז נישט געווען קיין נויטווענדיקייט צו אַנטלויפן, ווײַל עס האָט נישט געדראָט קיין שום געפאַר דעם געטאָ. די ייִדן האָבן געגלויבט דעם דײַטש". דאָס זײַנען ציטאַטן פון כאַרכאַסעס גבית־עדות. און ווײַטער זאָגט זיך דאָרטן: „דער שעף פון דער זשאַנדאַרמעריע האָט צוגעזאָגט סטאַניסלאַווסקין, אַז ער וועט בלײַבן לעבן, אויב ער וועט זאָגן פון וואַנען די ייִדן האָבן געקומען געווער". פרעגט זיך — צו וואָס האָט סטאַניסלאַווסקין געטויגט אַ ספּעציעלע הבטחה פון דעם זשאַנדאַרמעריע־שעף, פאַר וועלכער ער האָט געדאַרפט צאָלן מיט פאַראַט, בעת אַזאַ צוזאָג האָבן שוין געהאַט באַקומען אַלע ייִדן פון געטאָ אומזיסט?...
כדי צו פאַרשטיין דאַרפן מיר זיך איבערטראַגן מיטן געדאַנק אין געטאָ

אַרײַן. צו די געבליבענע 500 ייִדן, צווישן וועלכע עס האָבן זיך אַגב אויך געפונען אַזעלכע, וועלכע זיינען געהאַט געלאָפן נאָך די באוואָפנטע, און זיינען דורך זיי פאַרטריבן געוואָרן אונטער דער דראָונג פון געווער (אַז עס זיינען פאַרגעקומען אַזעלכע באַדויערונגסווערטע פאַקטן, האָבן אויך באַשטעטיקט, די אין סטאָלפּצע דערשאָסענע צוויי מירער מיידלעך, וועגן וועלכע איך האָב שוין דערמאָנט). דאָס רוב פון די געבליבענע, האָבן געהאַט פאַלשע אילוזיעס (כאָרכאָס דערמאָנט גאָרנישט וועגן דעם צי דער כלל ייִדן האָבן געוווּסט וועגן אָסוואָלדס וואָרענונג, אַז עס דאַרף פאָרקומען אַ שחיטה אין געטאָ. ער דערמאָנט בלויז, אַז ער האָט פאַרטרויט דעם סוד צום יודענראַטניק טשאַרנע, און יענער האָט אים געבעטן, אַז ער זאָל אים מיטנעמען דעמלט ווען זיי וועלן אַנטלויפן. לויט מײַנע ידיעות, האָט דער כלל ייִדן נישט געוווּסט וועגן אָסוואָלדס וואָרענונג, וועלכע איז דאָך געמיינט געווען דורך אים פאַרן גאַנצן כלל.) אַזוי ווי ייִדן פון אַנדערע געטאָס, וועלכע האָבן געמיינט, אַז עס איז פאַראַן אַ האָפענונג צו בלײַבן לעבן, אויב מען וועט זײַן געהאָרכזאַם צו די דײַטשן. דערפאַר איז נאַטירלעך, אַז זיי האָבן נישט געהאַט קיין גוט האַרץ אויף די אַנטלאָפענע, וועלכע האָבן דאָך געקענט גורם זײַן זייער אומקום. דערפון איז געדרונגען, אַז אויך אָסוואָלדן, דעם עיקר־גורם, לויט זייער מיינונג אין זייער אומגליק, האָבן זיי נישט באַטראַכט ווי קיין מלך זייערן. נאָך דעם, ווי דער זשאַנדאַרמעריע־שעף איז געווען אַזוי גרויסמוטיק, נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס עס איז געשען, און פונדעסטוועגן זיי פאַרזיכערט, אַז עס וועט זיי גאָרנישט געשען, איז פּסיכאָלאָגיש מעגלעך, אַז זיי זאָלן וועלן פּטור ווערן פון אָסוואָלדן וועלכער קען גורם זײַן אַ פרישן אומגליק. סטאַניסלאַווסקי איז דעמלט געווען דער שליח־ציבור, וועלכער האָט אויסגעדריקט דעם ווילן פון אַ סך און האָט געמיינט צו ראַטעווען נישט נאָר זיך אַליין, נאָר דעם גאַנצן כלל. איך באַמי זיך נישט דאָ ריינצוואַשן סטאַניסלאַווסקין, נאָר כדי צו עפענען אַ שפּעלטעלע אויף אַרײַנצובליקן אינעם געטאָ־פּלאָנטער.

15 יוני. די דיווערסאַנטן און סעגאַלס גרופּע האָבן זיך גע־

פונען אינעם זעלבן וואלד, אין נאענטער שכנות, סך הכל אפגערוקט איי־נע פון די אנדערע אויף אייניקע הונדערט מעטער. מיר האבן גוט גע־לעבט צווישן זיך, אפט באזוכט איינע די אנדערע און איך האב פאר־בראכט די גרעסטע טייל פון מײַן פרײַער צײַט בײַ זיי אין לאגער. א סך געשעענישן, ווי עס פירט זיך צווישן גוטע שכנים, האבן מיר גע־מיינזאם איבערגעלעבט. געמיינזאם געפרייט זיך און געמיינזאם גע־טרויערט. הײַנט האבן מיר געהאט א געמיינזאמען טרויער־טאג צוליבן טויט פון בארין. פארטאג זײַנען צוריקגעקומען פון א שליחות 5 די־ווערסאנטן אן אים — זייער קאמאנדיר. זיי זײַנען געהאט אוועק, כדי אויפצורײַסן א באן, וואס עס איז זיי געלונגען צו טאן. אבער בײַ דער דאזיקער אפעראציע איז זייער קאמאנדיר שווער פארווונדעט געווארן. ער האט פארלוירן א האנט, א פוס און די אויגן.

די חברים האבן אים געוואלט מיטנעמען מיט זיך, אבער בארים האט דאס געהאלטן פאר צוועקלאז און מיט דער איינער האנט, וואס איז אים געבליבן, האט ער געשאסן אין זיך פון זײַן רעוואלווער, אויס־רופנדיק דערבײַ: „זאל לעבן דאס פאטערלאנד, זאל לעבן סטאלין!״ בלויז די דאזיקע פאסירונג אליין וואלט נאך נישט געווען קיין סיבה פאר אלעמענס טרויער ווען נישט דאס וואס בארים איז געווען א זעל־טענער מענטש, וועמען אלע האבן ליב געהאט און זייער הויך געשעצט. ער איז געווען דער איינציקער פון דעם מין, וועמען איך האב באגעגנט אין מײַן פארטיזאנער פראקטיק און דערפאר דערצייל איך וועגן אים. ער איז נישט געקומען צוזאמען מיט די דיווערסאנטן פון דער „גרויסער ערד״, נאר ער האט זיך מיט זיי ערשט שפעטער באגעגנט אין די ביעא־לאָרוויעזשער וועלדער. געקומען אין וואלד איז ער פון מינסק, ווו ער האט געענדיקט א דראמאטישע שול. ער איז געווען א הויכער, שלאנקער שיינער בחור, פון א יאר 24, מיט איידעלע מאניערן און א פײַנער האל־טונג. אבער דאס האט אים נישט געשטערט צו זײַן פון די הארטנע־קיקסטע און פארביסנסטע אין קאמף. עס איז מיר אויסגעקומען צו בא־געגענען פארשיידענע אינטעליגענטע שלים־מזלס אין וואלד, וואס נאך דעם, ווי זיי זײַנען צעשיידט געווארן מיטן ביורא־טיש און עס האט זיך

זיי אָפּערגערוקט דער פּאַטעל פֿון אונטער דעם געזעס, האָבן זיי זיך מער קיין אָרט נישט געקענט געפֿינען. בײַ באָריסן איז געווען געפּאָרט אינטע־ליגענץ און הויכע קולטור מיט פֿיזישער געשיקטקייט און אויסגעהאַלטנ־קייט, גוטסקייט און איידלקייט מיט געוואַגטקייט און העלדישקייט, פֿון דער העכסטער מדרגה. זײַן אַנדערשקייט האָט נישט אַרויסגערופֿן קיין שפּאָט בײַם רוב פּאַרטיזאַנער, ווײַל עס איז געווען א נידעריקערער פֿון זײַנעם, וואָס עס האָט דאָס רוב פּאַסירט אין אַנדע־רע פֿאַלן, נאָר געוועקט דרך ארץ צו זיך, ווײַל ער האָט אויך באַזיצט אַלע מעלות, וועלכע עס האָבן זיך געפֿאָדערט, כדי צו קענען זיי אימ־פּאָנירן. ער איז געווען א גוטער רײַטער, א גוטער פֿוסגייער און א גוטער שיסער. ער האָט געקענט פֿאַרטראָגן הונגער, קעלט און ער האָט גיכער אַנדערע געהאָלפֿן, ווי געגנויטיקט זיך אין עמעצנס הילף. ער איז געווען דער סינטעז פֿון איידלקייט און גבורה, וועלכע זענען אַזוי זעלטן צוזאַ־מענגעפּאָרט. איך האָב א סך מאָל אָנגעטראָפֿן אין פּאַרטיזאַנער־לעבן אויף העלדישקייט, וועלכע איז געווען געפּאָרט מיט רויקייט, גראָבקייט און הפקרדיקייט און מאַנכעס מאָל אויך מיט כוליגאַניזם.

באָרים איז געווען אַן איידעלער טיפּ פֿון א רימער־העלד, נאָר אַן די אקצעסאָריעס פֿונעם מיטלעלטערלעכן שטייגער. איך האָב אים באַ־קאַנט דעמלט, ווען די דײַטשן האָבן אונדז פֿאַרפֿאָלגט אין די פּאָליעסער זומפּן און מיר האָבן געזונקען אין שמוץ. אפֿילו דעמלט, איז דאָס ווײַסע קעלנערל פֿון זײַן מונדיר שטענדיק געווען ריין. ער איז געווען דער איינ־ציקער פּאַרטיזאַן, וועלכער האָט איבערהויפּט געטראָגן אַזעלכעס, און מען פֿלעגט אָפֿט זאָגן — „באָרים האָט זיך שוין אויסגעפּוצט ווי אויף א פּאַראַד".

גאַנץ אָפֿט זיינען מיר אינסטרוקטירט געוואָרן, אַז מען דאַרף זיך איידל באַגיין מיט דער באַפֿעלקערונג און מיר איז אויסגעקומען א סך מאָל צו זײַן אַן עדות, ווי אַזוי מאַנכע פּאַרטיזאַנער האָבן אויסגעפֿירט דעם דאָזיקן געבאָט. ברוטאַלע האַנדלונגען האָבן זיי באַגלייט מיט סקאַרבאָווע פּסוקים וועגן ליבע און געמיינזאַמקייט און די פּויערים פֿלעגן דערנאָך איבערחזרן צווישן זיך די דאָזיקע שיינע ווערטער מיט איראָניע און סאַרקאַזם. אַנדער איז געווען באָרים. ער האָט געבראַכט מיט זיך

צוטרוי און פרייד אין די פויערישע כאַטעס. פאַרחושכטע פויערישע פנימער האָבן זיך אויסגעלייטערט און אויגן האָבן זיך צעשטראַלט ווען ער האָט צו זיי גערעדט. אַלס ביישפּיל פון זיין האַנדלונג זאָל דינען פאָלגנדער פאַל: מיר האָבן אַ צייט געלאַגערט נעבן אַ דאָרף, וווּ עס האָט זיך געפונען אַ שטאָטישער אַרבעטער. ווען די מלחמה־געשעענישן האָבן דאָרט אַהין פאַרוואָרפן. ער איז געווען אָרעם און אַבסאָלוט גאָרנישט פאַרמאָגט און באָרים האָט אים געהאָלפן די גאַנצע צייט וואָס מיר האָבן זיך דאָרטן געפונען און איידער מיר זיינען פון דאָרט אַוועק, האָט ער געבראַכט פאַר אים פון אַ ווייט דאָרף אויף דער דייטשער זאָנע, אַ שעפּס און אויך אַנדערע פּראָדוקטן. ער האָט דאָס געטאָן אָן אויסרעכענונג, בלויז פון ריין מענטשלעכער גוטסקייט. אָבער יענער האָט ערגעץ פון אַ באַהעלטעניש געבראַכט פאַר אים אַן אויטאָמאַט, אַ נאַגאַן און צוויי ביקסן.

איך וויל נאָך צוגעבן, אַז באָרים איז געווען אַ ייִד, אַ באַשיידענער מענטש און דער בעסטער חבר. דער לעזער וועט שאָקלען מיטן קאָפּ... צופיל מעלות פאַר איין מענטש. מעגלעך, אָבער אַזאַ איז ער געווען. נאָר איין און איינציקן אַזאַ האָב איך באַגעגנט, און געווען איז עס ער.

אין סוף פון חודש יוני זיינען צו אונדז געקומען אין די מישיקער וועלדער, פּאַרטיזאַנער פון אַ ספּעץ־גרופּע פון נ. ק. ג. ב.*) מיט זיי איז געווען זייער באַרימטער קאָמאַנדיר אָרלאָווסקי. ער איז געווען אָן הענט און געגעבן אים צו עסן און באַדינט האָט אַ ייִדיש מיידל פון באַראַנאָוויטש. איין האַנט האָט ער פאַרלאָרן קעמפנדיק אין רוסישן בירגערקריג פון יאָר 1918 און די צווייטע נישט לאַנג צוריק, בעתן אָנפאַל אויפן באַראַנאָוויטשער היטלערישן געביט־קאָמיסאַר. דער דאָזיקער אָנפאַל, אָרגאַניזירט דורך אים איז פאָרגעקומען בעת דער געביט־קאָמיסאַר מיט זיין סוויטע האָבן זיך געפונען אין מישיקער וואַלד אויף יאַגד. דער אָנפאַל איז געווען גלענצנד אָרגאַניזירט און אַלע דייטשן, צוזאַמען מיטן קאָמיסאַר זיינען דעמלט פאַרניכטעט געוואָרן. עס האָבן זיך אין אים אויך באַטייליקט פּאַרטיזאַנער־פאַרבינדלער, וועלכע האָבן אַנטייל־

*) נאַראָדני קאָמיסאַריאַט גאָסודאַרסטווענאַי בעזאָפּאַסנאָסטי, פאָלקס־קאָמיסאַריאַט פאַר מלוכהשער זיכערקייט, געהיים־דינסט.

גענומען אין דער יאַגד אַלס אונטערטרייבער. צווישן די אויסגעצייכנטע אין דעם ראַזיקן אָנפאַל האָט זיך אויך געפונען דער יידישער פּאַרטיזאַן ליקער. צוזאַמען מיט דער ספּעץ־גרופּע, זיינען מיטגעקומען פון דער פּאָליעסער געגנט אייניקע יידן און מיר האָבן זיך דערוווּסט אינטערעסאַנטע זאַכן פון זיי. צו באַגעגענען זיך איז נישט געווען אַזוי לייכט, ווייל די ספּעץ־גרופּע האָט זיך געהאַלטן שטאַרק־אָפּגעזונדערט פון אַנדערע און עס האָט געהערשט ביי זיי אַ שטרענגע דיסציפּלין. נאָר מיר האָבן געהאַט אַ מעגלעכקייט צו באַגעגענען זיך אויף דער געמיינזאַמער וואַך וועלכע האָט געהיטן דעם צוגאַנג צוביידע לאַגערן און איז באַשטאַנען פון צוויי פּערזאָן — איינער פון אונדז און איינער פון זיי. בעת די ראַזיקע באַגעגענישן האָבן מיר זיך קעגנזייטיק דערציילט וועגן אונדזערע איבערלעבונגען. און אָט וואָס איך האָב זיך פון זיי דערוווּסט: אין פּאָליעסער וואַלד, נעבן דאָרף שוויעטשיצאַ, ביי דער ווייגענאָווסקער אָזערע האָבן זיי געלעבט צוזאַמען מיט נאָך געראַטעוועטע יידן פון באַראַנאָוויטשער און סלאָנימער געטאָס. זיי האָבן מיט זיך געבראַכט אין וואַלד אַריין אַ סך דייטש געווער און עס האָבן זיך צווישן זיי געפונען אַ סך ענערגישע מענטשן און גוטע פּאַרטיזאַנער, כדי זיך אַליין קענען אַן עצה געבן און אויך כדי צו קענען קעמפן מיט די דייטשן. נאָר יענע געגנט איז באַהערשט געווען פון די באַנדיטישע זשאָרקינצעס, וועלכע רופן זיך פּאַרטיזאַנער און וועלכע האָבן געמאַכט פאַר זייער ציל — דאָס פאַרניכטן די רעשטלעך געראַטעוועטע יידן. די זשאָרקינצעס האָבן צוגענומען ביי די יידן זייער געווער, וועלכן זיי האָבן געבראַכט פון דער דייטשער זאָנע, ריזיקירנדיק מיט זייער לעבן, ווי אויך די פּראָדוקטן, און צענדליקער פון זיי אויסגעשאָסן, אָנפאַלנדיק אויף זיי דערמלט, ווען זיי האָבן זיך געפונען אין קליינע גרופּעס. דאָס האָט אַזוי געדויערט ביז צום אָנהויב פון 1943, ווען די ספּעץ־גרופּע פון נ. ק. ג. ב. איז אַהין אַריינגעקומען, און אָרלאָווסקי האָט זיך פאַראינטערעסירט מיט זייער גורל. ער האָט גערופן דעם קאָמאַנדיר פון די זשאָרקינצעס צו זיך, אים געגעבן די געהעריקע וואָרענונג און געצוווּנגען צוריק אָוועקצוגעבן דאָס געווער, וועלכעס איז צוגענומען געוואָרן ביי די יידן. אָרלאָווסקי האָט געהאַלטן, אַז יידן געפינען זיך אין אַזאַ לאַגע, אַז זיי האָבן אַלע אַטריבוטן צו זיין

אויסגעצייכנטע פּאַרטיזאַנער און אַפילו העלדן. מען דאַרף זיי נאָר געבן די מעגלעכקייט דאָס צו ווערן. און ער האָט זיך טאַקע באַלד גענומען דאָס אַדורכפירן אין לעבן.

אַ טייל ייִדן האָט ער אַדאַפּטירט צו זיך אין גרופּע און די איבעריקע האָט ער גענומען אונטער זײַן השגחה און שוץ. אָרלאָווסקי איז געווען אַ מענטש מיט אַ פעסטן כאַראַקטער און אַן אײַזערנעם ווילן. ער איז גע־ווען אַ שטרענגער קאָמאַנדיר, נאָר נאָך שטרענגער איז ער געווען צו זיך אַליין און צו זײַנע פּרינציפּן. ער וואָלט באַשטימט געווען געשאַפן באַ־דינגונגען און די געהעריקע אַטמאָספער פאַר נאָך אַ סך ייִדישע פּאַר־טיזאַנער אויף צו קענען ווערן העלדן. נאָר לײַדער איז זײַן אַרבעט אי־בערגעריסן געוואָרן אין דער מיט. צוליבן פאַרלירן פון דער צווייטער האַנט איז ער צוריקגערופן געוואָרן קיין מאָסקווע און זײַן פאַרטרעטער איז געוואָרן מאַיאָר מיקולסקי. כדי צו באַשטעטיקן אָרלאָווסקיס ווער־טער, אַז „כדי צו קענען ווערן אַ העלד דאַרף מען האָבן באַדינגונגען און אַ געהעריקע אַטמאָספערע", קען דינען די געשיכטע פונעם פּאַרטיזאַן פּשעפּיורקאַ:

דאָס איז געווען אַ יונגער, אינטעליגענטער בחור פון קלעצק. ער איז געווען אין דער צווייטער ראָטע און איז באַקאַנט געווען אַלס אַ גרויסער שלים־מזל און לאַ־יצלח. ביאַלאָוסאָוו פלעגט זיך איזדיקעווען איבער אים און געוואָרפן קלעצער אונטער די פיס. נאָר צופיל דערלויבן זיך איבער אים האָט ער מורא געהאַט, ווײַל פּשעפּיורקאַ איז געווען אַ מיטגליד פון קאָמסאָמאָל און דערפאַר האָט ער געזוכט אַ געלעגנהייט פּטור צו ווערן פון אים. אַזאַ געלעגנהייט האָט זיך אים געמאַכט דעמלט, ווען אונדזער געוועזענער קאָמיסאַר, מאַרטינאָוו, איז צוגעטרעטן צו אָרגאַניזירן אַ פרישן אָטריאַד, וועלכן ער האָט אָנגעהויבן מיט 80 ניִשט־באַוואָפנטע מענטשן, מאָביליזירטע אין קאַפּוליער ראַיאָן. כדי ער זאָל כאָטש האָבן דרײַ ביקסן, איז באַשטימט געווען, אַז יעדע ראָטע פון אונדזער אָטריאַד דאַרף אים געבן צו איין באַוואָפנטן פּאַרטיזאַן. ביאַ־לאָוסאָוו האָט דאָס אויסגענוצט, כדי פּטור צו ווערן פון „באַראַכלאָ" — ווי ער האָט זיך אויסגעדריקט וועגן פּשעפּיורקען. מאַרטינאָוו, וועלכער איז געווען אַ גרויסער מענטשן־קענער און אַ מענטש מיט טאַקט, האָט

אריבערגעצויגן אויף זיין זייט 60 ווייסרוסישע פּאַליציאַנטן, וועלכע האָבן געבראַכט צו אים אין אַטריאַד אַ מענגע מיט געווער. אין פאַרלויף פון אַ קורצער צייט, האָט זיין אַטריאַד זיך אַנטוויקלט ביז אַ באַוווסטער בריגאַדע און דער געוועזענער שלים־מזל פשעפּיורקאַ איז געוואָרן איינער פון די באַרימטסטע אויפּרייסלער פון גענעראַל קאָפּוסטעס פּאַראַייני־קונג. ער האָט אויפגעריסן צענדליקער דייטשע צוגן און האָט באַקומען הויכע אויסצייכענונגען. אויך דער פּאַרטיזאַן עפּשטיין פון שוויערזשנער לאַגער, וועלכן ער האָט באַקומען פון דער דריטער ראָטע האָט זיך אויס־געצייכנט אין מאַרטינאָווס בריגאַדע.

12 יולי. היינט איז אין סעגאַלס גרופּע פאַרגעקומען, אין הינזיכט פון אָפּראָוויזאַציע, אַן ענדערונג צום בעסערן. ביז דעמאָלט האָט אין דער הינזיכט געהערשט אַ פולשטענדיקער כאַאָס. עס איז אָנגעגאַנגען אַ ווילדע אָרגיע, ווער עס וועט וועמען איבעריאָגן אין אַרייני־כאַפּן אַ בעסערן ביסן. מאַנכע ווייבער פון די פּריווילעגירטע האָבן שוין אָנגעהויבן פירן זיך ווי אויף וואַרשעווער אונטערשטאָטישע דאַטשע־ערטער. כאָטש סעגאַל האָט זיך געפּירט באַשיידענער פון אַנדערע, האָט ער אָבער אַ לאַנגע צייט טאָלערירט דעם דאָזיקן צושטאַנד. היינט האָט ער דאָס מיט איין קלאַפּ ליקווידירט, אַרויסגעבנדיק אַ שטרענגן באַפעל, אַז אַלע מוזן עסן פון זעלבן קעסל און ביים זעלבן טיש. דאָס עסן אין דיביידלעך און אין די ווינקלען איז פאַרבאָטן געוואָרן. איך ווייס נישט וואָס עס האָט גורם געווען די מיטאַמאָליקע ענדערונג. עס קען זיין, אַז דער פרומער זיידע סעגאַלס איז געקומען צו חלום און האָט אים אויפגעקלערט, אַז עס איז נישט שיין, אַז אַ פּאָר געבליבענע יידן, נאָך אַזאַ חורבן, זאָלן לעבן צווישן זיך אויף אַזאַ אופן. נאָר מער וואַרשיינ־לעך איז, אַז די נאָענטקייט פון דער ספּעץ־גרופּע האָט גורם געווען דערצו. דער קלוגער סעגאַל האָט גוט געוווּסט, אַז דאָס וואַכזאַמסטע אויג פון פון דער נ. ק. ג. ב. זעט און ווייס אַלץ. ערשט נישט לאַנג איז געווען אַזאַ געשיכטע: מיקולסקי צוזאַמען מיט אַ פרישׁ געקומענעם דעסאַנטיק *) זענען געקומען צו גאַסט צו די דיוועַרסאַנטן. זיי האָבן

*) אַן אַראָפּגעוואָרפענער פון אַ אוויאָ.

געמיטלעך פאַרבראַכט ביים קאָמאַנדיר איןביידל און דער פרישגעקו־מענער האָט דערציילט פאַרשידענע נײַסן פון מאָסקווע, פון וואַנען ער איז אַוועק מיט עטלעכע טעג צוריק. ער האָט פרײַ גערעדט וועגן די אומבאַקוועמלעכקייטן וואָס די באַפעלקערונג מוז דאָרט אויסשטיין, וועגן די שוועריקייטן פון אַפּראָוויזאַציע און וועגן די גאָר הויכע פרײַזן פון פּראָדוקטן אויפן שוואַרצן מאַרק. דער פרײַנטלעכער און אינטערעסאַנ־טער געשפּרעך איז ליידער פּלוצלינג איבערגעריסן געוואָרן פון אַ שטאַר־קער שיסעריי, וועלכע האָט זיך געהערט גאַנץ נאָענט. שפּעטער האָבן אַלע געוווּסט אַז די שיסעריי איז אָראַנזשירט געוואָרן דורך די געסט, כדי צו קענען אָבסערווירן די רעאַקציע פון די דיווערסאַנטן אויף איר.

14 יולי. הײַנט זענען די דײַטשן געקומען אין מישיקער וואַלד און געמאַכט אַ קורצן באַזוך אין די פּאַרטיזאַנער־לאַגערן. די געשיכטע פון דעם דאָזיקן באַזוך, אָדער בעסער געזאָגט — אַרום דעם דאָזיקן באַזוך, איז געווען אַזאַ: דער מאַיאָר מיקולסקי איז אינפאָרמירט געוואָרן, אַז די דײַטשן ווייסן גענוי ווו עס געפינען זיך אונדזערע לאַגערן און גרייטן זיך צו מאַכן אַן איבערפאַל אויף אונדז. ער האָט באַפוילן אַוועקצושטעלן אַ „סעקרעט". דער „סעקרעט", וועלכער איז געווען אַ בשותפותדיקער פון אַלע דרײַ פּאַרטיזאַנער־גרופּן, וואָס האָבן זיך געפונען אין מישיקער וועלדער האָט זיך געפונען פיר קילאָ־מעטער אָפּגערוקט פון אונדז, אויף אַן אָרט, ווו די דײַטשן האָבן געמוזט פאַרבײַגיין אויפן וועג צו אונדזערע לאַגערן. די אויפגאַבע פונם „סעקרעט" איז געווען צו פּראָוואָצירן די דײַטשן מיט אייניקע שאָסן, אַז זיי זאָלן אָנהייבן אַ שיסערײַ. מיט דער דאָזיקער שיסערײַ, וואָלטן זיי אונדז צוגעוויסן געגעבן וועגן זיך צו דער געהעריקער צײַט. נאָר די דײַטשן, זעט אויס, זענען אויך געווען אינפאָרמירט וועגן דעם, וואָס עס טוט זיך ביי אונדז, און זיי האָבן נישט געענטפערט מיט קיין איין שאָס.

נאָר מיקולסקי האָט זיך אויף דעם אויך געריכט און האָט נאָך די ערשטע שאָסן פון „סעקרעט", באַפוילן, אַז מיר זאָלן פאַרלאָזן די לאַגערן. דעמלט האָבן מיר זיך אָפּגערוקט בלויז אויף אייניקע הונדערט

מעטער, אויף די פֿון פֿריער צוגעגרייטע פּלעצער. מיר האָבן געוווסט, אַז דער וועג צום לאַגער איז אונטערמינירט פֿון דער ספּעץ־גרופּע און מיר האָבן מיט אומגעדולד געוואַרט אויף די אויפֿרײַסן. נאָר די דײַטשן האָבן זיך, זעט אויס, אויף דעם אויך גערעכט און זיי האָבן אויסגעמיטן דעם וועג. אַזאַ קאַץ־ און מויזן־שפּיל איז אָנגעגאַנגען צווישן דער נ. ק. ג. ב. און געסטאַפּאָ. נאָך איניקע שעה זענען מיר צוריקגעגאַנגען אין די לאַגערן און דאָרט געפֿונען סימנים פֿון דעם דײַטשישן באַזוך.

3 אויגוסט. מיר האָבן פֿאַרלאָזט דעם מישיקער וואַלד. מיט איניקע טעג צוריק איז דאָרט אַהין אַרײַנגעקומען דער שוין רעאָרגאַניזירטער אָטריאַד אויפֿן נאָמען פֿון זשוקאָוו. ייִדן זענען אין אים געבליבן ווייניק און גילטשיקס אמט, אַלס קאָמאַנדיר, האָט פֿאַרנומען דער רוס באַראַנאָוו. ער האָט מיר באַפֿוילן, אַז איך זאָל גיין צו אים אין אָטריאַד, אָבער איך האָב נישט געהאַלטן, אַז זײַן באַפֿעל איז בינדנד פֿאַר מיר, און איך בין אַוועק מיט סעגאַלס גרופּע. אויפֿן וועג איז מיר געלונגען צו דערוויסן זיך דעם סוד פֿון די צוויי פֿאַרשווונדענע פּאַרטיזאַנער. די געשיכטע איז אַ קורצע: אַסטראָוכאָוו און פּאַליטער פֿלעגן זיך אָפּט אָפּשיידן פֿון דער גרופּע און ערגעץ פֿאַרשווינדן. דאָס איז פֿאַרדעכטיק געוואָרן פֿאַר די איבעריקע, וועלכע האָבן זיי נאָכגעשפּירט און אויסגעפֿונען, אַז זייערע נישט־ייִדישע קאָלעגן פֿאַרברענגען אין דער געזעלשאַפֿט פֿון זשאָרקינצעס. ווײַטער האָבן זיי אויסגעפֿונען, אַז אַ גרופּקעלע ציגײַנער, וועלכע האָבן געלעבט אין מישיקער וואַלד, זענען אויך פֿאַרבונדן מיט די זשאָרקינצעס. סוף כּל סוף איז זיי געלונגען, מיט דער מיטהילף פֿון פֿאַרבינדלער פֿון צווישן דער באַפֿעלקערונג, צו אַנטדעקן אַ פֿאַרברעכערישן פּלאַן, וואָס האָט געצילט אומצוברענגען אַלע ייִדן פֿון דער גרופּע. דער פּלאַן איז אויסגעאַרבעט געווען דורך די זשאָרקינצעס, געניטע אין אַזעלכע פֿאַרברעכנס, מיט אַלע איינצלהייטן. עס איז שוין באַשטימט געווען די נאַכט, אין וועלכער דאָס פֿאַרברעכן האָט געזאָלט אויסגעפֿירט ווערן. אָנהייבן פֿון אינעווייניק האָבן געזאָלט אַסטראָוכאָוו מיט פּאַליטערן, וועלכע וואָלטן קודם־כּל דערשאָסן די וואַכן. די וואַרטנדיקע אויפֿן דאָזיקן סיגנאַל צי־

גיינער, וואָלטן זיך באַוואָפנט מיטן געווער פון די דערשאָסענע און דערנאָך פאַראייניקט מיט פיר באַוואָפנטע זשאַרקינצעס, וואָלט שוין לײַכט געווען פאַר זיי, זיך אַן עצה צו געבן מיט די, פון שלאָף אַרויס־געריסענע, איבעריקע ייִדישע פּאַרטיזאַנער. נאָר אין דעם זעלבן אָוונט, ווען דער פּלאַן האָט געזאָלט אויסגעפירט ווערן, זענען די פּאַרעטערישע צוויי פּאַרטיזאַנער דערשאָסן געוואָרן דורך מענדל רויזנגאַמען און איזאַקן.

10 **א ו י ג ו ס ט.** שוין אייניקע טעג, ווי מיר געפינען זיך אין שוויעטשיצער וואַלד. אָפּגערוקט פון אונדז צוויי קילאָמעטער געפינט זיך דער לאַגער פון די באַראַנאָוויטשער און סלאָנימער ייִדן. דערווײַל מוזן מיר זײַן אָפּגעזונדערט פון זיי, ווײַל דאָרט געפינט זיך אַ טייל פון דער ספּעץ־גרופּע.

מיר וואַרטן אויפן קומען פון מיקולסקין. דעמלט וועט דעצידירט ווערן אונדזער ווײַטערדיקער גורל. נישט ווײַט פון אונדז, אויף אַ בערגל, געפינט זיך דער קבר פון די ברידער ליפּניק, וועמען די זשאַרקינצעס האָבן דערשאָסן. זייער לאַגער געפינט זיך אויך נישט גאַנץ ווײַט פון אונדז און צוויי פון זיי זײַנען שוין געווען אויף אַ באַזוך בײַ אונדז. זיי זײַנען געקומען אײַנלאַדן אונדזער קאָמאַנדיר אין זייער קאָמענדאַטור אַרײַן, אַז ער זאָל דאָרטן אויפקלערן פון וואַנען מיר האָבן גענומען בהמות, און צי מיר האָבן נישט חלילה באַוועלט די באַפעלקערונג. די בהמות האָבן מיר געבראַכט פון אַ ווײַט דאָרף, וועלכעס האָט זיך גע־פונען אונטער דער דײַטשער אַדמיניסטראַציע. אייניקע קילאָמעטער האָבן מיר זיי געמוזט שלעפּן מיט שטריק דורך אַ גרויסן זומפּ, וועלכער גע־פינט זיך פון דער אַנדערער זײַט קאַנאַל, ווײַל זיי האָבן דאָרט נישט געקענט אַדורכגיין.

סענאַל איז געקומען פון דער קאָמענדאַטור מיט דער גוטער בשורה, אַז מען האָט בײַ אים גענומען נאָר צוויי בהמות מעשר און די זשאַר־קינצעס האָבן אונדז דערווײַל געלאָזט צורו. פאַר אַנדערע צוויי בהמות האָבן מיר געקויפט קאַרטאָפל ביי די שוויעטשיצער פּויערים און דרײַ זײַנען אונדז געבליבן. דאָס אייגנטלעכע דאָרף שוויעטשיצאַ, איז געווען

פאַרברענט דורך די דײַטשן און די באַפעלקערונג, וועלכע איז פון דאָרטן אַנטלאָפן, האָט זיך אויסגעבויט זעמליאַנקעס נאָענט פונעם וואַלד און דאָרטן געלעבט אונטערן שוץ פון די פּאַרטיזאַנער. פון אונדז ביז אַהין איז געווען פיר קילאָמעטער, צוויי קילאָמעטער זיינען געווען זומפּן. מיט קיין פערד האָט מען דאָרט נישט געקענט אַדורך און די קאַרטאָפל האָבן מיר געמוזט איבערטראָגן אויף די פּלייצעס. קיין ברויט האָבן מיר אינגאַנצן נישט געהאַט. דער אָרום איז געווען ווילד און נישט היימלעך. די זומפּן האָבן זיך געשמאָלצן אונטער דער ברענענדיקער זון און אַרויסגעגעבן פון זיך אַ נישט־אָנגענעמען ריח און די לופט איז געווען געדיכט באַשיט מיט דראַבנע טונקעלע פליגעלעך, וועלכע האָבן עקלדיק געזשומעט און צעשטאָכן אונדזערע לײַבער ביז בלוט. פאַרנאַכט איז צו אונדז דערגאַנגען די טרויעריקע ידיעה, אַז מענדל רויזנגאַם מיט איזאַקן און צוויי ווײַסרוסן, וועלכע האָבן געשפּילט אַ וויכטיקע ראָל אַלס פאַרבינדלער בעתן אָנפאַל אויפן באַראַנאָוויטשער געביט־קאָמיסאַר, ליגן אין אַ זומפּ דערשאָסענע נעבן דאָרף נאָוואָסיאָלעק. נעכטן זיינען זיי אַוועק אין אַ שליחות און זײַנען אַרויף אויף אַ דײַטשער „זאַסאַדע".

דעם 22טן אויגוסט איז געקומען דער מאַיאָר מיקולסקי, אין דער געזעלשאַפט פון צוויי מענער אין מיטעלן עלטער, אָנגעטאָן אין אוניפאָרמען פון סאָוועטישע אָפיצירן, מיט נײַענקע, בלישטשענדיקע פּאַגאָנעס (שליפעס). מיר האָבן דאָס ערשטע מאָל געזען אַזעלכע און האָבן פון זיי די אויגן נישט אַראָפּגענומען. בײַ איינעם זײַנען געווען דרײַ שטערנדלעך אויף די שליפעס און ביים צווייטן פיר. אים האָט מען גערופן קאַפּיטאַן סוכאָרוקאָוו. מען האָט געמאַכט אַ „פּאָסטראָיעניע", אויסגעשטעלט אונדז אין מיליטערישער אָרדענונג, און מיקולסקי האָט פאַר אונדז פאָרגעשטעלט דעם קאַפּיטאַן סוכאָרוקאָוו. דאָס — האָט ער געזאָגט — איז אַ קאָמאַנדיר פון אַן אָטריאַד, וועלכער וועט אינגיכן האָבן אַ גאַנצע בריגאַדע און ער איז אײַנשטימיק אײַך צו נעמען צו זיך. דערנאָך האָט גערעדט דער קאַפּיטאַן סוכאָרוקאָוו, וועלכער האָט צווישן אַנדערן געזאָגט, אַז נאָך דעם, ווי מיר וועלן אַריבערגיין צו אים אין אָטריאַד, וועלן מיר מער נישט זײַן אָפּגעריסן און שוצלאָז.

די יונגע און קאַמפּספּעיִקע וועט ער אײַנגלידערן אין די ראַטעס און די נישט קאַמפּספּעיִקע וועלן זיך געפינען אונטערן שוץ פון זײַן מעכטיקער בריגאַדע. עס האָט נאָך גערעדט אַ פּאָר ווערטער דער מיט די דרײַ שטערנדלעך — זײַן שטאַב־נאַטשאַלניק — און מיר זײַנען געוואָרן „סוכאָרוקאָווצעס”. בלויז אייניקע פון אונדז האָט סוכאָרוקאָוו גענומען באַלד מיט זיך, כדי זיי זאָלן זיך באַטייליקן אין אַן אָנפאַל אויף אַ שטעטל, וווּ עס האָבן זיך געפונען דײַטשן. די איבערגעבליבענע האָט מיקולסקי באַפוילן אַוועקפירן דערווײַל אינעם לאַגער פון די ייִדן, וועלכע האָבן זיך געפונען אונטער זײַן אויפזיכט.

אויפן פרישן אָרט, וווּ עס האָבן זיך געפונען, אַחוץ אונדזער גרופּע, ביי 75 ייִדן, האָט זיך פאַר מיר אַנטפּלעקט אַ נײַ שטיק אינטערעסאַנט לעבן. איך האָב אויסגעהערט און אײַנגעזאַפּט אין זיך די טראַגיש־שפּאַנענדע פּערזענלעכע געשיכטעס פון די דאָזיקע, דורך הונדערטער ניסים, געראַטעוועטע ייִדן, און אויך די געשיכטע פון אומקום און מאַר־טיראָלאָגיע פון זייערע נאָענטע. די דערציילונגען פון די באַראַנאָווי־טשער ייִדן, זײַנען אין מערסטן טייל, אַדורכגעפלאָכטן געווען מיט די נעמען פון צוויי פּערזאָן. דאָס זײַנען געווען אַדוואָקאַט איזאַקסאָן און כאַטשע. איזאַקסאָן איז געווען דער יודענראַט עלטסטער פון באַראַ־נאָוויטשער געטאָ און זײַן נאָמען איז דערמאָנט געוואָרן דורך זײַנע בני־עיר מיט רעספּעקט, ליבע און באַוווּנדערונג. ער האָט געהערט צו די געציילטע יודענראַט עלטסטע, וועלכע האָבן נישט געדינט די דײַטשן, זייענדיק אויף דעם דאָזיקן אַמט, נאָר אויסגענוצט אים אין דער פּולער מאָס, אויף צו העלפן די אייגענע ברידער זײַנע. ער האָט צענ־דליקער מאָל אָפּגענאַרט די דײַטשן און געבראָכן זייערע געזעצן, כדי צו ראַטעווען ייִדן. ביי אַזאַ האַנדלונג, פאַרשטייט זיך, איז אַ קאָנפליקט מיט די דײַטשן געווען אומפאַרמײַדלעך, און סוף־כל־סוף איז אַדוואָקאַט איזאַקסאָן דורך זיי אויפגעהאָנגען געוואָרן. געהאָנגען דורך די דײַטשן איז אויך געוואָרן כאַטשע, כאָטש דער דאָזיקער נאָמען קלינגט אַזוי ייִדישלעך, איז ער פונדעסטוועגן נישט געווען קיין ייִד.

כאַטשע איז געווען אַ פּאָלאַק, וועלכער האָט געאַרבעט ביים אַרויס־פירן די אומרייניקייטן פון שטאָט און אַ סך מאָל האָט ער אויסגענוצט

די פעסער פון די אומרײַניקייטן, אויף צו ראַטעווען ייִדן. אַ גרויסער טייל פון די לעבנגעבליבענע האָבן זיך געראַטעוועט מיט זײַן מיטהילף און ער האָט דאָס געטאָן נישט צוליב באַלוינונג. אַ סך איז מיר אויסגעקומען צו הערן, וועגן דער געהיימער אָרגאַניזאַציע פון באַראַנאָוויטשער געטאָ, פון וואָס איך האָבן באַקומען פאָלגנדע בילד וועגן איר: אַז זי איז געווען טעכניש גוט אָרגאַניזירט, אַז זי האָט געהאַט אָנגעזאַמלט אַ מענגע מיט געווער, וועלכעס איז געבראַכט געוואָרן פון די דײַטשע ארבעט-פּלאַצוווקעס און איז באַהאַלטן געוואָרן אין אַן אונטערערדישער הייל אין געטאָ. אַז אירע אָנפירער, זענען געווען מיליטעריש גוט אויסגעשולט און האָבן פאַרמאָגט אָרגאַניזאַטאָרישע פעיקייטן. עס האָט זיי אָבער געפעלט שווונג און אַ ברייטער האָריזאָנט און צוליב דעם, זײַנען די גרויסע קאַמפּס-מעגלעכקייטן פון דער אָרגאַניזאַציע אַזוי ווייניק אויסגענוצט געוואָרן.

אין אָנהויב פון חודש סעפּטעמבער זײַנען צוריקגעקומען אונדזערע, וועלכע זײַנען געהאַט אַוועק מיט סוכאָרוקאָוון. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער „מעכטיקער כוח", וועלכער האָט אונדז געזאָלט נעמען אונטער זײַן שוץ, האָט דערוווײַל אין באַזיץ בלויז אייניקע ביקסן און ער האָט זיך גאַנץ אײַנפאַך געגוויטיקט אין די באַוואָפנטע פּאַרטיזאַנער פון אונדזער גרופּע. אַ ביסל שפּעטער איז קאַפּיטאַן סוכאָרוקאָוו דערשאָסן געוואָרן פאַר פאַראַט און מיר זײַנען געוואָרן אויס סוכאָרוקאָווצעס. ביז דעמלט, כאָטש מיר האָבן געלעבט אין איין לאַגער, האָבן מיר געהאַט אַ באַזונדער אָנפירונג, אַ באַזונדערע קיך און באַזונדערעווירטשאַפט. נאָך דעם זײַנען מיר געוואָרן אויפגעלייזט, ווי אַ באַזונדערע איינהייט און האָבן זיך צוזאַמענגעגאָסן אין איין גרופּע מיט די איבעריקע ייִדן. אונדזער געמיינזאַמער קאָמאַנדיר איז געווען אינזשיניער וואַרהאַפטיק. סעגאַל איז איבערגעגאַנגען צו דער דיספּאָזיציע פון מיקולסקין. עס זײַנען נאָך געווען אַ סך אַנדערע ייִדן אין אונדזער לאַגער, וועלכע האָבן זיך כסדר געפונען אין דינסט פון מיקולסקין. מאַנכע פון זיי האָבן אויסגעפירט באַזונדערס שווערע און פאַראַנטוואָרטלעכע אויפגאַבעס. סאַראַ ראַבינאָוויטש, צום בײַשפּיל, האָט געשפּילט אַ וויכטיקע ראָל אין דער דיווערסיע-אַרבעט פון דער ספּעץ-גרופּע. זי

איז אויך געווען די פאַרבינדלערין צווישן דער נ. ק. ג. ב. און אירע פאַר־טרויונגס מענטשן אין באַראַנאָוויטש. צענדליקער מאָל איז זי אַהין געגאַנגען אַנגעטאָן, ווי אַ פויערשע שיקסע, און האָט אויסגעפירט קאָמ־פּליצירטע אויפגאַבעס פון גאָר גרויסער וויכטיקייט. די געסטאַפּאָ איז שוין געווען אויף אירע שפּורן און נאָר אַדאַנק איר געוואַגטקייט און איר געשיקטקייט ווי אויך שנעלער אָריענטאַציע איז איר געלונגען זיי אָראָפּצופירן פון וועג און אַרויסבאַקומען זיך אַ לעבעדיקע. זי איז גע־ווען מיקולסקיס ליבלינג, וועלכער האָט איר געראַטעוועט דאָס לעבן.
די געשיכטע דערפון איז אַזאַ: סאָראַ ראַבינאָוויטש, וועלכע איז געווען אַ הייסע ציוניסטקע, איז אין 1939 אַרעסטירט געוואָרן דורך דער נ. ק. וו. ד. פאַרן מיטהעלפן שמוגלען חלוצים פון באַראַנאָוויטש קיין ווילנע מיטן ציל אַרויסצובאַקומען זיך פון דאָרט קיין ארץ ישראל. אין 1941 — נאָכן אויסברוך פון דער דייטש־סאָוויעטישער מלחמה איז זי באַ־פרייט געוואָרן פון תּפיסה. אין וואַלד איז זי דערקענט געוואָרן דורך איינעם פון דער ספּעץ־גרופּע, וועלכער האָט זיך פאַרנומען מיט איר ענין אין באַראַנאָוויטש און מען האָט זי ווייטער אַרעסטירט. עס האָט איר געדראָט געשאָסן צו ווערן, נאָר מיקולסקי האָט זיך איינגעשטעלט פאַר איר און האָט זי אָפּגעראַטעוועט. אונדזער גרופּע אַלס גאַנצע, האָט זיך אויך געפונען אונטערן רשות פון מיקולסקין און האָט געדינט ווי אַ רעזערוו פאַר דער ספּעץ־גרופּע. די קערן־גרופּע פון דער נ. ק. ג. ב. איז באַשטאַנען פון אַ זייער קליינער צאָל — נישט קיין גאַנצע צוויי צענדליק פערזאָן. דאָס איז אייגנטלעך געווען בלויז אַ שטאַב, וועלכער האָט אָנגעפירט מיט אַ קאָלאָסאַל פאַרצווייגטער אַרבעט און מיר זיינען באַנוצט געוואָרן אויסצופירן פאַרשידענע הילפס־אַרבעטן. זיי האָבן גע־האַט צוויי צענטערס, פון וואַנען זיי האָבן אָנגעפירט מיט זייער טעטי־קייט. איינער איז געווען אין מישיקער וואַלד און דער צווייטער איז געווען ביי אונדז. זיי האָבן געוווינט אין צוויי ביידלעך. אין איינעם מיקולסקי מיט זיין פאַרטרעטער, קאַפּיטאַן מיראַנאָוו און דער ראַדיאָ־טעלעגראַפיסט מישאַ, און אין צווייטן — אַלע איבעריקע. די נ. ק. ג. ב.־גרופּן זיינען נישט געווען אונטערגעוואָרפן דעם אַלגעמיינעם שטאַב פון דער פאַרטיזאַנער־באַוועגונג, נאָר זייער אייגענעם קאָמיסאַריאַט אין

מאָסקווע, דורך וועלכן זיי זיינען באַזאָרגט געוואָרן מיט אַלעם נויטיקן, שנעלער און בעסער ווי אַלע אַנדערע פּאַרטיזאַנער גרופּן. אפילו מלבו־שים און שטיוול האָבן זיי באַקומען פון דאָרטן דורך דער לופט.

אין חודש נאָוועמבער האָבן אָנגעהויבן צו קומען צו אונדז די ער־שטע עראָפּלאַנען פון דער „גרויסער ערד", זיי האָבן אַראָפּגעוואָרפן באַגאַזש און דעסאַנטן אויפן אַדרעס פון דער ספּעץ־גרופּע. אין אָנהויב זיינען דאָס געווען בלויז רוסן און שפּעטער זיינען אויך געקומען פּאָליאַקן און דײַטשן. דאָס זיינען געווען מענטשן, וועלכע האָבן געדאַרפט צו־גרייטן דעם באָדן אין זייערע לענדער צום אַרײַנקומען אַהין פונעם סאָ־וויעטישן מיליטער. זיי זיינען אַלע אויפגענומען געוואָרן דורך דער ספּעץ־גרופּע און שפּעטער דורך זיי געשיקט געוואָרן אויף פאַרשידענע אַרבעטן. אַ סך פון די דאָזיקע דעסאַנטן, האָבן דערנאָך פאַרנומען אָנ־געזעענע אַמטן אין דער אַדמיניסטראַציע פון זייערע לענדער. אין דער נאַכט, ווען עס האָט געדאַרפט קומען דער ערשטער עראָפּלאַן האָבן מיר זיך שטאַרק עמאָציאָנירט, וואַרטנדיק מיט אומגעדולד אויף אים און קיינער פון אונדז איז נישט אַרײַן אין די ביידלעך שלאָפן איידער מיר האָבן אים געהאַט באַגעגנט. שפּעטער, ווען זיי פלעגן קומען כמעט יעדע נאַכט און דאָס איז שוין פאַר אונדז געוואָרן אַ געוויינלעכע דער־שײַנונג, האָבן מאַנכע פון די, וועלכע זיינען באַשעפטיקט געווען ביים אָפּוואַרטן די עראָפּלאַנען און אָפּנעמען דעם באַגאַזש, געקלאָגט זיך דערויף אַז זיי קענען צוליב דעם נישט שלאָפן.

אַרבעט אַרום דעם איז געווען זייער אַ סך. מען האָט געדאַרפט צוגרייטן האָלץ און טרוקענע צווײַגלעך אויף צו מאַכן די סיגנאַל־פײַערן. שעהן־לאַנג זיצן און אָפּוואַרטן בײַנאַכט אין די זומפּן דאָס קומען פון די עראָפּלאַנען. דערנאָך שלעפּן דעם אַראָפּגעוואָרפענעם באַגאַזש אין לאַגער אַרײַן. טייל מאָל איז ער צעוואָרפן געווען אויף אַ גרויסן שטח און מען האָט געדאַרפט אַרומגיין גאַנצע טעג איבער די זומפּן און צווישן ווילדע געוויקסן, ביז מיר האָבן אים געפונען. דערפאַר האָבן מיר אָבער געהאַט אַ גרויסע באַפרידיקונג בעת מיר האָבן אָפּגענומען לעבעדיקן באַגאַזש: מיר זיינען געזעסן ביי די פײַערן און די שטימונג איז געווען אַזאַ, אַז עס האָט זיך שטענדיק געפונען עמיצער, וועלכער האָט עפּעס

אינטערעסאַנט דערציילט. פײַערן זײַנען געווען פאַנאַנדערגעברענטע פינף, צעלייגט אין דער פאָרם פון אַ קאָנווערט, אָדער אין דער פאָרם פון אַ צלם, אַפּהענגיק פונעם אָפּגערעדטן סימן. מיטאַמאָל האָט עמיצער פון די זיצנדיקע אומגעדולדיק איבערגעריסן דעם שמועס און מיר האָבן זיך אַלע אָנגעשטרענגט אײַנגעהערט. אַ סך מאָל האָבן מיר זיך אומזיסט אײַנגעהערט און מען פלעגט דערנאָך אָפּלאַכן פון דעם, וועלכער האָט אונדז איבערגעריסן דעם שמועס און זיך געוויצלט אויף זײַן חשבון. ענדלעך האָבן מיר דערהערט דעם ריכטיקן גערויש, וועלכער איז וואָס אַ מאָל שטאַרקער געוואָרן ביז מען האָט דײַטלעך דערהערט ווי עס אַרבעטן די מאָטאָרן. דאַן האָבן מיר שנעל געוואָרפן אויף די פײַערן די טרוקענע צווײַגן און זיי האָבן זיך פונאַנדערגעברענט מיט אַ גרויסן פלאַקער. דערנאָך זײַנען געקומען די ליכטצייכנס פון די אַעראָפּלאַנען און זיי זײַנען צוריק אַוועק געמאַכט אַ קרײַז אַרום דער ווייגענאַוועסקער אָזערע. צוריקקומענדיק פון דאָרטן האָבן זיי אייניקע מאָל אַרומגעקרײַזט אַרום אונדזערע פײַערן, נאָך איין מאָל געגעבן ליכטצייכנס און עס האָבן זיך אָנגעהויבן באַווײַזן אין דער לופט ווײַסע פינטעלעך מיט טונקעלע עקן, וועלכע האָבן זיך כסדר פאַרגרעסערט, ביז עס האָבן זיך גענוי אָנגעצייכנט די קאָנטורן פון די פאַל־שירעמס. דעמלט זײַנען מיר זיך שנעל צעלאָפן אין די ריכטונגען פון זייער לאַנגזאַמען דערנענטערן זיך צו דער ערד. גרויס איז געווען די פרייד, ווען מיר האָבן דאָרט געפונען אַ מענטש, אַ געקומענעם, ווי פון אַן אַנדער וועלט, וועלכער האָט דיר האַרציק געדריקט די האַנט און אויסגערופן: „זדראַווסטוויטיע טאָוואַרישטשי! קאַק פּראָזשיוואַיעט זדיעס?" (ווי אַזוי לעבט זיך דאָ?), דערנאָך האָט ער געגעבן צו פאַרויכערן אַ „קאַזבעק" אָדער אַ „ביעלאָמאָר", מכבד געווען מיט שאָקאָלאַד און געגעבן אַ פרישע מאָסקווער צײַטונג. וווּנדערבאַר איז געווען אַזאַ באַגעגעניש אין מיטן דער נאַכט, אין די פּאָליעסער וועלדער, ווו עס האָט זיך געהערט דאָס געוווי פון וועלף און ווו די אַרומיקע באַפעלקערונג האָט געטראָגן לאַפּטשעס, געמאָלן ברויט אויף אַ האַנטמילעכל, באַקומען פײַער דורך רײַבן אָדער קלאַפּן פון צוויי שטיינער און די כאַטעס אָן דילן האָט מען באַלויכטן מיט קינעלעך. עס האָט אויך אַ מאָל פּאַסירט, אַז נאָך דעם אַזוי באַגערטן גערויש פון די מאָטאָרן,

אויף וועלכע מיר האָבן אַזוי געוואַרט מיט אַזאַ אומגעדולד, זײַנען געקו־מען דײַטשע עראָפּלאַנען, וועלכע האָבן אונדז באַוואָרפן מיט באָמבעס. עס איז אויך אָנגעגאַנגען געווען ווען מען האָט אויפגעמאַכט דעם באַגאַזש, אין וועלכן עס האָבן זיך געפונען געווער, אויפרײַס־מאַטעריאַל, מעדי־קאַמענטן און דײַטשע מאַרק. מיר האָבן באַקוקט און באַטאַפּט די אַלע זאַכן און הנאה געהאַט דערפון. די פּאַלשירעמס האָבן מיר באַקומען צו מאַכן וועש פאַר זיך.

1 נאָוועמבער. — הײַנט זײַנען דורך דער ספּעץ־גרופּע דער־שאָסן געוואָרן פּרץ פּלאַצקי און יצחק לאַבאַזאָווסקי — ביידע פון באַ־ראַנאָוויטש. מיט אייניקע חדשים צוריק, בעת זיי זײַנען געווען אין אַ שליחות, האָבן זיי געהאַט צוגענומען בײַ עמיצן פון דער באַפעלקערונג אַ נײַמאַשין. פאַר פאַרעלטערטע חטאים האָט מען אין פּאַרטיזאַנער, געוויינלעך, נישט געמשפּט און אַלע האָבן געמיינט, אַז דער ענין איז שוין ליקווידירט. אין דעם דאָזיקן ענין איז נאָך פאַרמישט געווען אַ דריי־טער — אַ יונגער בחור מיטן נאָמען נח רויטמאַן. אָבער אים איז געגעבן געוואָרן אַ שאַנס צו ראַטעווען דאָס לעבן און אויסקויפן די זינד. ער האָט געדאַרפט איינער אַליין אויפרײַסן אין באַראַנאָוויטש אַן אָביעקט, ווו עס איז אויסגעפאַרטיקט געוואָרן האַלץ צו די דײַטשע עראָפּלאַנען. די דאָזיקע אויפגאַבע האָט ער אויסגעפירט און איז אַרויס גאַנץ פון איר. נח רויטמאַן, וועלכער איז געווען אַ טיכטיקער פּאַרטיזאַן האָט נאָך שפּעטער געקעמפט אין דער רויטער אַרמיי, ווו ער האָט זיך דערדינט צו דער ראַנגע פון אַ סערזשאַנט און באַקומען אייניקע הויכע אויסצייכע־נונגען.

דעם 2טן דעצעמבער שפּעט אין אָוונט, האָבן זיך געהערט אייניקע ביקסן־שאָסן האַרט לעבן אונדזער לאַגער. דער עולם איז באַלד אַרויס פון די בײַדלעך און דער נאַטשאַלניק פון „קאַראַול“ מיט נאָך אייניקע פּאַר־טיזאַנער האָבן געוואָלט גיין קאָנטראָלירן די וואַכן, כדי געוואָר צו ווערן פון וואַנען עס האָבן זיך גענומען די שאָסן. נאָר מיקולסקי מיט זײַן גע־וויינלעך ביטערן שמייכעלע, וועלכער איז אַרויסגעקומען פון זײַן בײַדל, האָט זיי פאַרהאַלטן און געזאָגט — „באַמרויקט זיך נישט, גייט צוריק

שלאָפן". אינדערפרי האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז מאַקאַר ליגט נעבן זײַן בײַדל אַ דערשאָסענער. מאַקאַר, וועלכער איז געווען אַ גוט־באַקאַנטע פּערזאָן צווישן די פּאַרטיזאַנער פון פּאַליעסע האָט געוווינט, צוזאַמען מיט זײַן טאָכטער, אויפן שטח פון אונדזער לאַגער, סך־הכּל אָפּגערוקט פון אונדזערע בײַדלעך אויף אַ צוויי הונדערט מעטער. ער האָט אַ לאַנגע צײַט מיטגעאַרבעט מיט פאַרשיידענע פּאַרטיזאַנער־גרופּן אַלס פאַרבינדלער און געבראַכט זייער גרויסע נוצן. ביז די דײַטשן זײַנען געקומען אויף זײַנע שפּורן. נאָר אים איז געלונגען צו אַנטלויפן און צו ראַטעווען זיך מיט אַ טאָכטער. די פרוי און די איבעריקע פון זײַן פאַמיליע האָבן די דײַטשן אומגעבראַכט און זײַן פאַרמעגן קאָנפיסקירט. פון דעמאָלט אָן האָט ער געלעבט אין וואַלד נעבן די פּאַרטיזאַנער, וועלכע האָבן זיך מיט אים באַנוצט בײַם אויספירן וויכטיקע שליחותן פאַר זיי. אויף צו מאָרגנס זײַנען געקומען פּאַרטיזאַנער פון אַן אַנדער גרופּע און האָבן אים באַגראָבן מיט מיליטערישן כּבוד. מיקולסקיס ספּעץ־גרופּע האָט זיך געהאַלטן ווײַט פון דעם דאָזיקן פאַראַד...

אין אָנהייב פון חודש יאַנואַר, האָט מיקולסקי צוגענומען צו זיך אין גרופּע, אונדזער קאָמאַנדיר, אינזש. וואָרהאַפטיק און אויף זײַן אָרט באַשטימט אַ באַיאָרטן רוס, וועלכן ער האָט געבראַכט מיט זיך פון מישיקי. דאָס איז געווען אַ לערער פון לענינגראַד, וועלכער איז געקומען קיין מערב־ווײַסרוסלאַנד אין 39טן יאָר און איז דאָרטן געבליבן אונטער דער דײַטשער אָקופּאַציע. ער איז געווען אַן אינטעליגענטער מענטש, האָט געקענט זייער שיין ריידן און פּלעגט האַלטן פאַר אונדז סענטימענטאַלע רעדעס וועגן ענינים פון העכערער מאַטעריע. נאָר מיך האָט געוווּנדערט, וואָס אין אַלע ענינים פון פּראַקטישן לעבן איז ער געווען אונטערן אײַנ־פלוס פון די ערגסטע מענטשן בײַ אונדז אין גרופּע. נאָך האָט מיך געוווּנ־דערט, וואָס זײַן גרעסטן און גוט־דערצויגן טעכטערל האָט זיך באַצויגן צו אים מיט פאַראַכטונג. זי איז געווען אַ וווּנדערבאַר מיידל פון אַ יאָר זיבעצן, וועלכע האָט געוווּנען אַלעמענס הערצער מיט איר איידלקייט, גוטסקייט, אינטעליגענץ און אייגנפּאַכער האַלטונג. עס איז פּשוט געווען אַ רעטעניש, פאַרוואָס דאָס דאָזיקע סובטעלע מיידל, וועלכעס האָט זיך פאַרהאַלטן פול מיט טאַקט צו אַלעמען איז גראַד צום פאָטער געווען אַזוי

גראַב. די ספּעץ־גרופּע האָט איצט וויניק פאַרבראַכט אין לאַגער, ווײַל אין שיכות מיט דער מפּלה פון די דײַטשן, האָבן זיך געשאַפן גרויסע מעגלעכקייטן פאַר דיווערסיע־אַרבעט און זיי האָבן זיך געפונען אין כסדרדיקער באַוועגונג. עס האָט זיך אויך קיינער נישט געפונען פון די יידן אין לאַגער וועלכע זײַנען אַדעפּטירט געוואָרן דורך דער ספּעץ־גרופּע. דערפאַר האָבן זיך אָבער כסדר באַוויזן פרישע גרופּן מיט נײַע פּנימער — געזונטע, אויסגעפּרעסענע, חוצפּהדיקע און האַפּערדיקע. דאָס זײַנען געווען ווײַסרוסישע פּאָליציאַנטן, וועלכע זײַנען אַריבער אויף דער זײַט פון די פּאַרטיזאַנער. זיי האָבן בײַ מיר אַרויסגערופן געמישטע גע־פילן — איך האָב פאַרשטאַנען מיטן שכל, אַז זייער קומען צו די פּאַרטי־זאַנער, איז אַ סימן, אַז די דײַטשע קריגסמאַשין ברעכט זיך אײַן. אָבער אַליץ האָט זיך געבונטעוועט אין מיר קעגן דעם, וואָס איך געפין זיך אין איין מחנה מיט די מערדער פון מײַן פאָלק. איך האָב נישט געקענט פאַרטראָגן זייער זעלבסטצופרידנקייט און זיכערקייט אין זיך, אַזוי ווי די גאַנצע וועלט וואָלט צו זיי געהערט. נישט אַזוי האָב איך זיך פאָרגע־שטעלט דאַרפן אויסזען מענטשן, אויף וועלכע עס לאַסטעט אַ שווער פאַר־ברעכן. אָבער אויף זייערע פּנימער איז נישט געווען צו באַמערקן קיין שום חרטה־געפילן. זיי האָבן זיך מיט גאָרנישט נישט געענדערט אינער־לעך. זיי זײַנען נאָר אַריבער אויף דינסט צו אַנדערע באַלעבאַטים, ווײַל די פריִערדיקע זײַנען געווען ערב באַנקראָט און זיי האָבן מיט זיך מיט־געבראַכט דעם גיפט פון אַנטיסעמיטיזם, מיט וועלכן עס האָבן זיך אויך אָנגעשטעקט מאַנכע פּאַרטיזאַנער. אָט, ברושקאַ, צום בײַשפּיל, איינער פון דער ספּעץ־גרופּע, וועלכער האָט זיך געפונען אין זייער געזעל־שאַפט, האָט אויסגענוצט אַ מאָמענט ווען קיינער פון זיינע חברים איז נישט געווען אין לאַגער, אויף צו מאַכן אַן אַנטיסעמיטישע אַוואַנטורע. ער האָט אַרויסגעלאָזט אייניקע סעריעס פון זײַן אויטאָמאַט און זיך צע־שריגן אויפן גאַנצן קול — „זשידי, אין אײַער מאַמען אַרײַן! דערשיסן דאַרף מען אײַך אַלעמען אַזוי ווי הינט!"

22 יאַנואַר. — הײַנט האָבן מיר געהאַט אַ שטיקל סענסאַציע: אונדזערע שכנים, פון פּריש־אָרגאַניזירטן דעסאַנטן־אָטריאַד, האָבן אונדז

איינגעלאדן צו קומען אין זייער לאגער אריין, כדי אנצוקוקן צוויי דייטשן אויף דער תליה. מיר האבן גוט געקענט די געהאנגענע. נאך מיט אייניקע וואכן צוריק זיינען זיי פון ערגעץ א דארף געבראכט געווארן דורך די דעסאנטניקעס. דאס זיינען געווען יונגע דייטשן, וועלכע האבן געשפילט די ראל פון שעפעלעך. „היטלער קאפוט" — האבן זיי געזאגט און דער־ציילט, אז זיי האבן דעזערטירט פונעם פראנט, ווייל זיי האבן פיינט דעם קריג. זיי האבן געארבעט ביים צוגרייטן האלץ פאר דער קיך און די יידישע קעכין וועלכע האט געהאט אן ארישן אויסזען און האט גערעדט א גוטן דייטשן, האט באקומען די אויפגאבע צו שפילן פאר זיי די ראל פון א פאלקס־דייטשקע. זי האט אזוי גלענצנד געשפילט איר ראל, אז די דייטשן האבן זי געהאלטן פאר אן אייגענער און האבן געעפנט פאר איר זייערע הערצער. „מיר געהערן צו דער היטלער־יוגנט — האבן זיי איר אנפארטרויט — און זיינען געטריי דעם פירער. עס איז נאר א שאה, וואס דער פירער האט א צו גוט הארץ. וואלט ער נישט געווען אזוי בארעמהארציק און וואלט נישט געלאזט לעבן די שמוציקע שווייניעס, נאך דעם ווי די זיגרייכע דייטשע ארמיי האט פארנומען דאס לאנד, וואלטן קיין פארטיזאנער נישט געווען און מיר וואלטן פארשפארט צו האבן די אלע צרות, וועלכע זיי טוען אונדז אן." זי האט זיך אויך דערוווּסט, אז זיי האבן אויסגעארבעט א פלאן צו הרגענען די וואך און צו אנטלויפן, און האבן איר פארגעלייגט זיך צו באטייליקן אין דער דאזיקער אונטערנעמונג. ווען מיר זיינען אהינגעקומען, זענען זיי שוין געהאנגען אויף זיידענע שנירלעך פון פאלשירעמס. די שנירלעך זיינען צוגעפעסטיקט געווען צו א שטאנג, וועלכע איז געלעגן אנגעשפארט אויף צוויי ביימער און פלעגט געוויינלעך באנוצט ווערן צו גימנאסטישע אי־בונגען. די געהאנגענע זיינען געווען נאקעט און דערנעבן האבן צוויי פארטיזאנער הפקרדיקע חברה־לייט פאראדירט אין זייערע מיליטערישע מונדירן. איך האב לאנג געקוקט אויף דעם דאזיקן נישט געוויינלעכן בילד, אין וועלכן איך האב געזען דעם סימבאל פון דייטשלאנדס מפלה. דעם ערשטן געהאנגענעם, וועלכן איך האב געזען אין מיין לעבן, איז געהאנ־גען געווארן דורך די דייטשן. דאס איז געווען אין מיין געבורטס־שטעטל, בעלכאטאוו אין 1916. דער געהאנגענער איז געווען א יונגער פאלאק, וועל־

כער איז געהאַנגען אויף אַ תליה אין מיטן מאַרק. אויף זײַן בויך איז געווען צוגעטשעפּעט אַן אויפשריפט. אין צײַט פון דער מלחמה, האָב איך געזען אַן אָ שיעור געהאַנגענע דורך די דײַטשן, נישט איבערצוציילן. הײַנט האָב איך געזען די ערשטע געהאַנגענע דײַטשן, דורך אַנדערע. דאָס איז פאַר מיר געווען אַ טיפע איבערלעבעניש. אין דעם מאָמענט, האָב איך שוין אינערלעך איבערגעלעבט די פרייד פון דײַטשלאַנדס מפּלה. אין מײַן דמיון האָב איך שוין געזען די דײַטשן באַזיגטע און צעטראָטענע.

29 פעברואַר 1944. בעת איך האָב זיך געפונען אויף אַ וואַך־פּאָסטן מיט נאָך צוויי חברים, אָפּגערוקט פונעם לאַגער אויף 4 קילאָמעטער, איז דאָרטן אָנגעקומען אַ גרופּע יידן. זיי זײַנען געווען אָנגעטאָן אין שמוציקע, צעריסענע טראַנטעס און אויף די פיס האָבן זיי געטראָגן לאַפּטשעס. זיי זײַנען געווען הונגעריק, דערפרוירן, דערשלאָגן, פאַרביטערט און אַנטוישט. זיי זײַנען געווען אַ טייל פון די 96 יידן, וועמען עס איז געלונגען צו אַנטלויפן פון דעם באַרימטן קאָלדאַטשאָווער פּײַניקונגס־לאַגער, וועלכער האָט זיך געפונען 15 קילאָמעטער פון באַראַנאָוויטש. דער דאָזיקער לאַגער, אין וועלכן עס זײַנען פאַרפּײַניקט געוואָרן אַ סך יידן, האָט זיך געפונען אין שכנות מיט אַ פּאָליציי־שול פאַר די ווײַסרוסן. די יידן האָבן דאָרט געדינט פאַר צוויי צוועקן — אויף צו אַרבעטן פאַר די באַדערפעענישן פון דער שול און גלײַכצײַטיק אויף צו דינען פאַר די שילער אַלס מאַטעריאַל צו זייערע פּראַקטישע איבונגען. אויף זיי זײַנען דעמאָנסטרירט געוואָרן די דערגרייכונגען פון דער דײַטשער ווייסנשאַפט אויפן געביט פון פּײַניקונגען און מאָרדן. די יידן, וועמען עס איז געלונגען זיך צו ראַטעווען פון דאָזיקן שרעקלעכן גהינום, וואָלטן אייגנטלעך געדאַרפט זײַן פון די גליקלעכסטע מענטשן. אָבער די באַגעגעניש מיט די ערשטע פּאַרטיזאַנער האָט זיי ביטער אַנטוישט און אָפּגעשלאָגן דעם מוט. פאַרן אַנטלויפן, האָבן זיי דערציילט, האָבן זיי געהאַט צוגענומען פון די וואַרשטאַטן וווּ זיי האָבן געהאַט געאַרבעט פאַר דער פּאָליציי, וואַרעמע מלבושים און שטיוול פאַר זיך. זיי האָבן געוווּסט, אַז עס וועט זיי אויסקומען צו לעבן אונטערן פרײַען הימל, אין פּײַנטקייט און קעלט. אין דאָרף שוויעטשיצע האָבן זיי באַגעגנט די ערשטע

פּאַרטיזאַנער און זײַנען גליקלעך געווען, נאָר יענע (דאָס זײַנען נישט געווען קיין זשאַרקינצעס, יענע האָבן זיך שוין מער נישט געפונען אין דער געגנט), האָבן פון זיי אַראָפּגעצויגן די שטיוול און אויסגעטאָן די מלבושים און זיך ברוטאַל באַגאַנגען מיט זיי. דאָס איז געשען אונטער דער נאָז פון דער נ. ק. ג. ב., וועמענס אָנגעשפּיצטע אויגן און אויערן האָבן אַלץ געזען און געהערט... איך קען נישט זאָגן, אַז מיקולסקי זאָל זיך אײַנגעאַנצן נישט האָבן אינטערעסירט מיט די אַזוי געוואָגטע יידן, וועלכע האָבן מיט זייער טאַט באַוויזן, אַז זיי זײַנען גרייט און פעיק צו קעמפן קעגן די דײַטשן. דאָס איז געשען ערשט דעמלט, ווען ער האָט זיך דערוווּסט, אַז זיי האָבן געגעסן קאַרטאָפל. אויף דעם דאָזיקן „פאַרברעך" האָט ער שנעל און ענערגיש רעאַגירט ער האָט גלײַך געלאָזט רופן צו זיך דעם פּאַרוואַלטער פון די פּראָדוקטן מאַקס גראָנער, וועמען ער האָט חושד געווען, אַז ער האָט געגעבן אַ ביסל קאַרטאָפל די אַנטלאָפענע פון קאַלדאַטשעווע יידן און האָט אים געדראָט מיט דערשיסן פאַר „פאַר־טאַכלעווען מלוכה־אייגנטום". צום גליק האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די קאַרטאָפל האָט זיי נישט געגעבן מאַקס גראָנער, נאָר דער באַראַנאָ־וויטשער ייִד מעדרעש (קאַצאַפּ), וועלכער האָט געהערט צו אַן אַנדער פּאַרטיזאַנער־גרופּע.

מיר האָבן נישט געהאַט קיין שום מעגלעכקייט צו העלפן די אַנט־לאָפענע פון קאַלדאַטשאַווע זיך אײַנאָרדענען נעבן אונדז, און זיי זײַנען אַוועק ווײַטער רעזיגנירטע און פאַרביטערטע. שפּעטער האָבן מיר זיך דערוווּסט אַז זיי האָבן זיך דערשלאָגן צו ביעלסקים פּאַרטיזאַנער־גרופּע, וווּ זיי זײַנען אָנגענומען געוואָרן.

אין אָנהייב פון חודש מערץ איז פאָרגעקומען אַ ראַדיקאַלע ענדע־רונג אין אונדזער גרופּע: די קאָמפּאַניע זײַנען איבערגעשיקט גע־וואָרן אין דער פּאַרטיזאַנער־בריגאַדע אויפן נאָמען פון גרויזאַדובאָוואַ (איך בין געווען צווישן זיי). פון די איבערגעבליבענע איז געשאַפן געוואָרן אַ בירגער־לאַגער. מיקולסקים גרופּע האָט פאַרלאָזט אונדזער געגנט און דעם פּראָטעקטאָראַט איבער דעם בירגער־לאַגער האָבן איבערגענומען די גרויזאַדובאָווצעס. פאַר דער צײַט, וואָס איך בין געווען אין דער גרופּע, ווען מיר פלעגן זיצן בײַ די פײַערס (אפילו דעמלט ווען עס איז געווען

ווארעם, כדי צו פאריאגן מיטן רויך די מיקן) אדער ווען מיר פלעגן זיין אויף א פאסטן צוזאמען, אדער בעת מיר פלעגן גיין אין וועג אין פארשיידענע שליחותן, האב איך זיך נעענטער צוזאמענגעלעבט מיט די מענטשן פון דער גרופע און איך האב זיך באקאנט מיט די געשיכטעס פון זייער ניצול ווערן. וועגן אייניקע פון זיי וויל איך דא בלויז דערמאנען.
ער, א יונגער, שיינער בלאנדער בחור. זי א טונקלהויטיקע, ווי א מו־לאטקע, מיט פעך שווארצע האר. זייער שדכן איז געווען א דייטש פון דער געסטאפא. ביז דעמלט האבן זיי נישט געהאט קיין שייכות מיט זיך. פארגעקומען איז עס אזוי: בעת עס איז פארגעקומען אין באראנאווי־טשער געטא די סעלעקציע און די דייטשן האבן אוועקגעשטעלט פון איין זייט די, וועלכע זיי האבן אויסגעקליבן אויף צו בלייבן לעבן און אויף א צווייטער זייט די, וועלכע דארפן פארניכטעט ווערן — האט דער בלאנדער בחור זיך געפונען צווישן די גליקלעכע, וועלכע האבן געדארפט בלייבן לעבן. ער האט באקומען אן ארבעטס־קארטע מיט דעם אות u, געצייכנט אין דער פארעם פון א פערדישער קאפיטע. די „וואס האבן געהאט אזעלכע קארטעס, האבן געהאט דאס רעכט צו נעמען מיט זיך זייערע פאמיליעס. נאר דער בלאנדער בחור האט נישט געהאט קיינעם, ועמען צו ראטעווען אין זיין זכות. ער איז געווען א ווארשעווער פליט און אין בארנאוויטשער געטא האט ער נישט געהאט קיין משפחה.
ביז איינער פון די דייטשן, וועלכע האבן אנגעפירט מיט דער סעלעקציע האט געבראכט צו פירן פון דער אנדערער זייט, פון צווישן די, וועלכע זיינען אויסגעקליבן געווארן צום טויט, דאס טונקל־הויטיקע מיידל און האט געזאגט צו אים — „האסטו דיינע פראו" און פון דעמאלט אן זיינען זיי צוזאמען. א צווייט יונג מיידל פון דער גרופע, וואס איז אויך געווען ביי דער סעלעקציע צווישן די, וועלכע מען האט געדארפט שיסן איז ניצול געווארן אויף אן אנדער אופן: זי האט זיך ארויסבאקומען פון דארטן און א דייטש האט זי באהאלטן ביי זיך. דאס איז געווען אן עלטערער מענטש, א שוסטער. אבער לאנג ביי אים בלייבן האט זי נישט געקענט און ער האט איר געראטן, אז זי זאל אוועק אין וואלד צו די פארטיזאנער. ער האט געוואלט איר העלפן ארויסבאקומען זיך פון שטאט און האט איר געוואלט מיטגעבן געווער. זי, דעמלט נאך א קינד, האט

נישט געוואלט הערן דערפון. ביי דער סעלעקציע זיינען אומגעקומען אלע אירע נאענטע, ווייל זי אויך נישט לעבן, און זי האט געבעטן דעם דייטש, אז ער זאל איר העלפן דערין. ער איז געווען אין א שלעכטער לאגע, האט נישט געהאט ווו אהינצוטאן זיך מיט איר און זי האט נישט אויפגעהערט צו וויינען און צו בעטן, אז ער זאל זי אויפהענגען. סוף כל סוף האט ער איר צוליב געטאן, נאר בעת זי איז שוין געהאנגען, האט ער איבערגעשניטן די שטריק און זי אראפגענומען. האבנדיק פארזוכט שוין דעם טעם פון טויט האט זי, ווי געוויינלעך אין אזעלכע פאלן, באקומען חשק צום לעבן און איז אוועק אין וואלד. נאך איינע פון דער גרופע, א מיטליעריקע פרוי פון האראדייע, האט צוזאמען מיט איר פאמיליע און מיט אלע איבעריקע יידן פון איר שטעטל, געקניט נעבן א גרוב און די דייטשן האבן געשאסן אין זיי פון האנט- און מאשין-געווער. ליגנדיק אין גרוב, אונטער א בארג מיט טויטע קערפערס, האט זי געפילט אז זי לעבט. די דייטשן זיינען אוועק און די גרוב איז נישט געווען פארשאטן. ווען עס איז פינצטער געווארן, האט זי זיך ארויסבאקומען פון דארטן און א נאקעטע, א פארבלוטיקטע ארומגעבלאנדזשעט צווישן פעלדער און וועלדער. פארטאגס איז זי דערגאנגען צו א כוטאר, ווו זי האט אנגעטראפן אויף גוטע מענטשן, און זיי האבן איר געגעבן מיט וואס דאס לייב צוצודעקן. זי האט נאך לאנג זי ארומגעשלעפט איינע אליין און האט איבערגעלעבט נאך א סך טראגישע איבערלעבונגען פול מיט געפארן און ניסים, ביז זי איז זיך צוזאמענגעקומען מיט דעם האראדייער-מירער גרופקעלע, וועלכעס האט זיך אין מישיקער וואלד פאראייניקט מיט סעגאלס גרופע. דאס האב איך, נישט קלייבנדיק ארויסגעכאפט פון אלע אנדערע נאר 3 געשיכטעס פאר א ביישפיל.

דער לאגער פון גרוזאדובאווס בריגאדע האט זיך געפונען אויף דעם ארט, ווו עס האט באלד נאכן אנקומען אהער געלאנדעט סעגאלס גרופע. נאר איצט האט עס אנדערש אויסגעזען. א גאנץ שטעטל איז דא אויפגעבויט געווארן. גרויסע מאסיווע זעמליאנקעס אזוי ווי פויערישע כאטעס, האבן הויך ארויסגעשטייגט פון איבער דער ערד און פון זייערע קוימענס איז געגאנגען א רויך. 3 אטריאדן האבן זיך דא געפונען צוזאמען. נאר יעדער פון זיי האט געהאט א באזונדערע ווירטשאפט און א

באַזונדערע קיך, באַזונדערע בהמות, פערד און וועגענער. אויף אייניקע קילאָמעטער זומפּן, וואָס האָבן זיך געצויגן פון לאַגער ביז צום דאָרף איז איצט געמאַכט געוואָרן אַ סאָלידער וועג פון האָלץ, דורך וועלכן מען האָט געקענט פאָרן מיט וועגענער און עס איז מער נישט געווען קיין באַדערפעניש צו שלעפּן אַלע נייטיקע זאַכן פאָרן לאַגער אויף די פּלייצעס, אַזוי ווי סעגאַלס גרופּע האָט דאָס אַמאָל געטאָן. גרוזאָדובאָווס בריגאַדע איז אויפגעקומען ווי אַ נאָכקומעניש נאָך סוכאַרוקאָווס נישט־געלונגענעם פּרוּוו זי צו גרינדן, און איר איז נישט אויסגעקומען אַדורכצומאַכן דאָס אַלץ וואָס עס האָבן אַדורכגעמאַכט אַנדערע גרופּן. זי איז אויפגעקומען ווען די פּאַרטיזאַנער באַוועגונג איז אויסגעוואַקסן צו אַ מעכטיקן כוח און די ירידה פון די דײַטשן איז שוין גענוג שטאַרק געווען. דערפאַר האָט זי זיך באַלד פון אָנהייב געקענט אַזוי פעסט אַוועקשטעלן און אַלץ אָרגאַניזירן אויפן מיליטערישן אופן. קיין גרויסע מיליטערישע אָנגריפן פון דײַטשן אויף פּאַרטיזאַנער זײַנען אין יענער צײַט שוין נישט פאָרגעקומען. פאַרקערט, אין די קלענערע שטעטלעך האָבן די דײַטשן — מורא האָבנדיק פאַר פּאַרטיזאַנער — זיך באַהאַלטן אין בונקערס מיט אײַנגעמויערטע אין זיי נעסטן פאַר מאַשין־געווער. די אָנפירער פון גרוזאָדובאָווס בריגאַדע זײַנען גלײַכצײַטיק באַשטימט געווען אויף צו באַזעצן די אַמטן אין באַראַנאָוויטשער געגנט, נאָך דעם ווי די דײַטשן וועלן פון דאָרטן פאַריאָגט ווערן. יעדער פון זיי האָט שוין געהאַט זײַן פונקציע. דער קאָמיסאַר פון דער בריגאַדע איז באַשטימט געוואָרן צו זײַן סעקרעטאַר פון באַראַנאָוויטשער אָבקאָם (אָבלאַסטני קאָמיטעט — קרייז־קאָמיטעט). די פּאַרטיזאַנער פון אונדזער גרופּע זײַנען צעטיילט געוואָרן אין די דרײַ אָטריאַדן פון אונדזער בריגאַדע. איך — אין מישעס אָטריאַד (אויפן נאָמען פון קאָמאַנדיר). נאָך מיט אַ צײַט צוריק איז צו מיר דערגאַנגען אַ ידיעה, אַז הערשל פּאָסעסאָרסקי איז דערשאָסן געוואָרן דורך אַ פּאַרטיזאַן, אָבער קיין גענויעס האָב איך וועגן דאָזיקן פאַל נישט געוווּסט. זײַענדיק דאָ בין איך פון פּאָליטרוק פון אונדזער בריגאַדע, פּרוּוי מאַרקאָוויטש, געוואָר געוואָרן אַלע אייַנצלהייטן פון דעם מאָרד, פון וועלכן זי איז געווען אַן עדות.

פּאָסעסאָרסקין מיט זײַן גרופּע האָט זיך גלענצנד אײַנגעגעבן אויס־

צופירן די אויפגאַבע, וועלכע איז זיי אָנפאַרטרויט געוואָרן. זיי האָבן דערצבערט גענוג געווער כדי זיך אַליין צו באַוואָפענען און האָבן נאָך געהאַט איבעריקע. פאַרלירנדיק דעם קאָנטאַקט מיט דעם אייגענעם אָט־ריאַד, האָבן זיי זיך געהאַלטן ביי די אָטריאַדן פון אונדזער פאַראייניקונג, וועלכע זיי האָבן אָנגעטראָפן אין קאַפוליער געגנט. זייענדיק גוט באַ־וואָפנט און גוט אָרגאַניזירט, האָבן זיי אויף זייער אייגענער האַנט אויס־געפירט אַקציעס קעגן די דייטשן. דאָס איבעריקע געווער, וואָס זיי האָבן דערצבערט, האָבן זיי אָוועקגעגעבן די פּאַרטיזאַנער, וועלכע האָבן זיך אין דעם געניייטיקט. דאָס האָט געדויערט אַזוי לאַנג, ביז אַ געוויסער כוליגאַנישער אַנטיסעמיט מיטן נאָמען אַנאַנטשיקאָ, אַ קאָמאַנדיר פון אַן אָטריאַד, וועלכער האָט געהערט צו גענעראַל קאַפוסטעס פאַראייני־קונג, האָט זיך אָנגעהויבן צו טשעפּען צו פּאָסעסאָרסקין, אַז ער זאָל אים אָוועקגעבן זיין פּיסטאָלעט. ער האָט אים כסדר געדראָט און געפּרוּווט טעראָריזירן. ווען דאָס האָט נישט געהאַט קיין ווירקונג, איז ער איינמאָל געקומען צו אים, ווען יענער איז געשטאַנען אויפן פּאָסט, מיט אַן אָפּ־טיילונג פאַרטיזאַנער און האָט אים באַפוילן אָוועקצוגעבן דעם פּיסטאָ־לעט. פּאָסעסאָרסקי האָט דערויף געענטפערט, „אַז אַ לעבעדיקער פאַר־טיזאַן לאָזט ביי זיך נישט צונעמען דאָס געווער". דעמלט האָט אַנאַנ־טשיקאָ באַפוילן זיינע פאַרטיזאַנער, אַז זיי זאָלן אים דערשיסן. ער האָט דערנאָך געפּרוּווט מאַכן אַ בלבול, אַז פּאָסעסאָרסקי איז געשלאָפן אויפן פּאָסטן און דערפאַר האָט ער אים געהייסן דערשיסן. אָבער דאָס איז אים נישט געלונגען. פּאָסעסאָרסקי איז צופיל פּאָפּולער געווען אַלס אַן אויסגעצייכנטער פאַרטיזאַן, אַז מען זאָל אין דעם גלייבן. די געשיכטע האָט אַרויסגערופן אַ גרויסע אויפרודערונג צווישן די פאַרטיזאַנער פון אונדזער פאַראייניקונג און קעגן אַנאַנטשיקאָן איז געפירט געוואָרן אַן אויספאָרשונג. עס האָט געהאַלטן דערביי, אַז ער זאָל דערשאָסן ווערן, נאָר דער בריגאַדע־קאָמאַנדיר יערעמיענקאָ זאָל אים האָבן אָפּגעראַטעוועט דערפון.

אַן אַנדער גרופּע יידישע פאַרטיזאַנער פון סטאָלפּצע, וועלכע זענען געהאַט אַוועק אין אַ שליחות זענען דערשאָסן געוואָרן דורך די פּוילישע פאַרטיזאַנער פון א. ק. (אַרמיאַ קראַיאָוואַ) די גרופּע האָט זיך געהאַט

ארײַנבאַקומען אין די ביאַלאָוויעזשער וועלדער, צו ביעלסקין אין אָטריאַד. איין מאָל ווען זיי זײַנען געווען אין וועג, כּדי אויסצופירן אַן אויפגאַבע פאַרן אָטריאַד, האָבן די א. ק. אָווצעס געלויערט אויף זיי אין אַ באַהעלטעניש און אַלעמען אויסגעשאָסן. צווישן זיי האָבן זיך געפונען: יוסף האַרקאַווי, אַקסעלראַד, משה ווײַנשטיין, בערנשטיין, קובע אַלטמאַן און אַנדערע.

דורך דער גאַנצער צײַט פון מײַן זײַן אין וואַלד האָט געדריקט אויף מײַן געמיט און געעגבערט בײַ מיר אין מוח דער געדאַנק, פאַרוואָס די ייִדן פון מערב־ווײַסרוסלאַנד זײַנען נישט מאַסנווײַז אַוועק אין די וועלדער. די שטעט און שטעטלעך, וועלכע זײַנען אַרומגערינגלט מיט וואַלד, האָבן דאָך געהאַט באַדינגונגען דערצו. פון דער אַנדערער זײַט האָב איך זיך געשטעלט די פראַגע, צי אַ גרויסע צאָל ייִדן אין די וועלדער וואָלט נישט דערפירט צו אַן ערנסטן קאָנפליקט פון אַ ברייטן פאַרנעם מיט דער אַרומיקער באַפעלקערונג און מיט די נישט־ייִדישע פאַרטיזאַנער. אָט איז מיר די טעג אויסגעקומען צו זײַן צוזאַמען מיט אייניקע פון מײַנע נישט־ייִדישע קאָלעגן פון מײַן ראָטע אין אַ פּויערישער כאַטע, וווּ מען האָט אונדז גוט אויפגענומען — מיט בלינצעס, חזיר־פעטס און „סאַמאַגאָן". בעת דעם מאָלצײַט האָט דער באַלעבאָס, וועלכער האָט נישט געוווּסט, אַז איך בין אַ ייִד, געקלאָגט זיך פאַר אונדז, אַז „זשידעס" זײַנען די פאַריקע נאַכט געווען אין דאָרף און האָבן באַרויבט די באַפעלקערונג. מײַנע קאָלעגן האָבן אים אויסגעהערט מיט גרויס פאַרשטענדעניש און מיטגעפיל און איך האָב באַמערקט ווי עס צינדן זיך אָן אין זייערע אויגן הייליקע פלאַמעלעך פון צאָרן — פאַרוואָס פרעמדע האָבן באַוועלט זייערע ברידער. שפּעטער בין איך געוואָר געוואָרן, אַז די „זשידעס", וואָס האָבן גערויבט זײַנען געווען פאַרטיזאַנער פון אונדזער בריגאַדע, וועלכע האָבן גענומען אין דאָרף ברויט און קאַרטאָפל פאַר זייער אָטריאַד, אויפן באַפעל פון דער אָנפירערשאַפט. עס איז מיר אויך אויסגעקומען צו הערן ווי עמעצער פון דער באַפעלקערונג האָט זיך באַקלאָגט פאַר די זעלבע קאָלעגן, אַז אַ פאַרטיזאַן האָט בײַ אים אַראָפּעצויגן די שטיוול פון די פיס (עס האָט געטראָפן, כּדי צו קויפן בראָנפן פאַר זיי). אויף דעם האָבן זיי אים געענטפערט מיט ווערטער: „פאַרפאַלן, עס איז אַ מלחמה,

ער קעמפט, פאַרגיסט בלוט און דו זיצסט ביי דער באָבע אין כאַטע". דאָס איז געווען זייער רעאַקציע — גאַנץ אַנדערש, ווי דעמאָלט, ווען זיי האָבן געהערט זאָגן „זשיד גראַביט". עס זיינען געווען פּאַרטיזאַנער־אַנפירער, וועלכע זיינען נישט געווען קיין אַנטיסעמיטן. אָבער צוליב דער אַטמאָספער וואָס האָט געהערשט צווישן די פּאַרטיזאַנער און דער עיקר צווישן דער באַפעלקערונג, האָבן זיי געהאַלטן פאַר געזינטער נישט צופיל צו אַנגאַזשירן זיך מיט יידן.

16 אַפּריל 1944. די נאַכט בין איך געשטאַנען אויף וואַך בײַם קאַנאַל. זינט עס זיינען באַשטימט געוואָרן איינצלנע וואַכן, האַלטן אַלע פּאַרטיזאַנער דאָס שטיין דאָרטן פאַר אַן אָפּקומעניש. אַזוי לאַנג, ווי עס איז געווען פאַרפרוירן, איז דאָרט, פּונקט ווי אויף אַלע ערטער, געשטאַנען אַ טאָפּלטע וואַך. נאָר איצט, ווען דאָס אייז איז שוין צעגאַנגען אויפן גרויסן זומפּ, וואָס ציט זיך אויף אַ סך קילאָמעטער אַרום דעם קאַנאַל, האָט נאַטשאַלסטווע צוגענומען פון דאָרטן איין וואַך. מיר איז דאָס מאָל נישט אויסגעקומען צו שטיין בײַם קאַנאַל, נאָר איך האָב זיך פרײַוויליק געבעטן מיט מײַנע קאָלעגן. איך האָב דאָס געטאָן דערפאַר, ווײַל פאַר האַלטן 4 שעה וואַך בײַנאַכט אויף דעם דאָזיקן אומהיימלעכן אָרט, איינער אַליין, ביז איך באַפרײַט געוואָרן פון די איבעריקע 4 שעה דינסט, אין וועלכע עס האָבן מיך פאַרטראַטן מײַנע קאָלעגן. איך האָב עס אויך געטאָן דערפאַר, ווײַל פון צײַט צו צײַט האָב איך געהאַט אַ באַדערפעניש צו געפינען זיך אָפּגעזונדערט און אַליין. איך בין אַוועק אויפן פּאָסטן 12 אַזייגער. עס איז געווען אַ פינצטערע נאַכט, און איך האָב געמוזט אויסטאַפּן דעם וועג אַהין מיט די פיס. דער באַווינטער טייל פונעם לאַגער, ביז צום אָרט וווּ עס האָבן זיך געפונען די פאַרצוימונגען פאַר די בהמות, איז געווען טרוקן און אויסגעטראָטן. ווײַטער איז געווען בלאָטע און זומפּ, וואָס האָט זיך געצויגן ביזן קאַנאַל. דאָרט, נעבן אַ שמאָל בריקל, געמאַכט פון צוויי ביימער, וועלכע האָבן פאַרבונדן ביידע ברעגן פונעם קאַנאַל, איז געווען דאָס אָרט פאַר דער וואַך. בלויז אַ קליין שטיקל טרוקענער שטח איז דאָרט געווען, האַרט נעבן ברעג, אויף וועלכן מען האָט געקענט מאַכן בלויז אייניקע טריט. אָפּשטיין

4 שעה, ווען עס איז פּוסט אין מוח און זײַן פאַרנומען מיטן ציילן די סעקונדן און מינוטן ביז מען וועט דיך קומען אומברענגען, איז געווען זייער מאַטערנדיק. דערפאַר האָט דאָ גאָרנישט געשטערט צום טראַכטן און צו פאַרטיפן זיך אין זיך אַליין. די וואָך האָט דאָ נישט געדאַרפט אַזוי שטאַרק אָנשטרענגען דעם געהער און אָנשפּיצן די אויגן, טאָמער גנבעט זיך ווער אונטער. איך האָב געוווּסט, אַז דאָס איז אוממעגלעך. איך האָב גוט געקענט דעם שטח אַרום און געוווּסט ווי ווײַט די זומפּן ציען זיך אויף דער אַנדערער זײַט קאַנאַל און וואָס עס געפינט זיך ווײַ־טער. איך האָב געוווּסט, אַז גלײַך פאַר מיר איז דער זומפּ צעגאָסן שי־טער, כמעט ווי אַ שמוציקער טײַך, און ווײַטער, אין דער זײַט צווישן וואַלד, ווו עס איז שטאַנדיק איז ער געדיכט און שליימיק. נאָך דעם הויבט זיך אַרויס פונעם זומפּ אַ הויך טרוקן אָרט, ווו עס געפינט זיך דאָס שפּיטאָל פון אונדזער בריגאַדע. דאָרטן זיינען די בײַדלעך אָנגעַ־פּאַקט מיט טיפוס־קראַנקע. איך גיי אָפּט אַהין, כדי אַהינצוטראָגן דאָרט די קראַנקע. נאָכן שפּיטאָל איז ווײַטער נידעריק און זומפּיק. די גאַנצע געגנט איז אייגנטלעך בלויז אַ זומפּיקער ים, מיט אַ סך קליינע אינ־דזלעך אין דער מיט. אָט דער גאַנצער אַרום, אײַנגעהילט אין דער בײַ־נאַכטיקער פינצטערניש, האָט מיך אומגעהויער דערווײַטערט און שאַרף אָפּגעטיילט פון דעם אַלעם, מיט וואָס איך האָב געלעבט און געאָטעמט אין לאַגער. דער געדאַנק האָט זיך אַרויסבאַקומען פון די אָנגעוואָרפענע דורך דער סביבה און דורך דער טאָג־טעגלעכער רעאַליטעט־באַגריפן. מײַן גײַסטיקע שפּירעוודיקייט איז שטאַרקער געוואָרן. מײַנע געדאַנקען אינ־טימער — געטראַכט נאָר פאַר זיך אַליין — נישט כדי זיך צו טיילן מיט עמעצן. די געדאַנקען זיינען געפלאָסן בײַ מיר האַסטיק, אָנגעלאָדן מיט אַזאַ קראַפט, און האָבן געהאַלטן אַזוי געשפּאַנט מײַן גאַנץ וועזן, אַז עס איז שוין נישט געווען קיין אָרט פאַר צווייפל אין זיי. אַלץ האָט זיך מיר איצט אויסגעוויזן אַנדערש, אַלץ האָב איך געזען אין אַן אַנדער ליכט. אָנגענומענע און נישט־אָפּפּרעגבאַרע באַגריפן האָבן זיך מיר אויסגעוויזן פאַר פאַלשע, און דער גאַנצער סדר פון דער וועלט פאַר זינלאָז. די בוי־מײַסטער פון אונדזערע געזעלשאַפטלעכע בנינים, וועלכע ווערן געלויבט אַזוי ווי געטער, פאַר זייער חכמה און גרויסקייט, האָבן זיך מיר אויס־

געוויזן פאר איינפאכע פאקוסניקעס, וועלכע בלענדן מיט זייער שווארצ־קינסטלעריי די אויגן פון נאראנים און אומוויסנדע. איך האב געטראכט, אז ווען מען זאל אוועקזעצן משוגעים פון די אנשטאלטן פאר גייסטיק קראנקע אויף זייער ארט וואלטן זיי אויך נישט געקענט איינארדענען מער זינלאז דאס לעבן. איך האב געטראכט וועגן פחדנים און העלדן און וועגן די מיליאנען, וואס שטייען אזוי ווי איך און היטן. איך האב געטראכט וועגן פארטיזאן ג———, וועמענס נאמען שטייט אויף דער ליסטע פון די, וועלכע דארפן באלוינט ווערן מיטן ארדער פון דער „רויטער פאן" פאר העלדישקייט. איך האב אויך געטראכט וועגן זיין פרוי, וועלכע ער האט איבערגעלאזט אין געטא א שוואנגערנדיקע און מיט א קינד אויפן האנט און איך האב געטראכט — צי דאס איז גבורה אדער הפקרדיקייט ?... איך האב געטראכט וועגן די אומגעקומענע, וועמען מאנכע רופן „קדושים", און אנדערע זאגן — „געגאנגען ווי בהמות צו דער שחיטה" און איך האב זיי אין מיין דמיון געזען נישט ווי אן איינהייטלעכע מאסע געפורעמט אין פלייש און בלוט, אין הויט און ביין, נאר זייערע נשמות, זייערע געדאנקען, זייער אינערלעכן מהות און איך האב צווישן זיי דערקענט אזעלכע, וועלכע האבן זיך פאר טויט דערהויבן צו דער העכסטער מדרגה פון קדושה, און אויך אזעלכע, וועלכע האבן אין אנבליק פון טויט פארלוירן דעם צלם פון א מענטש. טייל זיינען געשטארבן מיט ציין־קריצעניש און צוזאמענגעקוועטשטע פויסטן קעגן דער וועלט און איר באשעפער, און אנדערע מיט פילאזאפישער רויקייט און רעזיגנאציע. איך האב געזען נישט בלויז די מעשים פון די מענטשן נאר אויך דאס, וואס האט זיי צו דעם באוויגן. איך האבן צווישן די אומגעקומענע געזען אזעלכע, וועלכע האבן זיך נישט געראטעוועט, ווייל זיי זיינען געווען פחדנים, און אנדערע ווייל זיי זיינען געווען העלדן. — —

איך וואלט נאך לאנג אזוי געטראכט, נאר מיינע געדאנקען זיינען איבערגעריסן געווארן צוליבן געוויי פון וועלף, און עס מיר געקומען אויפן רעיון די געשיכטע פון א טויטן פארטיזאן, וועלכן מען האט די טעג געפונען אויף דעם זעלבן ארט, פון וואנען עס קומט דער געוויי. ער איז געלעגן א צעפרעסענער פון וועלף, נעבן אים זיין אויטאמאט מיט צוויי אויסגעשאסענע דיסקן און אביסל ווייטער פון אים — דריי געשאסענע

וועלף. דאָס האָט מיך מער עמפּינדלעך געמאַכט, ווי געוויינלעך, צו דעם געווזי פון די וועלף, וועלכע האָט זיך וואָס אַמאָל געהערט שטאַרקער און נענטער. ער איז שוין געוואָרן אַזוי דײַטלעך, אַז איך האָב געקענט אונטערשיידן לויט דער שטאַרקייט פון די שטימען דעם עלטער פון די וועלף. אַ גאַנצע סטאַדע זיינען זיי געווען — אַלטע יונגע און גאָר יונגיטשקע. איך האָב שוין געהערט דעם פּלעסק פון זייערע טריט אין זומפּ און איך האָב שוין געזען די באַוועגלעכע מאַסע פון דער ווײַט. איך האָב געוואָלט אויסשיסן, נאָר עס האָט מיך אָפּגעהאַלטן אַ וואָרענונג, וואָס איך האָב געהאַט געהערט פון אַ פּאַליעסער פּויער, אַז מען טאָר ניט שיסן אויף קיין סטאַדע וועלף, ווײַל די וואָס בלײַבן לעבן צווישן זיי לויפן לויטן געשמאַק פון פּולווער גלײַך אויפן שיסנדן. עס האָט אויך נישט קיין צוועק צו אַליאַרמירן די מענטשן פון לאַגער, ווײַל זיי זײַנען ווײַטער פון מיר ווי פון די וועלף. עס האָט מיך אויך אָפּגעהאַלטן פון טאָן דאָס, ווען איך האָבן זיך פאַרגעשטעלט ווי עס קומט צולויפן דער נאַטשאַלניק פון וואַך — די וועלף זײַנען גאָט צו דאַנקען אוועק — און ער זאָגט צו מיר מיט חוזק, „שטאָ טי באַבאַ אילי פּאַרטיזאַן”? (אַז איך בין נישט קיין פּאַרטיזאַן נאָר אַ באַבע). אָבער די וועלף האָבן נישט אָפּגענייגט פון זייער וועג, אויף וואָס איך האָב געהאָפט, נאָר זיי זיינען גלײַך געגאַנגען אויף מיר, און זייערע אויגן האָבן געלויכט ווי שטורקאַצן. איך האָב זיך אינסטינקטיוו צוריקגעצויגן אַ ביסל און פאַרשטעקט אונטער אַ קוסט, כאָטש איך האָב פאַרשטאַנען, אַז דאָס קען מיך נישט שיצן. נאָר ווען דער פירער פון דער סטאַדע איז שוין געווען האַרט נעבן דעם קאַנאַל, איז ער שטיין געבליבן אַ ווײַלע אַזוי ווי ער וואָלט זיך וועגן עפּעס פאַרטראַכט. דערנאָך האָט ער זיך אָוועקגעדרייט אין אַ זײַט און איז ווײַטער אוועק מיטן ברעג, און אַלע וועלף נאָך אים. זייערע געשטאַלטן האָבן זיך דײַטלעך אָפּגעשפּיגלט אין וואַסער פון קאַנאַל. פון דער זײַט ווו עס געפינט זיך דער לאַגער האָב איך געהערט ווי פאַרשלאָפענע פּיס טאָפּטשען אין זומפּ — דאָס גייט מען מיך פאַרבײַטן.

27 אַפּריל 1944. הײַנט זיינען בײַ אונדז דערשאָסן געוואָרן 3 שפּיאָנען. דאָס זיינען נישט געווען די איינציקע שפּיאָנען וואָס זייד

נען דערשאָסן געוואָרן פאַר דער קורצער צײַט פון מײַן זײַן אין גרוזאַ־דובאָווס בריגאַדע. אין פאַרלויף פון דער גאַנצער צײַט פון מײַן זײַן אין די פּאַרטיזאַנער, איז מיר נישט אויסגעקומען בײַצוווינען אַזוי פיל פאַלן פון דערשיסן שפּיאָנען, ווי דאָ. נאָך אין חודש מערץ, בעת איך בין אַמאָל צוריקגעגאַנגען פון בײַנאַכטיקן פּאַטראָל מיט אַ קאָלעגע, האָבן מיר ער־געץ אין אַ פאַרוואָרפן ווינקל, נישט ווײַט פון לאַגער, אָנגעטראָפן אויף טויטע קערפּערס, וועלכע האָבן אַרויסגעשטאַרטשעט פון אונטערן שניי, וועלכער האָט שוין דעמלט אָנגעהויבן צו צעגיין. אויף מײַן פאַרוואונדערונג פון וואַנען עס נעמט זיך דאָ אַזויפיל טויטע קערפּערס, האָט מײַן פּאַרט־נער מיר דערקלערט, אַז דאָס זײַנען דערשאָסענע שפּיאָנען. שטענדיק זיינען די אויפקלערונגען וועגן די וועלכע זיינען דערשאָסן געוואָרן — געווען איינע און די זעלבע — „געשיקט דורך די דײַטשן אין די פּאַרטי־זאַנער, נאָכן האָבן אַדורכגעמאַכט אַ שפּיאָן־שול צו דעם צוועק". איך האָב זיך שטאַרק געוואונדערט, וואָס דווקא אין דער צײַט, ווען די דײַטשע מפּלה איז שוין געווען אַזוי בולט און ווען מאַסן פון זייערע פריִערדיקע מיט־העלפער זיינען אַנטלאָפן פון זיי, איז אין גרוזאַדובאָווס בריגאַדע געווען אַ גערעטעניש אויף שפּיאָנען. געוויינלעך פלעגט דאָס אויספאָרשן שפּיאָ־נען נישט לאַנג דויערן. נאָר דאָס מאָל בײַ די 3, האָט די אויספאָרשונג געדויערט גאַנצע דרײַ טעג און מיר איז אויסגעקומען איינקע מאָל האַל־טן וואַך בײַ די אַרעסטירטע. דער אַרעסט האָט זיך געפונען אין אַ פאַר־לאָזטער זעמליאַנקע פון שפּיטאָל, וועלכע האָט זיך פריִער געפונען צו־זאַמען מיטן לאַגער. קיין טיר און פענצטער זײַנען שוין דאָרט נישט געווען און בײַ די אַרעסטירטע זיינען די הענט געבונדן געווען אויף הינטן. אויף בײַנאַכט האָט דער נאַטשאַלניק קאַראָולאַ יעדן פון זיי נאָך אַרומגעבונדן מיט אַ לאַנגן שטריק, וועלכן ער האָט צוגעפעסטיקט צו אַ בוים, וועלכער האָט זיך געפונען נעבן די פענצטער לעכער פון דער זעמליאַנקע.

איך פלעג זיצן בײַ דער עפענונג וווּ עס האָט געפעלט די טיר און איך האָב זיך באַמיט צו פאַרפירן אַ שמועס מיט די אַרעסטירטע, כדי עפּעס פון זיי געוואָרן ווערן. איינער איז פאַר מיר באַלד געוואָרן קלאָר. דאָס איז געווען אַ טעמפּער אומוויסנדער שגץ פון אַ יאָר 20. ער האָט

געקענט האָבן געדינט די דייטשן און האָבן אויף זיך חטאים, נאָר אויף אויסצופירן די אַרבעט פון אַ שפּיאָן אין שונאס לאַגער, וואָלטן זיי באַשטימט אים נישט אויסגעקליבן. מען האָט נישט געדאַרפט זיין קיין שערלאָק האָלמעס, כדי דאָס צו באַמערקן. די אַנדערע איז געווען אַ יונגע שיינע פרוי מיט אַ געוויינלעך נישט אינטערעסאַנטן אויסזען, וועלכע האָט אַפילו אין דער קלאָגעדיקער לאַגע זיך געהאַלטן קאָקעטיש. אין פאַרלויף פון די צוויי חדשים, וואָס זי האָט זיך געפונען אין אונדזער ברייגאַדע, האָט זי שוין באַוויזן צו זיין די געליבטע פון איניקע נאַטשאַלניקעס. זי האָט גערן אַ סך גערעדט און איך בין געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז זי האָט אוודאי געמוזט דינען די דייטשן פאַר אַ „מאַטראַץ", ווי מען פלעגט געוויינלעך זאָגן אין פּאַרטיזאַנער, נאָר פאַר קיין שפּיאָן האָט זי נישט אויסגעזען אין מיינע אויגן. מסרן פאַר די דייטשן, דינען זיי, — דאָס האָט יעדער געקענט, אָבער זיצן ביי די פּאַרטיזאַנער אַלס דייטשער שפּיאָן, צו דעם איז נישט יעדער געווען פּעיִק, און נישט יעדן וואָלטן די דייטשן אָנפאַרטרויט אַזאַ אַרבעט. דער דריטער אַרעסטירטער האָט יאָ באַזיצט די אייגנשאַפטן, וואָס פאָדערן זיך פאַר אַזאַ מין אַרבעט און דערפאַר האָט ער מיך אַמערסטן אינטערעסירט. דאָס איז געווען אַ הויכער שלאַנקער מאַן פון אַ יאָר 30 מיט אַ שפּיציק בערדל אַ לאַ לענין, מיט אַן אויסזען פון טיפּישן רוסישן אינטעליגענט. פון פאַך איז ער געווען אַ באַרג-אינזשעניער און האָט ביז דער מלחמה פאַרנומען אַן אָנגעזעענעם אַמט ביי די סאָוויעטן אַלס פאַך-ספּעציאַליסט. וועגן אים האָב איך געוווּסט, אַז ער איז געקומען אין די פּאַרטיזאַנער מיט 3 חדשים צוריק, צוזאַמען מיט נאָך 3 קאָלעגן. זיי האָבן דערציילט אַז זיי זיינען קריגס-געפאַנגענע, וועמען עס איז געלונגען צו אַנטלויפן פון אַ דייטשן לאַגער. אַלעמען האָט געוווּנדערט, וואָס מען האָט נישט געטשעפּעט די, וועלכע זיינען צוזאַמען מיט אים געקומען... לויט זייערע דערציילונגען, זיינען זיי אַלע פיר צוזאַמען אַריינגעפאַלן אין געפאַנגענשאַפט, צוזאַמען געווען אין לאַגער ביי די דייטשן און צוזאַמען פון דאָרטן אַנטלאָפן, אַזוי אַז עס איז נישט מעגלעך געווען, אַז איינער פון זיי זאָל זיין אַ דייטשער שפּיאָן און די אַנדערע זאָלן נישט האָבן געוווּסט וועגן דעם. וויפל איך האָב זיך נישט באַמיט, איז מיר נישט געלונגען צו באַוועגן

דעם אַרעסטירטן, אַז ער זאָל ריידן מיט מיר. בלויז איין מאָל איז מיר געלונגען צו פּראָוואָצירן אים, אַז ער זאָל ריידן אַ פּאָר געציילטע ווערטער, און דאָס אויך גאַנץ זייַטיקע, וועלכע האָבן נישט געהאַט קיין שייכות צו זייַן פּערזאָן. טייל מאָל פלעגט ער מיך בעטן, אַז איך זאָל אים פאַר־דעקן מיט היי, וועלכעס האָט זיך געפונען בייַ אונדז אין זעמליאַנקע. פאַרדעקן האָב איך געדאַרפט אינגאַנצן — דאָס פּנים אויך. איין מאָל, וועלנדיק אים פּראָוואָצירן צום ריידן, האָב איך אים געפרעגט, צי ער הייסט זיך פאַרדעקן דאָס פּנים, ווייַל ער וויל נישט זען די וועלט. דעמלט האָט ער מיר רויִק און זאַכלעך געענטפערט, אַז ער הייסט זיך פאַרדעקן דאָס פּנים דערפאַר, ווייַל אַזוי אַרום צעשפּרייט זיך נישט זייַן אָטעם איבערן רוים פון דער זעמליאַנקע, נאָר בלייַבט אונטערן היי און וואַרעמט אָן די לופט אַרום זייַן קערפּער. דאָס זיינען געווען די איינציקע פּאָר ווער־טער, וועלכע ער האָט אַרויסגערעדט דורך די גאַנצע 3 טעג צו עמעצן אין זעמליאַנקע. יעדן טאָג האָב איך אים געפירט אין בייַדל פון נאַ־טשאַלניק פאַר באַזונדערע ענינים. וואָס ער האָט דאָרט גערעדט, קען איך נישט וויסן, ווייַל איך בין געבליבן אין דרויסן. דאָך איז מיר געלונ־גען צו געפינען אַ שפּעלטעלע אויף אַרייַנצובליקן אין דעם סוד און אָנ־שטויסן זיך אויפן סוד פאַרוואָס מען האָט אים דערשאָסן. איך האָב זיך דערוווּסט, אַז בעתן אַרעסטירן אים, ווען דער נאַטשאַלניק פאַר באַזונ־דערע ענינים האָט אים געשלאָגן, האָט ער באַגלייט די קלעפּ מיט די ווערטער — „נאַ טעביע סטאַלין" (נאַדיר, סטאַלין). איך האָב זיך אויך דערוווּסט, אַז די סיבה פון זייַן אַרעסט איז געווען אַ טאָגבוך, וועלכן ער האָט געשריבן אין פּאַרטיזאַנער, ווו ער האָט זיך קריטיש אויסגעדריקט, אַז די נישט געבילדעטע זיינען קאָמאַנדירן און די געבילדעטע — נאָר געוויינלעכע פּאַרטיזאַנער, און ענלעכע זאַכן. נאָר דאָס ערגסטע איז גע־ווען וואָס ער האָט אין זייַן טאָגבוך דערמאָנט סטאַלינס נאָמען אָן סור־פּערלאַטיוון. דאָס אַליין איז געווען אַ גענוג גרויס פאַרברעכן...

דעם נאַטשאַלניק פאַר באַזונדערע ענינים האָבן דאָס רוב פּאַרטי־זאַנער פייַנט געהאַט. זיי פלעגן אים צווישן זיך רופן „ניעטשיסטאַ סי־לאַ" (נישט־ריינער כח). נאָר אַלע האָבן פאַר אים מורא געהאַט און זיי־נען אים געגאַנגען אויסן וועג. איין מאָל האָב איך בייַגעוווינט, ווען אַ

פּאַרטיזאַן האָט געוואָגט זיך אים אַנטקעגן צו שטעלן און אפילו אַריינ־זאָגן. דאָס איז געווען דער דיאַדיאַ וואַסיאַ. ער איז געווען די פּאָפּולער־סטע פּערזאָן ביי אונדז אין בריגאַדע און ער האָט געהאַט אַ סך פּאַרע־רער צווישן די פּאַרטיזאַנער. ווען איך האָב אים דאָס ערשטע מאָל דער־זען באַלד נאָך מיין אָנקומען צו די גרוזאַדובאָווצעס און איך האָב זיך געפרעגט מיינע קאָלעגן ווער דאָס איז, האָבן זיי אָנגעקוקט פאַרווונ־דערט... „דעם דיאַדיאַ וואַסיאַ קענסטו נישט?” דאָס איז געווען אויף אַ פאַרזאַמלונג, ווו דער שטאַב־נאַטשאַלניק פון בריגאַדע האָט פאַר אונדז גערעדט וועגן די טעגלעכע געשעענישן פון לעבן אין לאַגער. אַלע פאַר־זאַמלטע זיינען אויפגעבראַכט געווען צוליב אַ מיאוסער מעשה מיט זאַלץ, וועלכע די נאַטשאַלסטווע האָט געפּטרט אויף סאַמאָגאָן. מיט זאַלץ איז אין די פאַרטיזאַנער־זאָנעס געווען זייער שווער, ווייל די באַפעלקע־רונג האָט דאָס נישט פאַרמאָגט. זאַלץ האָט מען געמוזט דעראָבערן ביי די דייטשן. דאָס איז טאַקע געטאָן געוואָרן דורך אַן אָנגריף פון אַלע פאַר־טיזאַנער פון דער בריגאַדע אויף אַ דייטשן גאַרניזאָן. דער אָנגריף איז, פאַרשטייט זיך, אונטערגענומען געוואָרן צוליב אַנדערע צילן, אָבער ביי דער געלעגנהייט זיינען אין שטעטל, ווו מען האָט צעקלאַפּט די דייטשן, דעראָבערט געוואָרן אַ סך טראָפּעען און צווישן אַנדערן אויך אַ גרויסער סכום זאַלץ, אונדזער אָטריאַד האָט פון דעם זאַלץ באַקומען 25 פוד. דאָס האָט געדאַרפט גענוגענען פאַר אונדז אויף אַ האַלב יאָר, אָבער נאָך 5 וואָכן איז שוין נישט געווען קיין סימן פונעם זאַלץ. אַלע האָבן געוווסט, אַז דער קאָמאַנדיר פון דער ווירטשאַפט־אָפּטיילונג מאַלאַשאַק, האָט אוועקגעפירט דאָס זאַלץ אין דאָרף אַריין און האָט עס אויסגעטוישט אויף סאמאגאן. דער עולם האָט זיך געבונטעוועט שטילערהייט און גע־רעדט צווישן זיך — „מיר האָבן די קעפּ אונטערגעשטעלט, ביי די דייטשן צוגענומען און דער סוואָלאָטש פאַרטאַכלעוועט עס אויף סאמאגאן און מיר עסן אָן זאַלץ”. נאַטשאַלסטווע האָט זיך שטאַרק באַמיט צו פאַר־גלעטן דעם ענין, צוליב דעם, וואָס דער נאַטשאַלניק פון בריגאַדע, אַליין אַ באַקאַנטער שכור, האָט געהאַט אַ גרויסן חלק אין דעם עסק. ווען דער שטאַב־נאַטשאַלניק האָט געהאַט געענדיקט זיין רעדע האָט ער זיך גע־וואָנדן צו די פאַרזאַמלטע מיט דער פראַגע — „איך בין גערעכט, אָדער

נישט?" דער עולם איז שטיל געבליבן. קיינער האָט נישט געוואַגט צו עפענען דאָס מויל. ער האָט נאָך איין מאָל איבערגעחזרט די פראַגע. ענדלעך האָט זיך עמעצער אָפגערופן — „פראַווילנאַ, טאָוואַרישטש נאַטשאַלניק שטאַבאַ, נאָר נישט אינגאַנצן. בלויז אויף 99 מיט אַ האַלבן פראָצענט", האָט ער צוגעגעבן מיט איראָניע. צווישן עולם איז געוואָרן אַן אויפלעבונג און דער נאַטשאַלניק פון שטאַב האָט שנעל פאַרענדיקט די פאַרזאַמלונג. דאָס איז געווען דיאַדיאַ וואַסיאַ. קיין שום אַנדערער פאַרטיזאַן וואָלט זיך אויף דעם נישט דערלויבט. ווען די מלחמה איז אויסגעבראָכן איז ער צוליב דער אַמנעסטיע באַפרײַט געוואָרן פון תפיסה, ווו ער האָט געדאַרפט זיצן 5 יאָר פאַר קרימינעלע חטאים. ער איז געווען אַ העלדישער פאַרטיזאַן און אַ גוטער קאַמפס־חבר. איינמאָל נאָך אַ שלאַכט, ווען ער אַליין איז געווען אין אַ גרויסער געפאַר, זייענדיק פאַרפאָלגט דורך די דײַטשן, האָט ער פונדעסטוועגן געטראָגן אויף זיך 6 קילאָמעטער דורך אַ זומפיקן וועג, אַ פאַרוווּנדעטן חבר.

דער צוזאַמענשטויס צווישן אים און דעם נאַטשאַלניק פאַר באַזונדערע ענינים איז פאָרגעקומען צוליב דעם, וואָס ער האָט געזונגען אַ לידל פון קרימינעלן רעפערטואַר פאַר אַ גרופע פאַרזאַמלטע פאַרטיזאַנער און יענער האָט אים געוואָלט שטערן אין דעם. דער ענין האָט אָנגעהויבן ווערן ערנסט. דער דיאַדיאַ וואַסיאַ האָט מיט אַ פויסט פאַרן פנים געדראָט דעם נאַטשאַלניק פאַר באַזונדערע ענינים מיט די ווערטער „איך וועל דיר פאַרמאַכן דײַן קרעמל". עס זיינען אָבער באַלד געקומען צו לויפן דער שטאַב־נאַטשאַלניק פון דער בריגאַדע און דער קאָמאַנדיר פון דיאַדיאַ וואַסיאַס אָטריאַד, מאַטראָסאָוו, און דער סקאַנדאַל איז אײַנגעשטילט געוואָרן. אַן אַנדערן וואָלט עס זיכער גלאַטיק נישט אַראָפ, אָבער דיאַדיאַ וואַסיאַ האָט געהאַט צו גרויסע פאַרדינסטן אַלס פאַרטיזאַן און צופיל פרײַנט צווישן די פאַרטיזאַנער. מיר איז אויסגעקומען אָנצוטרעפן זיך אויף אַ גרויסער צאָל מענטשן מיט אַ קרימינעלער פאַרגאַנגענהייט צווישן די פאַרטיזאַנער. אין כלל גענומען זיינען זיי אַלע געווען אויסגעצייכנטע פאַרטיזאַנער נאָר עס האָבן זיך צווישן זיי אויך געפונען אַזעלכע, וועלכע האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט נישט דורכשניטלעכער העלדישקייט און געוואַגטקייט. אין די בריאַנסקער וועלדער האָט זיך געפונען

א פּאַרטיזאַנער אָטריאַד מיטן נאָמען „האַפּסאַסמיקום" (לויטן פּסעוודאָנים פון א לעגענדאַרן רוסישן אונטערוועלט־העלד), וועלכער איז באַשטאַנען פון בלויז קרימינעלע און איז דורך זיי אליין אָרגאַניזירט געוואָרן. כדי צו קענען ווערן אָנגענומען אין דעם דאָזיקן אָטריאַד, האָט מען געדאַרפט האָבן א סטאַזש פון מינימום 5 יאָר תפיסה. וועגן „האַפּסאַסמיקום"־אָטריאַד האָב איך געהערט א סך וווּנדערבאַרע געשיכטעס פון פּאַרטיזאַנער, וועלכע זיינען געווען מיט זיי צוזאַמען. די דערציילער זיינען אליין אויך געווען נישט קיין דורכשניטלעכע העלדן, נאָר צו יענע האָבן זיי זיך נישט געפּרוווט פאַרגלייכן. פאַר א ביישפּיל א קורצע געשיכטע וואָס איינער האָט וועגן זיי דערציילט:

„מיר זיינען געווען 25 פּערזאָן גוט באַוואָפנט מיט אויטאָמאַטן, האַנט־גראַנאַטן און 2 לייכטע מאַשין־געווערן. מיר האָבן געהאַט אָפּגעווייכט פון אונדזער וועג, ווייל אין דאָרף דורך וועלכן מיר האָבן באַדאַרפט אַדורכגיין אויפן וועגן צו אונדזער ציל, זיינען אָנגעפאָרן א גרויסע צאָל דייטשן אויף פורן. גייענדיק האָבן מיר אָנגעטראָפן אויף א גרופּע פון 15 „האַפּסאַסמיקומצעס" און מיר האָבן זיי געוואָרנט פאַר די דייטשן. אָבער יענע האָבן אונדז אויסגעפרעגט פון וועלכער זייט זיי זיינען געקומען און מיט וואָס פאַרא געווער זיי זיינען באַוואָפנט, און זיי זיינען אַוועק אין דער ריכטונג פון דאָרף. מיר זיינען דערווייל אַריין אין א כוטאָר, כדי איבערצוּוואַרטן ביז די דייטשן וועלן פאַרלאָזן דאָס דאָרף־דעמלט וועלן מיר קענען אַוועק דאָרטן, ווו מיר האָבן געדאַרפט. קיינעם פון אונדז איז נישט איינגעפאַלן, אז די „האַפּסאַסמיקומצעס" זיינען טאַקע אויף אזוי פיל משוגע, אז זיי וועלן גיין אונטערשטעלן זייערע קעפּ אונטער די קוילן פון די דייטשע מאַשין־געווערן. פאַרטאָג ווען א טייל פון אונדז איז געשמאַק געשלאָפן אין כוטאָר און די אַנדערע אין שייער, זיינען מיר אויפגעוועקט געוואָרן דורך איינעם פון אונדזער פּאַטראָל, וועלכער האָט געמאָלדן, אז די דייטשן דערנענטערן זיך אַהער. אונדז האָט פאַרדראָסן אויף דער חוצפה פון די דייטשן, וואָס זיינען שוין אזוי פאַרשייט, אז זיי וואָגן צו פאָרן דורך א זייטיקן וואַלדוועג, ווו עס באַוועגן זיך כסדר פּאַרטיזאַנער. דאָס מאָל האָבן מיר באַשטימט דאַרפן מיר זיי אָנלערנען, און מיר זיינען שנעל געווען אונטערן געווער. מיר האָבן

זיך אײַנגעאָרדנט אונטער געדיכטע קוסטעס, האַרט נעבן וועג. אונדזערע מאַשין־געווערן זײַנען געווען אָנגעשטעלט גרייט צום שיסן און מיר האָבן געוואַרט. די פורן זײַנען שוין צוגעקומען גאַנץ נאָענט צו אונדז, נאָר מיר וואַרטן נאָך. מיר האָבן זיי געוואָלט דורכלאָזן ווײַטער, כדי די הינטערשטע זאָלן נישט האָבן קיין וועג אויף צוריק. אין דעם הערן מיר גאָר ריידן רוסיש. די טײַוולאָנים — די „האַפּסאַסמיקומצעס" — זײַנען דאָ. קיין איינער פון זיי האָט נישט געפעלט און אַלע זײַנען זיי גאַנץ און פרייליך. דײַטשן זײַנען אויך געווען מיט זיי 16 שטיק, געבונדענע זײַנען זיי געלעגן אויף די פורן. בײַם געזעגענען זיך האָבן די „האַפּסאַסמיקומצעס" אונדז אָנגעזאָגט, אַז אויב מיר וועלן טרעפן אויפן וועג פּאַרטיזאַנער, וועלכע נויטיקן זיך אין געווער, זאָל מען זיי אָפּשיקן צו זיי, ווײַל זיי (די „האַפּסאַסמיקומצעס") האָבן שוין איצט איבערגענוג פון דעם מין."

ווען דעם, אַז די קרימינעלע זײַנען גאָר גוטע פּאַרטיזאַנער האָט מען אויך געוווּסט אין מאָסקווע, ווײַל צווישן די דעסאַנטן וועלכע זײַנען געשיקט געוואָרן פון דאָרט — זײַנען געווען אַ סך פון זיי. די גרויסע צאָל קרימינעלע אין פּאַרטיזאַנער, דערקלערט זיך, לויט דער מיינונג, דערמיט, וואָס זיי, די קרימינעלע, זײַנען מער ווי אַנדערע קריגס־געפאַנגענע אַנטלאָפן פון די דײַטשן און זײַנען געקומען אין וואַלד. זיי וועלכע זײַנען געוואָגט צו ברעכן די אײַזערנע געזעצן פון אייגענעם לאַנד, האָבן זיך אויך פון די דײַטשן נישט געלאָזט אָפּשרעקן. בכלל האָט די רוסישע אונטערוועלט געשפּילט אַ גרויסע ראָל אין דער מלחמה און זי האָט אַ גרויסן חלק אין זיג פון דער רויטער אַרמיי איבער די דײַטשן.

ווען איך האָב געפּרוווּט פאַרגלײַכן די ראָלן, וואָס עס האָבן געשפּילט די רוסישע אונטערוועלט פאַר זייער לאַנד און פאָלק אין דער מלחמה און די יידישע אונטערוועלט, בין איך געקומען צו טרויעריקע אויספירן. אַ יידיש פאָלקסווערטל זאָגט: „אַפילו צו אַ קרענק דאַרף מען האָבן אַ געלענק" און איך האָב געטראַכט, אַז אַפילו אויף צו האָבן אַ לײַטישע אונטערוועלט דאַרף מען האָבן מזל... נישט יעדעם פאָלק איז געבענטשט מיט דעם. די רוסישע געזעלשאַפט האָט אויך אויסצושטיין געהאַט צרות פון איר אונטערוועלט, אָבער די רוסישע אונטערוועלטניקעס

זיינען נישט קיין שטארקע איבער שוואכע — דאָס זיינען אמתע בונ־
טאָרן, וועלכע האָבן פאַר קיינעם און פאַר גאָרנישט נישט קיין מורא
און זיי זיינען פּאַטריאָטן פון זייער לאַנד.

26 מאַי 1944. היינט האָט מען אין לאַגער געבראַכט די
טויטע קערפּערס פון יאַנקל פּרעס און נאָך 2 פּאַרטיזאַנער פון אונדזער
בריגאַדע. ביים צעשטערן די באַן־סיגנאַליזאַציע זיינען זיי אויפגעריסן
געוואָרן פון א דייטשער מינע. יאַנקל פּרעס, א יונגער בחור פון סטאָלפּ־
צע איז געווען אַן אויסגעצייכנטער פּאַרטיזאַן, א געווישנהאַפטער מענטש
און א גוטער חבר.

3 יוני 1944. לעצטנס האָבן זיך געשטאַרקט די אַנטיסע־
מיטישע שטימונגען צווישן די פּאַרטיזאַנער פון אונדזער בריגאַדע און
עס זיינען אָפט פאָרגעקומען אינצידענטן, וואָס האָבן געטראָגן אַן אַנטי־
סעמיטישן כאַראַקטער. אַט צום ביישפּיל: א יידישער פּאַרטיזאַן האָט זיך
געאַמפּערט וועגן עפּעס א קלייניקייט מיט א נישט יידישן קאָלעגע, וועל־
כער איז געווען א קאָמסאָמאָלעץ, האָט יענער צו אים געזאָגט: „א שאָד,
וואָס איך בין נישט געווען קיין פּאָליציאַנט, איך וואָלט קיין איינעם פון
אייך נישט געלאָזט לעבן". עס זיינען אויך געווען פאַלן פון אָנווענדן
ספּעציעלע שיקאַנעס לגבי יידישע פּאַרטיזאַנער דורך די קאָמאַנדירן.
היינט איז צוליב דעם געמאַכט געוואָרן א „פּאַסטראָיעניע" פון אַלע אָט־
ריאַדן פון אונדזער בריגאַדע און דער קאָמיסאַר פון דער בריגאַדע רו־
מיענצאָוו, האָט געהאַלטן א רעדע קעגן אַנטיסעמיטיזם. צום ערשט האָט
ער געלייענט דעם לעצטן באַריכט פון די פראָנטן און אָנבינדנדיק צו דעם
האָט ער צווישן אַנדערע געזאָגט: „די דייטשן האָבן שוין פאַרלוירן די
האָפענונג צו קענען אונדז באַזיגן אין אָפענעם קאַמף, דערפאַר ווענדן
זיי קעגן אונדז אַן דיווערסיע. איינע פון די גרעסטע דיווערסיע־מיטלען
ביי זיי איז אַנטיסעמיטיזם. דערפאַר געדענקט גוט, אַז ווער עס פאַר־
נעמט זיך מיט פאַרשפּרייטן אַנטיסעמיטיזם אין אונדזערע רייען, פירט
דערמיט אויס דיווערסיע־אַרבעט פאַר די דייטשן און ער איז א פאַררע־
טער פון אונדזער פאָטערלאַנד".

16 יוני 1944. אויספירנדיק אַ שליחות פֿאַרן שטאַב פֿון אונדזער בריגאַדע, איז מיר היינט אויסגעקומען צו פֿאַרברענגען אייניקע שעה אין בירגער־לאַגער און צוקוקן זיך פֿון דער נאָענט צום דאָרטיקן לעבן. דער בירגער־לאַגער האָט אָפֿיציעל געדאַרפֿט באַזאָרגט ווערן מיט פּראָדוקטן דורך אונדזער בריגאַדע, אָבער באַקומען האָט ער זייער ווייניק, דערפֿאַר האָט זיך יודל ווישניער, וועלכער האָט דערליידיקט די ענינים צווישן בירגער־לאַגער און דער בריגאַדע, שטענדיק באַמיט זיך צו באַקומען אַ דערלויבעניש פֿאַרן לאַגער צו מעגן זיך אַליין באַזאָרגן מיט פּראָדוקטן. יודל ווישניער, כאָטש שוין אַ מענטש אין די יאָרן, איז געווען אַן אויסגעצייכנטער פּאַרטיזאַן און האָט געבראַכט אַ סך נוצן דעם בירגער־לאַגער. בכלל האָבן די מענטשן פֿון בירגער־לאַגער נישט געגעסן בחינם. דער גרעסטער טייל פֿון זיי האָט שווער געאַרבעט און דערמיט נוצלעך געווען פֿאַר די אַרומיקע פּאַרטיזאַנער. אין בירגער־לאַגער האָט זיך געפֿונען אַ גאַרבערײַ פֿון לעדער, אַ בעקערײַ, ווי אויך אַ שנײַדער־ און שוסטער־וואַרשטאַט. מען האָט דאָרט אויך געמאַכט וווּרשט פֿאַר מאַנכע פּאַרטיזאַנער־אָטריאַדן. דאָס עסן אין בירגער־לאַגער איז געווען ראַציאָנירט, לויט דער נאָרמע, וואָס עס האָט באַקומען די ציוויל־באַפֿעלקערונג אין סאָוויעט־רוסלאַנד (אין די פּאַרטיזאַנער אָטריאַדן זײַנען נישט געווען קיין שום באַגרענעצונגען). אויפֿן באַפֿעל פֿון מיקולסקין איז געמאַכט געוואָרן אַ באַזונדערע קיך פֿאַר די פֿאַמיליעס פֿון די פּאַרטיזאַנער, וועלכע האָבן זיך געפֿונען בײַ אים אין גרופּע. זיי האָבן באַקומען העכערע ראַציעס און בעסער עסן. פֿון דער זעלבער פּריווילעגיע האָבן אויך גענאָסן אַלע מאַכערס פֿון לאַגער. די דאָזיקע צעטיילונג פֿון בירגער־לאַגער אויף צוויי קאַטעגאָריעס מענטשן איז שוין אַליין פֿאַר זיך געווען מיאוס און דעמאָראַליזירנד, נאָר דאָס ערגסטע דערפֿון איז געווען דאָס, וואָס אונטער דער נידעריקער קאַטעגאָריע, וואָס דאַרפֿן ווערן ערגער דערנערט, זײַנען אַרונטערגעפֿאַלן כמעט אַלע קינדער. בלויז איין פּערזאָן האָט זיך געפֿונען, וואָס האָט געוואַגט צו פּראָטעסטירן קעגן דעם סקאַנדאַל און זי איז דערפֿאַר אַרויסגעשיקט געוואָרן פֿון בירגער־לאַגער. דאָס איז געווען ראָזאַ באַנדעראָווסקאַ, איינע פֿון די זעלטנסטע פֿרויען, וואָס עס איז מיר אויסגעקומען צו טרעפֿן אין וואַלד. זי האָט

געהאַט אַ טאָפּלט רעכט צו געניסן פון דער בעסערער קיך, איינמאָל ווי די פרוי פון פיליפּ פּינטשיינסקי, וועלכער איז געווען אַ פּולאָמיאַטשיק אין מיקולסקיס גרופּע און דאָס צווייטע מאָל ווי דער קאָמאַנדיר איבער די פרויען אין לאַגער. נאָר זי האָט שטענדיק געטיילט איר עסן מיט די קינדער. אין די פּאַרטיזאַנער איז זי באַקאַנט געווען אַלס ראָזאַ די „באַיע־וואַיאַ" (קאַמפּס־פּעוּקע) און זי האָט זיך טאַקע געקענט אויסגלײַכן מיט די בעסטע מענער־פּאַרטיזאַנער, מיט איר געוואַגטקייט, אויסגעהאַלטנקייט און פּיזישן כח. נאָר מיט איין זאַך האָט זי אַלעמען איבערגעשטיגן — מיט איר ניִשט־דורכשניטלעכער הויכער געזעלשאַפטלעכער מאָראַל. ראָזאַ באַנדעראָווסקאַ און פיליפּ פּינטשיינסקי זיינען ביידע פון סלאָנים. איך ווייס ניִשט צו דאָס איז בלויז אַ צופאַל, נאָר וויפל סלאָנימער יידן מיר איז אויסגעקומען צו טרעפן אין וואַלד, זיינען זיי אַלע געווען אויסגעצייכנטע פּאַרטיזאַנער. מיט אַ קורצער צײַט צוריק האָב איך באַגעגנט אַ גרופּע פון 12 פּאַרטיזאַנער, וועלכע זיינען געגאַנגען אין אַ וויכטיקער שליחות פאַר זייער אָטריאַד. צווישן זיי איז געווען בלויז איין ייִד, וועלכער איז געווען דער קאָמאַנדיר פון דער גרופּע און עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער איז פון סלאָנים. ער האָט מיר געזאָגט, אַז ער מיט נאָך 40 יידן פון זײַן שטאָט געהערן צום באַרימטן אָטריאַד פון קאָמאַנדיר בולאַק, וועלכער אָפּערירט צווישן די טײַכן שטשאַראַ און ניעמאַן, ביז מיט אַ צײַט צוריק האָבן זיי געבילדעט אַ באַזונדערן וואָוואָד, וועלכער איז געווען דער בעסטער אין גאַנצן אָטריאַד. שפּעטער האָט מען זיי צעטיילט צווישן די אַנדערע וואָוואָדן און דאָס רוב פון זיי זיינען געוואָרן קאָמאַנדירן. אין בירגער־לאַגער האָט זיך ווײַטער געפונען דעם קאָמאַנדירס טעכטערל, וועלכע איז ביז איצט געווען אין מיקולסקיס גרופּע. זי איז פון דאָרטן באַזײַטיקט געוואָרן צוליב די זינד פון איר פאָטער. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער איז ניִשט בלויז געווען אַ לערער אונטער דער דײַטשער אָקופּאַציע, נאָר ער איז אויך געווען אַ מיטגליד פון דער ווײַס־רוסישער נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. איצט איז פאַר מיר פאַרשטענדלעך געוואָרן זײַן אויפפירונג און די באַציִונג פון זײַן טאָכטער צו אים...

19 יוני 1944. היינט האבן דייטשע עראפלאנען פאר־ניכטעט דאס דארף טוכאוויטש. שוין א לענגערע צייט, ווי דאס דארף איז באזעצט דורך א טייל פון אונדזער אטריאד. מיט איניקע טעג צוריק בין איך אהער געקומען און געבראכט אויפרייס־מאטעריאל פון לאגער אויף צו מאכן מינעס. מיר זיינען דא איינקווארטירט געווארן אין פויע־רישע כאטעס, און מיר זיינען געווען זייער היימיש און צוזאמענגעלעבט מיט דער באפעלקערונג. אין די פארנאכטן האט מען צוזאמען פארבראכט אין דרויסן. די יונגע האבן געשפילט אויף הארמאשקעס, געטאנצט און געפלירטעוועט מיט די דארפישע מיידלעך און די עלטערע זיינען געזעסן פאר די כאטעס, געדרייט פאפיראסלעך מיט פארטיזאנער און גערעדט וועגן פאליטיק און מלחמה.

די באפעלקערונג איז דא געווען אונטערן שוץ פון די פארטיזאנער און איז מיט זיי געווען פארבונדן אויף לעבן און טויט. נעכטן זיינען צוויי דייטשע עראפלאנען, וועלכע האבן זיך דערלויבט צו פליען נידע־ריק, אראפגעשאסן געווארן דורך די פארטיזאנער פון אונדזער אטריאד. פאר דער דארפישער באפעלקערונג און אויך פאר אונדז פארטיזאנער, איז דאס געווען א גרויסע אטראקציע. ביז שפעט אין אוונט האט זיך דער עולם געזאמלט אויף דעם ארט, וווּ עס זיינען געלעגן די עראַ־פלאנען מיט די צעשעדיקטע פליגל טיף איינגעגראבן אין דער זומפיקער ערד. אויך היינט אינדערפרי איז דארטן געווען פול מיט מענטשן. יעדער האט הנאה געהאט א שטויס צו געבן מיטן פוס די אוממעכטיקע פגרים מיט די האקנקרייץ־צייכנס. דאס איז געווען א שטיקל פארגיטיקונג פאר דער שרעק, וועלכע זיי האבן אונדז פארשאפט, בעת זיי פלעגן זיך חוצ־פהדיק און פארשייט טראגן איבער אונדזערע קעפ. טייל זיינען ארייַן אין די עראפלאנען און האבן גענישטערט אין זייערע אינעווייניגן, באַ־טראכט די מאשינעריע, אנגעשעפט בענזין אין די רעזערוואטארן.

מיטאמאל האט עמעצער א זאג געטאן: — „עראפלאנען! דייַ־טשע עראפלאנען קומען אן!" און דער עולם איז זיך צעלאפן. צוערשט איז געקומען צו פליען איינער, וועלכער האט געמאכט עטלעכע קרייזן איבערן דארף און איז אוועק. באלד איז ער צוריקגעקומען מיט נאך איניקע עראפלאנען און זיי האבן באווארפן דאס דארף מיט א האגל

פון אויפרײַס־ און צינד־באָמבעס. דאָס האָבן זיי איבערגעחזרט אַזוי לאַנג, ביז אַלע דאָרפֿישע געבײַדעס זײַנען חרוב געוואָרן.

איין דײַטשן פליער פון די אַראָפּגעקלאַפּטע עראָפּלאַנען איז גע־לונגען זיך צו ראַטעווען און נעלם ווערן, און הײַנט איז ער געקומען מיט זײַנע חברים, כדי זיך נוקם צו זײַן פאַר דער נעכטיקער חרפה.

אין אָוונט האָבן מיר זיך ווידער פאַרזאַמלט אין דאָרף צוזאַמען מיט דער באַפעלקערונג. פון אונדזערע בשותפותדיקע וווינונגען זײַנען געבליבן בלויז שטאַרצנדע קוימענס, אויף וועמענס שפּיצן עס ז$נען געשטאַנען די „פּולאָמיאָטשיקעס" (אַזוי האָבן מיר גערופן די בושלען, וועלכע האָבן פריער געהאַט זייערע נעסטן אויף די דעכער פון די פּויער־שע הײַזער), און ווען זיי האָבן געוואָלט רופן זייערע קליינע, האָבן זיי געקלאַפּט מיט די שנאָבלען אין די דעכער, אימיטירנדיק שיסנדיק מאַ־שין־געווער. איצט האָבן זיי נישט געוואָלט אָפּטרעטן פון די ערטער, וווּ עס זענען חרוב געוואָרן זייערע נעסטן.

די דאָרפישע באַפעלקערונג איז נישט אַרײַנגעפאַלן אין יאוש, וואָס די דײַטשן האָבן חרוב געמאַכט זייערע היימען — „אַז די סאָוויעטישע מאַכט וועט קומען — האָבן זיי געזאָגט — וועט מען אויפשטעלן בעסערע און שענערע". איבעריקנס זײַנען זיי געווען געהעריק צוגעגרייט צו דעם, וואָס עס איז געשען. די בעסערע זאַכן פון זייער האָב און גוטס האָבן זיי שוין פון פריער געהאַט באַגראָבן אין דער ערד. קאָרן און קאַרטאָפל האָבן זיי אויך געהאַט פאַרגראָבן און פרישע שפּײַז האָט זיך שוין געצײַטיקט אויף די פעלדער. די בהמות, פערד און הינער האָבן זיי געטריבן אין וואַלד אַרײַן, בעת עס האָבן זיך באַוויזן די דײַטשע עראָפּלאַנען. די העק, זעגן און לאָפּעטעס האָבן זיי גענומען מיט זיך און דערמיט זיך אויסגעבויט אין וואַלד זעמליאַנקעס. דאָס האָט מיר געוויזן באַשיינפערלעך דעם גרויסן איבערגעוויכט פון דאָרפישן מענטש איבערן שטאָטישן, וועלכער איז געוויינלעך אומבאַהאָלפן און אויסזיכט־לאָז אין אַזעלכע פאַלן. איך האָב זיך אויך איבערצײַגט דערין, ווי שווער עס איז אויסצוּוואָרצלען דעם דאָרפישן מענטש פון זײַן היים און ערד.

22 יוני 1944. הײַנט איז דריטן יאָרטאָג פון דעם דײַטשן

אַנפאַל אויף די סאָוויעטן, האָט זיך אָנגעהויבן די גרויסע אָפענסיווע פון דער רויטער אַרמיי אויפן ווײַסרוסישן פראָנט. צוליב דעם זיינען נעכטן ביינאַכט צעשטערט געוואָרן דורך די פּאַרטיזאַנער אויף הונדער־טער קילאָמעטער די דײַטשע באַן־ליניעס. דאָס מאָל איז דאָס נישט געמאַן געוואָרן ווי געוויינלעך, דורך אַ שטילן אונטערגנבענען זיך, נישט באַמערקטערהייט פאַר די דײַטשע וואַכן, דורך איינצלנע געוואַגטע פּאַר־טיזאַנער, נאָר אָפן און „נאַכאַלנע". צענדליקער טויזנטער פּאַרטיזאַנער פון במעט אַלע ווײַסרוסישע פּאַרטיזאַנער־אָטריאַדן האָבן זיך באַטייליקט אין דער דאָזיקער אַרבעט. איך בין געווען צוזאַמען מיט אַ גרויסער גרופּע פון מײַן אָטריאַד, ווען מיר זיינען אין אָוונט, נאָכדעם ווי מיר זיינען לאַנג געגאַנגען דורך וואַלד און זומפּ, אָנגעקומען נאָענט פון באַן־וועג וועלכער איז געלעגן הויך איבער אונדזערע קעפּ. ביי יעדן איינעם אין רוקזאַק האָבן זיך געפונען צו דרײַ מינעס, וועלכע מיר האָבן באַקומען פאַרן אַרויסמאַרש פון טוכאָוויטש. עס איז נאָך געווען צו פרי און מיר האָבן שטיל געוואַרט, ווײַל די אַקציע האָט זיך באַדאַרפט אָנהייבן מיט איין מאָל און צו דער באַשטימטער צײַט, צוזאַמען פון אַלע פּאַרטיזאַנער־אָטריאַדן. איך האָב זיך אײַנגעקוקט מיט בענקעניש און האַרצקלאַפּעניש אין די באַן־רעלסן, וועלכע האָבן זיך געצויגן ווײַט־ווײַט אַוועק צו דער גרויסער וועלט, פון וועלכער איך בין אָפּגעריסן געוואָרן. די בלישטשענ־דיקע פײַערלעך פון דער ווײַטנס און דער געקרויש פון די סיגנאַליזאַציע דראָטן האָט מיך דערמאָנט אין שטעט מיט העל־באַלויכטענע, אַספאַל־טירטע גאַסן, ווו עס זיינען געבליבן נאָענטע געליבטע מענטשן און דאָס אייגענע נישט אויסגעלעבטע לעבן.

עס האָט אין מיר געפלאַצט דער דינער פּאַנצער פון אינערלעכער אָפּגעצמפּטקייט און איך בין אויפגעטרייסלט געוואָרן פון ווייטיק און פאַרדרוס. איך בין געוואָרן אומגעדולדיק און פול מיט בונט און איך האָבן זיך געוווּנטשן, אַז עס זאָל וואָס שנעלער קומען דער באַפעל אַרויפצוגיין צום באַן־וועג, כדי צו העלפן שטורמען די בעסטיע, וועלכע האַלט פאַרצוימט פאַר אונדז דעם וועג צו דער וועלט.

אויף יעדן קילאָמעטער באַן־וועג האָבן זיך געפונען שטאַרק באַ־

וואָפנטע דײַטשע אָפּטיילונגען פּאַרפּעסטיקטע אין דאָטן *). צווישן איין דאָט און דעם צווייטן, האָבן שטענדיק פּאַטרולירט באַן־פּאָליציי און אָפּטמאָל אויך געפּאַנצערטע צוגן. פון ביידע זײַטן, ווו עס האָבן זיך געפּטנען זייערע דאָטן, זײַנען אַוועקגעשטעלט געוואָרן אונדזערע מאַשין געווער־ גרופּן, וועמענס אויפגאַבע עס איז געווען צו האַלטן זיי פון דער ווײַטן, בעת די איבעריקע וועלן אונטערלייגן מינעס. איך בין געגאַנגען צוזאַמען מיט מיין ווזוואָד דורכן קאָרן, וועלכעס איז שוין געווען הויך צעוואַקסן און האָט זיך געצויגן האַרט ביים באַן־וועג. אין אָנהויב איז גאַנץ שטיל געווען, נאָר נעבן די סיגנאַליזאַציע־דראָטן איז איינער אַרויף אַ מינע, דורך וועלכער ער איז שווער פאַרוווּנדעט געוואָרן.

גלײַך נאָכן אויפרײַס האָט זיך אָנגעהויבן אַ גוואַלטיקע שיסערײַ אין אונדזער זײַט. עס איז געוואָרן אַ שטיקל מהומה, און מאַנכע פּאַר־טיזאַנער האָבן זיך אָנגעהויבן צוריקצוציען. נאָר אַ יונגער גרוזין פון אונדזער גרופּע, האָט זיך געגעבן אַ ריס אויף פאָרויס מיט דעם אויס־געשריי: „קאָמסמאָלצעס, נאָך מיר!” — און דער עולם האָט זיך באַלד באַהערשט און נאָכגעטאָן זײַן בײַשפּיל.

איך בין געלעגן אויסגעצויגן, דעם קאָפּ שטאַרק צוגעקוועטשט צו דער ערד, כדי זיך צו שיצן פאַר די פליענדע קוילן, און מיט די הענט האָב איך צוגעפּעסטיקט די מינע האַרט צו די רעלסן מיט זאַמד און מיט זשוויר. עס איז מיר גאָרנישט נישט אָנגעגאַנגען וואָס עס טוט זיך אַרום מיר און איך האָב וועגן גאָרנישט נישט געטראַכט. איך בין פאַרנומען געווען בלויז מיט דעם, וואָס בעסער און וואָס שנעלער אויס־צופירן די אָנפאַרטרויטע מיר אַרבעט.

נאָך דעם ווי איך האָב געהאַט אונטערגעצונדן די קנויטלעך, האָב איך זיך צוריקגעצויגן אויפן בויך אין קאָרן אַרײַן. די פינצטערניש האָט זיך איצט פאַרגרעסערט און איז געדיכטער געוואָרן. עס איז שוין געווען פאַרן אָנקומען פונם טאָג און די נאַכט האָט אויסגעגאָסן דאָס לעצטע ביסל פינצטערניש מיט איין מאָל, אַזוי אַז איך האָב גאָרנישט נישט געקענט זען וואָס עס טוט זיך אַרום מיר. נאָר עס האָט נישט לאַנג גע־

*) פאַרפעסטיקטע בונקערס.

דויערט און די מינעס האָבן אָנגעהויבן אויפצורײַסן און זיי האָבן אַדורכ־געבליצט דורך דער פינצטערניש און באַלויכטן דעם אַרום. זיי זײַנען געווען אָן אַ שיעור און די אויפרײַסן האָבן זיך געצויגן לאַנג, ביז זייער בלענדענדיק ליכט האָט זיך באַגעגנט מיט בלאַסן ליכט פון דעם פריש אויפגייענדן טאָג. דעמלט ערשט האָט זיך פאַר מײַנע אויגן אַנטפּלעקט דאָס טרייסטנדע בילד פון צעשטערטן באַן־וועג אין זײַן גאַנצן פאַרנעם און דאָס האָט מיך געמאַכט גלויבן, אַז די פולשטענדיקע מפּלה פון די דײַטשן איז שוין גאָר נאָענט. צוריק זײַנען מיר געגאַנגען צוזאַמען מיט די איבעריקע אָטריאַדן פון אונדזער בריגאַדע.

באַוועגט האָבן מיר זיך פרײַ, אָן מיליטערישער דיסציפּלין און מיר האָבן זיך געפילט, ווי נאָך אַ געלונגענעם יום־טוב אויספלוג. דאָס מאָל זײַנען מיר נישט געגאַנגען שטיל מיט קיין זײַטיקע וועגלעך, נאָר מיטן שאָסיי, און מיט די איבערגעבליבענע מינעס האָבן מיר אויפגע־ריסן אויפן וועג די טעלעפאָן־סלופּעס און אַ בריקל.

דער טאָג איז געווען אַ פּרעכטיקער און די שטימונג איז ביי אַלע־מען געווען אַ געהויבענע. שפּעטער האָבן מיר באַגעגנט זשוקאָווס אָטריאַד, וועלכער איז געווען צוזאַמען מיט די אַנדערע אָטריאַדן פון זײַן בריגאַדע אויפן נאָמען פון מאַלאָטאָוון. זיי זײַנען אויך צוריקגעגאַנגען פון דער זעלבער אַרבעט, וואָס מיר. צווישן די זשוקאָווצעס זײַנען נאָך געווען אַ ביסל פון מײַנע חברים־ייִדן, מיט וועלכע איך בין צוזאַמען געווען ביי גילטשיקן אין אָטריאַד און זיי האָבן מיר איבערגעגעבן פאָלגנדע ידיעות וועגן אים:

נאָך דעם ווי באַראַנאָוו איז באַשטימט געוואָרן אַלס קאָמאַנדיר פון זשוקאָווס אָטריאַד אויף זײַן אָרט, האָט גילטשיק אויפגעזוכט די ייִדן פון בירגער־לאַגער, וועלכע זײַנען איבערגעלאָזט געוואָרן אויף הפקר אין מאַראַטשאַנקער וואַלד, און אויך אַלע אַנדערע ייִדן, וועלכע זײַנען פאַריאָגט געוואָרן פון אָטריאַד און האָט אָרגאַניזירט אַ פרישן אָטריאַד. צוזאַמען מיט דער דריטער ראָטע זײַנען זיי געווען 130 פּערזאָן. דער אָטריאַד איז שוין געווען נישט שלעכט באַוואָפנט און אין זײַן קאַמף קעגן די דײַטשן איז ער נישט אָפּגעשטאַנען פון די אַנדערע אָטריאַדן פון שוסטאַפּאַוולאָווס בריגאַדע. נאָר ליידער איז דער אָטריאַד אויפגע־

לייזט געוואָרן צוליב דער פאָלגנדער סיבה: אין אָטריאַד האָט זיך גע־פונען א יונגער מענטש פון קלעצק, וועלכער האָט פאַרמאָגט א סך מעלות, וואָס זיינען נוצלעך געווען אין וואַלד. ער איז געווען א גוטער און דרייסטער פּאַרטיזאַן, נאָר עס האָט אים געפעלט א ביסל שכל און אינטעליגענץ. עס האָט זיך דאָרט אויך געפונען א יונגע, שיינע פרוי פון א פּויליש שטעטל, וועלכע האָט פאַרשטאַנען ווי אַזוי אויסצונוצן פּראַקטיש די צוויי מעלות אירע און פאַרן פּרייז פון געבן אים געוויסע באַקוועמלעכקייטן האָט זי געוווינט מיטן טעמפּן, יונגן מענטשן אין אייןביידל. צום קאָמפּאַרט, וועלכן מען קען האָבן אין וואַלד האָט איר נאָר געפעלט א פּיסטאָלעט, און ער האָט עס געוואָלט קויפן פאַר איר, ביי א פּאַרטיזאַן פון א רוסישן אָטריאַד פון שוסטאַפּאָוולאָוום ברי־גאַדע פאַר גאָלד רובלס. ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, איז די גרייט־קייט פון פּאַרטיזאַן צו פאַרקויפן געווער, געווען בלויז א כיטרער אָנ־שטעל, כדי צו קענען גורם זיין צום אויפלייזן פונם אָטריאַד. דאָס איז טאַקע געשען, און די פּאַרטיזאַנער פון גילטשיקס אָטריאַד זיינען צע־טיילט געוואָרן אין אַנדערע אָטריאַדן פון שוסטאַפּאָוולאָווס בריגאַדע. ער אַליין איז געוואָרן א קאָמאַנדיר פון א רייטער־שוואַדראָן אין שטשאָרסעס בריגאַדע.

איך האָב א סך מאָל געטראַכט וועגן דעם, וואָס פאַרא כוח איז דאָס געווען, וואָס האָט גילטשיקן, וועמענס מענטאַליטעט אפילו, איז נישט געווען קיין יידישע, אַזוי שטאַרק צוגעבונדן צו די יידן אין וואַלד. צוליב וואָס האָט ער זיך אַזוי פיל געניאַנטשעט מיט אונדז, אויסגע־שטאַנען אַזויפיל אומאַנגענעמלעכקייטן צוליב אונדז, און גאַנץ אָפט אונטערגעשטעלט דעם אייגענעם קאָפּ פאַר אונדז?... אים אַליין, האָבן דאָך די רוסן געהאַלטן פאַר אַן אייגענעם און האָבן אים ליב געהאַט. אויב ער איז אַמאָל געווען אין א קאָנפליקט מיט עמיצן פון זיי, איז דאָס שטענדיק געווען צוליב אונדז. ער האָט געקענט מאַכן א גרויסע קאַריערע אין דער פּאַרטיזאַנקע, נאָר ער האָט זי קאַליע געמאַכט צו־ליב אונדז. ליאָווע גילטשיק האָט זיך נישט געלערנט אין קיין שול קליי־נערהייט, ווייל ער איז דעמלט געווען א פּאַסטוך. ער קען אָבער דערפאַר אַרבעטן אין פעלד פאַר צוויי פּויערים און א גאַנצער טוץ אפילו, ווען

נישט אַזוי שנעל פאַרלאַדענען אַ וואַגאָן בהמות, ווי ער אַליין. אויפן פערד זיצט ער ווי אַ קאָזאַק, טרינקט בראָנפן ווי אַ רוס און האָט ליב פרויען. נאָר ער האָט זיך אויסגעצייכנט מיט נאָך צוויי מעלות, וועלכע עס האָבן נישט פאַרמאָגט אַ סך יידישע כלל־טוער אין די שווערסטע צייטן פאַרן יידישן פאָלק — כאַראַקטער און אַ גרויס יידיש האַרץ.

* * *

דעם צווייטן יולי 1944 זיינען מיר אַרויס פון וואַלד. אויפן ברייטן וועג מאָסקווע־וואַרשע, האָבן מיר באַגעגנט די רויטע אַרמיי, וואָס האָט געאײַלט אויף מערב און מיר זיינען געגאַנגען אין דער פאַרקערטער ריכטונג. אונדזער ציל איז געווען דאָס שטעטל ב י ט ע ן. דאָרטן איז אונדזער אָטריאַד אויפגעלייזט געוואָרן. נאַטשאַלסטוואָ האָט איבער־גענומען די אָנפירנדע אַמטן אין דער אַדמיניסטראַציע פון שטעטל. דער קאָמאַנדיר פאַרווירטשאַפטלעכע ענינים מאַלאַשאַק, איז ווײַטער אײַנ־געאָרדנט געוואָרן נעבן קאַמבריג איוואַנאָוו, און בראָנפן האָבן זיי נאָך דערווײַל געטרונקען אויפן חשבון פון דער ליקווידירטער ווירטשאַפט פונם אָטריאַד. די קאָמסאָמאָלצעס, פאַרטייער און סתם פראָטעזשירטע דורך נאַטשאַלסטוואָ, זיינען צעשיקט געוואָרן אויף פאָסטנס און אויף פאַרשי־דענע קורסן. פאַרטיזאַנער אָן זכותים זיינען מאָביליזירט געוואָרן אין דער אַרמיי. די געוועזענע פאָליציאַנטן זיינען אָפּגעשיקט געוואָרן אין שטראָף־באַטאַליאָנען פון דער רויטער אַרמיי. צווישן זיי האָט זיך אויך געפונען איין דײַטש, וועלכן מיר האָבן לעצטנס גענומען אין געפאַנגענ־שאַפט. איך מיט נאָך אייניקע פאַרטיזאַנער זיינען אויסגעקליבן געוואָרן דורך אַ פאַרשטייער פון צ.ק. פון דער ווײַסרוסישער קאָמוניסטישער פאַרטיי, צו פאָרן אַרבעטן אַלס פאַכמענער־ספּעציאַליסטן אין דער שטאָט מינסק.

אין פאַרלאַג „יידבוך" זיינען ביז איצט דערשינען:

י. ל. פּרץ — דריי חסידישע דערציילונגען
אַלבום־פאָרמאַט, לוקסוס־אויסגאַבע, געצייכנט פון מאָלער משה פייגנבלום.

ח. ש. קאַזדאַן — מעטאַדיק פון דער יידישער שפּראַך און ליטעראַטור
(אויספאַרקויפט)

י. י. טרונק — כעלעמער חכמים — (יידן פון דער קליגסטער שטאָט אין דער וועלט).
לוקסוס־אויסגאַבע, צייכנונגען פון מאָלער י. שלאָם.

שלמה סיימאָן — אַמאָליקע יידן
געקליבענע דערציילונגען פון אַ שיינער תקופה.

פּראָפ. ליבמאַן הערש — אויף דער גרענעץ פון צייטן
געקליבענע אַרטיקלען אויף אַקטועלע יידישע טעמעס.

יצחק פּערלאָוו — אין אייגענעם לאַנד
דערציילונגען פון לעבן אין מדינת־ישראל.

י. י. טרונק — דער פריילעכסטער ייד אין דער וועלט
פאָלקסטימלעכער ראָמאַן פון לעבן פון הערשעלע אָסטראָפּאָלער.

שלמה סיימאָן — תוך־יידישקייט

נ. ב. מינקאָוו — זעקס יידישע קריטיקער

אברהם זאַק — אין אומרו פון יאָרן

יוסף רייד — וואַלד אין פלאַמען

אין דרוק:

מרדכי וו. בערנשטיין — אין לאַבירינטן פון יאָרהונדערטער

לעאָ קאַברין — מיינע פופציק יאָר אין אַמעריקע

וועגן אַלע ענינים פון פאַרלאַג זיך ווענדן:

Editorial "IDBUJ"

Buenos Aires, Boulogne Sur Mer 671 - República Argentina

Este libro se terminó de imprimir el día 10 de noviembre de 1954, en los Talleres Gráficos de Simón Eidelman, México 2230, Buenos Aires.

JOSEF REICH

Bosque en Llamas

(*WALD in FLAMEN*)

Editorial "IDBUJ"

de la Asociación Pro Escuelas Laicas Israelitas

BUENOS AIRES

1954

IMPRESO EN LA ARGENTINA
PRINTED IN ARGENTINE
Copyright by
Josef Reich

Hecho el depósito que marca la Ley 11.723
INDUSTRIA ARGENTINA

ESTE LIBRO

יוסף רײַך

וועלד אין פלאמען